STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09313

# IN SHAYN FUN MORGNSHTERN

Joel Perel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יואל פערעל

★

# אין שיין פון מאָרגנשטערן



געצייכנט: פנחס לינקאָווסקי

יואל פערעל

יואל פערעל

# אין שיין פון מאָרגנשטערן

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשכ"ח — 1968

JOEL PEREL

**IN SHEIN FUN MORGENSHTERN**

יואל פערעל

**אין שיין פון מאָרגנשטערן**

**הוצאת „המנורה", רח' זנגביל 24,**
**תל־אביב, ישראל.**

**"Hamenora", Publishing House,**
**24 Zangwil St., Tel-Aviv, Israel**

©

**כל הזכויות שמורות למחבר**

**נדפס בישראל תשכ"ח**

Printed in Israel 1968

**דפוס „מופת" — יצחק ריזמן, ת"א, עין־הקורא 6, טל. 32968**

## אַ פּאָר ווערטער פון דעם ראַדיאָ־דיקטאָר — דיכטער נחמן ראַפּ:

(ראַדיאָ־אוידיציע פון „קול ישראל", דעם 2־טן מערץ 1968 יאר)

צווישן די יידישע ביכער, וועלכע זענען דערשינען אין ישראל און אין די תפוצות, פאַרנעמען אַ באַזונדערן אָרט דער זשאַנר פון זכרונות.

ווער פון אונדז האָט נישט וואָס זיך צו דערמאָנען וועגן די פאַרגאַנגענע צייטן, וועלכע האָבן געלייגט זייער חותם אויפן לעבן פון פרט און כלל?

אויב דער כלל, אָט יענער פול־בלוטיקער מאַסיוו, וואָס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם וואָרצל פון לעבן פון אַ פאָלק, אויף אַלע פונאַנדערגעשפּרייטע און מיט פולן לעבן אויפגעבליטע פאַרצווייגונגען, אָט יענער קוואַל איז שוין מער נישטאָ.

און נאָר דער לעבן פאַרבליבענער פרט דאַרף אויסטראָגן מיט זיך, אין זיין זכרון, דאָס געוועזענע לעבן און עס ברענגען פאַר דער געשיכטע, ווי אַ מאָנומענט, ווי אַ היסטאָרישן קיום לדורות.

צו אָט דעם סאָרט ביכער געהערן די זכרונות פון יואל פּערעל. ווילט איר — קען יעדער בוך זיין אַ דערציילונג פון אַן אייגן לעבן פון אַ יחיד, וועלכער איז דורכגעגאַנגען זיין יחידישן גאַנג אין צוואַקסענעם וואַלד פון יידישן זיין ביז דעם אומקום פון די יידן אין אייראָפּע און פון די אָפּגעראַטעוועטע אין ראַטן־פאַרבאַנד.

געהערט אָבער דער מחבר, יואל פערעל צו די יחידים, וועלכע האָבן צוגעלייגט זייער אייגענעם ציגל צום גרויסן בנין, וואָס האָט אַמאָל געהייסן יידישע קולטור און דערציונג פון רומפולן פוילישן יידנטום. גייען אויף אין זיינע ביכער בילדער און שילדערונגען פון זיין היימשטאָט לויצק, און זיין ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייט אַלס לערער אין יידישע שולן, און עס קומט אויף פאַר די אויגן דער פּרעכטיקער אַנשטאַלט פון יידישן שול־נעץ „צענטאָס" אין אָטוואָצק, און די ברייט־פאַרצווייגטע ליטעראַרישע קרייזן און קרייזלעך, די אויסטרעגער פון דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן און אין דער וועלט.

דאָס אַלץ איז אכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן דורך דעם צורר. און דער יחיד — דער אַנטרונענער יואל פערעל גייט אַוועק אויף זיין וועג פון פּיין אין די ווייטע סאָוויעטישע פאַרוואָרפע־נישן, דורך וועגן פון ליידן און קלעם, כדי קוים איבערלעבן און דערציילן, פאַר אונדז און פאַר דער געשיכטע, דעם ווייטערדיקן גאַנג פון יידישן פּיין און אויסדויער.

און ווען מיר לייענען זיינע זכרונות, באַהערשט אונדז אַ געפיל, אַז דער מחבר יואל פערעל האָט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין, מיטן שלל זכרונות, און די פּערזענלעכע איבערלעבונגען האָבן גובר געווען דאָס ריין פּערזענלעכע און אַרויסגעבראַכט נאָר דאָס אַלגעמיינע און געזעלשאַפטלעכע, כאָטש ביי אים און דורך אים, איז איינס ענג פאַרבונדן מיטן צווייטן.

ווערן דעריבער זיינע זכרונות אַ שטיק לעבעדיקע עפּיק פון אַ פאַרגאַנגענעם דור, פאַרגאַנגען אין רויך און פלאַמען און אין די טיפע שנייען פון סאָוויעטישער פאַרשיקעניש, אויפגעגאַנגענע אין זכרון פון מחבר יואל פערעל.

ערשטער טייל

# באפרייער און באפרייטע

## דער געלויף פון פייער

ס'איז שווער זיך פאַרצושטעלן דעם געלויף פון דערשראָקענע מענטשן, וואָס אַנטלויפן פון אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע: זיי ווערן געיאָגט דורך דער הייס־פלאַמיקער לאַווע פון אַן אויפגעברויזטן ווולקאַן, אָדער דורך אַ שטורעם־ווינט, וואָס טראָגט זיך מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט. אַ סך שרעקלעכער איז געווען דער געלויף פון די הונדערטער טויזנטער פליטים, וועלכע זענען אַנטלאָפן פאַר דער ווילדער פאַשיסטישער האָרדע, וואָס האָט זיך געטראָגן בליץ־שנעל אויף מאַשינען און טאַנקן, אויף האַרמאַטן און עראָפּלאַנען. געיאָגט זיך און אָפּגערוימט די פלייצנדיקע מענטשן־מאַסן פון די וועגן, אומגעשטערט, מיט קוילן־וואַרפער, וואָס האָבן געשאָסן פון די נידעריק־פליענדיקע עראָפּלאַנען. מענטשן מידע, דערשעפּטע און אויס־זיכטלאָזע, מערסטנס מאַמעס מיט פּיצלעך קינדער, זענען געפאַלן ווי פליגן. די, וואָס זענען געפאָרן אויף מאַשינען, אָדער אויף פורן, אָנגעלאָדענע מיט אַרויסגעראַטעוועטע שטוב־זאַכן, האָבן געמוזט אַלץ אָוועקוואַרפן איפן וועג. די זאַפּאַסן בענזין זענען אויסגעגאַנגען, ס'האָט אויסגעפעלט שפּייז פאַר זיך און די קינדער. ווער האָט געקענט טראַכטן וועגן פערד? אויפן אויטאָ אָדער וואָגן איז שווערער געווען זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר די מלאכי־חבלה, וואָס האָבן געלאָקט אויף דיין פּיצל לעבן פון אויבן. צופוס האָט מען געקענט אַריינלויפן אין הויכן, רייפן קאָרן און באַהאַלטן זיך, אָדער גאָר אָפּנויגן פון וועג אויף אומוועגן און שלעפן זיך פאַרויס, אָדער גאָר אויסבאַהאַלטן זיך במשך פונעם טאָג אין אַ געדיכטן וואַלד. דער וואַלד האָט פאַר דיר צוגעגרייט רויטע פאַזיאַמקעס, פאַרשידענע שוואָמען, וואָס קענען דערהאַלטן דאָס חיות. שוין בעסער צו גיין אין קלענערע גרופּן, אָדער אפילו אַליין — ביזטו זיכערער מיטן לעבן. נישט טראַכטנדיק אַפילו וועגן דעם, האָב איך אַזוי געטאָן.

אויפֿן וועג נאָך אָטוואָצק האָב איך מיין זון אַראָפּגענומען פֿונעם וואָגן, ווו ער איז געזעסן מיט דודס ספּאַרדס מוטער אויף אַ באַרג פּערענעס און קושנס און אַוועק מיט אים אַליין ווייטער אין וועג אַריין.

שפּעט אין אָוונט האָבן מיר זיך דערשלעפּט צו אַ פּויערישער קרעטשמע. זי איז געווען פֿול מיט פּליטים. מיר האָבן קוים געפֿונען אויף דער פּאָדלאָגע אַן אָרט זיך צוצולייגן. וואָס צו עסן איז נישט געווען, בלויז וואַסער איז געווען לרוב, כדי צו דערהאַלטן דאָס חיות. מיר זענען לאַנג נישט געשלאָפֿן. אין דרויסן איז נאָך געווען פֿינצטער, ווען די שלאָפֿנדיקע האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט, געכאַפּט די קלומיקעס, אײַניקע אויף די ווײַבער און קינדער און היידאַ — אין וועג אַרײַן. דער דײַטש יאָגט זיך, ווי אַ ווילדער ווִיכער! מען קאָן, חלילה, פֿאַרשפּעטיקן. כאָטש קיינער ווייסט נישט וווהין ער יאָגט זיך...

איך ווייס, אַז איך מוז דערשלאָגן זיך קיין לויצק, אין מיין געבורטס־שטאָט, צו מיין מוטער, צו מיין ווייבס עלטערן. דאָרטן וועלן מיר שוין זיין צוזאַמען און וואָס ס׳וועט געשען מיט זיי — וועט אויך זיין מיט אונדז.

די נאַכט־פֿינצטערניש האָט ווי איינגעשלונגען מיך און מיין זון. אַ מענגע שאָטנס האָבן זיך געשלעפּט אויף מזרח, אַנטקעגן דער אויפֿ־גייענדיקער זון. קיינעם האָט דער זון־אויפֿגאַנג נישט געפֿרייט. די זונען־שיין איז איצט פֿאַר אונדז געפֿערלעך. די דײַטשע מאָנסטערס דינט זי, נישט אונדז.

מען קען מיינען, אַז מיין פּיריאַריקער זון האָט מיר באַשווערט אין מיין געלויף. ניין, פֿאַרקערט! חוץ דעם, וואָס אין אים האָב איך געזען דעם ציל פֿון מיין לויפֿן, וואָס פֿאַר אים בין איך גרייט געווען אויף די גרעסטע קרבנות און שוועריקייטן. אים צו ראַטעווען איז דאָך געווען מיין מינדעלעס איינציקער ווּנטש און פֿאַרלאַנג. ער פֿלעגט מיר אָפּטמאָל העלפֿן אין מיין שווערן וועג. צי וואָלט איך געוואָגט ווענדן זיך צו עמיצן נאָך אַ פּיצל ברויט פֿאַר זיך? צי וואָלט אויך פֿאַר מיר אַן אַלטע פּויערטע געשטאַנען ביי איר כאָטע און אָפּגעוואַרט מיט אַ גלאָז מילך אין דער ציטערדיקער האַנט, ווי פֿאַר אים? צי וואָלט מיך דער פּוילישער מיליטע־רישער קאָנוואָי אָפּגעלאָזט און געלאָזט ווייטער גיין, אין דער צייט, ווען

זיי האָבן אין וואַלד פאַרהאַלטן יונגעלייט, געגעבן זיי אַ ביקס אין דער האַנט אַריין און מאַרש אויפן פראָנט?

אַט האָט מיר דערלויבט אַ באַיאָרטער מיליטערישער שאָפער זיך אַרויפ־זעצן אויף זיין דזשיפּ, ווייל ער האָט רחמנות געהאַט אויפן קינד. ער איז אַליין געווען פון זשאַליבאָזש, איבערגעלאָזט דאָרט אַ ווייב מיט קינדער, אים האָט מען מאָביליזירט אין אַ סאַפּיאָרן־אָפּטיילונג. ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויפן מאָרקסן און טרערן זענען גערונען פון זיינע אויגן:

— אָט אַזאַ פּיצל האָב איך געלאָזט אין דער היים... — האָט ער ווי צו זיך גערעדט.

מיר זענען אַדורכגעפאָרן דורך אַ הילצערן בריקל. די פאַרענטשעס האָבן שוין געפלאַקערט מיט אַ העליש פייער. דער סאַפּיאָרן־אָבאָז האָט זיך אָפּגעשטעלט. פונעם נאָענטן דאָרף האָט זיך דערטראָגן אַ ווילד רעווען פון פאַרשפּאַרטע בהמות, חזירים. געדיכטע קנוילן פון שוואַרצן רויך האָבן זיך געריסן אין לויטערן הימל אַריין און באַדעקט אים ווי מיט שוואַרצע כמאַרעס, די געוואַלדן פון מענטשן האָבן ווי געוואָלט איבערשרייען דאָס רעווען פון די חיות.

— אַ חורבן! פּסיאַ קרעוו! (הינטיש בלוט), האָט ער אָנגעמאַכט, דער דייטש. פאַרשאָלטן זאָל ער זיין! — האָט שיפּעדיק אַרויסגעמורמלט דער זעלנער. — מירן דאָ בלייבן. מיר מוזן העלפן! איר גייט אייער וועג! די שטאָט לובלין איז נישט ווייט. פאַרבלייבט געזונט! גיט אַמאָל איבער מיין ווייב און קינדער אַ גרוס פון מיר. מאָנציאַזש יאַן פון זשאַליבאָזש. — ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו מיין זון און גענומען אים קושן מיט הארץ, ווי ער וואָלט געקושט אַן אייגן קינד...

אין עטלעכע שעה אַרום זענען מיר שוין געווען אין לובלין. אַ טויטע שטאָט, איינגעהילט אין פינצטערניש. איך האָב ביי זיך אַן אַדרעס אין לובלין, אַ פעטער פון מיינעם אַ באַקאַנטן פון די גאַלעווקעס. אים האָב איך געטראָפן אויפן וועג, דערוווּסט זיך דעם אַדרעס און פאַרשריבן. אין דער פינצטער איז שווער אַפילו איבערצולייענען און וועמען פרעגט מען? פּלוצים דערזע איך אַ שיין, אַ רוק אַרויף דעם שטאָרן פון אַ געוועלב און באַלד אַראָפּגערוקט. איך קום צו נעענטער. קלאַפּן וואָג איך נישט. ווען

דער שטאָרן רוקט זיך נאָכאַמאָל אַרויף, כאַפּן זיך עטלעכע מענטשן אַרויס — בין איך שוין מיטן קינד אינעווייניק, ס'איז אַ ביר־שענק. מענער טרונקען ביר. איך בעט אַ קופּל ביר. דערביי דערוויס איך זיך וועגן דעם אַדרעס:

— ס'איז גאָר נאָענט פון דאַנען, אינגאַנצן איין קוואַרטאַל! — טרייסט מען מיר.

עס האָט נישט געדויערט לאַנג און איך בין שוין געשטאַנען ביים טויער און מיט אַ הילכיקן קלאַפּן אַרויסגערופן דעם סטרוזש.

— יאָ, דאָ וווינט ער, אָבער היינטיקע צייטן טאָר מען קיינעם נישט אַריינלאָזן... אַזאַ באַפעל!

— האָט רחמנות! פירט אַרויף דאָס קינד. — בעט איך זיך ביי אים.

— איך וועל גיין פרעגן, אויב זיי שלאָפן נאָך נישט.

אַראָפּגעקומען זענען: סיי מיין באַקאַנטער, סיי זיין פעטער. פאַר־שטענדלעך, אַז זיי האָבן אונדז אַרויפגענומען צו זיך אויפן דריטן שטאָק.

אויך דאָ האָט דאָס קינד געהאָלפן. ער, מאַרקס, האָט דערזען אַ שטוב מיט ליכט און מענטשן, שבתדיקע ברענענדיקע ליכט, רעשטלעך פון עסנוואַרג אויפן טיש — איז ער געוואָרן מלא שמחה. ערשט איצט האָב איך דערזען, ווי שמוציק ער איז. מיר זענען ערשט דעם דריטן טאָג געווען אין וועג, כמעט זיך נישט געוואַשן, ווייניק וואָס געגעסן, קיין אַכט אויף זיך און אויפן קינד נישט געלייגט. מען האָט מיר דערלאַנגט אין קוך אַריין אַ שיסל וואַרעמע וואַסער. ווי גוט איז, ווען מען קען פון זיך אַלץ אָפּוואַשן, דערנאָך זעצן זיך צום טיש און אָפּעסן צו דער זאַט. איין גוטע מינוט און דאָס קינד איז ווי גאָר אַן אַנדערער געוואָרן: ער איז גרייט געווען צו זינגען, צו טאַנצן...

— טייערע פריינד! — האָט זיך צו אונדז געוואַנדן דער באַלעבאָס, אַט דער מיט די גוטע יידישע אויגן און האַלב־שמייכלענדיקע ליפּן אויפן פאַרדאגהטן פּנים — מען דאַרף אָפּכאַפּן, מען דאַרף כאַפּן אַ דרימל. ווער ווייסט, וואָס די נאַכט קען אונדז ברענגען?!

אַן ווערטער לייגן מיר זיך צו אויף דער סאָפע אין אַנטאָן, די באַלע־באַטים גייען צו זיך אין שלאָף־צימער, אויך מיין באַקאַנטער לייגט זיך צו אויף אַ שטעל־בעטל מיט אונדז אין צימער.

נישט לאַנג זענען מיר געשלאָפן. דאָס וואָיען פון דער אַלאַרם־סירענע האָט אונדז אויפגעוועקט.

— קומט מיט אונדז אין סכראָן אַריין, קומט! — האָט אויסגערופן דער באַלעבאָס און מיר זענען געגאַנגען.

דער סכראָן איז געווען אין דערנעבנדיקן, נישט פאַרענדיקטן פיל־שטאָקיקן הויז. אַ געראַמער קעלער מיט אַ צעמענטענער פאָדלאָגע, פיצ־לעך פענצטער, וואָס זענען זיך קוים אַרויס פון אונטער דער ערד. גאָר שנעל איז ער פאַרפולט געוואָרן מיט ווייבער און קינדער, וואָס האָבן מיט־געשלעפט מיט זיך קושנס און קאָלדרעס. די נאַכט איז געווען אַ קילע, פון צפון האָט געבלאָזן אַ קילער פראַסטיקער ווינט. דאָ און דאָרט זענען געפאַלן שווערע באָמבעס, וואָס האָבן אָפּגעהילכט טעמפּ מיט זייער פאַלן אַפילו אין טיפן קעלער. צי האָבן זיך די מענטשן געשראָקן? איך זיץ אויף דער אַספאַלטירטער פאָדלאָגע, באַמי זיך נישט איבערצונעמען מיט דער אַרומיקער פייכטקייט, טוכלעקייט און ענגשאַפט. מיין זון איז איינ־געהילט אין אַן אַלטן מענער־פידזשאַק, וואָס מען האָט מיר געגעבן, ער ליגט אויף מיינע הענט און שלאָפט, ווי נישט אים מיינט מען. זיין שלאָף ווירקט אויף מיר מיט קינדערשער זיכערקייט. אַנדערע קינדער ליאַרמען, וויינען און ער שלאָפט. זאָל ער שלאָפן געזונטערהייט! מיר זענען ערשט דריי טעג אין וועג. פון לובלין ביז לויצק איז נאָך ווייט.

ווי נאָר עס הויבט אָן צו טאָגן, דערטראָגן זיך שוין פון דרויסן די נייעסן פון דער נאַכט: די קאָמענדאַנטור איז צעבאָמבאַרדירט, די מאַכט איז שוין נישטאָ אין שטאָט, דאָס מיליטערישע שפּיטאָל עוואַקואירט די לייכט־פאַר־וווּנדעטע...

די נייעסן זענען פאַר מיר, און נישט נאָר פאַר מיר, אַ סיגנאַל, אַז מען דאַרף זיך רירן ווייטער אין וועג אַריין.

מען שענקט פאַרן קינד דעם פידזשאַק מיט די לאַנגע אַרבל, ס'איז שוין קאַלט. מען גיט נאָך מיט אַ האַלב ברויט אויף צדה לדרך. אַ דאַנק, אַ דאַנק, האַרציקע יידן, בלייבט געזונט!

מיר שפּאַנען ווייטער דורך וועגן און הינטערוועגן. דורך וועלדער און דערפער — צום בוג צו.

מיר קומען אָן אין אַ יידיש שטעטל. אין איין הויז, ווו מיר פֿאַלן פּלוצים אַריין, דערוויסן מיר זיך, אַז זיי האָבן קרובים אין לויצק — די פּישס. מיין געוועזענע שול־חברטע חוה פּיש איז זייער ברודערס אַ טאָכטער, אַז מיין שוועסטערס טאָכטער, רייזעלע, איז ביי זיי געוועזן צו גאַסט — זענען מיר דאָך שוין גאָר היימישע. מען איז אונדז מכבד מיט פרישע פּלעצלעך מיט סמעטענע און מיט אַן אָרט צו שלאָפֿן. ווי נאָך מיר שלאָפֿן איין — „אין גרוב אַריין!" מען באָמבאַרדירט דעם טאָרטאַק, אפשר אויך די בריק אויפֿן בוג. אַ העלישע שׂריפה ברעכט אויס אויפֿן סקלאַד פֿון די ברעטער, די פֿלאַמען דערגרייכן גאָר הויך, אַ שטיקנדיקער שוואַרצער רויך לאָזט זיך אַראָפּ גאָר נידעריק. די יידן פֿון שטעטל כאַפּן שנעל אויף זיך דאָס טייערסטע, וואָס זיי פֿאַרמאָגן און קלייבן זיך אויך אין וועג אַריין. אויף דעם בין איך מיט מיין זון ספּעציאַליסטן. מיר דאַנקען און געזעגענען זיך אויף שנעל און מיר לאָזן זיך גיין ווייטער.

— איר גייט בעסער אויף לודמיר (וולאָדימיר וואָלינסק) און נישט אויף קאָוועל — ראָטן אונדז מענטשן.

מיר גייען אויפֿן אָנגעוויזענעם וועג. גאָר נידעריק פליט אַן עראָפּלאַן. אַנטקעגנאיבער דער מיל שטייט אַ געדיכטער דאָמב אַ צעצווייגטער, אונטער אים דאַרף מען זיך באַהאַלטן. בפֿרט, אַז דער בוים שטייט צווישן וועג און טאָל. אין טאָל פּאַשעט אַ יונג שגצל זיין קו. איך לייג אַוועק דאָס קינד און פֿאַרדעק אים מיט מיין קערפּער. פּלוצים: טררר... טר... פונעם עראָפּלאַן באַשיסט מען פון אַ קוילן־וואַרפער. איך טוליע זיך נעענטער צו דער מאַמע־ערד און טאַפּ אָן דאָס הערצעלע פון קינד. ס'קלאַפּט! מיר דוכט זיך, אַז איך הער דאָס שיכורע געלעכטער פון דעם שטן, דעם דייטש, וואָס באַשיסט אונדז און לאַכט דערביי. צי האָט ער גאָר געלאַכט פון דעם שגצל און זיין קו, וועלכע ער האָט דערשאָסן?!

אויך דאָס מאָל זענען מיר אַרויס גאַנץ.

איצט צום בוג. אויף יענער זייט בוג איז פֿאַרט זיכערער. איך נעם מאַרקסן אויף די הענט און גיי מיט שנעלערע טריט. פונדערווייטנס דערזע איך דעם בוג, ווי אַ ברייטע בלוי־גרינע לענטע, וואָס שלענגלט זיך און בלישטשעט אין די שטראַלן פון דער זון. דאָרט ווו עס וואָלט באַדאַרפט

זיין די בריק, שלענגלען זיך שוואַרץ־רויטע פלאַמען אַרויף, געוויס האָט מען די בריק באַמבאַרדירט, טראַכט איך. מען מוז דעם טייך אַריבערשווימען, אָט דאָרט, ווו ער איז אַמרואיקסטן. נישט אומזיסט בין איך געווען דער ראש הגדוד המימית ביי די שומרים. נויט ברעכט אייזן!

איך טו זיך אויס. בינד צו דאָס אָנטאָן צום האַלדז, דערנאָך זעץ איך אַרויף דאָס קינד מיטביידע פיסלעך אַרום האַלדז און בינד זיי צו פון אונטן. איך דערפיל ווי אַ וואַרעמע האַנט, אַ מוטערלעכע האַנט, גיט מיר אַ לייכטן שטויס פאָרויס: גיי, טייערער, גיי! זיי מצליח! מאַרקס איז אַזוי רואיק, שטיל, זיין קינדעריש האַרץ פילט!

איך שווים לייכט מיטן שטראָם, זאָל זיין ווייטער, אָבער לייכטער. דאָס וואַסער איז שוין אַפילו קיל, אָבער מיר דוכט, אַז זי צערטלט מיך און טרייבט אַלץ ווייטער און ווייטער, נעענטער צום אַנדערן ברעג. אָט איז שוין נאָענט דער געווונטשענער ברעג, אָט שפּאַן איך שוין צווישן גרינע פלאַנצונגען, אָט טרעטן שוין מיינע פיס אויפן בלאָטיקן טייך־באָדן, אָט קוש איך שוין מיין טייערן העלדישן זון און גרויסע וואַרעמע טרערן פון פרייד פאַרשטעלן מיינע אויגן, ווי מיט אַ טונקעלן נעפּל...

## אויף דער צווייטער זייט בוג

איידער מיר לאָזן זיך אין ווייטערדיקן וועג, מוז מען אויסטריקענען די נאַסע מלבושים. זיי זענען צעשפּרייט אויפן זאַמד. ס'איז גאָר נישט שלעכט צו געניסן פון דער האַרבסטיקער זון, זי וואַרעמט נאָך אַלץ מיט אירע גאָלדענע שטראַלן. פון טייך דערטראָגט זיך אַ לייכט ווינטל, וואָס קילט און טרוקנט. אויך דאָס מיטגעגעבענע שטיקל ברויט, וואָס איז דורכגענעצט געוואָרן, איז געשמאַק. הלוואי וואָלט איך עס געהאַט אַ סך, מען זאָל נישט דאַרפן ציטערן פאַר יעדן ברעקל. יעדער ביסן, וואָס איך דערלויב זיך צו טאָן, איז מיר אַ שאָד — אַלץ ווייניקער וועט בלייבן פאַרן קינד. דערפאַר טרינק איך אַ סך וואַסער. איך קוק אויף די מילדע כוואַליעס פון טייך און שמייכל צו זיי מיט פרייד און דאַנקבאַרקייט, וואָס זיי האָבן

אונדזביידע דערטראָגן אַהער, אויפן צווייטן ברעג. ס׳איז טאַקע שווער געווען, ביז די נאָזלעכער בין איך געזונקען אין וואַסער, די פיס האָבן געמוזט אַרבעטן שווער, כמעט שטייענדיק. דאָס האָט פאַרקלענערט די שנעלקייט פונעם שווימען — דערפאַר אָבער איז מאַרקס נישט געזונקען אַזוי טיף אין וואַסער. די פּיסלעך האָט ער ענגער צוגעדריקט צו מיין האַלדז, ווייל אַזוי האָט ער זיך געפילט זיכערער, אָבער מיין האַלדז האָבן זיי געשטיקט און באַשווערט דאָס אָטעמען.

איצט איז אַלץ אַריבער. אַלץ, וואָס איז שייך דעם אַריבערשווימען דעם ברייטן, געפערלעכן בוג, אָבער דאָס איז נישט אַלץ. מיר מוזן זיך איילן אין וועג אַריין. אמת, אויף דער אַנדערער זייט פון טייך האָב איך זיך דערפילט אַביסל זיכערער. דער טייך איז פאַרט אַ נאַטירלעכע שטערונג פאַר דער דייטשער אַרמיי, אָבער פאַר די דייטשע פליערס איז דער טייך נישט קיין שטערונג. אויך דאָ מוזן מיר זיך היטן פאַרן הויפט־וועג. אויף מזרח, אָבער מיט אומוועגן, דורך דערפער און וועלדער, אין די נעכט, אויסמיידנדיק די סכנות, וואָס לויערן אויף אונדז בייטאָג.

מיר גייען ווייטער. מיר גייען אַרויס אויפן הויפט־וועג, וואָס איז געענוג שמאָל און איז אויסגעפלאַסטערט מיט קלענערע קרעמניעס. ביי ביידע זייטן — ראָוועס פאַר די וואַסערן פון רעגן.ביים סאַמע ראָוו אויף דער צווייטער זייט באַמערק איך אַ מיטליאַריקן מאַן אויף דער ערד, געוויס אַ קרבן פון דער באָמבאַרדירונג, טראַכט איך. איך באַמי זיך וואָס שנעלער אַריבערגיין ווייטער. אפשר וועט דאָס קינד נישט באַמערקן. ווי נאָר איך דערזע אַ פעלד־וועג, אַ זאַמדיקן, וואָס ציט אויף מזרח, פאַרקערעווע איך זיך. דאָס קינד טראָג איך אויף מיינע הענט מיטן אָפּגעווענדעטן בליק פונעם טויטן. שפּעטער לאָז איך אים אַראָפּ און מיר שפּאַנען ווייטער.

— צי בלאָנדזשען מיר נישט? — גיב איך אַ טראַכט. נישטאָ וועמען צו פרעגן. דער פּיקהאַלץ, וואָס קלאַפּט אויס זיין מאָנאָטאָנעם ניגון מיט זיין שנאָבל אין בוים, וועט נישט ענטפערן — ער איז פאַרנומען, אויך די פייגעלעך קענען ענטפערן בלויז אין די קינדערשע מעשהלעך. זיי פליען שנעל אָפּ.

אין אַ צייט אַרום דערטראָגט זיך צו מיינע אויערן אַ גערויש פון

פערדישע קאַפּיטעס און אַ לייכטער סקריפּ פון רעדער. פונעם הויפּט־שאָסיי יאָגט אַן אַ פּויערישע פור מיט אַ פּאָר פערד איינגעשפּאַנט. אויף דער פור באַמערק איך פּויערים און פּויערטעס אין יום־טובדיקע מלבושים. זייערע פּנימער שיינען מיט פרייד פון אַן איבעריקן טראָפּן.

— או־האָ! או־האָ! — לאָזט זיך הערן אַ פּיצל קינד פון וואָגן אַרויס.

מיט דער האַנט בעט איך זיך פאַרהאַלטן. איך רוק פאַרויס זיך דאָס קינד, מיט אַ דייטלעכן געבעט: אויב נישט פאַר מיר, טוט עס פאַרן קינד!

— פררררו... פררררו... — און זיי בלייבן שטיין.

— צי וועל איך זיך דערקלייבן מיט דעם וועג קיין כעלם? — טו איך אַ פרעג.

— אַט פאַרן מיר פון כעלם. פונקט אַ פאַרקערטער וועג! — ענטפערט מיר דער אַנטרייבער.

— צי איז רואיק אין כעלם? צי באָמבאַרדירט נישט דאָרט דער פאַר־שאָלטענער? — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— עפּעס האָב איך געהערט אין קאַשטשאָל, אַז נעכטן — יאָ, אָבער היינט נאָך נישט. מיר האָבן אונדזער אייניקל געקרעשטשעט היינט אין קאַשטשאָל — ווי האָבן זיי געוואַגט צו באָמבאַרדירן! — האָט זיך אָפּגערופן די באָבע מיט אַ געלעכטער, דערביי אַרויסגעשטעלט אירע פּעסטע פּערל־דיקע ציין. אַלע האָבן אָנגעקוואָלן פון איר חכמה און הילכיק מיטגעלאַכט.

— ווייסט איר גאָר וואָס — האָט זיך אָנגערופן דער בגילופנדיקער זיידע. — זעצט זיך אויף מיטן קינד און פאָרט אַריין מיט אונדז אין דאָרף אַריין. מיר וווינען נישט ווייט. דאָרטן וועלן מיר אַרייןכאַפּן פון די פרישע פּיעראָגעס מיט קאַשע אין מויל אַריין און אַ שנעפּסל דערצו. אין אָוונט פאָרט מיין טאָכטער אַהיים קיין כעלם מיט איר פערד און וואָגן — וועט זי אייך אָפּפירן.

איך האָב פאַרשפּאָרט צו טראַכטן. איך בין שוין אַרויף אויפן וואָגן מיטן קינד, אַ שמיץ מיט דער בייטש, וויאָ! און מיר יאָגן שוין צוזאַמען אין דאָרף אַריין.

— גליקלעכע מענטשן, — טראַכט איך פאַרנדיק, — אַ וועלט קערט

זיך איבער, די אכזריותדיקע חיה יאָגט זיך מיט גיגאַנטישע שריט אַלעמען און אַלץ איינצושלינגען און זיי — פּראָווען „קרעסטינעס״ אין קאַשטשאַל, קאַכן און באַקן, שיכורן און הוליען, ווי מיט זיי האָט דאָס אַלץ קיין שייכות נישט. און אפשר, פאַלט מיר איין, מיינט מען נישט זיי? דאָס כפּרה הינדל זענען מיר. זיי זיצן פעסט אויף זייער ערד, אַרבעטן שווער, צאָלן שטייערן. צי איז זיי אַ גרויסע נפקא מינה וועמען זיי וועלן צאָלן?

מיט הילכיקע געזאַנגען פאָרן מיר אַריין אין דאָרף אַריין, מיט גרויס פּאָמפּע טראָגט די מוטער אַראָפּ דאָס יונגע עופעלע אין שטוב אַריין. אין שטוב וואַרטן שוין געסט, די קרובים און די שכנים. די טישן שטייען גרייט מיט לעפל־גאָפּל־מעסער און גרעסערע כוסות. די יונגע מוטער כאַפּט זיך אָנצוהאָדעווען איר זויגלינג מיט דער געשמאַקער מילך פון איר אָנטבלויזטער ברוסט, וואָס איז פול, ווי אַ מילגרוים. אויף מיר און מיין זון — די אומגעריכטע געסט — לייגט קיינער נישט קיין ספּעציעלן אַכט. אויך פאַר מיר איז פול דאָס גלאָז מיט פרישן סאַמאַגאָן און די קנישעס, ערשט נאָר וואָס פון אויוון אַרויסבאַקומענע, שטייען אויף טיש פאַר אַלעמען, פאַר אַלעמען.

איך האָב געזוכט מיט די אויגן דעם בעל־שמחה אַליין, דעם פאָטער פונעם קינד — ער האָט געפעלטביים טיש. שפּעטער האָב איך זיך דער־וווּסט, אַז ער איז פון די ערשטע מאָביליזירט געוואָרן און אַוועק, איבער־לאָזנדיק זיין יונג ווייב אין קימפּעט ביי אירע עלטערן. דאָך האָט דאָס ווייניק געשטערט צו דער אַלגעמיינער שמחה. ווער ווייסט? אפשר דערפאַר האָבן די געסט גענומען אָן איבעריקן טרינק בראָנפן, כדי צו פאַרגעסן אין דעם. נישט ער אַליין איז דאָך אַוועק, נאָר אַלע יונגע פון דאָרף. אַוועק — אויף ווי לאַנג? און ווער קען וויסן צי זיי וועלן צוריק קומען. דערווייל האָט מען שוין דאָס ניי־געבוירענע קינד אַ נאָמען געגעבן נאָכן טאָטן...

נאָכן עסן האָבן מיר זיך אומבאַמערקט אַרויסגעשאַרט פון שטוב און אַריין אין דער גערוימער קלוניע אַריין. אַ באַרג מיט פרישׂ היי איז דאָרט געלעגן. נו, האָבן מיר געכאַפּט אַ דרימל ביז אין דער נאַכט אַריין. אַרום איז שוין שטיל געווען. אומגעדולדיק איז געשטאַנען דאָס איינגעשפּאַנטע פערדל און געוואַרט. די טאַטע־מאַמע האָבן זיך געזעגנט מיט זייער טאָכטער

פון כעלם. אויך מיט אונדז. איך האָב זיי וואַרעם געדרוקט די האַנט און געדאַנקט:

— גאָט זאָל באַוויליקן, אַז אייערע קינדער זאָלן זיך צוריקקערן פריש און געזונט! — האָב איך זיי געווונטשן. מאַרקס האָט זיי געקושט, ווי אייגענע. דער וואָגן איז געווען זייער אַ פלאַכער און אַ שמאָלער. די יונגע פויערטע האָט גענומען די לייצן אין דער האַנט אַריין. וויאָ־ וויאָ! אָבער דאָס פערדל רירט זיך נישט.

— ער האָט נישט ליב, אַז אַ פרוי זאָל מיט אים פראָווען, ווען אַ מאַן זיצט אויפן וואָגן — האָט זיך די פרוי געוואָנדן צו מיר. — נעמט איבער די לייצן און איך וועל האַלטן ס׳קינד!

ווי נאָר דאָס פערדל האָט דערפילט, אַז די לייצן זענען אין מענערישע הענט, האָט עס אַליין געריַרט אין וועג אַריין.

— מיינער איז אויך אַוועק אין דער אַרמיי! — האָט זיך די פרוי פאַרענטפערט. — מילא ווען ער האָט קיין ברירה נישט — מוז ער מיך פאָלגן, אָבער איצט...

קיין גרויסער ספּעציאַליסט אויף אַנצוטרייבן מיט אַ פערד בין איך נישט געווען, בפרט נאָך אויף די ווייכע פעלד־וועגן אין דער נאַכט אַריין. אויפן שטיינערדיקן שטאָטישן שאָסיי איז אויך נישט לייכטער געווען. איך האָב זיך מער פאַרלאָזט אויפן פערד, ווי אויף זיך.

די שטאָט כעלם איז ווי איינגעשלאָפן אין אַ טיפן שלאָף, קיין שיין אין קיין שום פענצטער, די גאַסן־לאָמפּן אויסגעלאָשן. דערצו איז די נאַכט אַ פינצטערע, אַז איין שטערן אויפן הימל. זעלטן וווּ שליידערט זיך אַדורך ערגעץ אַ שאָטן פון אַ מענטשן, גייט ער שנעל, ביי די סאַמע ווענט, ווי אַ גנב. אויך קיין פאַרשטייער פון דער מאַכט זעט מען נישט. ערגעץ ווייט טליען נאָך די האַלעוועשקעס פון דעם פאַרשרפעטן שפּירט־זאַוואָד, וואָס די דייטשע באָמבעס האָבן נעכטן אונטערגעצונדן. אַפילו די הינט זענען ווי פאַרשטומט געוואָרן — מען הערט זיי נישט. פלוצים...

...טראַך... דער וואָגן איז אַרויף מיט די רעכטע רעדער אויף דעם העכערן טראָטואַר און זיך איבערגעקערט. די פויערטע מיט מאַרקסן צוזאַמען האָבן זיך ווי אויסגעשיט. דאָס פערדל האָט זיך פאַרהאַלטן. דאָס קינד האָט

זיך דערשראָקן. ער האָט, ווייזט אויס, איינגעדרימלט און דאָס פּלוצימדיקע פאַלן האָט אים אויפגעוועקט. איך האָב אים געכאַפּט אויף די הענט, גע־טוליעט צו זיך און געבעטן זיך ביי אים:

— זאָג! ס׳טוט דיר עפּעס וויי, זונעלע, זאָג!

— גאָרנישט, גאָרנישט, טאַטע! כ׳האָב זיך אַביסעלע דערשראָקן.

די פויערטע האָט זיך מער דערלאַנגט, נאָר זי האָט פאַרשוויגן. זי האָט נאָר געמורמלט: „שוויענטאַ מאַטקאָ!" און זיך געצלמט.

אין געציילטע מינוטן האָבן מיר ביידע צוריקגעשטעלט דעם וואָגן אויפן אָרט, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ ביסל שטרוי. מיר האָבן זיך אויפ־געזעצט און גאָר פאַרזיכטיק דערפאָרן אין איינער פון די אונטערגאַסן, צו אַ קלענערער כאַטע און מיר זענען אַהין אַריין.

קיין פייער האָט מען נישט געטאָרט אָנצינדן, ווייל די שטוב איז פול געווען מיט היי, וואָס מען האָט צעלייגט טרוקענען איבער דער שטוב. דערפאַר איז אונדז באַקוועם געווען צו שלאָפן אויפן פרישן, שמעקעוודיקן היי.

קאַיאָר, ווי נאָר די ערשטע שיינען פון דער אויפגייענדיקער זון זענען אַריינגעדרינגען דורך די פּיצלעך פענצטערלעך, האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. די באַלעבאָסטע האָט שוין באַוויזן אויסצומעלקן די קו און מחייה זיין אונדז מיט פרישע פאַרנויע מילך מיט אַ לייכטן שוים פון אויבן און מיט קנישעס, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון דער נעכטיקער סעודה.

— ז׳באָהאָם! — מיט גאָט! — האָט זי אונדז באַגלייט און אָנגעוויזן אונדזער ווייטערדיקן וועג. זי איז נאָך לאַנג געשטאַנען אין דרויסן און נאָכגעקוקט אונדזער אוועקגיין.

ס׳זענען פאַראַן מענטשן אויף דער וועלט, — האָב איך ביי זיך געטראַכט.

# קיין לודמיר

דער ווייטערדיקער גאַנג אונדזערער פירט קיין לודמיר (וולאַדימיר־וואָלינסק). וויפיל קילאָמעטער מיר האָבן צו גיין — ווייס איך נישט, אויך אויסרעכענען ווי לאַנג עס קען דויערן אונדזער וועג איז אויך אוממעגלעך. דערווייל אין די פריע פרימאָרגן שעהן, נאָך איידער די זון גייט אויף, שפּאַנען מיר האַפּעדיק, אויף וויפיל ס׳איז מעגלעך צוזאַמען מיט אַ פיר־יאָריק קינד צו שפּאַנען. פון צייט צו צייט נעם איך אים אויף די פּלייצעס. ס׳ווייזט זיך מיר אויס, אַז אַזוי אַרום פאַרשנעלערן מיר אונדזער גאַנג צום ציל.

פּלוצים קומען אָן, צוזאַמען מיט די וואַרעמע זונען־שטראַלן, אויף די לויטערע בלויע הימלען, די פאַרשאָלטענע דייטשע שווערע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, צו צוויי, צו צוויי אין אַ שורה, ווי אויף אַ פּאַראַד. זייער ברומען און הודזשען דרינגען אַריין טיף אין דער נשמה און וועקן פּחד, אַנגסט־געפילן און פאַרצווייפלונג. מיר וואַרפן זיך אַריין אין די נאָענטע קוסטעס ביים סאַמע וועג און טוליען זיך צו ענג צו דער מאַמע־ערד, די טוי־פייכטקייט איז נאָך נישט אָפּגעטריקנט געוואָרן, נאָר מיר פילן זי נישט. עס דויערט נישט לאַנג און די מלאכי־חבלה טראָגן זיך אָפּ. מיין שטומע קללה פאָלגט זיי נאָך. זיי האָבן אָבער איבערגעלאָזט אין מיר די שרעק: צי וועלן מיר באַוויזן דערגיין קיין לויצק ?!

— די לופט־כוחות פונעם שונא, — טראַכט איך ביי זיך, — קענען נאָר אומברענגען, אָבער נישט פאַרכאַפּן. דערויף זענען וויכטיק נאָר די יבשה־כוחות. אַפילו די פאַראַשוטיסטן־איינהייטן קענען צוגרייטן צום פאַר־נעמען, אָבער אַליין זענען זיי צו שוואַך דערצו, סיי מיט זייער צאָל, סיי מיט זייער באַוואָפענונג. פאַר יבשה־אַרמייען דאַרף מען בויען בריקן, זייערע באַוועגונגס־מעגלעכקייטן זענען באַגרענעצטע.

— מיר וועלן באַוויזן! — טרייסט איך זיך אַליין.

אויף דעם סמך באַשליס איך ווייטער זיך אויסצובאַהאַלטן אין די וועלדער במשך פון טאָג און אַזוי טו איך. ווי גוט איז די וועוועריקלעך, וואָס באַוועגן זיך פריי פון בוים צו בוים, קנאַקן זיך ניסלעך, וועלכע זיי האָבן

אין וואַלד לרוב. די פייגעלעך פליען אַרום און פרייען זיך מיט דער אויפגייענדיקער זון. זיי זינגען פאַר איר שירה: פּי, פּי... די ווילדע ראַבינעס האָבן זיך צערויטלט מיט זייער בונטער רויטער פאַרב, זיי פינקלען אַזוי שיין אין די זונען־שטראַלן. די נאַטור איז שיין און גוט, טראַכט איך, נאָר די מענטשלעכע נאַטור איז פאַרדאָרבן און גיריק. איינער האַלט זיך העכער פונעם צווייטן, נאָך ווייניק, ער טוט אַלץ, כדי זיינס גלייכן צו דערנידעריקן, אַפילו אומברענגען...

אין וואַלד, ליגנדיק אויפן גרין־געלן מאָך, ווילט זיך טראַכטן און אַלץ באַטראַכטן. אָבער ווער קען טראַכטן וועגן אַ וועלט און וועלט־פּראָבלעמען, ווען דיין גאַנצער „איך" איז פאַרשלונגען מיטן געדאַנק, ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך אַליין און דאָס קינד, מיט וואָס דערנערט מען זיך? אמת, אין וואַלד זענען פאַראַן געוויס שוואָמען, אַפילו „גבילושקעס" — פאַרפוילטע ווילדע באַרעלעך, וואָס וואַלגערן זיך אַרום די באַרן־ביימער, אָבער ווער קען עסן רויע שוואָמען? און פוילע באַרעלעך אַזוי פיל?

פון צייט צו צייט לייג איך צו דאָס אויער צו דער ערד און מיר געלינגט אויפצוכאַפּן טעמפּע קלאַנגען פון ערגעץ ווייט. זיכער זענען זיי פון די אויפרייסן, וואָס דערטראָגן זיך פון ערגעץ. זיי דערמאָנען מיך אין מיין הרובער היים, אין חרוב געוואָרענעם „צענטאָס". אין די דערהרגעטע און צעממיתטע יידישע יתומים, אין מיין אייגן ווייב, וואָס איז פאַרבליבן אַ שווער־פאַרוווּנדעטע אין וואַרשעווער שפּיטאָל. צי לעבט זי כאָטש?

ווי שווער ס'זאָל מיר נישט זיין מיטן קינד אין מיין גהינום־וועג — איז איר דאָרטן אַ סך ערגער, טראַכט איך. איך האָב האָפענונג צו ראַטעווען דאָס קינד און זיך, אָבער זי דאָרטן איז, נעבעך, אַזוי איינזאַם, אומבאַהאָלפן.

מאַרקס מיט זיין קינדערשן פאַרגעפיל באַמערקט באַלד מיין אומרו און זאָרג. ער טוליעט זיך צו נעענטער צו מיר, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט טרייסטן אָן ווערטער. איך בין כמעט ווי זיכער, אַז ער ווייסט וועגן וואָס איך טראַכט, וועגן וואָס איך לעב אַזוי איבער, אָבער ער שווייגט, כאָטש די אייגעלעך זיינע רעדן...

דער טאָג ציט זיך, ווי אויף צו להכעיס, לאַנג, לאַנג. איך קלער וועגן

אַריינלאָזן זיך טיפער אין וואַלד אַריין, אפשר וועט מיר געלונגען צו געפונען אַ מענטשלעכן ישוב, אַ דאָרף, אַ גלאָז מילך, אַביסל שפּייז. איך האָב אָבער מורא צו פאַרבלאָנדזשען. ווער ווייסט, אפשר קען איך אָנטרעפן אויף דייטשע דעסאַנטניקעס ?!

מיטן אָנקומען פונעם אויסגעבענקטן אָוונט, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. דאָס מאָל איז אונדז געלונגען אונטערצופאָרן אויף אַ פּויערישער „דרינדע" אַ שטיק וועג פון עטלעכע קילאָמעטער. אַן אַלטער פּויער איז געפאָרן פונעם פעלד צו זיך אין כוטאָר אַריין. די מלחמה בושעוועט, דער שונא יאָגט זיך און פאַרניכטעט, מענטשן פאַרלאָזן האָב און גוטס און אַנטלויפן, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן און ער, דער פּויער, טוט זיך ווייטער זיין אַרבעט אין פעלד, פאַרזעצט ווייטער ווינטער־וויץ, מאַטערט זיך צוזאַמען מיט זיין בידנער קליאַטשע פונעם אויפגיין ביזן פאַרגיין פון דער זון. אַ מענטש, וואָס לעבט, דאַרף עסן, מוז מען צוגרייטן און זאָרגן וועגן דעם. אַ געזונטער גייסט! — טראַכט איך ביי זיך אין האַרצן, נישט אָן קנאה.

דער ווייטערדיקער וועג איז געווען גאָר אַ שווערער. די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט אַ פינצטערע, אָן איין שטערן אויפן הימל. אַ קילער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן אין פּנים אַריין און באַשווערט דאָס גיין. דאָס קינד איז מיר אויסגעקומען צו נעמען אויף די פּלייצעס, ער האָט באַהאַלטן זיין קעפּל אין מיין אַקסל און נישט אָפּגעפילט אַזוי אַרום דאָס בלאָזן פון ווינט. דער ווינט האָט זיך אָבער געשטאַרקט אַלץ מער און מער. דריבנע טראָפּנס רעגן האָט ער געטראָגן מיט זיך, זיי האָבן ווי מיט דינע שפּילקעס געשטאָכן אין פּנים. דער וועג איז געוואָרן פייכט און גליטשיק. מען דאַרף באַצייטנס ערגעץ זיך באַהאַלטן און אָפּוואַרטן. אַרום איז פינצטער, מען זעט נישט קיין כאַטע, מעגלעך, אַז אין דער נאָענט זענען זיי פאַראַן, די לופט איז אָבער נעפּלדיק און מען זעט נישט פון דער נאָענט אַפילו.

פּלוצים האָב איך אין דער רעכטער זייט דערזען אַ קורצן פונק פון אַ ליכט שיין. אין דער ריכטונג האָב איך זיך געלאָזט. ווי נאָר מיר האָבן זיך דערנעענטערט נאָענט צו דעם אָרט, האָט זיך דערהערט אַ בילן פון אַ הונט אין דער פינצטערער נאַכט אַריין. אַ פרייד און אַ ציטער צוזאַמען

האָט מיר באַהערשט. אַ פרייד — ווייל אַ מקום מקלט פאַר אונדז, אַ ציטער, ווייל דאָס קינד האָט דערשראָקן אַ צאַפּל געטאָן.

קיין מענטש האָט זיך נישט באַוויזן. דער הונט האָט ווייטער געקוקט, אָבער ער דערנעענטערט זיך נישט — אַ סימן, אַז ער איז צוגעבונדן. איך באַמערק, דער הונט היט אָפּ די כאַטע, מעגלעך, אַז דאָרט איז קיינער נישטאָ. אַנט־קעגנאיבער — אַ קלוניע. מיר לאָזן זיך אַהין. דאָס טויער עפנט זיך לייכט אויף. מיר זענען שוין אינעווייניק, דאָס טויער פאַרמאַכט הינטער זיך. אַ מילדע וואַרעמקייט נעמט אַרום. ס׳שמעקט מיט פריש אָפּגעקאָסעט היי. אין דער פינצטער דערקלייבן מיר זיך אין אַ ווינקל און לאָזן זיך אַראָפּ אויפן היי. דאָס קינד כאַפּט אַ דריבנעם ציטער פון קעלט און פייכטקייט. איך טו אויס פון אים דאָס רעקל מיט די לאַנגע אַרבל. ער איז שטאַרק מיד און שלאָפט באַלד איין. איך הער זיך איין אין דעם אַרום, דער הונט בילט שוין נישט מער. אויך איך שלאָף שנעל איין.

ווי לאַנג איך בין געשלאָפן — ווייס איך נישט. דאָס בילן פונעם הונט האָט מיך אויפגעוועקט. עס האָט זיך אויך דערהערט אַ גערויש פון אָנקו־מענדיקע מענטשן. די טויערן האָבן זיך צעעפנט און צוזאַמען מיט אַ האַס־טיקן כלופּ פון רעגן־גאָס האָבן אַריינגעשטראָמט אַ סך מענטשן אין קלוניע אַריין. ביי דער שיין פון זייערע באַטעריע־לעמפּלעך האָב איך ערשט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען דעם אַרום. אַ גרויסע פּוסטע פויערישע קלוניע, אויסגעבעט מיט היי, דאָ און דאָרט וואַלגערן זיך רעדער, האַלאַבלעס, אָנ־געשפּאַרטע אין דער וואַנט. די אָנגעקומענע: מענער, ווייבער און קינדער האָבן זיך שנעל צעלייגט אַרום און אַרום. זיי האָבן, ווייזט אויס, אויך געלעכצט נאָך רו, נאָך נאַכטיקן שלאָף. לויט די אָפּגעריסענע רייד און געשפּרעכן, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען פּאַליאַקן. אויך זיי זענען פון די „ביעזשענצעס״ — אַנטלויפערס. אין אַ קורצער צייט אַרום איז איינער אַריינגעקומען און אַלעמען אויפגעוועקט פון שלאָף, אויסשרייענדיק:

— נישטאָ קיין רעגן. שוין צייט אין וועג אַריין!

אַלע האָבן זיך, ווי זעלבער, אויפגעשטעלט און געלאָזט אין וועג אַריין. אויך איך האָב אַ נעם געטאָן דאָס שלאָפנדיקע קינד און זיי נאָכגעגאַנגען. אינדרויסן איז שוין געווען פּיאַלעט־בלוי. קיין ווינט, קיין רעגן. די פּולע

קאַלוזשעס אין הויף, די לויפנדיקע ריטשקעס וואַסער אין די ראָוועס ביים שאָסיי האָבן דערמאָנט אין דעם נעכטיקן רעגן, אויפן שאָסיי־וועג, ביים סאַמע ראָוו, איז געשטאַנען אַ גרויסע משא־מאַשין, אַ פּינפּטאָניקע, די רעדער פון דער רעכטער זייט זענען אַראָפּ פונעם שאָסיי אין ראָוו אַריין. די מאַשין האָט זיך איינגעבויגן אויף דער רעכטער זייט. אייניקע פון די פּאַסאַזשירן האָבן זיך פּשוט, ווי אויסגעשיט אין ראָוו אַריין. פאַרן ווייטער אין רעגן, ווינט און גליטש האָט קיין זין נישט געהאַט. ס׳איז גוט, וואָס אַלע זענען אַרויס גאַנץ.

מיט געמיינזאַמע, אָנגעשטרענגטע כוחות האָבן אַלע מענער געפּרוווט אונטערהויבן די מאַשין, כדי צו לאָזן זי ווייטער אין וועג אַריין. איך האָב אַוועקגעשטעלט דאָס קינד אין אַ זייט און אומגעבעטענערהייט געגעבן מיין אַקסל און געהאָלפן אַרויסצושלעפּן די מאַשין. דער שאָפער האָט געלאָזט דעם מאָטאָר און געקערעוועט די מאַשין אויף לינקס. די רעדער האָבן אומבאַהאָלפן בוקסירט איבערן נאַסן גליטשיקן ראָוו, נאָר מיט דער הילף פון דעם מענטשן־כוח איז דאָך געלונגען צוריקצושטעלן די רעדער אויפן שאָסיי. אַ פרייד האָט אַרומגעכאַפּט די פּאַסאַזשירן, איינער נאָכן אַנדערן איז אַרויפגעקראָכן און פאַרנומען זיין פריערדיק אָרט. איך האָב נישט געוואַגט אַפילו צו בעטן מען זאָל אויך אונדז אַרויפנעמען. ס׳איז טאַקע געווען ענג, אָבער ביי אַ גוטן ווילן, וואָלט מען געקענט זיך אַן עצה געבן. ווי זשע נעמט מען דעם גוטן ווילן?

— דאָווידזעניאַ — צום ווידערזען! — האָבן זיך דערהערט איינצלנע קולות. — דזיענקויעמי — מיר דאַנקען פאַר דער הילף! און היידאַ — אָפּגע־פאָרן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ שוואַרצן שטינקנדיקן רויך. מירביידע זענען געשטאַנען, ווי יענער אָרימאַן מיט זיין הונגעריקן יתומל נאָכדעם, ווען אַלע זענען זיך צעלאָפן צו די פעטע סעודות אַהיים, און געלאָזט זיי אויף הפקר. אויך אונדז איז דאָן געבליבן אויפצוזינגען אַ נייעם ניגון...

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די, וואָס אַנטלויפן. זיי זענען עגאָאיס־טיש, מען טראַכט נאָר וועגן זיך, פּונקט ווי אַ צווייטער קען פאַרמינערן זייער זיכערקייט. אַזוי האָב איך אַ טראַכט געטאָן און מיט רעכט. נישט אומזיסט פלעג איך אַמאָל, זייענדיק אין וועג, פאַדערן, יאָ פאָדערן פון

איינעם, וואָס האָט זיך גענומען עסן, ער זאָל געבן עפּעס אויך פאַרן קינד. ווייל איך האָב געפאָדערט און נישט געבעטן — האָט ער געגעבן...

ס'איז נישטאָ אָבער ביי וועמען צו פאָדערן. די וועגן זענען כמעט פוסט. אויף יענער זייט פון בוג האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף גרויסע מאַסן אַנטלויפנדיקע. דאָ גייען גאָר ווייניק. דערפאַר איז דאָ רואיקער אויף די וועגן. דאָ און דאָרט טרעפן זיך גריבער פון אַראָפּגעוואָרפענע באָמבעס, אָבער קיין געהרגעטע ליגן נישט אויף די שאָסייען, ווי דאָרטן. מעגלעך, אַז דאָ נעמט מען צו די פאַרווונדעטע, אָדער עס ווערן באַגראָבן די דערהרגעטע. ווי עס זאָל נישט זיין, איז דאָ אַ סך רואיקער און זיכערער ווי דאָרטן.

דערפאַר האָב איך באַשלאָסן נישט אויסבאַהאַלטן זיך דעם טאָג אין וואַלד. לויט דעם, ווי פאַרבייגייענדיקע מענטשן האָבן באַהויפּטעט, קען איך גייענדיק ביזן אָוונט, אָנקומען קיין לודמיר. און דאָס איז פאַר מיר ביז גאָר וויכטיק. אין לודמיר האָב איך פּעסעלע באַרענהאָלץ, מיין גוטע חברטע פון וואַרשע. זי איז פאַרוואַלטערין פון אַ יתומים־הויז. קיין סך יתומים־הייזער זענען אין לודמיר נישט פאַראַן — וועלן מיר גאָר לייכט אַהין טרעפן. און פון לודמיר האָבן מיר בלויז זיבעציק קילאָמעטער ביז לויצק.

מיין פּלאַן איז מיר געלונגען. מיר האָבן דערגרייכט לודמיר אין די פריע אָוונט־שעהן. דאָס ערשטע מאָל בין איך דאָ אין שטאָט, דאָך איז נישט שווער צו באַהויפּטן, אַז די מלחמה־געפאַר מיט אירע מערדערייען און פאַרניכטונגען האָבן נאָך אַהער נישט דערגרייכט. אין שטאָט איז פינצטער, די פענצטער זענען פאַרמאַסקירט, גאָר ווייניק מענטשן קען מען טרעפן אין די גאַסן. בלויז אין דרינגענדיקע פאַלן פאַרלאָזן די איינוווינער זייערע הייזער, ווייבער און קינדער. קיין פּאַניק שטימונג פון לויפן און אַנטלויפן האָב איך נישט באַמערקט. וווהין קען מען לויפן? אמת, די גרענעץ פון די סאָוויעטן איז נישט אַזוי ווייט, זי איז אָבער פאַרשלאָסן אויף אַלע זיבן שלעסער פאַר די פּוילישע במשך פון דער גאַנצער צייט, בפרט נאָך איצט, אין דער מלחמה־צייט.

דאָס יידישע יתומים־הויז איז אַ פירמע אין שטאָט. אַלע ווייזן אונדז

אַן דעם קורצסטן וועג אַהין. מיר זענען מיד און הונגעריק, די פיס שלעפּן זיך קוים.

— פונוואַנען קומט אַ ייִד? — פרעגט מיך איינער נאָכן אַנדערן.

— פון וואַרשע.

— פון וואַרשע? באמת פון וואַרשע? טאַ קומט אַריין עפּעס נעמען אין מויל אַריין, עפּעס טרינקען!

אַלע ווילן וויסן, וואָס עס הערט זיך אין וואַרשע און ווי אַזוי מיר האָבן זיך דערקליבן אַזש קיין לודמיר. איך איַל זיך אָבער אין יתומים־הויז. דאָרטן װעלן מיר זיכער האָבן וואָס צו עסן און וווּ צו רוען. דערצו ווילט זיך נישט אָנוואַרפן פּריצייטיק אַ פּאַנישע שטימונג אויף די ייִדן, וואָס האָבן נאָך נישט פאַרזוכט דעם ביטערן פּיין פון וואַנדערן און אומקום.

ווי שכורע שלעפּן מיר זיך וואַקלענדיק אַרויף אויף די טרעפּ פונעם יתומים־הויז אויפן צווייטן שטאָק. אויך דאָ איז פינצטער, מען הערט נישט קיין מענטשלעכן שאָרך.

— צי איז עמעץ פאַראַן? — רוף איך אויס אויפן קול. אין דער זעלבער מינוט דערזע איך אַ שיין דורך אַ געעפנטער טיר. מיר לאָזן זיך צו דער שיין. אַ קוך, אַן עלטערע פרוי פּאַרעט זיך ביי די כלים. זי דער־שרעקט זיך ביי אונדזער אַריינקומען, נאָר דערזעענדיק אַ קינד, באַרואיקט זי זיך גלייך.

— צו וועמען דאַרפט איר? ווער זייט איר? — האָט זי הויך אַ פרעג געטאָן.

— צו פעסעלע באַרנהאָלץ דאַרפן מיר.

— צו פעסעלען? טאָ קומט אַריין. זי איז ביי אַ שכנה. איך רוף זי באַלד אַריין.

אַרויסגעזאָגט און לויפט שוין רופן פעסעלען.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום לויפט זי אַן. אַ בייגעריקע, אַן אויפגעלייגטע קומט זי אַריין אין קוך אַריין. זי אָטעמט אָפּ פונעם שנעלן יאָגן זיך אויף די שטיגן. זי פאַלט אויף מיר אַרויף און מיר קושן זיך מיט חברישער האַרציקייט. באַלד רייסט זי איבער און שרייט אויס מיט אַ פאַרצווייפלטער שטימע:

— ווּ איז מינדעלע? מ י נ ד ע ל ע! און נישט וואַרטנדיק אויף קיין תשובה ברעכט זי אויס אין אַ יאָמערלעך געוויין.

— באַוויין נישט מיין מינדעלען, זי לעבט!

ערשט איצט האָט פעסעלע באַמערקט מאַרקסן, וואָס האָט זיך ווי גע־פונען אין שאָטן, און זי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט און געקושט אים אַ סך מאָל, מיט טרערן אין די אויגן.

— מאַרקסעלע! טייערער, ליבינקער, זיסענקער!

— די סענטימענטן לייג אָפּ אויף שפּעטער, פעסעלע! דו גיב אונדז בעסער עפּעס אין מויל אַריין, אַ מעגלעכקייט זיך אָפּצוּוואַשן! — האָב איך האַלב ערנסט, האַלב מיט שפּאַס זיך אָנגערופן.

— זייט מיר מוחל, טייערע! ביזט גערעכט, יואליק! קומט אַריין צו מיר אין צימער אַריין. דאָרט איז ליכטיק. אַלץ וועט איר באַקומען, אַלץ. און דיר, מאַרקסעלע, וועל איך האָבן דעם כבוד אַליין צו באָדן. שפרה, באַזאָרגט הייסע וואַסער — האָט זי דערווייל אַרויסגעגעבן איר באַפעל.

— ס׳איז דאָ, פעסעלע, הייס וואַסער. כ׳האָב זיך געקליבן עפּעס אויס־צוּוואַשן, נו, וועל איך וואַשן מאָרגן. איר האָט אַזעלכע געסט! — האָט זיך אָפּגערופן שפרה.

דאָס צימער ביי פעסעלען איז געווען באַזאָרגט מיט ליכט־פאַרמאַס־קירונג. דעריבער האָט זי געקענט זיך דערלויבן אָנצוצינדן דעם גרויסן עלעקטרישן לאָמפּ. די העלע שיין האָט ווי געשניטן אונדזערע מידע אויגן. איך האָב אָנגעצונדן אַ קלענער ליכט. איידער וואָס ווען, האָבן מיר דערווייל ביידע, איך און מאַרקס, אַריינגעכאַפּט צו וואַרעמע גלעזער מילך און צוגע־ביסן מיט פאַרשבתדיקן זיסן קוכן. ביים קינד האָבן זיך די אייגעלעך צעשיינט פון פרייד. באַלד האָט מען אַריינגעבראַכט אַ גרויסע שיסל מיט וואַרעם וואַסער. פעסעלע אַליין האָט זיך פאַרפּוצט אין אַ ווייסן פאַרטוך און גענומען באָדן דאָס קינד. איך בין געשטאַנען פונוויטנס און זיך צוגעקוקט ווי געשיקט זי טוט עס, נישט ווייניק קינדער האָט זי, פעסעלע, אין איר לעבן געבאָדן, אָבער נישט קיין אייגן קינד. צי פרי איז איר באַליבטער מאַן אפרים, אַוועק פון דער וועלט און געלאָזן זי איינע אַליין מיט איר צער און ווייטיק. מאַרקסן איז גאָר קיין נפקא מינה נישט געווען ווער עס

באַדט אים. ער האָט הילכיק געקוואָלן און געפּילט זיך גליקלעך. ס'זענען ערשט אַריבער ווייניקער פון צוויי וואָכן, זינט די מאַמע האָט אים געבאָדן בײַ זיך אין דער היים.

נאָכן באָדן האָט פּעסעלע אים פאַרפּוצט אין אַ פּידזשאַמע. אין דעם וואַרעמען וואַסער אײַנגעוויקעט זײַן וואָלן אַנצוגל און דאָס העמדעלע, וואָס ער האָט געטראָגן. דערנאָך האָבן מיר צוזאַמען אָפּגעגעסן צו דער זאַט. און ער, מאַרקס, איז געגאַנגען שלאָפן צו פּעסעלען אין בעט אַרײַן. אויף די ווייסע קושנס האָט ער געשײַנט, ווי אַ מלאך, ביזן אײַנשלאָפן האָט ער נישט אויפגעהערט צו שמייכלען און מורמלען אַ שטילן ניגון פון יוירנדיקער פרייד. מיר ביידע האָבן זיך אָוועקגעזעצט פון דערווײַטנס, בײַ דער סאַמע טיר און איך האָב געמוזט פּעסעלען דערציילן די גאַנצע מעשׂה פון אָנהויב, פונעם פאַרשאָלטענעם ערשטן סעפּטעמבער אָן, ווען דער ביטערער גורל האָט אַ שפּיל געטאָן זיך מיט אונדז אַזוי הפקרדיק און אומברחמנותדיק, ברענגענדיק פאַר אונדז צעשיידונג, נויט און איבער־מענטשלעכע ליידן...

## פון יענער וועלט

דאָס יתומים־הויז איז אַליין פאַריתומט געוואָרן. נישטאָ שוין מער דער פריילעכער קינדערישער געפּילדער, דאָס קלינגעוודיקע קינדערשע געלעכ־טער. אַרום איז שטיל, נאָר די שטילקייט באַהאַלט אין זיך אַן אָנזאָג פון אַן איבעראַשנדיקן גערויש. כמעט אַלע קינדער זענען צעטיילט געוואָרן צווישן די אייגענע מוטערס, קרובים, נאָענטע און ווײַטערע. בלויז פיר מיידעלעך, פון די יונגערע און איין בחור פון די עלטערע, אַ דרייצן־יעריקער, זענען פאַרבליבן. ביז איצט האָט זיך נישט געפונען קיינער, וואָס זאָל זיי אַהיימנעמען פונעם יתומים־הויז. שלאָפן זיי אַלע אין איין שלאָפצימער, בעט בײַ בעט, ווײַטער פון די פענצטער. אַלע אַזעלכע בנעימותדיקע, רואיקע, זיי וואָגן נישט צו פאַרלאָזן דאָס יתומים־הויז, אַפילו אין די טאָג־שעהן. בלויז שמחה, דער עלטערער, איז ווי אַן אויסנאָם פון אַלע.

ער איז דווקא רירעוודיק. ער איינער העלפט צו דער איבערגעבליבענער באַיאָרטער שפרה אין קיך, ער העלפט אויך דער פאַרוואַלטערין פעסעלען, גייט פאַר איר אַ גאַנג. ער איז אויך דער יודע הכל, דערטראַגט וועגן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט.

דאָס יתומים־הויז איז אָרעם. בלויז קליינע זאַפּאַסן פון פּראָדוקטן זענען פאַרבליבן. וואָס וועט ווייטער זיין ? „פון זאָרגן איז נאָך נישטאָ אויף מאָרגן" — זאָגן לייטן. בפרט נאָך ווען דער מאָרגן איז איינגעהילט אין סודותפולן וואָרטן און איז אַזוי האָפנונגסלאָז...

די נאַכט איז אַריבער רואיק. אָבער קאַיאָר, ווי נאָר דער מאָרגנשיין האָט זיך באַוויזן און דער אָרום איז געוואָרן אַלץ העלער און העלער האָט זיך עס אָנגעהויבן. די אַליאַרם־סירענעס האָבן זיך צעוואָיעט ביי די פייער־לעשער מיט אַ ווילדן אומאויפהערלעכן געוואָי, ווי קיינמאָל נישט:

...הההההו... הו... הו...

און באַלד האָט זיך דערהערט דאָס הודזשען פון שווער־באַלאָדענע פליענדיקע טויט־מכשירים. ביי די ערשטע באָמבעס, וואָס זיי האָבן אַראָפּ־געוואָרפן, זענען מיר אַלע, פעסעלע מיט די קינדער, איך מיט מיין זון, אַפילו שפרה, שוין געווען אין דעם שמאָל־אויסגעגראָבענעם גרוב, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן מיט עטלעכע טעג פריער אין הויף פון יתומים־הויז. אויך איצט זענען די קינדער שווייגנדיקע, די מיילער שווייגן און כאַפּן אַ דריבנע ציטער, אָבער די קינדערישע אייגעלעך שרייען מיט שטומען וויי־געשריי, מיט פחד און שוידער. איין שמחה גיט זיך נישט אונטער. ער האָט געפּאָלגט און אויך אַראָפּגעקראָכן אין גרוב אַריין, אָבער אין זיינע אויגן האָב איך קיין שרעק נישט באַמערקט. דאָס פאַלן פון די באָמבעס האָט לאַנג נישט געדויערט — אַ סימן, אַז די אָפּעראַציע איז געווען אַ פאַרבייגייענדיקע. דאָס האָט, ווייזט אויס, באַדאַרפט דינען פאַרן ערשטן אָנזאָג: „מיר קומען אָן". און זיי האָבן פאַרגעזעצט זייער וועג ווייטער. ווען קען וויסן, אפשר קיין לוויצק ?!

שמחה האָט נישט אויסגעהאַלטן, איז דער ערשטער אַרויס פון גרוב און אַוועק אין שטאָט אַריין. פעסעלע האָט פאַרשוויגן — ער איז דאָך

נישט קיין קליין קינד און ווער קען דערטראָגן די וויכטיקע נייעסן פון שטאָט, אויב נישט ער — שמחה?

מאַרקסן לאָזן איך נישט אָפּ פון זיך. ער אַליין פילט זיך מיט מיר צוזאַמען זיכערער. ער ציטערט נישט אַזוי ווי די אַנדערע קינדער, כאָטש ער איז יינגער פון זיי אַלע. ביי זיי איז דאָס געשען צום ערשטן מאָל, ביי אים אָבער שוין צום וויפילטן מאָל. פעסעלע באַמיט זיך צו באַהערשן, זי פּרוּווט אַפילו די קינדער באַרואיקן, דאָך האַלט זי, אַז קיינער טאָר פון גרוב נישט אַרויסגיין, ביז די לאַגע וועט קלאָר ווערן. דערווייל וועט מען פרישטיקן דאָ אויפן אָרט. איך לייג פאַר מיין הילף. איך און שפרה גייען צוזאַמען נאָכן פרישטיק. איבער מאַרקסן נעמט איבער די השגחה פעסעלע אַליין.

דער פרישטיק איז אַן אָרעמער: יעדער באַקומט צו צוויי פענעצלעך אַלטגעבאַקן ברויט, אַנגעשמירט מיט פּאַווידלע און אַ טעפּעלע זיסע טיי. די קינדער זענען מיט דעם אויך צופרידן. ווי נאָר זיי האָבן געשטילט דעם הונגער, האָבן זייערע בלאַסע פּנימלעך זיך צעהעלט און צעשיינט מיט קינדערשן חן. זיי זענען געוואָרן מונטערער. די אייגעלעך האָבן זיך צעשמייכלט און די הענטלעך האָבן זיך צעלאָזט אין באַוועגונג. עס האָבן זיך באַוויזן אָפּגעטאָקטע שטיינדעלעך, וואָס זענען בליץ־שנעל געפלויגן אין דער לופטן, עטלעכע מיטאַמאָל. די קינדערשע הענטעלעך האָבן זיי פלינק אויפגעכאַפּט און ווייטער געוואָרפן.

„קינדער דאַרפן אַזוי ווייניק, כדי צו זיין גליקלעך" — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. אַ מינוט פון רו, פון זעטיקייט, פון זיכערקייט און זיי לעבן ווידער אויף מיט מונטערקייט און זאָרגלאָזן שפּיל. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מיר עלטערע שטערן זיי. ווען מיר וואָלטן נישט געווען דערביי, וואָלטן זיי שוין געקלאַמערט האַנט צו האַנט, וואָלטן אויך אַריינגע־כאַפּט מיין זון, דעם יונגסטן פון אַלע, אין דער מיט און אַ דריידל זיך געטאָן מיט קינדערשער פרייד און לוסטיקייט.

נאָר באַלד ווערן זיי שטיל, ערנסט און נייגעריק. שמחה איז אָנגעלאָפן פון שטאָט. ער האָט געטראָגן מיט זיך נייעסן אַ סך און בשורות און איז גרייט געווען זיי אויסשיטן מיטאַמאָל. פעסעלע האָט אָבער צו אים אַ ווונק

געטאָן און מיט די אויגן באַפוילן שווייגן. ער האָט פאַרשטאַנען איר ווונק. אומזיסט האָבן די נייגעריקע קינדער געוואַרט אויף אַ וואָרט. שמחה האָט געשוויגן.

— קום, שמחה, וועסטו נעמען דאָס קערבל און צוגיין צו איטשען דעם קצב. אפשר האָט ער אַ קילאָ פלייש פאַר אונדז, אַפילו אַביסל ביינער — האָט זיך אָנגערופן פעסעלע און איז אַרויסגעקראָכן פון גרוב.

— שמחה, צי איז גאָר קיין אָפּרוף פונעם אַליאַרם נישט געווען ? — דאָס איז געווען די ערשטע פראַגע, וואָס זי האָט אים געפרעגט.

— געווען, נאָר גאָר קורץ, — האָט דאָס ייִנגל אָפּגעענטפערט שטיל, מיינענדיק, אַז פעסעלע וויל נישט, אַז די קינדער זאָלן וועגן דעם וויסן.

— טאָ וואָס זשע ליגן מיר דאָ אין גרוב ? ביים נייעם אַליאַרם־סיגנאַל וועלן מיר נאָך אַמאָל אַראָפּקריכן... היידאַ ! אַלע אַרויף ! — האָט פעסעלע באַפוילן.

ביי פעסעלען אין צימער האָט שמחה איבערגעגעבן די נייעס פון שטאָט. די דייטשע באָמבעס האָבן קיין גרויסן שאָדן נישט געבראַכט, עס ברענען צוויי הייזער אין צענטער פון שטאָט און די פייערלעשער לעשן די שריפה. אָבער אַ פּאַניק האָבן זיי אָנגעמאַכט — פרעגט שוין בעסער נישט. די שטאָט איז פול מיט אַנגעלאָפענע מענטשן — „ביעזשענצעס" פון גאַנץ פוילן. זיי לויפן ווייטער און די מענטשן פון לודמיר זענען גרייט מיטצולויפן...
— האָט שמחה אויסגעשאָטן אין איין אָטעם.

— קיין איין שאָס האָבן די זעניט־האַרמאַטן נישט געגעבן, נישטאָ ווער עס זאָל שיסן, אַלע לויפן, אַפילו די פּאָליציי־לייט — האָט ער צוגעגעבן.

— וווּהין קען מען לויפן ? — האָט פעסעלע זיך געוואָנדן צו מיר מיט אַ פראַגע.

— צו דער סאָוויעטישער גרענעץ, קיין אָסטרי. מען האָפט, אַז זיי וועלן אַריינלאָזן. אפשר וועלן זיי אָפּשיקן די ייִדן קיין ביראָבידזשאַן, עס איז פאָרט אַ ייִדישער אויטאָנאָמער קרייז און מען בויטיקט זיך דאָרט זיכער אין ייִדן — האָב איך פאַר איר אַרויסגעזאָגט מיין השערה.

— הלוואי, הלוואי זאָל אַזוי זיין ! איך האָב דאָך דאָרט ראָזען, אפרימס שוועסטער מיט איר מאַן און טאָכטער. זי איז דאָרט אַ פּרעמירטע לערערין,

מיר שרייבן זיך אַדורך — האָט פעסעלע ווי אויפגעלעבט. באַלד האָט זי זיך דערמאָנט און דראַמאַטיש צוגעגעבן:

— אויף וועמען וועל איך לאָזן די אומגליקלעכע יתומים? קיינער וויל זיי נישט נעמען, קיינער דאַרף זיי נישט אין אַזאַ ביטערער צייט.

— נו, און דער פּרויען־קאָמיטעט, די פילאַנטראָפּקעס? זיי זענען דאָך די פּאַקטישע באַלעבאַטים און פּאַרזאָרגערס פונעם יתומים־הויז. ווו זע־נען זיי?

— איך האָב געפּרוווט — ווילן זיי נישט. כאַטש גיי און וואַרף זיי אָן די קינדער מיט געוואַלד. צי קען איך אַזוינס טאָן? — האָט פעסעלע פאַר מיר געטענהט.

— איך וועל די קינדער צעפירן ווּהין איר וועט מיר הייסן — האָט זיך אָפּגערופן שמחה — און אַליין וועל איך אויך לויפן צו די סאָוויעטן, וואָס איך האָב קיין פּיס נישט?

ערשט איצט האָב איך באַמערקט, אַז דאָס יינגל איז געשטאַנען ביי דער טיר פון צימער און זיך צוגעהערט צו אונדזער געשפּרעך.

— ער איז גערעכט, פעסעלע, טו עס, ווייל קיין אַנדערע עצה האָסטו נישט. דו קום מיט מיר צוזאַמען קיין לוויצק און פון דאָרטן וועלן מיר שוין זען, וואָס צו טאָן ווייטער.

— אוממעגלעך, אַנטלויפן, ווי אַ דעזערטיר — אַזוי קען איך נישט. איך וועל פריער די קינדער איינאָרדענען און דערנאָך...

פליענדיק אויף צוריקוועגס, האָבן די דייטשע מערדער אַראָפּגעוואָרפן אויף דער שטאָט לודמיר נאָך אַ פּאָר באָמבעס. דאָס מאָל איז אַפילו קיין אַליאַרם־סיגנאַל נישט געווען. מיט אַ זיכערן פלי, האָפערדיק און מלא־שמחה, זענען זיי זיך געפלויגן און געזייעט אַרום און אומגליק, פאַרניכטונג און פּיין. הפקר אַ וועלט! נישטאָ קיין פּוילישע פאַרריסענע הערשער, נישטאָ מער די פּוילישע אויסגעלויבטע אַרמיי פון רידז־שמיגלי. אַלע זענען אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק אַלץ און אַלע אויף הפקר און אומקום...

פאַרנאַכט־צו האָט פעסעלע מיך און מאַרקסן צוגעפירט דורך זייטיקע וועגן ווייט אונטער דער שטאָט. די וועגן זענען געווען פאַרפּראַפּט מיט וועגענער און פוסגייער. אַ רויטע מאַשין, פול מיט פייערלעשער און זייערע

משפחות, האָט נישט אויפגעהערט צו טרומייטערן, ווי זיי וואָלטן זיך געיאָגט צו לעשן אַ שריפה, כדי זיך דורכצושלאָגן אַ וועג צווישן די מענגעס אַנטלויפנדיקע.

עס איז נישט אַזוי לייכט געווען, ווייל מענטשן האָבן געטריבן פאַר זיך קינדער־וועגעלעך מיט קינדער, עטלעכע צוזאַמען, די אויסגעמאָגערטע קליאַטשעס האָבן געשלעפּט משאות, וואָס האָבן ווייט איבערגעשטיגן זייערע פיזישע מעגלעכקייטן אַזוי, אַז אַפילו דער קלאַפּ פון אַ שטעקן האָט ווייניק־וואָס געהאָלפן. די אַנטלויפנדיקע, וואָס זענען געקומען פון ווייט, זענען געווען מידער, אָבער רואיקער פון די פרישע. זיי האָבן שוין פאַרמאָגט אַ סטאַזש פון 8 ביז 12 טעג וואָגלען און וואַנדערן אין הונגער און סכנות. זייערע זאַפּאַסן און פעק זענען כמעט איינגעשרומפן געוואָרן, די פרישע ווידער, די לודמירער, האָבן געשלעפּט מיט זיך אַ סך, זייערע כוחות־זאַפּאַסן זענען נאָך פול געווען — האָבן זיי געליאַרעמט מער און געפילט זיך מער אומגליקלעך פון אַלע אַנדערע.

אויף וויפיל איך האָב געקענט, האָב איך זיך באַמיט צו גיין פאַרויס, ווייטער פון דער גרויסער מאַסע מענטשן. ביז איצט פלעגן די דייטשע פליערס אין די נעכט כמעט נישט אַנפאַלן אויף די וועגן, אָבער ווער ווייסט? אַ פּעטער ביסן, מאַסן מענטשן קענען צוציען זייער אויפמערקזאַמקייט און חשק צו פאַרניכטן — מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק.

איך האָב, צום גליק, נישט געגרייזט. קאַיאַר, עס האָט קוים אַנגעהויבן העלן דער הימל, בין איך געווען איינער אַליין אויפן שאָסיי מיטן שלאָפנדיקן קינד אויף די פּלייצעס. עס איז אַנגעפאָרן אַ פאַרמאַכטער דזשיפּ, בלויז פון הונטן איז ער געווען אָפן. אין אים זענען געפאָרן עטלעכע יונגע מיידלעך „האַרצערקעס" — סקויטינס, וואָס האָבן, ווייזט אויס, געפירט קיין לוצק אין שפּיטאָל אַריין דריי פאַרוואונדעטע — צוויי מענער און אַ פרוי. זיי זענען געלעגן אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג פון אויטאָ און די האַרצערקעס זענען געזעסן אויף אַ באַנק ביי דער שאָפער־קאַבינע. ביים שאָפער איז אויך געזעסן איינע פון די סקויטינס. זי האָט, ווייזט אויס, באַמערקט מיך מיטן קינד אויף די פּלייצעס און געבעטן אָפּשטעלן די מאַשין.

— גיט מיר איבער דאָס קינד! — האָט זי פאַרגעלייגט — און איר כאַפּט זיך אַרויף, ווו איר קענט.

זי האָט נישט געדאַרפט מיך בעטן. דאָס קינד איז אַריבער צו איר אויף די הענט און איך בין אַרויף אויפן שטיגל ביי דער טיר. די מאַשין איז נישט געפאָרן צו שנעל, צוליב די פאַרוואונדעטע און איך בין געווען אויסער יעדער סכנה.

אין די פרימאָרגן־שעהן זענען מיר אָנגעקומען קיין לויצק אויף קראַסנע. נישט ווייט פון שפּיטאָל האָט אַמאָל געוווינט מיין זיידע, מיין מוטערס פאָטער ע״ה. איצט וווינען דאָרט זיינע זין חיים און וואָלף, אויך זיין טאָכטער טויבע מיט איר מאַן יצחק — מיינע פעטערס. צו זיי האָב איך באַשלאָסן זיך אַריינצוכאַפּן, איידער איך גיי אַריבער דעם קראַסנער בריק אין שטאָט אַריין. מען דאַרף זיך אַרומוואַשן נאָכן וועג און טאָקע עפּעס איבערכאַפּן, דאָס קינד איז זיכער הונגעריק.

די באַגעגעניש — אַ פרייד, ווי פון יענער וועלט. שלעכטע גרוסן האָבן זיך צו זיי דערטראָגן וועגן אונדז. עמעץ האָט געלייענט אין צייטונג, אַפילו געהערט דורך ראַדיאָ. ס׳איז אַפילו נישט כדאי איבערצוחזרן. נישט ווייניק זענען אומגעקומען אין „צענטאָס״ און מיר — זאָלן האָבן געווען פון די ערשטע קרבנות...

— נו, דאַנקען גאָט וואָס מיר זעען זיך! — וואַרפן זיך די ווייבער צום קושן, וועגן מיין ווייב וואָגט קיינער נישט צו פרעגן, ווו זי איז, פאַר־וואָס זי איז נישט געקומען, נאָר איך פאַרשטיי זייער מיין און באַרואיק זיי:

— אויך מינדעלע לעבט! נאָר זי איז פאַרוואונדעט געוואָרן, איז זי פאַרבליבן אין שפּיטאָל.

— זי וועט קומען די מאַמע, זי וועט קומען! — האָט מיך אונטער־געהאַלטן מאָרקס.

— הלוואי, און וואָס שנעלער, רבונו של עולם! — האָט צוגעקרעכצט חיימס ווייב.

מיר האָבן נאָך באַוויזן צו נעמען עפּעס אין מויל אַריין. אַהאַ! ברוך הבא! — ער איז שוין דאָ! דער פאַרשאָלטענער דייטש צעטרייסלט דעם

אַרום מיט די פליענדיקע באָמבעס, וואָס פאַלן גאָר נאָענט. ער וויל, ווייזט אויס, טרעפן אין קראַסנער בריק אַריין.

— נעכטן האָבן זיי אויך געוואָרפן אויף דער בריק און נישט געטראָפן, מאַכן זיי היינט עודך... — רופט זיך אָפּ חיים, דער פעטער — קומט, אין גאָרטן האָבן מיר אַ „סכראָן" אויסגעגראָבן! — רופט ער אונדז. אַלע איילן זיך אַהין, אויך איך מיט מאַרקסן. פּלוצים דערהערן זיך פון הינטער דיביימער, וואָס געפינען זיך נישט ווייט פון אונדז, ביים מיליטערישן שפּיטאָל, האַרמאַטן־שאָסן פון אַ זעניט־באַטעריע. זיי שיסן אָפּטער און אויפן הימל באַווייזן זיך טונקעלע פלעקן פון די אויפרייסן.

איך בין זיך מודה, אַז דאָס איז געווען פאַר מיר אַן איבעראַשונג. מעג־לעך, אַז אויך פאַר די דייטשע מערדער איז דאָס געווען אַן איבעראַשונג. דערפאַר האָבן זיי געמוזט זיך אויפהויבן גאָר הויך, פונוואַנען ס'איז זיי שווער געווען צו טרעפן אין ציל.

נאָר מאַרקס האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. דאָס ערשטע מאָל איז אים אויסגעקומען צו הערן אַזעלכע אָפטע און נאָענטע שאָסן. ציטערנדיק, ווי קיינמאָל נישט, ער האָט זיך געקלאַמערט אין מיר און געבעטן:

— קום צוריק! איך וויל דאָ נישט זיין, כ'האָב מורא!

— וואָס רעדסטו, וואָס, מיין קינד? דאָס שיסן דאָך אונדזערע צו זיי, צו די דייטשן. אָט באַלד וועסטו זען: זיי וועלן אין זיי טרעפן און זיי וועלן אַראָפּפאַלן, ווי די האַלושקעס וועלן זיי פאַלן! — האָב איך אים געפּרוווט באַרואיקן. — באַלד וועלן מיר גיין צו דער באַבען, צו אַלע דיינע פעטערס. דאָ וועט דער דייטש אַזוי נישט בריקעווען, ווי דאָרטן...

צי מיינע רייד האָבן אים באַרואיקט — ווייס איך נישט. צי איז געלונ־גען כאָטש איינעם פון די מערדערס אַראָפּצוואַרפן — בין איך נישט זיכער. אָבער באַלד, ווי די דייטשע עראָפּלאַנען זענען אַנטלאָפן אויף צוריקוועגס, האָב איך זיך שנעל געזעגנט, געכאַפּט דאָס קינד אויף די פּלייצעס און גע־גאַנגען אין דער ריכטונג צו דער בריק. „מילא, וועלן מיר אויך דעם סטיר אַריבערשווימען. אַנטקעגן בוג איז דער טייך — אַ שפּילעכל!" מען האָט עס אָבער נישט געדאַרפט. די קראַסנער בריק איז געווען אומבאַשעדיקט. און מיר זענען איבער איר אַריבער לויפנדיק. אונדזער פעטער אַלטער מאַנדעל־

מאַן האָט געוווינט אויף יענער זייט בריק. זיינע קינדער, שמואליק און אָשר, האָבן אונדז באַמערקט און אויסגעשריגן:

— זעט נאָר, יואליק מיטן קינד! הוראַ, זיי לעבן!

איך האָב צו זיי געפּאַכעט מיט דער האַנט, באַגרוסט, אָבער פאַרהאַלטן זיך האָב איך נישט געוואָלט. דורך דער אונטער־גאַס, דורכן בריקל איבערן אויסגעטרוקנטן טייכל, זענען מיר אַריבער און אין געציילטע מינוטן זענען מיר שוין געווען ביי זיך אין שטוב, ביי מיין מוטער, ביי מיינע ברידער און שוועסטער.

פרייד אין טרערן, אויסגעשרייען און אַ הילכיק כליפּען, האַלדזן און קושן, נאָך צעמישונג און פאַרשטאַרטונג, וואָס האָט געדויערט סעקונדן.

מיין אַלטע מוטער איז געווען נאָענט צו חלשות. אַ קליייניקייט! נאָך אַזעלכע שוואַרצע בשורות און ידיעות אין דער צייטונג — פּאַרט געקומען, אַזש פון אַטוואַצק, ווי פון י ע נ ע ר ו ע ל ט!...

## דער אומגעריכטער נס

אויף אונדזער אומגעריכטן קומען האָט מיין גאָטספאַרכטיקע אַלטע מוטער געקוקט ווי אויף אַ נס מן השמים:

— דער, וואָס לעבט אייביק, האָט אַמאָל ליב זיך אַ שפּיל טאָן מיטן מענטשן, אים אַ פּרווו־טאָן, ער איז אָבער אַ באַרעמהאַרציקער גאָט, וואָס שרעקט, אָבער שטראָפט נישט! — אַזוי האָט מיין מאַמע אין איר גרויסן גלויבן, אויסגעטייטשט אונדזער קומען. זי איז זיכער געווען, אַז אויך מינדעלען וועט גאָט נישט פאַרלאָזן:

— זי איז דאָך אַזאַ גוטע נשמה, דיין מינדעלע! — האָט זי צוגעגעבן.

מיין מאַמען איז מיר לייכטער געווען צו איבערצייגן אין דעם, אַז מינדעלע לעבט. אַ סך שווערער איז מיר אָנגעקומען דאָס צו טאָן מיט מינדעלעס מוטער חיה־רבקה. ווי נאָר איך האָב זיך געזען מיט מייניקע, האָב איך געכאַפּט דאָס קינד און גלייך אַוועק צו מינדעלעס עלטערן. זיי האָבן געוווינט נישט ווייט פון אונדז ביים טייך סטיר צוזאַמען מיט זלמנ׳ס

הויז־געזונט. אונדזער אריינקומען צו זיי, אן מינדעלען, האט דער מוטער ווי פארשטיינערט אינגאנצן. אירע אנגעדראלטע אויגן, וואס האבן אויס־געזען אזוי קליין, האבן זיך אינגאנצן צוגעמאכט און גרויסע טרערן האבן זיך אראפגעקוילערט אויף אירע בלאסע באקן. קיין ווארט איז זי נישט אומשטאנד געווען ארויסצוברענגען. איך ווידער, האב זיך באמיט צו זיין רואיק, האפערדיק און פריילעך און נישט אויפגעהערט צו רעדן מיט איבערצייגונג:

— מינדעלע לעבט! מינדעלע וועט אינגיכן קומען צו אונדז! זי איז נאר פארוואונדעט געווארן און איז אויסער יעדער סכנה. זי האט געפאדערט פון מיר, איך זאל אנטלויפן מיטן קינד.

— די מאמע וועט קומען, די מאמע וועט קומען! — האט מארקס ווי באשטעטיקט מיינע רייד.

צי די באבע האט איצט מער געגלויבט אין דעם קינדס רייד, ווי אין מיינע, צי זי האט געוואלט גלויבן, אז א קינד זאגט קיין ליגן נישט. זיי האבן, ווייזט אויס, געווירקט אויף איר. זי האט א כאפ געטאן דאס קינד אויף די הענט און הילכיק זיך צעכליפעט.

„אז מען וויינט זיך אויס — ווערט לייכטער אויפן הארצן" — האב איך א טראכט געטאן.

— וואס וויינסטו, באבע? איך — א קליינער און וויין נישט!

— פון פרייד ווין איך, טייערינקער, פון פרייד, וואס דו ביזט דא, ביי מיר, דו און דיין טאטע! — האט די באבע אים געוואלט בארואיקן דורך טרערן.

— א יידענע וויינט שטענדיק — האט זיך אנגערופן דער זיידע מאנעס צום קינד.

דער אנקומענדיקער זלמן, מינדעלעס ברודער, האט אונדז שוין גע־טראפן לאכנדיק. אים האט מען שוין נישט געדארפט איבערצייגן, אז זיין שוועסטער איז לעבן געבליבן, כאטש איר לעבן האט געדראט א גרויס געפאר. אויך איצט איז די געפאר נישט אריבער, נאר ער איז אן אלגעמיינער, נישט נאר פאר איר.

— וואס זשע קלערסטו ווייטער צו טאן, יואליק? דער עולם אין

שטאָט איז אומרואיק, מען קלייבט זיך אין וועג אַריין. וווהין לויפט מען? קיין ראַטן־פאַרבאַנד? פאַרשלאָסענע טויערן. קיין רומעניע? די פּאָליאַקן לויפן אַהין. פאַר אונדז, יידן, איז אויך דאָרט קיין אָרט נישטאָ.

זלמן איז געווען אומרואיק, ווי יעדער דענקנדיקער מענטש און ייד אין יענע אומרואיקע צייטן. ער האָט דערציילט וועגן די לעצטע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען פון דער פּוילישער יוגנט, וועגן דער ביטערער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן. וועגן דעם, אַז די פּוילישע פּליטים־רעגירונג איז געווען אין לוצק און איז אויך אַנטלאָפן, וועגן אַן עראָפּלאַן, וואָס האָט זיך ביינאַכט פאַרטשעפּעט אין איינעם פון די קלויסטער־שפּיצן און געבליבן הענגען, נאָר די הרוגים מיט זייערע אוצרות־געלט זענען אַראָפּגעפאַלן.

— עך, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ קרעכץ — מען זאָל קענען קיין ארץ ישראל אַנטלויפן! מען האָט געקענט פאָרן — איז מען געזעסן און געוואַרט, און דערוואַרט זיך...

פון זלמנען האָט אַרויסגערעדט דאָס הארץ פון אַ פּועלי־ציוניסט, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געטרוימט דעם חלום פון שיבת ציון...

דאָס פּראָבלעם: „וואָס טוט מען ווייטער?" איז אַרויפגעשווימען ביי יעדער באַגעגעניש מיט מיינע ברידער, שוואָגערס און חברים. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף אַנטלויפן, אָבער וווהין?

די שטאָט לוצק איז פול געוואָרן מיט פרעמדע, אַנגעלאָפענע פון אַלע פּוילישע שטעט, סיי ווייטע סיי נאָענטע, מידע, פאַרוואָרלאָזטע און הונגעריקע. אין די הונדערטער און אין די טויזנטער, דער מענטשן־שטראָם פליסט אַלץ מער און מער, ווי אַ שניי־קויל, וואָס קוילערט זיך אין פוכיקן שניי און ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. דאָ באַקומען זיי ברויט צו דער זעט, אַ וואַרעמען זופּ און אויך אַ נאַכטלעגער אויף דערווייל. וואָס קומט אָבער אַרויס דערפון, ווען די לאַגע ווערט אַלץ מער האָפענונגסלאָז, ווען אויך די היגע אַליין ווערן אַנגעשטעקט מיטן אימפּעט צו לויפן, נישט וויסנדיק וווהין.

די עלטערע מענטשן געדענקען נאָך די דייטשן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און פּרווון טרייסטן די יונגערע:

— טאָקע דייטשן מיט שטאָלענע קאַסקעס און ביטערע פּנימער, אָבער

קיין חיות זענען זיי נישט. די היגע פוילישע און אוקראַינישע פאַשיסטן זענען דען בעסער ? !

די יונגע לאָזן זיך נישט טרייסטן. זיי ווייסן, וואָס די היטלעריסטן האָבן געטאָן מיט די אייגענע יידן. נישט נאָר אויף זייער האַב און גוטס, נאָר אויף זייער לעבן און אויפן לעבן פון זייערע קינדער און קינדס קינדער לויערן זיי, די איצטיקע דייטשן. זיי ווילן אָבער נישט אָפּלייקענען די רייד פון די עלטערע, זאָלן זיי כאָטש האָפן...

די פרויען טרייבן די מענער אין וועג אַריין. ווענען־ווענען, אָבער יונגע מענער וועלן די פאַשיסטן זיכער נישט שאַנעווען. פרויען, קינדער — אפשר, אָבער מענער ? !

די לאַגע איז אָנגעשטרענגט ביז גאָר. צוזאַמען מיט מיינע פיר ברידער קלייב איך זיך אין וועג אַריין. פאַרשטענדלעך, אַז איך קלער אויך מאַרקסן מיטנעמען מיט זיך. אויף וועמען קען איך אים דאָ איבערלאָזן ?

דער, וואָס טרינקט זיך — כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי, בפרט נאָך, אַז דער מעכטיקער ראַטן־פאַרבאַנד איז ווי אַן אומבאַזיגבאַרע שיף, וואָס איז שוין געפּרווט געוואָרן דורך בוראַנען און שטורמען, נויט און הונגער, אינטערווענצן און ברידער־מלחמות — און זי איז אַרויס די זיגערין. צי וועט די גרויסע מלוכה פון אַרבעטער שטיין פונדערווייטנס און שווייגנדיק צוקוקן ווי די פאַשיסטישע חיה רעה שלינגט איין איין מלוכה נאָך דער צווייטער: עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיי, איצט פוילן, ווערט מעכטיקער און שטאַרקער מיט די פאַרכאַפּטע מאַטעריעלע אוצרות און געווער. וועט זי שווייגן ? צי וועט רוסלאַנד דערלאָזן דעם דייטש זיך צורוקן צו אירע גרענעצן און דראָען מיט דער געפאַר פון אָנפאַל ?

אַזוי פרוּוון יידן זיך אָפּרעדן די אומרואיקע הערצער און זאָגן פאַרויס נביאות, אויף אָפּצוטרייבן פון זיך די שרעק און האָפנונגלאָזיקייט.

— אַ נס ! נאָר אַ נס קען געשען ! ווייניק נסים זענען שוין געשען ?

און דער נס איז טאַקע געשען. דורכן ראַדיאָ האָט דער סאָוויעטישער אויסערן מיניסטער מאָלאָטאָוו געמאָלדן, אַז די רויטע אַרמיי האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבער אירע גרענעצן אויף מערב צו באַפרייען די ברידער פון מערב־אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. ה ו ר אַ !

גערעדט און נאָך פריער געטאָן: אַט יאָגן זיי זיך די באַפרייער אויף מאַשינען און טאַנקן, באַהעלמטע העלדישע יאַטן מיט אויטאָמאַטן אין די הענט און שמייכלען אויף די ליפּן. מענער, ווייבער און קינדער, יונג און אַלט פאַרפלייצן די גאַסן מיט האַרציקע ברכות אויף די מיילער, מיט בונטע בלימען אין די הענט — אַלע, אַלע לויפן זיי אַנטקעגן מיט שיינענ־דיקע פּנימער, מיט אויגן, וואָס גלאַנצן מיט פרייד און האָפנונג. אַ קלייני־קייט — ביים אָפגרונט שוין געשטאַנען, דער טויט האָט געלויערט צוקאַפּנס און דאָ אַזאַ נס!

אַפילו עליע קרוינשטיין, דער שטאָטישער גביר, איז מקבל די באַפרייער מיט אמתער פרייד.

— ר׳ עליע — פּרוּוון אייניקע אַ שפּאַס טאָן — וואָס פרייט איר זיך אַזוי? וואָס זיי וועלן קאָנפיסקירן אייער באַנק און די מויערן? זיי שאַנע־ווען נישט קיין גבירים!

— אמת, איך ווייס עס. אָבער דאָס לעבן? דאָס לעבן וועט מיר בלייבן. איר ווייסט דאָך בעסער פון מיר, אַז אַן מויערן קען מען אויך לעבן! — אַזוי האָט ער געענטפערט די ליצנים.

מיר האָבן באַוואונדערט די טאַנקן, די מאָטאָריזירונג פון דער סאָוויע־טישער אַרמיי און אַממערסטן די רויט־אַרמייער: אַזעלכע היימישע און האַרציקע, אַן פּאָניעס גראָבקייט און אָן דרייגאָרנדיקע קללות, אַזאַ העפלעכע, קולטורעלע באַנעמונג! ממש צו באַוואונדערן!

איך האַלט מיין מאַרקסן אויף די הענט, ער רייסט זיך צו זיי, צו די זעלנער, ווי צו אייגענע.

זיי פאָרן, די רויטאַרמייער, אין דער ריכטונג צו קראָסנע. ווי גוט איז וואָס די בריק איז גאַנץ געבליבן. די דייטשן איז נישט געלונגען זי אויפצורייסן, כאָטש זיי האָבן אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט. ווּ זענען זיי איצט — די דייטשע פליער? העלדן זענען זיי קעגן אומבאַשיצטע ציווילע מענטשן אויף די וועגן, אָבער קעגן דער רויטער אַרמיי?

ווער האָט זיך דאַן געקענט פאַרשטעלן און גלויבן, אַז דער דאָזיקער רומפולער מאַרש פון דער רויטער אַרמיי איז אַ רעזולטאַט פון אַן אָפּמאַך צווישן היטלערן און סטאַלינען צו צעטיילן די פּוילישע מלוכה?!

מיר זענען געווען פאַרשיכורט פון אומגעריכטן נס, וואָס האָט אונדז פאַרזיכערט אונדזער לעבן.

די יידן — די סוחרים זענען גרייט געווען אַריינצוטראָגן די שליסלען פון זייערע געוועלבער צום מיליטערישן שטאָט־קאָמענדאַנט, מיט אַ ביטע דערצו: „זייט איר די באַלעבאַטים! גיט אונדז נאָר אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן און אַרנטלעך פאַרדינען אויפן לעבן פאַר זיך, ווייב און קינדער״.

אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן. דער קאָמענדאַנט אָבער האָט זיי אָנגעקוקט מיט נאַיווע אויגן, פול מיט פאַרוווּנדערונג:

— וואָס מיינט איר, בירגער, זענען מיר? ר ו י ב ע ר? מיר זענען געקומען אייך באַפרייען פון היטלערן, אָבער נישט באַרויבן. עפנט אייערע קראָמען, פאַרקויפט און לייזט געלט. רעכנט דעם סאָוויעטישן „טשערוואָ־ניעץ״ ווי די פוילישע 10 זלאָטעס. נאָר נישט ספּעקולירן! דאָס איז ביי אונדז נישט דערלויבט.

ס'איז אָוועק אַ גאַנג: די שטאָט האָט ווייטער אויפגעלעבט. די געוועל־בער זענען פול געווען מיט סחורה, אמת, נישט קיין אייגענע, נאָר גענומענע אויף באָרג, אויף וועקסלען, אָבער ווו זענען די וועקסל־מאָנער? ערגעץ אין וואַרשע, לאָדזש, אָדער ביאַליסטאָק. די פּויערים פון די דערפער האָבן אָנגעהויבן אַריינפירן אין שטאָט אַריין פּראָדוקטן. קיין מזומן־געלט איז ביים פּויער קיינמאָל נישט געווען און קויפן פאַר זיך אָנטאָן, שיכוואַרג און בוי־מאַטעריאַלן האָט ער באַדאַרפט — האָט ער געמוזט אַרויספירן אויפן מאַרק: אייער, הינער, מילך און פּוטער. די סאָוויעטישע אַרמיי איז פאַרויסגעגאַנגען. עס זענען אָנגעקומען אַ סך אָנגעשטעלטע פון דער ניי־געשאַפענער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט, אייניקע מיט זייערע ווייבער און קינדער. זיי זענען עס געווען די גרעסטע אָפּנעמער אויף די מערק און אין די געוועלבער. געזאָגט האָט מען, אַז זיי באַקומען טאָפּלטן לוין: אין די סאָוויעטישע געלטער און אין דער פּוילישער וואַלוטע, וואָס איז פאַרבליבן זייער אַ סך אין די בענק. קליידער, העמדער פלעגן זיי קויפן אין די טוצן, טענהנדיק דערביי, אַז „ביי אונדז איז אַלץ פאַראַן און אַ סך ביליקער״.

ווי עס זאָל נישט זיין, נאָר די סוחרים האָבן געוואָלט וואָס גיכער

פטור ווערן פון זייערע קראָמען. אייניקע פון די סאָוויעטישע מיליטער־לייט, פון דער אַדמיניסטראַציע, האָבן שטילערהייט געוואָרנט זייערע באַקאַנטע:

— ביי אונדז זענען פאַראַן בלויז פּראָלעטאַריער, אָדער אַנגעשטעלטע. אַפילו קליינע הענדלער דולדעט מען נישט...

מיינע ברידער האָבן באַשלאָסן אויסצופאַרקויפן ביז ניי־יאָר די גאַנצע סחורה פון זייערע געוועלבער און צוטרעטן שאַפן צוזאַמען מיט אַ גרע־סערער גרופּע שניידער אַ קאָאָפּעראַטיוו צו נייען קליידער, אויבער־מלבושים און קינדערישע אַנצוגן.

אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך דער באַפרייאונג, איז אָנגעקומען דער סאָוויעטישער אַנסאַמבל פון געזאַנג און טענץ אונטער דער אָנפירונג פונעם דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר אַלעקסאַנדראָוו. בלויז מענער אין מילי־טערישע מונדירן, אין גלאַנציקע שטיוול מיט נידעריקע כאַלעוועס. וועגן זייער אַרויסטריט אין שטאָטישן טעאַטער האָבן מיר זיך דערוווּסט פון מויל צו מויל, אַפילו אַפישן זענען אין שטאָט נישט צעהאַנגען געוואָרן. דאָך איז דער טעאַטער געווען פול איבער די ברעגעס. עס איז געווען ניי און אויסטערליש: מלחמה־צייט, טויט־געפאַרן און דאָ טעאַטער, געזאַנג און טענץ. אין זאַל זענען געווען ווייניק מיליטערלייט, זיי האָבן ווי אָפּ־געטרעטן זייערע ערטער דער באַפרייטער באַפעלקערונג, בלויז די בינע איז פול געווען מיט מיליטערלייט. דער דאַזיקער צוגאָב צו דער באַפריי־אונג האָט געוואַרעמט די מענטשלעכע הערצער, געמאַכט שמייכלען די ליפּן און אויפגעשיינט די אויגן. דער מאַסן־כאָר זינגט, דאָס וווּנדערבאַרע געזאַנג לעבט אין אַלע זייערע רמ״ח איברים, די קלאַנגען, די טרעלן, די הויכע ווערטער קוילערן זיך ווי די כוואַליעס אין אַ שטורמישן ים.

„ברייט איז עס — מיין אייגן לאַנד!...
איבערפולט מיט וועלדער, פעלדער, טייכן...״

שוין לאַנג און אפשר נאָך קיינמאָל אַזוינס נישט געהערט. טרערן פון פרייד און געריריטקייט קען מען זען אין אַ סך אויגן פון די צושויער. אָט זיצט נעבן מיר יצחק שטערנפעלד, דער פילבאַרער יודע־ניגון און

וויינט שטיל, ווי אַ קינד, מיר האָט זיך אויך געשטעלט אַ קנויל אין האַלדז, נישט אַראָפּצושלינגען אים:

„פאַרוואָס קומט איר נישט, מיין מינדעלען, אָט דער תענוג?" — לויפט מיר דורך אין מוח דער געדאַנק. ווו איז זי איצט? צי האָט זי כאָטש אַ פּיצל ברויט דאָס חיות צו דערהאַלטן?

„קאַלינקאַ, קאַלינקאַ, קאַלינקאַ, מיינע..."

זינגט ווייטער דער כאָר. אין האַרצן זינגען אַלע מיט שטיל, אָן קלאַנגען. ווער געדענקט נישט דאָס פּשוטע פאָלקס־ליד? איצט באַקומט עס זיך גאָר אַנדערש, אַזוי שפּילעוודיק זיס.

נישט קיין רעצענזיע וויל איך איצט שרייבן וועגן דאָזיקן קאָנצערט, וואָס איז געווען אַן אויסדרוק פון העכסטער קונסט, נאָר וועגן די צוהערער, וועגן זיך זעלבסט, וואָס דער קאָנצערט האָט ווי אַריינגעבלאָזן אַ נשמה יתירה, דערוועקט דורך ארץ און ליבע צו די באַפרייער, אַ סימן — אונדזער אַרויסקריכן פון דער הויט, אונדזער קלאַפּן, אויסרופן, אונדזערע דאַנקבאַרע בליקן, אונדזער האַרציקע נאָענטקייט צו זיי אַלע.

נישט בלויז אונדז האָבן זיי באַפרייט. אויך אַ סך פון אונדזערע חברים, ווי מאַטיע אָקס, קיבריק און אַנדערע, וואָס האָבן זיך געמאַטערט יאָרן־לאַנג אין די טורמעס און אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קאַרטוז־בערעזע. זיי, די באַפרייטע, זענען איצט געוואָרן דער שטאָטישער אַקטיוו פון דער סאָוויעטישער מאַכט. זיי האָבן דעם אַקטיוו פאַרגרעסערט און פאַרברייטערט, צוציענדיק זייערע געוועזענע חברים צו מיטאַרבעט. אויך מיך האָבן זיי אַריינגענומען צו זיך אין אַקטיוו. באַלד האָב איך באַקומען אַ קאָנקרעטע אויפגאַבע אויסצופירן, נעמלעך, צו קאָנפיסקירן ביי דער באַפעלקערונג די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן.

אָט די נייע פאַראָרדענונג האָט אַפילו אַרויסגערופן ביי אַ סך פאַר־וווּנדערונג און זאָרג, אָבער אַז מען דאַרף — מוז מען. במשך פון עטלעכע טעג זענען אָנגעטראָגן געוואָרן אין דער געביידע פון דער וואָיעוואָדשאַפט טויזנטער ראַדיאָ־אַפּאַראַטן פון אַלע אויסלענדישע פירמעס, אָנהויבנדיק פון אייגנהענטיקע דעטעקטאָרס ביז די פּילאָמפּנדיקע פיליפּס־אַפּאַראַטן.

איך האָב געאַרבעט צוזאַמען מיט נאָך פופצן מיטהעלפער און קוים באַוויזן זיך אָן עצה צו געבן. ערשט שפעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז געווען אַ „טעות", מען האָט געדאַרפט קאָנפיסקירן בלויז די ראַדיאָ־מכשירים, וואָס דינען אויף אָנצוגעבן אוידיציעס און אַזעלכע זענען געווען בלויז צוויי, אָדער דריי, נישט מער. פאַרפאַלן! צוריקקערן האָט דער קאָמענדאַנט נישט געהייסן.

— נשקשה, מיט דער צייט וועלן מיר פאַר אַלעמען אַריינפירן ראַדיאָ־פונקטן — האָט ער אונדז געטרייסט — פון צופיל הערן קען מען קלוגער נישט ווערן — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ געלעכטער. מיר האָט ער פונ־דעסטוועגן דערלויבט צוריקנעמען מיין פינפלאַמפנדיקן „טונגסראַם", וואָס מיין ברודער האָט מיר געשענקט.

מיין צווייטע אַרבעט איז געווען אַ פיל ערנסטערע און אַ שווערע. מען האָט מיך באַשטימט אַלס באַפולמעכטיקן איבער די „בעזשענצעס" — אַנטלאָפענע, וואָס האָבן זיך אין שטאָט געמערט, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. זייער גורל איז מיר געווען נאָענט, ענערגיע און אַרבעטזאַמקייט האָב איך פאַרמאָגט גענוג. איצט איז געבליבן די ענערגיע און איניציאַטיוו פאַר־וואַנדלען אין טאָט לטובת די אומגליקלעכע. וואָס מער אַרבעט — איז בעסער — האָב איך ביי זיך געטראַכט. זאָל נישט זיין קיין צייט צו טראַכטן און קלאָגן אויף דעם ביטערן גורל פון דיין ווייב. דאָס קינד איז באַזאָרגט.ביידע באַבעס ווילן אים צו זיך. ער איז אַ קינד — ער פילט זיך גוט. צי טראַכט ער אויך וועגן דער מאַמען? ווער ווייסט? אין זיין אַנוועזנהייט ווערט נישט דערמאָנט איר נאָמען. אויך ער דערמאָנט זי נישט. אַ קינד איז נאָר צו מקנא זיין!

## דאָס פליטים־פּראָבלעם אין לויצק

די צאָל פליטים אין שטאָט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. אַ גרעסערע צאָל מענער, ווייניקער גאַנצע משפחות, מערסטנס יידן. עמעץ האָט געמוזט זאָרגן פאַר זיי, געבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ קאַרגן ביסן שפייז אין

מויל אַריין. מאַטי אָקס האָט זיך פאַרנומען מיט דער אַלגעמיינער סאָציאַלער הילף, איך — בלויז מיט די אַנגעלאָפענע. קיין ספּעציעלע געלט־פאָנדן זענען דערווייל נישט אויסגעטיילט געוואָרן. האָב איך געמוזט זיי זוכן און געפונען אויף דער אייגענער האַנט. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז איינער אַן אינזשיניער, אַ מיטאַרבעטער פון דער לויצקער שטאָט־פאַרוואַלטונג, האָט געזאָלט אָנפירן מיט די „ביעזשענצעס" און געהאַט דערצו געוויסע געלט־מיטלען. צו אים בין איך אַוועק אין דער באַגלייטונג פון אַ באַוואָפנטן רויט־אַרמייער. ער איז געוואָרן בלאַס, דערשראָקן פון דעם אומגעריכטן וויזיט. — נאַ באַגאַ! — האָט ער זיך געשוווירן, אַז ער האָט בלויז אַכצן טויזנט זלאָטעס פון דעם פּוילישן הילפס־קאָמיטעט. ער איז זיי גרייט איבערצוגעבן דער סאָוויעטישער מאַכט. אַ קרעכצנדיקער איז ער מיטגע־גאַנגען מיט אונדז צום מיליטערישן שטאָט־קאָמענדאַנט. דאָרט האָט ער באַקומען אַ קבלה אויף די געלטער און איז אָפּגעשיקט געוואָרן אַהיים. ער האָט זיך גאַרנישט געריכט, אַז די באַלשעוויקעס וועלן זיך אַזוי פיין באַגיין מיט אים — אַ פּאַליאַק און אַ מלוכה־אָנגעשטעלטן דערצו. „דזיענקויען" — ער האָט געדאַנקט פאַרן חסד און אויפן פּוילישן מאַניער נידעריק געבויגן דעם קאָפּ. די פולע סומע געלט האָב איך באַקומען — דער ערשטער פאָנד פאַר די פּליטים.

דעם זעלבן טאָג האָב איך מיט דער הילף פון אַן אָרטיקן בחור, צאַליע בערגער, אַ פּיפּיקן סוחר, איינגעקויפט פאַרן גאַנצן געלט פּראָדוקטן, לויט די ביליקע פּוילישע פּרייזן: צוקער צו זלאָטע פאַר אַ קילאָ, הירזש, רייז, פּערלגרויפּן, אַפילו זאַלץ. אין דער געביידע פון דער יידישער קהילה האָבן מיר געעפנט אַ סקלאַד און אַלץ דאָרט אָפּגעלייגט. דאָרט האָבן מיר געעפנט די ערשטע קיך פאַר די, וואָס נויטיקן זיך אין אַ וואַרעמען לעפל געקעכץ.

מיט נאַכטלעגער האָבן מיר באַזאָרגט די פּליטים, ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט: אין אַלע שטאָטישע האָטעלן און איינפאַר־הייזער האָבן מיר פאַרנומען אַ העלפט פון אַלע ערטער, שפּעטער אַפילו מער פון אַ העלפט. דאָס גאַנצע הויז פון ד״ר אַבראַמסקי האָט פאַרנומען אַ גרויסע גרופּע פּוילישע אַרבעטער פון איין פאַבריק אויף פּראַגע־וואַרשע. עס איז געווען

אַ מוסטער־גרופּע דיסציפּלינירטע פּליטים, וואָס האָט אַליין אויסגעוויילט איר אָנפירונג, אַליין אויסגעפירט אַלע נויטיקע פונקציעס, ווי קאָכן, וואַשן און אָפּהיטן די נויטיקע ריינקייט.

אַ צווייטע גרופּע יידישע בעלי־מלאכות פון כעלם, וואָס האָבן אַפילו מיטגעבראַכט, ווי אַ הייליקע רעליקוויע, אַן אָפּגעבליאַקעוועטע רויטע פאָן, נאָך פונעם 1905 יאָר, האָבן זיך אויך געהאַלטן צוזאַמען. כמעט אַלע האָבן איבערגעלאָזט אין דער היים זייערע ווייבער און קינדער. זיי האָבן נישט געוואָלט אָנקומען צו קצבה, זיי האָבן געוואָלט אַרבעטן און פאַרדינען. אָבער בלויז איינצעלנע האָבן געפונען אַרבעט אויף דערווייל, גאָר ווייניק פאַרדינט, אָבער זייערע פאַרדינסטן זענען דאָך אַריינגעפלאָסן אין דער אַלגעמיינער קאַסע.

אַ גרויסער טייל פון די פּליטים האָט זיך איינגעאָרדנט ביי די אייגענע, קרובים און באַקאַנטע, ס'איז אָבער אַלץ געווען ווייניק. מען האָט געמוזט אָנקומען צו די בתי מדרשים. דער קאָמענדאַנט האָט שטרענג פאַרווערט צו פאַרכאַפּן די „ערטער פון רעליגיעזן קולט" אויף נאַכט־לעגער פאַר די פּליטים, סיידן די מתפּללים אַליין זאָלן מיט אַ גרויסער מערהייט וועגן דעם באַשליסן און געבן זייער הסכּמה דערויף שריפטלעך מיט אייגנהענטיקע חתימות. עס איז געווען אַ לאַנגע און שווערע פּראָצעדור — מיר האָבן אָבער קיין ברירה נישט געהאַט, ווייל די צאָל נויטבאַדערפטיקע איז גע־וואַקסן פון טאָג צו טאָג.

אויך די איינגעקויפטע פּראָדוקטן האָבן אויף לאַנג נישט געקלעקט. מען האָט געמוזט עפּעס נאָך עטלעכע קיכן. ווו נעמט מען געלט?

מיר איז איינגעפאַלן צו מאַכן אַ פּרווו — אפשר וועט געלינגען. איך האָב צונויפגערופן אין הויז פון דעם שטאָטישן ראַבינער משה גליקליך אַ 4 — 5 לויצקער גרויסע גבירים און סוחרים, איך האָב געשילדערט פאַר זיי די דחקות פון די יידישע פּליטים און גערופן זיי, ווי יידן בני רחמנים, צו שאַפן אַ גרעסערע סומע געלט. איך האָב געוווסט, אַז סיי זיי, סיי אַנדערע סוחרים, פאַרמאָגן אַ סך געלט, וואָס זיי לייזן אָפּ טאָג־טעגלעך פאַר פרעמדע סחורות. פאַרוואָס זשע זאָלן זיי נישט העלפן די נויטבאַדערפטיקע? דער אָפּרוף איז געווען אַ יידישער: אדרבה, פאַרוואָס נישט?

דער דערפאָלג איז געווען אַ געזיכערטער, דאָך האָט מיר מאָטי אָקס געראָטן פריער זיך צו פאַרשטענדיקן וועגן דעם מיטן מיליטערישן שטאָט־קאָמענדאַנט.

— וואָס ? אַ קאָנטריבוציע ווילסטו אויף דער באַפעלקערונג אַרויפ־לייגן ? מיר זענען געקומען באַפרייען און נישט קאָנטריבוציעס אַרויפלייגן !

— דאָס איז געווען זיין ענטפער אין אַ האַלב ערנסטן טאָן. איך בין שוין גרייט געווען זיך אָפּצוזאָגן פון דער „אידעע", כאָטש קיין אַנדער אויסוועג איז נישט געווען.

— פאַרפאַלן, האָסט אָנגעהויבן — מוזטו ענדיקן. אָבער אָן שום צוואַנג ! ווײ וועט זיין צו דיר, אויב עמיצער וועט זיך קלאָגן אויף דיר. דו פאַרשטייסט ? !

איך האָב גענומען אַ גרעסערע סומע געלט אָן שום קבלה און אָן שום צוואַנג. אונדזערע פּראָדוקטן־זאַפּאַסן זענען פאַרפולט געוואָרן, די זעלבסט־שטענדיקע גרופּן האָבן אויך באַקומען הילף, אין געלט און פּראָדוקטן. אַ סך פון די פּליטים, וואָס האָבן געוואָלט אַריבערפאָרן אויף אַנדערע וווין־ערטער, צו זייערע קרובים, האָבן באַקומען צדה לדרך. איך האָב אַפילו געהאַט רעכט אַרויסצוגעבן אַ געוויסע צאָל אומזיסטיקע באַן־בילעטן אין די נאָענטע שטעט, ווי ראָוונע, קאָוועל און לודמיר.

די אַרבעט האָט מיך איינגעשלונגען אינגאַנצן. איך האָב זעלטן זיך געזען מיטן קינד. ווען איך בין געקומען אַהיים, איז ער שוין געשלאָפן. ווען איך בין אַוועק צו דער אַרבעט, איז ער נאָך געשלאָפן.

פון די אַרבעטער, וואָס זענען געקומען פון וואַרשע־פּראַגע, האָב איך אָפּגענומען ביטערע גרוסן : דער שפּיטאָל „פּזשעמיעניעניע פּאַנסקיע", וווּ מיין מינדעלע איז געלעגן, איז פולקאָם פאַרברענט געוואָרן דורך די דייטשן. זעלטן וועמען עס איז געלונגען זיך צו ראַטעווען...

די אַרבעט פאַרכלינעט מיר אינגאַנצן און לאָזט מיר נישט טראַכטן, דאָך פאַרגעס איך נישט אין מיין ווייב און פאַרליר נישט די האָפנונג.

„זי איז אומבאַרירלעך, דיין מינדעלע !" עקבערט מיר אין מוח אַן עקשנותדיקער געדאַנק.

צו מיר קומען אַ סך פון „צענטאָס״: אינע, די פּסיכאָלאָגין, גוטעס מאַן, וואָס האָט זי פאַרלאָזט צוזאַמען מיט איר פּאָרל, קינדער פון „צענטאָס״: אַבראַמאַוויטש, שמואלס ליבלינג, מיין קוליאַווסקי און אַנדערע. קיין סך צייט מיט זיי צו שמועסן האָב איך נישט. עס וואַרטן אַנדערע אין דער ריי, דאָך דערוויס איך זיך אָפּגעהאַקטע עפּיזאָדן וועגן קלמן ליסן, וועגן האַרענשטיינען, וועגן אייניקע פון מיינע קינדער. מיט וואָס איך קען נאָר, העלף איך זיי אַרויס. אייניקע פון די קינדער בעטן באַן־בילעטן קיין קאָוועל, אָדער לודמיר. זיי ווילן זיין נענטער צו דער גרענעץ. זיי האָפן און טרוימען אַלץ וועגן אַטוואַצק. אַפילו איצט זענען זיי מער הפקר ביי זיך פון אַנדערע, זיי ווילן שמוגלען די גרענעץ.

אַ סך פון די פּליטים וואָלטן בעלנים געווען צו פאָרן טיפער קיין ראַטן־פאַרבאַנד, קיין זשיטאָמיר, קיין קיעוו, קיין כאַרקאָוו. איז אָבער די פריערדיקע גרענעץ פאַרשלאָסן. אַן אַ „פּראָפּוסק״ קען מען זיך נישט אַריבערכאַפּן. ווער זשע קען באַקומען אַ „פּראָפּוסק״?

דערווייל זענען מיר נאָך נישט פאַררעכנט אַלס סאָוויעטישע בירגער. פריער דאַרף מען אַדורכפירן וואַלן אין דער לעמבערגער הויכער פאַרזאַמלונג, דאָרט וועלן די אויסגעווײלטע זיך אַרויסזאָגן, צי ווילן זיי זיך פאַראייניקן מיט דער גרויסער סאָוויעטישער אוקראַינע. אויב יאָ, וועט אַדורכגעפירט ווערן אַ פּערזענלעכע פּאַספּאָרטיזאַציע און ערשט דאַן וועלן מיר ווערן סאָוויעטישע בירגער מיט אַלע פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט.

דער פּעריאָד פון גרייטן זיך צו די וואַלן האָט זיך אָנגעהויבן. עס זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן די ווײלער־ליסטעס, סיי פון דער לויצקער באַפעלקערונג, סיי פון די פּליטים. עס זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן די קאַנדידאַטן, פאַר וועמען מען דאַרף ווײלן.

פאַרשטענדלעך, אַז די קאַנדידאַטן זענען זיכערע מענטשן, פון די געוועזענע פּוילישע קאָמוניסטן, וואָס זענען גערודפט געווען דורך דער פּוילישער דעפענסיווע אָדער אַפילו אָפּגעזעסן לאַנגע יאָרן אין די טורמעס און אין לאַגער „קאַרטוז־בערעזע״. צווישן די קאַנדידאַטן האָבן אויך פיגורירט מיינע חברים: קיבריק און אָקס. די וואַל־קאַמפּאַניע איז געווען אין פולן גאַנג. הונדערטער אַגיטאַטאָרן און איך איינער פון זיי זענען אַרומגע־

גאַנגען אין באַשטימטע שטוב־קרייזן און אַדורכגעפירט זייער פּלאַמיקע אַגיטאַציע, די קאַנדידאַטן אַליין זענען אַרויסגעטרעטן מיט רעדעס פאַר גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען. די שטאַט האָט געברויזט און געקאָכט, ווי אַ קעסל, כאָטש קיין אָפּאָזיציע־רעדנער אָדער נישט קיין זיכערע קאַנדידאַטן זענען נישט געווען. עס איז געגאַנגען אין דעם, אַז די וואַלן זאָלן דינען פאַר אַ וויכטיקער פּאָליטישער לעקציע לטובת דעם ראַטן־פאַרבאַנד און זיין פּאָליטיק. דער הייליקער נאָמען „סטאַלין" איז נישט אַראָפּ פון די ליפּן, ביי יעדן מאָל אָנרופן זיין נאָמען פלעגן אויסברעכן הילכיקע לאַנג־דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן, אַלע פלעגן זיך אויפשטעלן דערביי. פאַר אונדז „זאַפּאַדניקעס" איז דאָס געווען אויסטערליש ביי — האָט מען עס געמוזט אויסלערנען און איבערחזרן...

דערוויל זענען די דעמאָקראַטישע פּריוואַטע־פּרינציפּן אָפּגעהיט געוואָרן. די קרעמער האָבן געלייזט געלט, געזאַמלט פולע בייטלען, אַפילו זעק. די סחורה־זאַפּאַסן זענען אַלץ קלענער געוואָרן, נאָר קיינעם האָט עס נישט געאַרט. אַלץ איז צייטווייליק, אַפילו דער ווערט פונעם געלט איז נישט געזיכערט. דער עיקר — די רויטע אַרמיי רוקט זיך פאָרויס, זי דערגרייט שוין ביז צו דער סאַמע ווייסל. מען זאָגט, אַז פּראָגע געפינט זיך שוין אין די סאָוויעטישע הענט. טויזנטער פון די פּליטים ווילן שוין פאָרן אַהיים, צו זייערע ווייבער און קינדער, איבערהויפּט די פּאָליאַקן. מיר ווערט דערלויבט צו פאַרמירן דעם ערשטן טראַנספּאָרט.

פאַר די „פּאָליטישע", וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פון די טורמעס, באַקומען מיר אַ ספּעציעלן פולמאַן־וואַגאָן, פאַר די רעשט פּליטים — פּראַכט־וואַגאָנען. דער ערשטער וואַגאָן איז באַפּוצט געוואָרן מיט רויטע טראַנס־פּאַרענטן: „פאַר אַ פריי סאָוויעטיש פּוילן", „זאָל לעבן דער פאָטער פון אַלע פעלקער — סטאַלין!" א.א.

ווי די בינען אין אַ בינשטאָק, האָבן געברויזט די וואָס האָבן באַדאַרפט אָפּפאָרן צוריק אַהיים אין דער ערשטער ריי. מיט הילכיקע געזאַנגען „מאָסקוואַ מאַיאַ" און „אינטערנאַציאָנאַל" זענען זיי אָפּגעפאָרן פון לויצקער וואָקזאַל. מיין האַרץ האָט זיך געפרייט אין דער אַלגעמיינער פרייד פון די אָפּפאָרנדיקע.

וואָס קומט אָבער אַרויס פון אַזאַ אָפּפּאָרן, ווען אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר זיך דערוווּסט דורכן ראַדיאָ פון מאָסקווע, אַז צווישן היטלער־דייטשלאַנד און ראַטן־פאַרבאַנד איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַ פריינד־שאַפט־אָפּמאַך און לויט אים וועט גאָר דער בוג דינען פאַר דער דעמאַרקאַ־ציאָנס־ליניע צווישןביידע מלוכות, נישט די ווייסל. און די פּליטים, וואָס זענען אָפּגעפאָרן, זענען שוין זיכער דאָ געווען אויף דער צווייטער זייט פון בוג.

צווישן פאָלק זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען וועגן „פריינדשאַפט־אָפּמאַך". די רוסן זאָלן האָבן באָמבאַרדירט אַ גרויסן טייל פון דער דייטשער אַרמיי הינטער כעלם. פאַר בערלין האָט זיך מאָלאָטאָוו, דער אויסערן מי־ניסטער, פאַרענטפערט, אַז דאָס איז געשען צוליב אַ טעות, ווייל די אָנפירער האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט אַ קאָנצענטראַציע פון דער פוי־לישער אַרמיי. דער איבערבעטונגס־אַקט האָט זיך דעריבער פאַרענדיקט מיט אַ „פריינדשאַפט־אָפּמאַך" און מיטן אָפּטרעטן צוריק ביזן בוג.

נאָך פאַר די וואַלן אין דער לעמבערגער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, איז געשען אַ פרישער אומגליק: אונדזער חבר קיבריק, וואָס איז געווען איינער פון די קאַנדידאַטן, איז אַרויסגעפאָרן אין אַן אויטאָ קיין דובנע און מען האָט אים געבראַכט צוריק קיין לוציק מיט אַ צעשפּאָלטענעם שאַרבן, אַ טויטן. מען האָט דערציילט, אַז זיין אויטאָ איז אַנטקעגן אָנגעפאָרן אַן אַנדער אויטאָ מיט דער פולער ליכט, וואָס האָט אינגאַנצן פאַרבלענדט די אויגן פונעם שאָפער. ער איז אַראָפּ אין אַ זייט און אָנגעשלאָגן זיך אין אַ בוים. קיבריק איז אַרויסגעפאַלן פון אויטאָ און פונעם קלאַפּ אין בוים איז ער דערהרגעט געוואָרן, אין פולן בלי און וווּקס פון זיין יונגן לעבן. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אין גרויסן טרויער, האָבן מיר אים באַגלייט אויף זיין לעצטן וועג, ביי דער באַגלייטונג פון דעם מיליטערישן אָר־קעסטער, וואָס האָט גאָר־שטיל געשפּילט דעם רעוואָלוציאָנערן טרויער־מאַרש: איר זענט געפאַלן קרבנות... אַזוי טרויעריק האָט פאַרענדיקט זיין לעבן דער לעצטער פון דער רעוואָלוציאָנערער משפּחה קיבריק. צוויי ברידער און צוויי שוועסטער — אין קאַמף מיט די פּעטליורישע באַנדעס,

דער פּאַטער — אויף דער אייגנהענטיקער תליה, איצט ער — דער לעצטער...

מיט אַן ענלעכן טויט איז מיט יאָרן שפּעטער געהרגעט געוואָרן אונטער מינסק דער גרויסער יידישער אַקטיאָר און עסקן מיכאָעלס. צי וואָרפט נישט דער פאַל קיין שיין אויך אויף דעם אומגליקלעכן פּאַרפאַל ? !

אויף די וואַלן האָט קיבריקס טויט קיין ווירקונג נישט געהאַט. אין דעם באַשטימטן טאָג האָבן מיר געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט אין וואַל־באַצירק. איך בין געווען דער וויצע־פּאַרזיצער פון וואַל־באַצירק, וואָס האָט זיך געפונען אין דער שול־געביידע ביי דער דייטשער קירכע. אַלס פאַרזיצערין איז באַשטימט געוואָרן אַ פרוי, אַ מיליטערישער דאָקטאָר. אַרום 6 אינדער־פרי האָב איך באַדאַרפט דער ערשטער אויפנעמען די חשובע וויילער, אַרויסגעבן זיי די וואַל־ביולעטינען.

עס איז פּינקטלעך זעקס. ביי דער טיר וואַרט שוין אַ ריי מיט וויילער. די פאַרזיצערין באַגריסט אַלעמען: „ס׳פּראַזדניקאָם ! אַ גוט יום טוב ! לויט סטאַלינס קאָנסטיטוציע, וואָס איז די דעמאָקראַטישסטע אין דער וועלט, גייען היינט די פרייע בירגער צו די וואַלן, כדי אויסצוויילן די בעסטע זין, וואָס דאַרפן אין לעמבערגער גרויס־פּאַרזאַמלונג דעצידירן וועגן אייער גורל. שטימט און זייט מצליח !"

די וואַלן האָבן זיך אָנגעהויבן יומטובדיק. איינער נאָכן אַנדערן גייען אַריין און באַקומען פון מיר די וואַל־ביולעטינען און גייען אַריבער ווייטער צו די אורנעס. איינער פון די ערשטע קומט צו זלמן עלבירטס פּאַטער:

— מזל טוב דיר, יואליק ! — זאָגט ער צו מיר שטיל אויף יידיש — מיין זון זלמן מיט זאָסקען זענען געקומען אינמיטן דער נאַכט צו פאָרן. זיי האָבן פאַר דיר געבראַכט אַ לעבעדיקן גרוס פון דיין ווייב !

עס האָט מיר פאַרפעלט אָטעם. דאָס האַרץ האָט זיך ווי אָפּגעשטעלט פון די צוויי איבעראַשנדיקע ידיעות: זלמן איז דאָ... מינדעלע לעבט !

איך האָב זיך קוים באַהערשט מיטן איבערפלוס פון מיינע געפילן, וואָס האָבן געפאָדערט אַן אויסדרוק פאַר דער אויסערגעוויינלעכער פרייד, וואָס האָט מיך אינגאַנצן באַהערשט. איך האָב אַ רוף געטאָן די פאַרזיצערין און

געבעטן מיך צו פאַרטרעטן. איך וועל איר שפּעטער דערציילן די סיבה. און איך בין אַוועק...

עלבירטס דירה איז גאָר נאָענט געווען, אין איין אויגנבליק בין איך שוין געווען ביי זיי און אויפגעוועקט זיי ביידע, זלמנען און זאָסקען פון שלאָף. מיט טרערן אין די אויגן האָב איך זיי געקושט און געפילט זיך איבערגליקלעך, ווען זאָסקע האָט מיר דערציילט:

— מינגאַ איז אין „צענטאָס" אין אָטוואָצק. זי טראָגט נאָך דעם גיפּס אויפן פוס און קען נאָך נישט גיין.

נישט אויסהערנדיק די פרייטלעכע בשורה ביזן סוף, ביז איך אַנטלאָפן אַנזאָגן די בשורה מינדעלעס עלטערן און מיין מאַמען, ברידער און שוועס־טער. איך בין געלאָפן, ווי אַ טאַנצנדיקער הירש. די בשורה האָט דערפרייט אַלעמען, כאָטש איך האָב זיי אויפגעוועקט פון שלאָף. אויך מאַרקסן האָב איך נישט געזשאַלעוועט.

— זונעלע, דיין מאַמע לעבט און איז געזונט. אינגיכן וועט זי קומען!

— אוודאי וועט זי קומען. כ'ווייס! — האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט זיכערקייט און פרייד. פון דאַנקבאַרקייט פאַר דער גוטער בשורה האָט מאַרקס מיך אַרומגעכאַפּט און לאַנג, לאַנג געקושט...

# וואַקלענישן

די ראַטן־מאַכט איז געגאַנגען פאָרויס, לויטן אָנגעצייכנטן פּלאַן. די וואַלן צו דער הויכער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין לעמבערג איז אַדורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג. אמת, די באַטייליקונג פון די וואַל־באַרעכ־טיקטע איז נישט געווען קיין הונדערט פּראָצענטיקע, ווי שטענדיק ביי די וואַלן אין ראַטן־פאַרבאַנד. אויך דאָס איז געווען פאָרויסגעזען: עס באַ־טייליקן זיך בירגער, וואָס זענען געווינט צו דער בורזשואַזער דעמאָקראַ־טיע, דערצו נישט וויניק פּליטים, וואָס פילן זיך ווי אויף אַ פרעמדער, צופעליקער פור. זיי ציטערן, אַז מיטן באַטייליקן זיך אין די וואַלן פאַר־

פליכטן זיי זיך דאָ שוין צו בלייבן אויף שטענדיק, אין דער צייט ווען דאָרטן האָבן זיי איבערגעלאָזט דאָס האָרץ, ביים ווייב און די קינדער.

ווי עס איז געווען פאָרויסגעזען, האָבן די אויסדערוויילטע דעפּוטאַטן פייערלעך און איינשטימיק זיך אַרויסגעזאָגט פאַר פאַראייניקן די מערב־געביטן פון אוקראַינע צו איר אייגענער מוטער — צו דער גרויסער סאָוויעטישער אוקראַינע און ווערן אַזוי אַרום אַ טייל פון דעם סאָוויעטישן סאָציאַליסטישן ראַטן־פאַרבאַנד. מיט שטורמישע אָוואַציעס, פאָלקס־פאַרזאַמלונגען און גאַסן־דעמאָנסטראַציעס האָבן אויך די בירגער אויסגעדרוקט זייער פרייד און איינשטימיקייט מיטן גרויסן היסטאָרישן באַשלוס...

איצט איז געקומען די צייט פאַרן צווייטן עטאַפּ, פאַר דער פּאַספּאָרטיזאַציע. יעדער בירגער מוז האָבן אַ פּאַס. אָט איצט הויבט שוין אָן די ביז איצטיקע דעמאָקראַטיע אונטערצוהינקען. די אייגנטימער פון הייזער, סוחרים, די אַזוי גערופענע בורזשואַזע עלעמענטן, באַקומען פּעסער מיט אַ פּאַראַגראַף 11 דערצו, ד. ה. זיי ווערן פאַררעכנט פאַר בירגער פון דער צווייטער קאַטעגאָריע, וואָס טאָרן נישט וווינען אין קיין גרעסערע שטעט און נישט צו נאָענט צו דער גרענעץ. אויך די פּליטים, וואָס קענען נישט באַווייזן מיט דאָקומענטן זייער פּראָלעטאַרישע אָפּשטאַמונג, באַקומען דעם 11־טן פּאַראַגראַף. אַלע, וואָס האָבן באַקומען דעם פּאַראַגראַף, מוזן פאַרלאָזן זייערע היימען, זייערע אייגענע און אַרויספאָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך, ווי ראַזשישטש, טאָרטשין, קיסעלין און אַנדערע. זייערע דירות טאָרן זיי נישט פאַרדינגען, נאָר זיי ווערן פאַרטיילט צווישן די אָנגעשטעלטע פונעם סאָוויעטישן אַפּאַראַט, וואָס זענען אָנגעקומען פון ראַטן־פאַרבאַנד.

די פאַראָרדענונג האָט אָפּגעהאַלטן נישט ווייניק פון די היגע בירגער און נאָך מער די פּליטים צו באַקומען פּאַספּאָרטן.

איך האָב באַקומען אַ „ריינעם" פּאַספּאָרט. מיין עלטערע שוועסטער גיטל און שוואָגער אַהרן האָבן באַקומען דעם 11־טן פּאַראַגראַף. מיט שוועגער מי האָבן זיי זיך אויסגעבויט אַ בשותפותדיק איינשטאָקיק הויז אויף קאָלאָנטאַי־גאַס, אין גאַנצן דריי מיטעלע צימערן מיט אַ קוך. דערצו האָבן זיי 10 יאָר אויסגעצאָלט די הלוואה, וואָס די פּוילישע מלוכה האָט זיי געגעבן צום בויען. אויך זייער סאָציאַליסטישער עבר, זייער אָנטיילנעמען

אין די אַרבעטער־רייען נאָך אין 1905 יאָר — האָט נישט געהאָלפן. איך בין זיכער, אַז זייער וווינונג האָט מען באַדאַרפט פאַרנעמען און דאָס האָט זיי געבראַכט דעם שאָדן. נאָך גוט, וואָס איך האָב באַוויזן צו פאַרנעמען באַצייטנס איין צימער פאַר זיך און פאַרן קינד, מיט דער האָפנונג, אַז אויך מינדעלע וועט אינגיכן קומען.

מיין שוועסטער און שוואָגער האָבן שנעל ליקווידירט דאָס געוועלב און אַרויסגעפאָרן מיט זייערע טעכטער קיין ראָזשיטש. מיין יונגערער ברודער שמואל, זייער אַ פעיקער און געשיקטער סוחר, איז אַוועק אַרבעטן אַלס אָנפירער פון אַ מיליטערישן סקלאַד פון דער אַפטייקן־אָנפירונג. עס איז געווען געגנוג ריזיקאַליש צו אַרבעטן אויף אַזאַ פּאָסטן, וואָס איז רייך געווען מיט מאַטעריעלע גיטער. ער איז אָבער שטאַרק פעיק געווען, דערצו האָט ער זיך נישט געגוויטיקט אין קיין געלט, ווייל די ליקווידירטע שניט־קראָם האָט אים גענוג געגעבן. דערפאַר האָט זיין נאַטשאַלניק געפועלט פאַר אים אַ „ריינעם" פּאַס. צוליב זיכערקייט איז ער דאָך אַריבערגעפאָרן אַרבעטן אין דער זעלבער אָפּטיילונג קיין לעמבערג, מיטנעמענדיק מיט זיך זיין ווייב מאַניען און בן יחידל נחומל. מיינע צוויי ברודער, בענע און אשר, האָבן אַריינגעלייגט אַ סך געלט אין אַ שניידער קאָאָפּעראַטיוו אויף אַ לאָקאַל, ניי־מאַשינען, עלעקטרישע פּרעס־אייזנס און געגעבן אַ גרויסע צאָל שניידערס מעגלעכקייטן פון אַרבעט און פאַרדינען. דער יונגערער אשר האָט דאָרט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ער האָט חתונה געהאַט מיט אונדזער עלטערער שוועסטערס טאָכטער פרומע און איז אַרויסגעפאָרן מיט איר קיין לעמבערג.

אַרבעט. אַרבעט. אַלע זוכן אַרבעט. אַלע ווילן אַרבעטן. נישט איינמאָל הערט מען דעם פּזמון „ווער עס אַרבעט נישט — עסט נישט". אָבער ווו געפינט מען די אַרבעט? עס איז שוין אַפילו אַראָפּגעקומען פון קיעוו אַ קאָמיסיע פון דער שווערער אינדוסטריע, וואָס איז גרייט צו ווערבירן יונגע, געזונטע מענטשן אויף אַרבעט. נישט ווייניק פון די פּליטים לויפן זיך פאַרשרייבן. נישט אַלע נעמט מען אָן. די אַרבעט איז שווער — זוכט מען די געזונטערע. מען פאָטאָגראַפירט זיי, מען שרייבט אונטער אָפּמאַכן, מען גיט אַרויס געלט־אַוואַנסן. נאָך איידער זיי פאַרענדיקן זייער ווערבירן,

קומען אַן אַנדערע — פון דער לייכטער אינדוסטריע. מען לויפט אויך אַהין. עטלעכע הונדערט מענטשן פאַרן אַפּ. די ערשטע בריוו, וואָס מיר באַקומען פון זיי, זענען פול מיט אַנטציקונגס־אויסדרוקן פאַרן וואַרעמען אויפנעמען, פאַרן איינאַרדענען... צווישן די שורות איז נישט שווער צו פאַרשטיין אויך זייער ווייטיק און בענקשאַפט צו ווייב און קינדער, פון וועלכע זיי זענען איצט נאָך ווייטער, ווי פריער.

אין שטאָט באַווייזן זיך גרופּן מונדירטע דייטשן אין העל־שאַרע אָפיצירן מונדירן, אין גלאַנציקע שטיוול, מיט אַ פּיצל ברוינינג ביי דער זייט. אויף דער האַנט טראָגן זיי בענדער מיט האַקנקרייצן. אַלע, ווי אויס־געקליבענע, הויכע און בלאָנדע, עכטע אַריער מיט אויסגעכאַוועטע פעסטע מאָרדעס, שפּיציקע, שמייכלענדיקע בליקן און גלאַטע, פריש אָפּגעראַזירטע פּנימער. דאָס זענען זיי — היטלערס שליחים, וואָס זענען געקומען אַהער, לויטן „פריינדשאַפט־אָפּמאַך" אַרויסצופירן זייערע ברידער, די דייטשן, אויך אַנדערע „גוטע פריינד" צו זיך, קיין דייטשלאַנד.

אַך! ווען זיי וואָלט אָנגעגאַנגען כאָטש אַ קליינער חלק פון די „ברכות", וואָס די פּליטים און בכלל יידן האָבן זיי אין זייער האַרצן געוווּנטשן, וואָלטן זיי זיכער איינגעזונקען געוואָרן טיף אין דער ערד אַריין, ווי קורח און זיין עדה.

אַרום זיי שלייכערן זיך אַרום, ווי שאָטנס איבערגעטוענע לייט, וואָס היטן זיי אָפּ, ווי דאָס שוואַרצאַפּל אין אויג. אַזעלכע חשובע געסט און פריינד!

אַנטקעגן דער יידישער קהילה, אויף באַלניטשנע גאַס, וווינען זיי — די געסט. דורך זייערע צעעפנטע פענצטער קען מען זען דאָס גרויסע בילד פון זייער „גרויסן פירער" היטלער, וואָס דערגרייכט פון דער פאַדלאָגע ביזן סופיט, פון דאָרטן רייסן זיך אַרויס די קלאַנגען פון די דייטשע הימנען מיט די ווערטער: „ווען יודן בלוט אויפן מעסער רינט..."

דאָס זענען דאָך די זעלבע עס־עס־לייט, וועגן וועלכע זלמן עלבירט האָט מיר אַנומלט דערציילט, אַז זיי רייסן אָפּ די בערד ביי די יידן מיט טעמפּע מעסערס, אַז זיי טרייבן און פאַרטרייבן די יידן אין די געטאָס, רויבן צו זייער האָב און גוטס, פאַרניכטן די יידישע קולטור, ווי די

טלאָמאַצקע־ביבליאָטעק און אַרכיוון אין וואַרשע, און גרייטן זיך צו אַ טאָ־טאַלער שחיטה פון די יידן, ס'זאָל פון זיי קיין שריד ופליט נישט בלייבן...

אַט די זענען עס די פריינד פון סטאַלינען. אַט זיי שטעלט מען צו ברויט, זיי ליפערט מען אויך פרישע מענטשן זאַפּאַסן, ווי די איינגעזעסענע פון לאַנגע דורות דייטשן פון אוקראַינע. אויך פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך פאַרבענקט נאָכן דייטשישן פוילן, לאָזט מען זיי מיטנעמען. זיי שטייען טאָג־טעגלעך אין לאַנגע רייען ביי די רעגיסטראַציע־ביוראָען, וואָס געפינען זיך אויף מצרים־גאַס, ביי פּטיצן און מויער. אויך יידן, פּליטים, שטופּן זיך אין די רייען, נישט אָפּצוטרייבן זיי. זיי זאָגן:

— מיר ווייסן, וואָס אונדז קען דערוואַרטן דאָרט, אָבער מיט וואָס זענען מיר בילכער פון אונדזערע עלטערן, ווייבער און קינדער? שוין גלייכער דער טויט מיט זיי צוזאַמען!

לפנים רעגיסטרירט מען זיי צום אַרויספאָרן. עס טראָגן זיך אַפילו אַרום קלאַנגען, אַז די יידן רעגיסטרירן ענקאַווודעניקעס — איבערגעטוענע אין דייטשע אוניפאָרמען, עס זאָל זיי לייכטער זיין אויסצוכאַפּן. אָבער ווער קען העלפן אומגליקלעכע מענטשן, וואָס זענען באַהערשט געוואָרן מיט צווייפל און יאוש־געפילן, ווען דער געדאַנק פון זעלבסטמאָרד לויערט אויף זייער געמיט.

די דייטשן און פּאָליאַקן זענען אָפּגעפאָרן. אויך די יידן זענען אַוועק־געפירט געוואָרן אין גאָר אַ פאַרקערטער ריכטונג. אין מיטן דער נאַכט האָט מען זיי צונויפגעבראַכט אין די טויזנטער, זייער וווינאָרט איז געווען באַקאַנט און מאַסנווייז זיי אָפּגעפירט צו דער באַן. דאָרט האָט מען זיי אויפגעלאָדן אין צענדליקער פראַכט־וואַגאָנען, ווי די קעלבער, מענער, ווייבער און קינדער. בלויז די פינצטערע נאַכט איז געווען דער עדות פון זייערע פאַרביטערטע קרעכצן און געשרייען. דערשלאָגענע און אָפּגענאַרטע, נישט דערשלאָפענע און האַפנונגסלאָזע, זענען זיי אַוועק, פאַרשלאָסענע און פאַרפּלאָנטערטע אין וואַגאָנען אויף וועגן נישט געמאָסטענע, געטריבענע דורכן גורל ווייט, ווייט אויף צ פ ו ן...

יואל פערעל

# צוריק פון גהינום

פון דעם טאָג, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט פון מיינע חברים זלמן און זאָסקען, אַז מינדעלע איז געבליבן לעבן און געפינט זיך אין אָטוואָצק, האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן און בענקען נאָך איר. איך האָב אַלץ געזוכט וועגן ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען זי פון דאָרט, פונעם פּאַשיס־טישן גהינום. אַז דאָרט איז אַ געפערלעכער גהינום, וווּ לעבעדיקע מענטשן, איבערהויפּט יידן, ווערן געפּייניקט אומברחמנותדיק דורך די פאַרכאַפּער, די דייטשע היטלעריסטן און זייערע געהילפן — די פּוילישע ענדעקעס — וועגן דעם האָט מיר איבערגעגעבן זלמן, ער האָט מיר אויך דערציילט וועגן דער אַכט און צוואַנציקטעגיקער קרבנותפולער פאַרטיידיקונג פון די וואַר־שעווער אַרבעטער, מיטן פּרעזידענט פון דער שטאָט וואַרשע סטאַזשינסקי בראש. באַריקאַדן, אַקאַפּעס איבער די גאַסן, אַרומגערינגלטע פון דריי זייטן דורך מעכטיקע דייטשע אַרמייען, וואָס האָבן אומאויפהערלעך באָמ־באַרדירט די שטאָט פון דער לופטן. אַליין הונגעריקע, אויסגעמאַטערטע און פאַריאושטע — דאָך דעצידירטע צו קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט פאַרן כבוד פון פאָלק. אויך ער, זלמן, זיין ווייב זאָסקע, האָבן געקעמפט אין די אַלגעמיינע רייען ביז... ביז דעם שוידערלעכן אולטימאַטום פון די דייטשן, ביז הונדערטער שוואַרצע אָדלערס, באַפּוצטע מיט האַקנקרייצן האָבן ווי אַ באַשטעטיקונג פונעם אולטימאַטום פאַרגאָסן גאַנץ וואַרשע מיט אַ שטאָ־לענעם מבול פון טויט און אומקום. ערשט דאַן האָבן די לעבנגעבליבענע קעמפער געווענדעט זייער בליק צו מזרח, ווו די סאָוויעטישע אַרמיי האָט שוין באַוויזן צו באַפרייען די געביטן פון מערב־ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע.

איך האָב זיך געפילט גליקלעך, וואָס נאָך אַלע אַפּקומענישן, שוידער־לעכקייטן און סכנות איז זי, מיין מינדעלע, דער ערשטער קרבן פון דער פּויליש־דייטשער מלחמה, דאָך לעבן געבליבן. מען מוז זי אָבער אַרויס־ראַטעווען פון דאָרטן, ווייל די סכנה איז נישט פאַרביי. דאָס לעבן פון אַלע יידן איז באַדראָט און אויך איר לעבן. איך האָב אָפּגעזוכט אַ „גייער", וואָס האָט שוין עטלעכע מאָל זיך אַריבערגעשמוגלט קיין פּוילן און געקומען

צוריק. פאַר אַ גרעסערער באַלוינונג, האָט ער מיטגענומען אַ פּיצל בריוול פאַר מינדעלען און צוגעזאָגט צו ברענגען פון איר אַ תשובה.

ווי נאָר מען האָט אַרויסגעפירט די גרעסטע טייל פון די פּליטים, איז ווי געלייזט געוואָרן דאָס „פּליטים־פּראָבלעם" אין לויצק. מיין ווייטערדיקע אַרבעט אויף דעם געביט איז שוין נישט געווען אַזוי נויטיק און איך האָב זיך שוין געקענט פון איר באַפרייען. איך בין זיך מודה, אַז אין די לעצטע צייטן האָט די אַרבעט מיר אַפילו באַלעסטיקט. איך האָב זיך ווי געפילט שולדיק לגבי די אומגליקלעכע פּליטים, וואָס מען האָט פאַרפירט און פאַר־טריבן זיי ווי ווייט און נישט אויף קיין לייכט לעבן.

איך בין אַ פּעדאַגאָג מיט אַ סטאַזש פון פופצן יאָר. ס'וואָלט גלייכער און נוצלעכער געווען ווען מען וואָלט אויסגענוצט מיינע פעיקייטן און פּראַקטיק אויפן פּעדאַגאָגישן געביט. דער קאָמענדאַנט האָט מיר אַפילו צוגעזאָגט צו רעקאָמענדירן אין „אָבלאָנאָ" קרייז־אָפּטיילונג פון פאָלקס־בילדונג. איך האָב אָבער באַשלאָסן, איידער איך קום אָן אויף אַ נייער אַרבעט, אַרויסצופאָרן נעענטער צו דער גרענעץ און זיך באַמיען אַריבער־צונעמען פון אַטוואַצק מיין מינדעלען. מיין עלטערער ברודער בענע האָט מיר געגעבן אויף דעם צוועק צוועלעכע טויזנט רובל און זלאָטעס און איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיט דער האָפנונג, אַז מיט אַ גרעסערער סומע געלט וועט מיר געלונגען זי צו ראַטעווען, אַפילו מען זאָל זי דאַרפן טראָגן אויף אַ טראָג־בעטל, אויב זי קען נאָך נישט גיין אויף אירע איי־גענע פיס.

לויט די אינפאָרמאַציעס, וואָס איך האָב באַקומען פון די אַריבער־געלאָפענע און דער עיקר פון זלמן עלבירט, זענען געווען צוויי מעגלעכע וועגן צום שמוגלען די גרענעץ: דורך ביאַליסטאָק און דורך דאָמאַטשעוואָ. צו ביידע ערטער איז מיר אויסגעקומען צו פאָרן פון לויצק דורך קיווערצע און בריסק (ברעסט־ליטאָווסק). דער שטאָט־קאָמענדאַנט האָט מיר באַזאָרגט מיט אַ קאָמאַנדיראָווקע, וואָס האָט מיר דערמעגלעכט צו פאָרן מיט דער באַן. סיי אויף דער באַן־סטאַנציע קיווערצע, סיי שפּעטער אין בריסק בין איך אַראָפּגעגאַנגען פונעם וואַגאָן צום בופעט אויסצוטרינקען אַ גלאָז ביר, אָדער קוואַס און גערעכנט דערביי צו טרעפן זיך מיט מענטשן, וואָס וואָלטן

געקענט מיר באַהילפיק זיין מיט אַ נויטיקער עצה. ווי גרויס איז געווען מיין דערשטוינונג, ווען איך האָב אויפן בריסקער וואָקזאַל געטראָפן זיך פנים אל פנים מיט מיין גוטער חברטע סאָניע שפער, מיין מיטאַרבעטערין פון „צענטאָס”. מיר האָבן זיך חבריש אַרומגענומען און מיט וואַרעמקייט זיך צעקושט. כמעט ביידע איינצייטיק האָבן מיר אויסגערופן: מינדעלע...

— מינדעלע איז שוין זיכער אין דער היים. ביינאַכט איז זי אָפּגעפאָרן מיט דעם באַן פון דאַנען קיין לויצק! איך, רבקה נאַראַדאָווסקאַ און דיין מינדעלע זענען צוזאַמען אַריבער דעם בוג אין דאָמאַטשעווע. רבקה איז געפאָרן צו איר שוועסטער קיין בריסק און איך קלייב זיך צו פאָרן קיין ביאַליסטאָק אַהיים.

זי, סאָניע, האָט גערעדט מיט פרייד און מיט האַרץ, ווי זי וואָלט גליקלעך געווען מיט דעם, וואָס מיר זענען זיך און מיט דעם, וואָס זי האָט מיר אָנגעזאָגט די גליקלעכע בשורה. איך האָב נישט געקענט קומען צו זיך פון איבעראַשונג. אין האַלדז האָט זיך מיר געשטעלט עפּעס האַרטס און די אויגן האָבן געשיינט פון גליק מיט גרויסע, מוטנע טרערן.

— מינדעלע, מיט אירע העל בלאָנדע האָר און בכלל אַרישן אויסזען, האָט אויך אונדז געהאָלפן, איבערהויפּט רבקהן, זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די דייטשן אין וואַגאָן, ביז צו דער גרענעץ. דאָס אַריבערשיפן זיך דעם בוג מיט דער הילף פון די איבערגעקויפטע פויערים איז אויך נישט אָנגעקומען לייכט... רוביבער זענען זיי... אָבער, „אַז דער סוף איז גוט — איז אַלץ גוט” — מיר זענען ווי פון גהינום אַרויס!

סאָניע האָט מיר עפּעס וואָס דערציילט פון „צענטאָס”: דער אַלטער האַרענשטיין איז פאַרביי, דער דירעקטאָר ליס איז נאָך אַלץ אין שפּיטאָל, זיין ווייב שרה טרעט נישט אָפּ פון אים. אסתר מיט איר טאָכטער האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין און ציליע מיט זיי. איר „זון” סקורניק איז שוין פון לאַנג אַנטלאָפן. איין רעגינע האַלט זיך און קלערט נישט צו לויפן. די פאַרוואַלטונג פון „צענטאָס” העלפט מיט ברויט און פּראָדוקטן, אָבער ווייניק. אַלע זענען הונגעריק און ווילד, קיין דיסציפּלין, קיין שול און וואַרשטאַט — אַ טיפּישער יתומים־הויז פון פאַר הונדערט יאָר. מען

קלייבט זיך צו שאַפן אַ געטאָ פאַר יידן אין וואַרשע, אויך אין אָטוואָצק. ווער עס קען נאַר, דער מוז זיך ראַטעווען!

אַזוי האָט זיך סאָניע ווי אַראָפּגערעדט פון האַרץ, הלמאי זיי, די געטרייעסטע לערער און דערציערינס, זענען אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק אַלץ אויף הפקר.

איך האָב זי אויסגעהערט, אָבער מיין געדאַנק איז געווען ווייט, ווייט ביי מינדעלען. ווי אַזוי האָבן מיר זיך אויסגעמיטן? — האָב איך גע־טראַכט. ווי גרויס איז די פרייד פון דעם קינד, פון די עלטערן? זי, מינדעלע איז זיכער פאַרזאָרגט, וואָס איך ווייס נישט וועגן איר צוריקקומען.

איך האָב באַשלאָסן תיכף ומיד צו פאָרן צוריק אַהיים. דער צוג גייט נאָר איינמאָל אין מעת־לעת, ערשט אין אַן אַכט שעה אַרום. ניין, איך וועל נישט וואַרטן אַזוי לאַנג. איך האָב ביי זיך געלט, אַ סך געלט און פאַר געלט קען מען זיך אַן עצה געבן. אַזוי איז טאַקע געשען. איך בין געפאָרן מיט צופעליקע מאַשינען, מיט משא־אויטאָס, אַפילו מיט פערד. אין דעם זעלבן טאָג בין איך שוין געווען אין לויצק און מיט גרויס פאַר־וווּנדערונג און פרייד אויפגענומען געוואָרן דורך אַלעמען. מינדעלע איז געלעגן אויף דער סאָפע אין „זאַל" אַ בלאַסע און אַ מידע און געקוקט אויף מיר מיט שטראַלנדיקע, פייכטע אויגן. אַן רייד האָבן מיר זיך אַרומ־גענומען, פאַרבאָרגן איינער אין דעם אַנדערן די פנימער און געשוויגן...

אין דעם הייליקן מאָמענט פון אונדזער ערשטער באַגעגעניש איז מיך קיינער נישט אָנגעגאַנגען, אַפילו דאָס קינד. איך האָב אים ערשט באַ־מערקט, ווען איך האָב זיך אויפגעהויבן און דערזען אים שטיין אין אַ זייט, ווי אַ שולדיקער, ווי ער וואָלט אונדז געשטערט... איך האָב אים אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט, ער האָט זיך אָבער אַ ריס געטאָן אַראָפּ צו דער מוטער מיט זיין פלאַטערדיק הערצעלע פון קינדערישער פרייד.

גרויס איז די פרייד פון אָפּגעפינען זיך, נאָך גרעסער איז די פרייד ווען דיין איינציקע און טייערסטע קערט זיך אום נאָך גרויסע נסיונות, נאָך סכנות נפשות פונעם שוידערלעכן גהינום, וואָס ברענט און בראָט, באַרויבט און דערנידערט פּלאַנמעסיק און סיסטעמאַטיש, אַלע, אַלע, וואָס טראָגן דעם נאָמען י י ד...

יואל פערעל

# וועגן גרוילן מיט פרייד

ווי גוט איז, ווען מען קען דערציילן וועגן איבערגעקומענע גרוילן, ווען אַלץ איז שוין פֿאַרביי, ווען דער סוף איז אַ גוטער, ווען די אַדורכ־געלעבטע שוידערלעכע סעקונדן, מינוטן און טעג איז מען אָפּגעקומען מיט שרעק, מיט אַן איבעריקן קנייטש אויפֿן יונגן געזיכט, מיט אַ ביטל גרויע האָר. אמת, דער בלאָנדער קאָפּ האָר, דער צעפּאַלדעוועטער פֿון זיך אַליין, ווי די כוואַליעס פֿון ים אין אַ מילדן טאָג, באַהאַלטן זיי אויס, אָבער זיי זענען דאָ, זיכער דאָ. דאָס אַלעבאַסטער־בלאַסע געזיכט, דער נישט־ווילנדיקער קרעכץ, וואָס רייסט זיך אַרויס פֿון די טיפֿענישן פֿון דער נשמה — זיי זענען עדות פֿון די פּאָר חדשים איינזאַמקייט, אומבאַהאָלפֿנ־קייט, נאָר מיט אַ מאָגערן שטראַל פֿון האָפֿנונג, וואָס טליעט, מאָנט, וועקט און לאָזט נישט אומקומען.

אָט ליגט זי איצט, מיין אויסגעבענקטער גאַסט, מינדעלע, אויף דער סאָפֿע, אַ זויבער ריינע, מיט אַ לייכטן שמייכל אויף די ליפּן און העלן גלאַנץ אין די מידע אויגן. זי איז פֿול, ווי אַ מילגרוים, מיט איבערלעבענישן, וויל זיך מיט זיי טיילן מיט מיר, מיט איר מאַן און בעסטן פֿריינד. זי דערציילט שטיל מיט אַ געמאָכטער גלייכגילטיקייט, ווי זי וואָלט דערציילט וועגן אַן אַנדערער, נישט וועגן זיך.

„זאָל זי זיך אויסרעדן דאָס האַרץ — טראַכט איך — ס׳וועט איר לייכטער ווערן, ווען זי וועט זיך באַפֿרייען כאָטש טיילווייז פֿון דער שווע־רער משא״.

זי דערציילט נישט אַלץ, ווייל דאָס איז צו שווער פֿאַר איר און ס׳וואָלט צופֿיל צייט פֿאַרנומען, וועגן די איבערלעבונגען אין קעמפּנדיקן וואַרשע, וועגן דעם הונגער, וועגן דעם נצחון־מאַרש פֿון די דייטשע שטיוול, פֿון די פֿאַרכאַפּערס אין די גרינע מונדירן אין העלמען מיט ווילדע, פֿאַרשייטע בליקן דורך די חורבות פֿון וואַרשע — וועגן דעם וועלן זיכער שרייבן אַנדערע און בעסער ווי זי קען דערציילן. ניין, נישט וועגן דעם דערציילט זי. זי דערציילט בלויז וועגן זיך, בלויז געציילטע עפּיזאָדן, וואָס קענען וואַרפֿן אַ קאַרגן שיין אויף איר גורל, וואָס האָט זיך ווי

געשפּילט מיט איר, געפּלאָגט און געפּרייט, געטריבן צום אומקום און צוריק אַרויפגעפירט זי אויף די שליאַכן פון לעבן. זי דערציילט שאַ־שטיל, ווי צו זיך אַליין:

...ווי אויף אַן הוידאָלקע — אַרויף־אַראָפּ, אַרויף־אַראָפּ. אַלע צופאָרן צום שפּיטאָל זענען שוין רואינירט דורך די דייטשע באָמבאַרדירער. די קראַנקע, וואָס זענען נישט געשטאָרבן פון די ווונדן, זענען אומגעקומען פון די באָמבעס, חורבות און שרפות. פּוילישע סקויטן האָבן זי אַרויסגע־טראָגן פון פייער און דערטראָגן צו דער יידישער אַקאַדעמישער היים, אויף פּראַגע. עס איז נישט געווען ווער עס זאָל די „שטעך" אַרויסנעמען פונעם פאַרנייטן בויך. זיי פוילן און ווייטיקן, דער פוס, אין גיפּס פאַר־קאָוועט, נאָגט. מען איז גלייכגילטיק צו די אומהויפּהערלעכע באָמבאַר־דירונגען. לעבנס זענען הפקר. אַ דייטשער שראַפּנעל טרעפט אין דער וואַסער־לייטונג און צענטראַל־באַהייצונג פון הויז. וואַסער, וואָס איז טייערער פון גאָלד, פליסט איבער די ווענט, אַרום איז אַ נעץ, אַ גליטש. מיט דער הילף פון אַ צווייטער קראַנקער און מיט אַ קיל אונטער דער האַנט, געלונגט איר פאַרט זיך אַראָפּצוראַטשקעווען פון די שטיגן אַראָפּ. אַלע קענען זי, דערקענען די „ערשטע". אַ יונגער דאָקטאָר, אפשר נאָך אַ סטודענט, נעמט אַראָפּ די „שטעך". אַפילו קיין יאָד האָט ער נישט צו באַשמירן די אָנגעווייטיקטע ערטער. אין איין נאַכט־העמד, מיט אַ שמאַטע אויפן געזונטן פוס און מיטן גיפּס אויפן צווייטן, זיצט זי שעהן־לאַנג אינדרויסן און בעט זיך ביי יעדן שאָפער: „פירט מיך צו אויף די נאַלעווקעס!"

אויף צו להכעיס, פאָרט נישט קיינער אַהין. זי איז מסכים דערווייל צו דערפאָרן ביז מיאָדאָווע־גאַס. דאָס געלונגט איר. אַ קעטשל מיט פיר קראַנקע נעמט זי אַרויף. מיט סכנות נפשות פאָרן זיי איבער דער קער־בעדזש־בריק, וואָס ווערט אַן אויפהער באָמבאַרדירט און ס׳פאַלן פון איר שטיקער אין דער ווייסל. פון מיאָדאָווע נעמט זי אויף אַ פּוילישער אָפיציר, אויף די הענט טראָגט ער זי. ער פאָרט פונקט אויף זשאַליבאָזש און טראָגט זי אַראָפּ אויף די נאַלעווקעס און לאָזט זי איבער אין טויער פון נומער 45. דאָרט וווינט מיין שוואָגערס אהרן פראַנק אַ קרוב, ר׳ ישראל

גאָלדוואַג. ביי אים איז געווען אַן אַריינפאָר־הויז פאַר סוחרים פון דער פּראָווינץ. אויך איצט איז ביי אים געווען אַ פולע שטוב מיט אַנגעלאָפענע סוחרים. זיי האָבן געלאָזט זייערע ווייבער און קינדער אין דער היים און אַנטלאָפן פאַרן דייטש. איצט איז זי שוין מינדעלע נישט איינזאַם, איצט רינגלען זי אַרום יידן מיט זאָרג און געפילן. מען טרעט אָפּ פאַר איר אַ בעט, זי איז דאָך אַ קראַנקע, וואָס קען נישט גיין אויף די פיס, מיטן לעצטן ביסן טיילט מען זיך מיט איר. יידן זענען יידן, אַפילו אין דער נויט און קלעם. אַזויפיל מענער אין שטוב און ס'איז שטיל, ווי אין אַ שול פאַר „כל נדרי״. יאָ, עס איז טאַקע הייַנט די כל נדרי־נאַכט — יום כפור. עס זענען דאָ אין שטוב מענער מער ווי אַ מנין — האָט מען געדאַוונט אין שטוב. ר׳ ישראל, אין ווייסן קיטל און טלית, איז געשטאַנען ביים אימפּראָוויזירטן עמוד און געדאַוונט מיט האַרץ און דבקות, מיט טרערן אין די אויגן. מענער וויינען נישט אין דער הויך, נאָר שטיקן זיך מיט זייער טיפן וויי, ווי זיי וואָלטן זיך מיט אים געוואָרגן...

נאָך איידער מען האָט פאַרענדיקט די תפילות, האָט זיך דערטראָגן אַ געשריי: „נאַלעווקי 47 ברענט!״ דאָס הויז 45 איז אין געפאַר. מען מוז אַנטלויפן. מען מוז ראַטעווען די קראַנקע פרוי!

אויף די הענט האָבן צוויי מענער מינדעלען אַריבערגעטראָגן איבערן שאָסיי אויף דער צווייטער זייט און דערטראָגן אין הויז פון דער רעדאַקציע „מאָמענט״. דאָרטן, האָבן זיי געוווּסט, איז פאַראַן אַ באַהעלטעניש, אַ פעס־טונג פאַר אויסדערוויילטע: טיף און פעסט, מיט גרויסע שפּייז־זאַפּאַסן, אַפילו מיט באַקוועמלעכקייטן. בלויז פאַר איר אייגענער, פאַר מינדעלען, האָט זיך געפונען אַן אָרט אויף דער פּאָדלאָגע, אין אַ ווינקל. דאָ האָבן טעמפּ אָפּגעהילכט די שאָסן און באָמבעס.

קאַיאָר האָבן די מענער זי אַרויפגעטראָגן און אַריבערגעטראָגן צוריק אויף נאַלעווקעס 45, ווי זי וואָלט זיי דאָרט געפעלט צום מנין, ביים שחרית דאַווענען. נישט אַנדערש, אַז זיי האָבן זי געהאַלטן ווי אַ קמע: „זי האָט מסתמא אַ גרויסן זכות. אפשר וועלן מיר אויך אָפּגעראַטעוועט ווערן אין איר זכות״.

אַזוי האָבן די מענטשן געגלויבט. צו זייער גלויבן איז צוגעקומען

נאַר אַ שרעקלעכער באַווייז: דאָס באַהעלטעניש, פון וואַנען זיי האָבן זי אַרויסגענומען, איז פאַרשיט געוואָרן דורך אַ באָמבע מיט אַ קאָלאָ־סאַלער קראַפט...

— און די מענטשן, די ווייבער און קינדער? — האָב איך נישט געקענט זיך איינהאַלטן מער.

— אַלע, אַלע האָבן דאָרט געפונען זייער קבר...

— נו, גענוג שוין, מינדעלע, אויף היינט — האָב איך זיך געבעטן, און זי האָט געפאָלגט. זי איז געווען מיד. דערצו האָט זיך שוין דאָס קינד פאַרבענקט נאָך דער מאַמען, אין דרויסן זיך שפּילן מיט די קינדער — איז טאָקע גוט, אָבער מיט דער מאַמען איז נאָך בעסער. אויך דער טאַטע איז ביי אים, ווי אַ גאַסט, אַזוי זעלטן פלעגט ער זיך מיט מיר זעען.

מינדעלעס מוטער חיה־רבקה פלעגט אָפּט אַריינקומען און איז געווען ברוגז, הלמאי איך דערלאָז, אַז מינדעלע זאָל דערציילן.

— קיין געזונט קומט איר נישט צו פון דעם. צו וואָס זשע פּעלט עס איר! — פלעגט זי טענהן.

— אַז מען רעדט זיך אָפּ דאָס האַרץ, מאַמע, ווערט גרינגער! — אַזוי האָט מינדעלע געהאַלטן.

נו, האָבן מיר דאָס דערציילן צעלייגט אויף ראַטעס: יעדעס מאָל אַ ביסעלע, און מינדעלע האָט ווייטער דערציילט: צו איר איז געקומען ריווע פון מוראַנאָווסקע־גאַס, ריווע בערגער מיט איר מאַן שלמה, אונדזערע בעסטע פריינד. ווי אַזוי האָבן זיי זיך דערוווסט וועגן איר? וועגן דעם, אַז מינדעלע איז געווען אין שפּיטאָל, האָבן זיי געוווסט פון מיר, אָבער אַז זי איז לעבן געבליבן און געפינט זיך בלויז אַ פּאָר הונדערט טריט פון זיי — דאָס האָט געקענט בלויז דורך אַ צופאַל געשען. ווי עס זאָל נישט געשען, אָבער פאַר מינדעלען איז דאָס געווען נישט קיין קליינע פרייד. בפרט נאָך, אַז רבקה פלעגט כמעט יעדן טאָג, נישט קוקנדיק אויף די געפערלעכסטע טעג פון אומאויפהערלעכע באָמבאַרדירונגען, ווען דער הימל איז שוואַרץ געווען פון די הונדערטער באָמבאַרדירער פון שונא, ווען די גאַסן זענען פאַרפלייצט געווען מיט הרוגים, דאָך אַריינכאַפּן זיך

צו מינדעלען און מיטברענגען אַ טעפּעלע וואַרעמען גרויפּן־זופּ דאָס חיות צו דערהאַלטן.

— פאַרוואָס לויפט איר נישט, רבקה ? — האָט מינדעלע נישט אויפ־געהערט צו פרעגן.

— לויפן ? ווי אַזוי ? צו פיס, ווען דער טויט קאָסטעט אויף די וועגן ?

— פלעגט זיך רבקה ווי פאַרענטפערן.

— ווען איך וואָלט נישט געהאַט דעם גיפס אויפן פוס און די פיס וואָלטן מיר געדינט, וואָלט איך געלאָפן, נאָך ווי געלאָפן...

אויך זאָסקע, זלמן עלבירטס ווייב איז געקומען. זי האָט קיינמאָל נישט אויסגעזען עלעגאַנט, זי האָט קיינמאָל נישט געזאָרגט וועגן איר אויסערלעכן אויסזען. איצט האָט זי אויסגעזען שרעקלעך, ווי זי וואָלט נאַר־וואָס פון די אָקאָפּעס אַרויס. און ווירקלעך: סיי זי, סיי זלמן האָבן אין די העלדישע 28 טעג צוזאַמען מיט די פּוילישע אַרבעטער־פּאַטריאָטן, געקעמפט מיט אַלע כוחות קעגן דעם מעכטיקן שונא מיט שטאָלץ און אָפּפערווויליקייט, אויסקוקנדיק די אויגן אויף דער הילף פון דרויסן, פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, פון אַמעריקע. אומזיסט! די שעה פון קאַפּיטולאַציע איז געקומען. אַזאַ באַפעל האָבן זיי באַקומען. מען קען נישט לאָזן אומברענגען אַ פאָלק צוליב קאַמף פאַר זיין כבוד. ווער וועט זיך נעמען שפּעטער צום געווער צו פאַרטרייבן אים, דעם מענטשן־שונא, פון דער פּוילישער ערד ? !

„דערווייל לויפן מיר אין די וועלדער און ווייטער וועהין מען וועט אונדז שיקן!" — מיט די ווערטער האָט זאָסקע פאַרענדיקט איר וויזיט ביי מינדעלען. זי האָט אויך נישט פאַרגעסן איבערצוגעבן דעם ד"ר בערמאַן וועגן איר. דער לעצטער האָט דערטראָגן קיין אָטוואָצק, אין „צענטאָס", די בשורה, אַז מינדעלע לעבט און געפינט זיך אין וואַרשע אויף נאַלעווקי־גאַס 45. זיסעלע, דוד ספאַרדס ווייב, איז געקומען און זי פאַרנומען קיין אָטוואָצק מיט דער שמאָלער קאַלייקע. דאָ האָט זי זיך ערשט אָפּגעוואַשן, ווי עס באַדאַרף צו זיין. פון ערגעץ האָט מען אַנגעבראַכט פאַר איר אַ געטראָגן קלייד און אַ מאַנטל אויף איר מאָס. זי האָט ערשט באַקומען אַ מענטשלעכן אויסזען. פונדאַנען האָט מען זי פאַרנומען אין אַנשטאַלט

„צענטאָס". די פרייד איז געווען גרויס און האַרציק ביי אַלעמען. אַלס קראַנקן־שוועסטער אין איזאָלאַטאָר האָט געאַרבעט לאה מיט טעלעכע מיידעלעך, אַלס געהילפינס, ווייל אויך ציליע איז אַנטלאָפן. לאה האָט זיך צו מינדעלען באַצויגן ווי צו אַ מוטער. אויך האַרענשטיין, וואָס איז געלעגן אין בעט, און דאָך אַנגעפירט מיט די ענינים פונעם אַנשטאַלט, האָט באַפוילן לייגן אַ באַזונדערן אַכט אויף מינדעלען. ער האָט געהייסן זי אָפּפירן אין „בריאות"־אַנשטאַלט און דאָרט האָט מען אָראָפּגענומען פון פוס דעם גיפס, אָבער זי האָט נאָך געמוזט גיין מיט אַ שטעקן. די גוטע אַטוואָצקער לופט האָט אויך נישט ווייניק געהאָלפן, אַז דער יונגער אויסגעמאַטערטער גוף זאָל אַנגעמען פרישע כוחות. מינדעלע פלעגט אַרומשפּאַצירן אין סאָסנאָווע וואַלד. איר געדאַנק איז פאַרכאַפּט געווען מיט פלענער פון לויפן. איר האַרץ איז פול געווען מיט בענקשאַפט נאָכן קינד און מאַן, וואָס זענען אַוועק אין אַ געפערלעכער צייט און ווו זיי זענען — ווייסט זי נישט. צי זענען זיי דערגאַנגען ביז לויצק ? אמת, דאָס האַרץ איז איר רואיק, קיין שפור פון שאַטנדיקע זייטן, קיין סימן פון קיין שלעכטן פאָרגעפיל, אָבער... ווער קען וויסן ? ווי גרויס איז געווען איר פרייד, ווען איינמאָל, צוריקקערנדיק זיך פונעם שפּאַציר, האָט איר לאה איבערגעגעבן אַ פּיצל בריוועלע, אַנגעשריבן מיט קליינינקע אותיות. זי האָט באַלד דערקענט די האַנטשריפט פון איר מאַן. די געציילטע פּאָר ווערטער: „מיר זענען געזונט און זענען גליקלעך מיטן געדאַנק, אַז אינגיכן וועלן מיר זיך מיט דיר זען. דיין יואל". — האָבן ווי דערהויבן איר נשמה אויף פליגלען און געטראָגן זי צום אויסגעטרוימטן גליק. פון דעם טאָג זענען אירע פלענער שוין געווען מער רעאַלע: זי האָט זיך אַפילו געשאַפן אַ באַגלייטונגס־פּאַפּירל, געחתמעט דורכן דייטשישן קאָמיסאַר פון אַטוואָצק, אַז זי איז אַ געליטענע, וואָס האָט פאַרלוירן איר מאַן און קינד און איז פאַרבליבן אַן מיטלען צום לעבן. דעריבער ווערט איר דערלויבט אַרויסצופאָרן צו זוכן איר מאַן און זון.

מיט דעם דאָקומענט איז איר געלונגען צו באַקומען באַן־בילעטן נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר די דערציערינס פון „צענטאָס", סאָניע שפער און רבקה נאַראַדאָווסקאַ. באַן־בילעטן איז נישט געווען אַזוי

שווער צו באַקומען. עס איז אָבער ביז גאָר שווער אָנגעקומען פאַר א ייד דאָס פאָרן מיט דער באַן, איבערהויפּט פאַר די, וואָס דער יידישער חותם איז זיי געלעגן אויסגעגאָסן אויפן פּנים.

„יודע, הערּאוס!״ — איז גאָר אָפט אויסגעקומען צו הערן אַט די יעניקע, ווען זיי זענען געשטאַנען אין דער ריי נאָך אַ בידנע שיסעלע זופּ, נאָך אַ לעבל ברויט. נאָך געפּערלעכער איז געווען זייער לאַגע בשעת זייער זיין אין די וואַגאָנען. דאַ פלעגט מען זיי אַרויסשליידערן אינמיטן גאַנג פון צוג. דאָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ סך יידן אין זייער פאַרלאַנג צו לויפן. מען האָט אַפילו געשמועסט, אַז ביים אונטערשרייבן דעם „פריינדשאַפט־אָפּמאַך״ צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און די דייטשן איז בפירוש באַוויליקט געוואָרן פוןביידע זייטן, אַז די, וואָס ווילן פאַרלאַנגען, וועלן קענען אַריבער אויף דער טעריטאָריע, וואָס איז באַפרייט געוואָרן דורך די סאָ־וויעטן. מען איז טאַקע געלאָפן גאַנצע מחנות דורכן בוג און דורך מאַלקין, אין איין העמד און אין איין רעקל און פאַר הויזן איז מען געלאָפן צופוס איבער וועגן און אומוועגן. ווּעמען ס׳איז געלונגען זיך אַריבערכאַפּן קיין בריסק, אָדער קיין ביאַליסטאָק — איז געווען גליקלעך. אונדזערע נאָענטע חברים: דוד ספאַרד צוזאַמען מיט לייב אָליצקי, איז געלונגען. ריווען און שלמה בערגער איז נישט געלונגען. זיי האָבן זיך אַפילו שוין אַריבער־געשיפט אויף דער צווייטער זייט בוג, נאָר די סאָוויעטישע גרענעץ־מאַכט האָט זיי פאַרטריבן צוריק. מיר האָט איבערגעגעבן משה לעווערטאָוו, אַז שלמהן, צוזאַמען מיט ריוועס פאָטער האָבן די דייטשן געטריבן אין כעלם אויף אַרבעט דורך בלאָטעס. דער אַלטער האָט געטראָגן אויף זיך אַ שווערן פוטער, ער איז אומגעפאַלן. זיין איידעם האָט אים געוואָלט אויפהויבן און ווייטער שלעפּן, נאָר דערווייל איז די פּאַרטיע אַריבער און איינער פון דער וואַך האָט זיי ביידע דערשאָסן און געלאָזט ליגן אויפן וועג אין דער בלאָטע...

מען האָט געשמועסט, אַז די סאָוויעטן האָבן זיך אַנטוישט אין די פּוילישע „ביעזשענצעס״, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן סאָוויעטישע בירגער, דעריבער האָבן זיי נאָך די וואַלן אין דער לעמבערגער פאָלקס־פאַרזאַמלונג און דעם באַשלוס צו פאַראייניקן די באַפרייטע געביטן מיט

דער סאָוויעטישער טעריטאָריע, נישט דערלאָזט מער די נייע פּליטים איבערגיין די דייטש־סאָוויעטישע גרענעץ.

וועגן איר איבערשווימען דעם בוג, האָט מינדעלע דערציילט:

ביז ביאַלע־פּאַדליאַסק זענען זיי אַלע דריי דערפאָרן בשלום. דאָרט האָט רבקה געהאַט אַ מומע. זי האָט זיי זייער שיין אויפגענומען, געלאָזט זיי עטלעכע טעג זיך אָפּרוען און דערווייל אונטערגעהאַנדלט מיט היימישע פויערים, פּראָפעסיאָנעלע איבערפירער איבערן בוג. זינט דאָס איבער־שיפן זיך איז געוואָרן באַשווערט, האָבן זיי פאַרטאָפּלט דעם פּרייז. זיי זענען אָבער ווערט געווען, ווייל זיי האָבן דערביי ריזיקירט מיטן אייגע־נעם לעבן און מיטן לעבן פון די איבערגעפירטע. דער בוג איז ברייט און רוישיק, ער פאַרמאָגט געגנוג געפערלעכע ערטער און „שוועלן". מען האָט געמוזט זיך שיפן אויף קליינע שיפן, נישט מער ווי דריי מענטשן מיט איין מאָל. דערצו אין אַ פינצטערער נאַכט, אַמאָל אונטער אַ האָגל פון טראַסירנדיקע קוילן פון די גרענעץ־וואַכן פון ביידע זייטן. זיי דריי האָט מען גאָר איבערגעשיפט אויף אַ האַלב־אינדזל. זיי האָבן געמוזט זיך שלעפן לאַנגע קילאָמעטערס צופּיס ביז זיי זענען אין דער פינצטערער נאַכט אָנגעקומען קיין דאָמאַטשעווע. דאָ איז שוין רבקה געווען ווי ביי זיך אין דער היים, דאָ האָט זי שוין געקענט יעדן שטעג, געהאַט קרובים. מיט איין וואָרט, זיי זענען פונעם גהינום אַריין אין גן עדן, עס און טרונק און לאָז זיך ווילגיין! אָבער מינדעלען האָט ווי מיט אַ מאַגנעט געצויגן אַהיים, צום מאַן און קינד, צו די עלטערן און אייגענע. דעריבער האָבן אַלע דריי ביי דער ערשטער מעגלעכקייט זיך איבערגעכאַפּט קיין בריסק און דאָ אויפן וואָקזאַל האָב איך צום גרויסן גליק, באַגעגנט סאָניע שפּער און אויפגענומען פון איר די פריילעכע בשורה: „מינדעלע איז געפאָרן קיין לוצק מיט דער באַן".

איצט זיץ איך נעבן מינדעלען אויף דער סאָפע און קוק אויף איר, מיין איינציקער און געליבטער, און כאַפּ אויף פון איר מויל וואָרט נאָך וואָרט, ווי בלעטלעך פון דעם אינטערעסאַנטסטן ראָמאַן, וואָס וועט אפשר אַמאָל אויך באַקומען זיין אויסדרוק אין געדרוקטן וואָרט...

יואל פערעל

# איפן פעדאַגאָגישן לייטער

לאַנג זיין אָן אַרבעט האָב איך נישט געקענט. דאָס נייע סאָוויעטישע לעבן האָט געלאָזט די ערשטע שפּראָצונגען. מיינע חברים זענען געוואָרן די פּיאָנערן און מיטשעפער פונעם נייעם לעבן. צי שטאַרק בין איך געווען אַנגאַזשירט אין דער אַרבעט פונעם ערשטן טאָג, זינט לויצק איז באַפרייט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי, אַז כ׳זאָל זיך דערלויבן צו לעבן אויפן חשבון פון די ברידערס קאַפּיטאַלן, וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט גיך און געשווינד פון די פאַרקויפטע סחורות און ליקווידירטע געשעפטן. אין די נייע באַדינגונגען איז מינדעלע שנעל געקומען צו די כוחות, פול געוואָרן מיט שעפערישער ענערגיע און מוטיק, אַפילו לוסטיק מיט אַ פרישן חשק צו זינגען. איר לירישער סאָפּראַן איז אַזוי צוגעפּאַסט צו די נייע סאָוויעטישע לידער, די רוסישע שפּראַך אין איר מויל האָט ווידער אויפגעלעבט און געקלונגען פריש, ווי אַמאָל, ווען זי איז נאָך געווען אַ שילערין אין קאָלענקאָס מיידל-גימנאַזיע פאַרן 1920 יאָר. אַפילו אונטער דער הערשאַפט פון פוילן פלעגן מיר זינגען נישט ווייניק רוסישע לידער, נאָר די לידער זענען געווען גאָר אַנדערע: ציגיינערישע ראָמאַנסן, ווערטינסקיס רעפּערטואַר און כאָר-געזאַנגען, ווי „וואָלגאַ, וואָלגאַ...” א. א. די נייע סאָוויעטישע לידער האָבן גאָר אַנדערש געקלונגען, גאָר אַנדערש געווירקט. זיי האָבן געמונטערט און גערופן, געוועקט און דערפרישט: „אַ נו-קאַ, זינג מיר אויף דיין ליד, דו פריילעך ווינטל...”

דער מיליטערישער שטאָט-קאָמענדאַנט — מיין ביז איצטיקער באַלעבאָס, האָט מיך רעקאָמענדירט דעם פאַרוואַלטער פון „אָבלאָנאָ”, ליסענקאָ. אויך מיין חבר מאָטיע אָקס — דער פאַרוואַלטער פון דער סאָציאַלער אָפּטיילונג פון וואָלינער קאָנט — האָט צוגעגעבן אַ ביסל שבח-ווערטער. איך בין צוגענומען געוואָרן אַלס אינספּעקטאָר פון פאַך-אויסבילדונג אין דער אָפּטיילונג פון די קינדער-היימען, קינדער-גערטנער און פּאַטראָנאַט. צו וואָס האָט געפעלט אַזאַ מין אינספּעקטאָר, ווען קיין קינדער-היימען זענען כמעט נישט געווען? זיי זענען יאָ געווען אין די פּערספּעקטיווע פּלענער פון „אָבלאָנאָ”, אויפן פּאַפּיר, אָבער נישט אין דערווירקלעכקייט. בין איך

דעריבער אין אַ צוויי וואָכן אַרום שוין נאָמינירט געוואָרן אַלס סתם אינ־ספעקטאָר פון קינדער־היימען און שפּעטער אַלס פאַרוואַלטער פון דער גאַנצער אָפּטיילונג. און נישט אומזיסט איז דאָס געשען. מיט מיין גאַנצער יוגנטלעכער ענערגיע, מיט מיינע פעיקייטן צו שאַפן און אָרגאַניזירן, האָב איך זיך אַריינגעוואָרפן אין מיין נייער אַרבעט. פאַרוואַרלאָזטע קינ־דער, האַלבע און גאַנצע יתומים האָבן נישט געפעלט, נישט אין די שטעט, נישט אין די דערפער. מען האָט געמוזט פאַר זיי זאָרגן, באַזאָרגן מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ, מיט שפּייז און קליידונג און דערציונג. דערויף האָט די סאָוויעטן־מאַכט אָסיגנירט נישט ווייניק געלט־מיטלען. זיי האָט מען געדאַרפט ראַציאָנעל און אָרנטלעך פאַרנוצן — און דאָס איז געווען מיין אויפגאַבע.

אַמערשטן האָב איך געמוזט איבערנעמען די ירושה פון די פריער־דיקע צייטן — די בידנע יתומים־הייזער. אַזעלכע זענען געווען גאָר ווייניק: איינער פאַר יידישע יתומים אין לודמיר, ווו מיין חברטע פעסעלע בארענהאָלץ איז געווען די פאַרוואַלטערין; דאָס יתומים־הויז האָב איך דערקענט בשעת מיין וואַנדער־וועג פון אַטוואָצק קיין לויצק. דאָס יתומים־הויז האָט זיך געפונען און געטרייע און פעיקע הענט פון אַ פרוי, וואָס איז גרייט געווען צו ווידמען איר גאַנצע ענערגיע און לעבן די קינדער. זי איז טאַקע באַשטימט געוואָרן פאַר דער פאַרוואַלטערין פון דער ערשטער סאָוויעטישער קינדער־היים אין לודמיר. דאָ בין איך זיכער געווען, אַז אונדזער צוזאַמענאַרבעט וועט זיין אַ פּרוכטבאַרע און אַ דערפאָלגרייכע. מען האָט בלויז געדאַרפט אַלץ אַריבערפירן אויף אַנדערע רעלסן, אַריינ־נעמען אויך נישט יידישע קינדער און ענדערן די דערציונגס־שפּראַך פון יידיש אויף רוסיש.

דאָס פּוילישע יתומים־הויז אין לויצק האָט זיך געפונען אין אַ פּרעכ־טיקער געביידע, הינטער דער שטאָט, דאָרט ווו עס קרייצן זיך די וועגן, וואָס פירן אויף ראָוונע און דובנע. אַן אָפּגעזונדערטע דריישטאָקיקע גע־ביידע מיט אַ פּרוכטן־גאָרטן אַרום און אַרום, אַפילו מיט אַ קלויסטער, אַ קירך אויף אָפּצוריכטן תפילות. אייגנטלעך איז דאָרט געווען אַ קאַטוילי־שער קלויסטער מיט צענדליקער פרומע מאָנאַשקעס. זיי האָבן זיך אָפּ־

געגעבן בלב ובנפש דער קאַטוילישער דערציאונג פון די קינדער אין יתומים־הויז. מעגלעך, אַז די קינדער זענען דאָ געווען נישט שלעכט באַזאָרגט מיט שפּייז, מיט קליידונג, דאָך האָבן זיי כמעט אַלע אויסגעזען ווי שאָטנס, בלייכע פּנימער, אויסגעצויגענע, אויסגעלאָשענע קינדער־אויגן, אָן קינדערישער פרייד און אַלע כמעט דאַרע, אויסגעצויגענע. נישט אַנדערש, אַז אויך זיי פלעגן דאָ פּראַווען תעניתים, אַז דער רעזשים און שטראָפן זענען געווען האַרבע, ווייל אויך זיי האָט מען געגרייט פאַר מאָנאַכן און מאָנאַכינס, גלחים און „שליסל־היטערינס" ביי די „הייליקע פאָטערס".

אין דעם יתומים־הויז האָט געמוזט אַדורכגעפירט ווערן אַן אמתע רעוואָלוציע. דאָס הויז איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער ראַטן־מאַכט, די מאָנאַשקעס זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַלגעמיינעם פרויען־קלויסטער ביים קאָשטשאָל. צו די דאָזיקע קינדער האָט דער צוגאַנג געמוזט זיין אַ באַטראַכטער און אַן ערנסטער: מיט פאַרזיכטיקע מיטלען, טריט ביי טריט האָט מען געקענט האָפן צו האָבן דערפאָלג אין דער פּעדאַ־גאָגישער אַרבעט מיט זיי. ווו זשע נעמט מען צו זיי די פּאַסיקע פּעדאַגאָגן? די קינדערשע נשמות זענען געווען פאַרסמט, מען האָט געמוזט זוכן און געפונען אַ ווירקזאַמען קעגן־סם.

איך בין זיך מודה, אַז די קינדער־היים האָט מיר פאַרשאַפט נישט ווייניק פּראָבלעמען, אויף וועלכע איך האָב געזוכט אַ לעזונג און נישט אַזוי לייכט געפונען.

דאָס פּראָבלעם פון גוטע דערציער האָט געפאָדערט אַ שנעלע לייזונג. אמת, עס זענען געווען פאַרויסגעזען געוויסע געלט־סומעס אויף חודש־לעכע און לענגערע קורסן פאַר דערציער, אָבער ווו נעמט מען קאַנדי־דאַטן און די געהעריקע לערער פאַר זיי?

אַרום צוואַנציק קאַנדידאַטן אויף דערציערס האָב איך פאַרט צוזאַ־מענגענומען, מערסטנס יידישע מיידלעך, וואָס האָבן פאַרענדיקט אַ מיטל־שול. עס זענען אויך צוגעקומען אַ פּאָר אוקראַאינקעס און דער אָנפירער פון דער קאַדרן־אָפּטיילונג האָט מיר געהאָלפן צוזאַמענשטעלן דעם לערער־פּערסאָנאַל פון די קורסן. צווישן זיי איז אויך געווען איינער,

אַפֿילו נישט קײן פּעדאַגאָג. נאָר ער איז דערצויגן געוואָרן אין דערציִונגס־אַנשטאַלט פֿון מאַקאַרענקאָ און דאָס אַלײן האָט אים שוין געשאַפֿן די געהעריקע קוואַליפֿיקאַציעס צו זײַן אײנער פֿון די לערער. צו די קורסן האָב איך אויך צוגעלאָזט מינדעלעס פּליעמיאַניצע, סימעלע, ווײַל זי פּלעגט שײן זינגען און טאַנצן און בכלל פֿאַרמאָגט טעאַטראַלישע פֿעיִקײטן.

צי דער חודשלעכער קורס פֿאַר דערציִערינס האָט געגעבן אַ סך, צי ווײניק — איז שווער צו זאָגן. די באַציִונג פֿון די קורסאַנטן איז געווען אַן ערנסטע, די באַזוכן פֿון די לעקציעס אַ הונדערטפּראָצענטיקע, אָבער, לויט מיר נאָך, איז געווען אַ צו־גרויסע צאָל פּרעלעגענטן, די טעמאַטיק פֿון די לעקציעס אַ צעשפּליטערטע, צופֿיל האָט מען געלײענט וועגן פּאָ־ליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן און צו ווײניק וועגן פּעדאַגאָגישע.

דאָך זענען די קורסן געווען אַ גוטער אָנהויב. מיט דער צײַט האָב איך באַקומען פֿון קיעוו, פֿון „נאַרקאָמפּראָס", פֿון טאָמאַרע מאַיסעיעוונאַ לו־באַראָווע, וואָס האָט פֿאַרוואַלטעט מיט די קינדער־הײמען אויף אוקראַינע, גענויערע אינסטרוקציעס און פּראָגראַמען פֿאַר די קורסן, וואָס האָבן געהאָלפֿן העכערן דעם פּעדאַגאָגישן ניוואָ פֿון די דערציִער. נאָך שפּעטער, ווען אויף די געביטן פֿון מערבֿ־אוקראַינע זענען שוין געווען אָרגאַניזירט און טעטיק זעקס קינדער־הײמען און טאָמאַרע מאַיסעיעוונאַ האָט מיך אײַנ־געלאַדן קײן קיעוו אויף אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון די קרײַז־פֿאַרוואַלטערס פֿון די אָפּטײלונגען פֿאַר קינדער־הײמען, האָב איך געהאַט די מעגלעכקײט צו באַרײַכערן מײַן וויסן און קענטענישן דורכן באַזוכן אײניקע קינדער־הײמען אין קיעוו און אין מאָסקווע. דאָס איז געווען פֿאַר מיר די בעסטע באַלוינונג פֿאַר מײַן מיזאַמער אַרבעט בײַם אָרגאַניזירן, פֿאַרפֿעסטיקן און אַנטוויקלען די קינדער־הײמען אויף וואָלין.

איך האָב געהאַט גאָר גרויסע שוועריקײטן אין מײַן אַרבעט. די נײַע קינדער־הײמען, ווי למשל אין פּאָלאָנקע, אונטער לויצק, אָדער אונטער דעם שטעטל לאָקאַטשי זענען אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין האַלב־רויִנירטע פּאַלאַצן פֿון אַנטלאָפֿענע פּוילישע פּריצים, וואָס האָבן לגמרי נישט גע־פּאַסט פֿאַר אַ קינדער־הײם. אַ הויפּט־געבײַדע מיט קאָלאָנעס פֿון פֿראָנט, סופֿיטן ווי סקלעפּעס פּילקאָנטיקע, וואָס הענגען אַראָפּ ווי אַ שירם, די

פאַדלאָגעס — פיין־געשניצטע מאָזאיק און פענצטער הויכע, פאַרקיי־לעכיקטע פון אויבן. דער שטח אַ קאָלאָסאַלער מיט צעוואָרפענע קליינע געביידעס און שטאַלן, זומער־קיכן און ברייטע פעלדער אַרום און אַרום. געלט איז אויסגעטיילט געוואָרן געגנוג אויף רעמאָנטן, אינוועטאַר, אָבער דאָס געלט איז געלעגן אין די בענק, גאָר קליינע סומעס האָט דער פאַר־וואַלטער געקענט באַקומען אין מזומנים. אַלץ נאָר דורך אַריבערפירן פון פאָנד צו פאָנד. דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרן וועגן אויסגעטיילטע פאָנדן פון מאַטעריאַלן, קליידונג אָדער שפּייזן. די באַזעס זענען אָבער כמעט פּוסט געווען. פּאַרקערט, ביי פּריוואַטע סוחרים וואָלט מען אַלץ געקענט באַקומען און פאַר ביליקע פּרייזן, אָבער בלויז פאַר מזומנים. אַ פאַרכישוף־טער קרייז — נישט אַריבערצושפּרונגען! דעריבער פלעגט מיר טאַקע אויסקומען זיך צו פאַרנעמען נישט בלויז מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע, אָדער פּעדאַגאָגישע פראַגן, נאָר אויך מיט טשוועקעס, גלאָז און אַלעבאַסטער.

די ספּעציפישקייט פון דער סאָוויעטישערווירטשאַפט און פינאַנסיע־לע פראַגן האָט נישט אין קיין קלענער מאָס געהאַמעוועט מיין אַרבעט און ווי אַ שווערע משא און עול באַשווערט מיין געמיט.

נישט מיט יעדן האָב איך זיך געקענט טיילן מיט מיינע זאָרגן און אָפּט פאַרצווייפלטער לאַגע, אָבער מיט מיין ווייב און פריינד מינדעלע — יאָ. מיר האָבן געוווינט אין מיין שוועסטערס גיטלס דירה, אויף קאַלאָנ־טאַיאַ 3, פאַרנומען בלויז איין צימער און די קיך. די צוויי אַנדערע צימערן האָבן פאַרנומען צוויי סאָוויעטישע אַנגעשטעלטע, געקומענע פון מזרח־אוקראַינע: דער ספּאָרט־אינסטרוקטאָר פון שטאָט־ראַט און אַן אַנגעשטעלטער אין דער מלוכה־באַנק.ביידע יונגע מענטשן, קאָמסאָ־מאָלצעס, זענען קאָמאַנדירט געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע ווייבער קיין מערב־אוקראַינע. אויך די ווייבער זייערע האָבן געאַרבעט און נישט גע־פירט קיין ווירטשאַפט, בלויז אין די פרייע זונטיקן פלעגן זיי קאָכן ביי אונדז אין קיך אין גרויסע טעפּ אַ שמעקעוודיקן קרויט־באַרשטש און אין אים חזיר־פלייש אין די קילאָגראַמען.

מינדעלע האָט זיך אויך איינגעאָרדנט אויף אַרבעט אין שול. זי האָט געפירט אַן ערשטן קלאַס, געוויינלעך אין דער רוסישער שפּראַך און איז

געווען צופרידן, אונדזער זון מאַרקס פלעגט באַזוכן אַ קינדער־גאָרטן. מיינע ברידער און שוועסטער האָבן אונדז באַזאָרגט מיט עטלעכע פּאַלטנס יעדן איינעם, מיט מעבל האָט אונדז באַזאָרגט מיין שוועסטער גיטל, נישט נאָר מיר, נאָר אויך די אַנדערע שכנים האָבן זיך באַנוצט מיט איר מעבל. פאַר מיר האָט מען באַשטעלט אַ ספּעציעלן טונקעלן אַנצוג, לויט דער מאָדע, וואָס סטאַלין אַליין האָט געטראָגן, גאַלף־הויזן, אַריינגעלאָזטע אין הויכע כראָמאָווע שטיוול. אויף דער וואַנט אין מיין צימער איז געהאַנגען אונטערן גלאָז אין אַ ראַם דאָס „אַנערקענונג־צייגעניש", וואָס איך האָב באַקומען פון וו. צ. ס. פּ. ס. (פּראָפ.־פאַריינען) אין קיעוו, פאַר מיין אויס־געצייכנטער פּאָליטישער אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן דער לויצקער באַפעלקערונג.

אין דער זעלבער צייט האָט היטלער דעראָבערט איין לאַנד נאָכן צווייטן: דענעמאַרק און נאָרוועגיע, האָלאַנד און בעלגיע און אַריינגע־דרונגען קיין פראַנקרייך. אין פּוילן האָבן שוין די דייטשן באַוויזן צו פאַרשפּאַרן די יידן אין פאַרמאַכטע געטאָס, אויף הונגער, נויט און קרענק. אויך ביי אונדז, אין די באַפרייטע געביטן, האָט מען די אומגליקלעכע „ביעזשענצעס" פאַרטריבן אין די צפון־שטעט און לאַגערן, ווייל זיי האָבן געוואָגט צו בענקען און וועלן אומקערן זיך צו זייערע ווייבער און קינדער, הונדערטער יידן, געוועזענע קליינהענדלער און סוחרים זענען פאַרשיקט געוואָרן פון זייערע איינגעזעסענע היימען אין די אָרומיקע שטעטלעך. איינציקווייז זענען אויך דורך די נעכט אַרויסגעפירט געוואָרן קיין סיביר, אָן שום געריכט און פּסק, די געוועזענע גבירים און גרעסערע סוחרים מיט זייערע ווייבער און קינדער.

איך בין געווען פון די פּריווילעגירטע, פון די סאָוועטישע געטרייע בירגער, וואָס באַווייזן זייער טריישאַפט מיט אַרבעט. איך בין געווען צופרידן, כאָטש ערגעץ־ווו אין מיין נשמה האָבן זיך דערוועקט געוויסע פראַגן: פאַרוואָס ? צוליב וואָס ? אָבער קיין ענטפער אויף זיי האָב איך, ליידער, נישט באַקומען...

יואל פערעל

# קולטור פאַר די באַפרייטע

נאָך איידער די ראַטן־מאַכט האָט אַרויפגעפירט דאָס עקאָנאָמישע לעבן אויף די נייע רעלסן, לויטן מוסטער פון גאַנץ ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן אַלץ געהערשט די פריערדיקע לעבנס־פאָרמען. אין די געוועלבער זענען אויסגעפאַרקויפט געוואָרן די סחורות אויף די פריערדיקע פרייזן און נאָך נידעריקערע, פאַר דער פוילישער וואַלוטע, אין זלאָטעס, אויך אין דער סאָוויעטישער — אין טשערוואָנצעס און רובלען. די בעלי־מלאכות און האַנטווערקער האָבן, ווי פריער, געאַרבעט פריוואַט און נישט שלעכט פאַרדינט. אָבער קיין נייע סחורות און רוי־שטאָפן זענען נישט צוגעקומען. דער אַפּפּלוס איז געווען אַ שנעלער און אין גרויסע מאָסן, דער פיבער פון ליקווידאַציע האָט אַרומגעכאַפּט די איינגעזעסענע איינוווינער, דער־ווייל זענען ביי זיי געווירן די בייטלען פול מיט געלט, וואָס האָט דערווייל געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פירן אַ לעבן בשפע, אָן שפּאָרזאַמקייט.

„דאָס, וואָס מיין מאָגן פאַרדייעט — איז מיינס, וועגן מאָרגן זאָל זיך גאָט זאָרגן!" — אַזאַ ווערטל איז אַרומגעגאַנגען צווישן עולם.

און ס׳איז געווען וועגן וואָס צו זאָרגן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט די ראַטן־מאַכט מודיע געווען, אַז די פוילישע וואַלוטע דאַרף מען אויסטוישן אין דער מלוכה־באַנק אויף סאָוויעטישע געלטער. עס איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז בלויז נישט קיין גרויסע סומעס וועלן פאַר־ביטן ווערן, דערצו איז די צייט פון אויסבייטן גאָר אַ קורצע, ממש עטלעכע שעהן. עס האָט מער אויסגעזען ווי אַ בייזוויליקער שפּאַס און נישט קיין ערנסטער אויפטו. ביי דער מלוכה־באַנק האָט זיך געשאַפן אַ ריי אויף קילאָמעטערס, מערסטנס בעלי־מלאכות. די סוחרים האָבן אַפילו מורא געהאַט זיך צו ווייזן. די אָנגעזאַמלטע אוצרות געלט האָבן פאַרלוירן זייער גלאַנץ און ווערט. אין די הערצער האָט אַ נאַג געטאָן די פראַגע: פון וואָס וועלן מיר לעבן?

אין שטאָט זענען שוין אַנטשטאַנען קאָאָפּעראַציעס פון בעלי־מלאכות אין פאַרשידענע פאַכן. אין יעדער פון זיי האָט געפונען זיין אָרט אַ געלט־געבער פון די געוועזענע סוחרים. אויסערלעך איז זייער ראָל

געװען אַ צװײטראַנגיקע, אָבער פֿאַקטיש זענען זײ געװען די גרינדער, אָרגאַניזירער און אָנפֿירער.

אומגעריכט האָבן זיך באַװיזן אַנגעקומענע אױסקױפֿער פֿון דער געפּסלטער פּױלישער װאַלוטע, צוערשט בלױז פּאָר גראָשנס, שפּעטער פּאָר מער און מער.

„געלט גײט צו געלט!" — איז װײטער געװאָרן אַ גאַנגבאַר שפּריכװאָרט.

מיט דער קולטור איז דער ענין גאָר אַנדערש געשטאַנען. דאָס געװעזענע שול־װעזן אױף דער יידישער, העברעישער און פּױלישע שפּראַכן זענען ליקװידירט געװאָרן. די יידישע פֿאָלקס־שול אױפֿן נאָמען פֿון שלום עליכם, די תרבות־שול, די יידיש־פּױלישע גימנאַזיע — האָבן פֿאַרלױרן זײערע רעכט אױף עקזיסטענץ. אױף זײער אָרט זענען אַנטשטאַנען אײנהײטלעכע שולן, 10־קלאַסיקע, מיט דער אוקראַינישער און רוסישער אונטעריכט־שפּראַכן. מען האָט קײנעם נישט געפֿרעגט קײן עצה און קײן דעה — אַלע זענען געשטעלט געװאָרן פֿאַר געשעענע פֿאַקטן. די לערער, װאָס האָבן געקענט די רוסישע, אָדער אוקראַינישע שפּראַך, האָבן באַקומען אַרבעט אין די נײַע שולן. פֿאַר זײ זענען געשאַפֿן געװאָרן קורצטערמיניקע קורסן צו פֿאַרפֿולקאָמען זיך אין באַהערשן די שפּראַך, דעם נײַעם סאָװיעטישן אױסלײג, מעטאָדיק און פּעדאַגאָגיק. די פֿאַרװאַלטערס פֿון די שולן זענען געװען בלױז פֿון די אַנגעקומענע, דערצו פּאַרטײ־לײַט, אױך אַ קלײנע צאָל לערער פֿון ליטעראַטור און געשיכטע — זענען געװען פֿון די דעלעגירטע.

די פּריװאַטע קינדער־גערטנער און קינדער־קאָמפּלעטן זענען אָפּגעשאַפֿן געװאָרן. עס זענען אַנטשטאַנען מלוכהשע קינדער־גערטנער.

די יתומים און האַלבע יתומים זענען אײַנגעשלאָסן געװאָרן אין די קינדער־הײמען. די יתומים־הײזער פֿאַר יידישע קינדער אין לוציק, אין לודמיר זענען ליקװידירט געװאָרן און די קינדער זענען אײַנגעגלידערט געװאָרן אין די אַלגעמײנע קינדער־הײמען. אױף די געביטן פֿון װאָלינער קרײַז זענען אָרגאַניזירט געװאָרן זיבן קינדערהײמען: אין לוציק, קאָװעל, לודמיר, אָליק, פּאָלאָנקע, לאָקאַטשי און טשאַרטאָריסק.

אַמשוועדסטן איז מיר אָנגעקומען צו קאָמפּלעטירן די נייע קינדער־היימען מיט קוואַליפיצירטע פּאַרוואַלטערס. זיי האָבן, ווייזט אויס, אויס־געפעלט אויך אין די טיילן פון מזרח־אוקראַינע, דעריבער האָט מען זיי ווייניק דעלעגירט קיין מערב־אוקראַינע. איינמאָל, בשעת איך בין געווען אין מיין אָרדנטלעכער קאָמאַנדיראָווקע, איז אָנגעקומען צו מיר אַהיים אַ נייער קאַנדידאַט אויף אַ דירעקטאָר פון אַ קינדער־היים. מיין ווייב האָט אים שיין אויפגענומען, באַזאָרגט אים מיט שפּייז און מיט נאַכט־לעגער, וויסנדיק, אַז איך נויטיק זיך אין דירעקטאָרן. ער איז געווען יונג און געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ פעיקן מענטש. געקומען איז ער מיט אַ באַשטעטיקונג, אַז ער האָט געאַרבעט אַלס דירעקטאָר פון אַ קינ־דער־היים ערגעץ אין אַ דאָרף אין רוסלאַנד ביז דער לעצטער צייט. איך בין געווען זייער צופרידן מיט דעם חשובן גאַסט. איך האָב אים שנעל „אָפּאַרמעט" אין דער קאַדרן־אָפּטיילונג און מיר האָבן אים באַשטימט אַלס דירעקטאָר פון דער קינדער־היים אין לאַקאַטשי. די סיבה פון זיין אַריי־בערפאָרן פון דאָרטן איז מיר געווען פאַרשטענדלעך: ער איז געווען אָרעם, ווי די נאַכט. ער האָט קיין העמד נישט געהאַט אויפן לייב, ער האָט געטראָגן בלויז אַ פּאָפּירענע מאַנישקע אונטערן קאָרטענעם פּידזשאַק. ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט צוויי פּיצלעך קינדער. אין קינדער־היים האָט ער באַקומען אַ שיינע דירה פון צוויי צימערן און מיר האָבן אים צוגעזאָגט אַרויסצונעמען זיין ווייב און קינדער. ער האָט זיך געשטעלט צו דער אַרבעט און דווקא אַרויסגעוויזן פעיקייטן אַלס אָרגאַניזאַטאָר און דערציער. איך האָב אים געהאָלפן זיך אָנצוטאָן, אין וועש און אין אָן אָנצוג, און אַרויסגעפאָדערט זיין ווייב און קינדער.

פון צענטראַלן מאַגאַזין אין לוציק האָבן מיר אים אַרויסגעגעבן נישט ווייניק ווייכן אינווענטאַר, ווי לייַלעכער, ציכלעך און קאָלדרעס פאַר דער קינדער־היים. ער האָט אַלץ גענאַרפט אָפּפירן מיט אַ מאַשין קיין לאַקאַטשי. ווי גרויס איז אָבער געווען מיין דערשטוינונג און צער, ווען איך האָב זיך דערוווסט, אַז שוין קומענדיק אויפן אָרט, קיין לאַקאַטשי, האָבן אויף אים אָפּגעוואַרט פאַרשטייער פון נ.ק.וו.ד. און אים אַרעסטירט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געמיסברויכט מיט זיין אַמט, אַלס דירעקטאָר,

אַרויסבאַקומען אויף אַ טשעק געלט און געמאַכט אַ ויברח. איצט האָט אויף אים געוואַרט אַ משפּט און אַ האַרבע שטראָף.

פאַרן קינדער־היים אין טשאַרטאָריסק איז מיר דוקא געלונגען צו באַקומען אַ גוטן דירעקטאָר. אַ בלאָנדער מיט ענערגישע פּנים־שטריכן, בלויע אויגן און רירעוודיק, ווי אַ שרויטעלע. ער האָט זיך נאָר־וואָס דע־מאָביליזירט פון דער אַרמיי, וווּ ער איז געווען אַ טאַנקיסט. די דעמאָבילי־זאַציע איז אים געלונגען, צוליב זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד און ווייל ער איז נויטיק געווען, אַלס פּעדאַגאָג. ער איז אַמאָל געווען איינער פון די אַקטיוויסטן אין דער קאָלאָניע אויפן נאָמען פון מאַקסים גאָרקי. זיין דערציער און וועג־ווייזער איז געווען דער באַרימטער פּעדאַגאָג מאַקאַ־רענקאָ. ער האָט זיך טאַקע פון אים נישט ווייניק אָפּגעלערנט און איצט האָט ער געווידמעט זיינע פעיקייטן און וויסן די יתומים פון דעם קינדער־היים אין טשאַרטאָריסק. די קינדער־היים האָט זיך געפונען אין אַ גרויסער צווייִשטאָקיקער געביידע פון די פּראָטעסטאַנטישע ביסקופן, וואָס זענען, נאָכן אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי, אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, איבערלאָזנדיק זייער הויז און די גאַנצעווירטשאַפט זייער אַלטן עקאָנאָם, אַן אַרטיקן. אַפילו די באַרימטע קו, וואָס האָט געשלאָגן אַ רעקאָרד מיט איר געבן טאָג־טעגלעך נישט ווייניקער ווי 60 ליטער מילך — האָבן זיי, מיט אַ קרעכץ, פאַר אים איבערגעלאָזט. ווען מיר האָבן פאַרנומען דאָס הויז פאַר אַ קינדער־היים, איז אונדז אויך געלונגען אַריבערנעמען צו זיך דעם אַלטן עקאָנאָם. ער האָט מורא געהאַט, מען זאָל אים קיין שלעכטס נישט טאָן און איז געוואָרן איינגעגאַנגען צו ווערן דער קוכער און דער פאַרוואַלטער פון דער ווירטשאַפט אין קינדער־היים. ער, צוזאַמען מיט דעם פעיקן דירעקטאָר, מיט זייער אַרבעטספעיקייט און געטריישאַפט, האָבן ממש וואונדער באַוויזן. זייער קינדער־היים פלעגט באַקומען די זעלבע פּראָדוקטן און לויט דער זעלבער נאָרמע, ווי די אַנדערע קינדער־היימען, אָבער די שפּייזן זענען געווען גאָר אַנדערע און מער געשמאַקע, די פּרעמירטע קו האָט ווייטער באַזאָרגט די קינדער מיט גענוג מילך, די חזירים־צוכט, דער גרינס־גאָרטן — אַלץ האָט באַרייכערט און פאַר־שענערט דאָס לעבן אין קינדער־היים.

ווען איך בין געווען אין קיעוו אויפן צוזאַמענפאַר פון די פאַרוואַל־טערס פון קינדער־היים־אָפּטיילונגען, האָב איך אין מיין אַרויסטרעטונג דערציילט וועגן דעם מוסטער קינדער־היים אין טשאַרטאַריסק און אַרויס־גערופן נישט ווייניק באַוווּנדערונג און קנאה מצד מיינע חברים. אויך וועגן מיין דורכפאַל מיטן דירעקטאָר פון לאָקאַטשער קינדער־היים האָב איך נישט פאַרשוויגן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם „דירעקטאָר" קענען אַ סך. ער איז אויך געווען איינער פון דער קאָלאָניע אין קורזאַש, פון כאַרקאָווער קרייז, וואָס מאַקאַרענקאָ האָט איבערגענומען צום אָנפירן, אָבער פון אים איז אַרויס אַ שאַרלאַטאַן. „פון איין בוים קומט אַרויס אַ צלם און לאָפּאַטע" — באַשטעטיקט דאָס פאָלקס־ווערטל.

איך האָב דערציילט וועגן דער קולטור־אַרבעט און פאַררעדט זיך וועגן די דירעקטאָרן פון די קינדער־היימען.

אין לוויצק איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין זאַל פון גרויסן טעאַטער אַן „איבערזיכט פון קינסטלערישער זעלבסט־טעטיקייט": געזאַנג און טענץ, דיכטונג און שאַפונגען אויף אַלע קולטור־געביטן. די בעסטע פון דעם איבערזיכט האָבן זיך געדאַרפט באַטייליקן אין די ווייטערדיקע איבער־זיכטן: קרייזישע און רעפּובליקאַנישע. איך האָב זיך געמאָלדן אויף דעם ערשטן „איבערזיכט", מיט מיינע קינדער־לידער אויף דער יידישער שפּראַך. מען האָט מיך צוגעלאָזט מיטן תנאי, איך זאָל זיי אויך לייענען אין דער רוסישער איבערזעצונג. עס איז אַרויסגעטרעטן דער לוויצקער אַנסאַמבל פון געזאַנג, וואָס האָט זיך גערופירט אַרום דער קאָנסערוואַטאָריע. אַרום 70 פּראָצענט פון די זינגער זענען געווען יידן, מערסטנס געוועזענע זינגערס ביי די חזנים: ראַזמאַרין, אַלטשולער, קוסעוויצקי און שולמאַן. געווען אויך עטלעכע אוקראַינישע זינגער און זינגערינס. דער רעפּערטואַר איז געווען בלויז פון רוסישע און אוקראַינישע לידער, אויך די סאָליסטן, מוזיקער און זינגער האָבן געשפּילט און געזונגען אוקראַינישע און רוסישע מעלאָדיעס, בלויז איך איינער האָב געלייענט מיינע קינדער־לידער אין דער יידישער שפּראַך און דערנאָך אויך אין מיין אייגענער רוסישער איבערזעצונג. דער עולם צוהערער אין זאַל איז געווען מערסטנס יידן, זיי איז זיכער געפעלן מיין דרייסטקייט און געוואַגטקייט. אַ סימן — זייער

וואָרעמע, הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן נאָך יעדער ליד באַזונדער. צוליב דעם האָט מען מיך אויך אויסגעווײלט אין די ווײַטערדיקע אָלימפּיאַדעס, כאָטש די מאַכטהאָבער זענען זיכער נישט געווען אַנטציקט מיט דעם, וואָס איך לייען אויף „זשאַרגאָן".

זײַענדיק אין קיִעוו און אין מאָסקווע אין 1940 יאָר, בין איך בײַגעווען אויף אַ פּרעכטיקן קאָנצערט פון דער קאַפּעלע „יעווואָקאַנס", אונטער דער אָנפירונג פון דעם דיריגענט שײַנין. זיי האָבן געזונגען אַ סך לידער אויף ייִדיש. איך האָב באַזוכט דעם ייִדיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטי־טוט אין הויז פון „נאַרקאָמפּראָס". אַפילו דאָס שילדל אויף דער טיר איז געווען אויף ייִדיש. איך האָב געהערט זינגען די באַרימטע סאָליסטן פורמאַן און סאַמאַילאָוו. אין קיִעוו האָב איך באַזוכט דעם ייִדישן מלוכה־טעאַטער און געזען שלום עליכמס „טוביה דער מילכיקער". אַפילו ייִדישן טשולנט און אײַנגעהאַקטע ייִדישע לעבערלעך מיט געגנדזענעם שמאַלץ באַשמאַלצן, מיט ייִדישע געפילטע פיש — האָב איך געגעסן אין אַ רעס־טאָראַן אויף קרעשטשאַטיק. פאַרוואָס זאָל איך נישט לייענען מײַנע ייִדישע קינדער־לידער אויף ייִדיש? נאָך פריער האָב איך די לידער איבערגעשיקט אין צ. ק. פון קאָמסאָמאָל קיין קיִעוו, פון וואַנען מען האָט זיי איבער־געשיקט אין דעם ייִדישן זשורנאַל „דער שטערן". פון דאָרטן האָב איך באַקומען אַ גענויע רעצענזיע, אַ וואָרעמען אָפּרוף און אַ צוזאָג, אַז זיי וועלן געדרוקט ווערן אין דעם אַלמאַנאַך, וואָס דאַרף בקרוב דערשײַנען. נאָך אַזאַ הכשר האָב איך זיך געקענט דערלויבן. דאָס איז אָבער אַלץ געווען אויף יענער זײַט פון קאַרעץ — די פריערדיקע גרענעץ צווישן פּוילן און ראַטן־פאַרבאַנד. דאָ, אויף די באַפרײַטע געביטן איז שוין, ווײַזט אויס, געווען פאַרויסגעזען אַ נײַע קולטור־ווענדונג — אויף אַלע שפּראַכן, אָבער נישט אויף ייִדיש. די נײַע ווענדונג האָט שווער געטראָפן די באַפרײַטע בירגער פון דער געוועזענער פּוילישער מלוכה, ווו די ייִדישע שפּראַך, דאָס ייִדישע בוך און פרעסע זענען געווען אַנטוויקלט, דער ווichטיקסטער אויסדרוק פון רײַכן ייִדישן קולטור־לעבן.

יואל פערעל

# פראָבלעמען

דאָס נייע לעבן אונטער דער הערשאַפט פון דער ראַטן־מאַכט, אויף די באַפרייטע טעריטאָריעס פון מערב־אוקראַינע, האָט פאַרמאָגט זייער אַ סך פּראָבלעמען, וואָס האָבן געפאָדערט אַ לעזונג. די התלבותדיקע פאַרע־רונג און דאַנקבאַרקייט, באַזונדערס פון די יידן צו די באַפרייער, איז אָפּגעקילט געוואָרן. ווען נישט די שוידערלעכע ידיעות, וואָס פלעגן, אַפילו אין אַ קאַרגער מאָס, אָנקומען פון „יענער" זייט, וועגן די געטאָס, וואָס די דייטשן האָבן געשאַפן פאַר יידן, וועגן די געלע לאַטעס, וועגן דעם הונגער, נויט און פּיין פון אונדזערע ברידער, וואָלט מען אפשר אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער רעטונג פון די באַפרייער.

אַזוי איז שוין די וועלט. דער לעבעדיקער מענטש וויל עסן, וויל אַרבעטן און פאַרדינען, וויל זיך אויסלעבן קולטורעל, ווי אים געפעלט. די באַפרייטע זענען געוואָרן בירגער פון אַן אַרבעטער־מלוכה, מיט רעוואָ־לוציאָנערע, דעמאָקראַטישע אידעען און לאָזונגען — איז דאָ פון וועמען צו פאַרלאַנגען.

פאַרלאַנגען! אָבער נישט פאָדערן. אין דעם האָט מען זיך געקענט גאָר שנעל איבערצייגן. די פריערדיקע גרענעץ ביי קאַרעץ איז געבליבן פאַרמאַכט, ווי פריער, בלויז איינצעלנע בירגער, וואָס זענען געפאָרן אין ספּעציעלע שליחותן פון זייערע אַרבעט־פלעצער, פלעגן באַקומען „קאָמאַנ־דיראָווקעס", וואָס האָבן דערמעגלעכט אַריבערצופאָרן קיין מזרח־אוקראַינע און אַנדערע ערטער.

די פריערדיקע מקורות פון פּרנסה: דער פּריוואַטער האַנדל, האַנט־ווערקעריי זענען ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן. די צאָל ניי־אַנטשטאַנענע קאָאָ־פּעראַטיוון איז געווען אַ קליינע און בלויז אַ קליינע צאָל אַרבעטער האָבן געפונען אין זיי אַרבעט. מען האָט בלויז געשמועסט וועגן איבערקוואַליפיצירן זיך, אָבער ווו און ווי אַזוי? די יונגערע האָבן באַקומען אַרבעט אין די מלוכהשע אינסטיטוציעס און אין דער שטאַט־פאַרוואַלטונג, די עלטערע זענען מערסטנס פאַרבליבן אַרבעטסלאָז. אמת, זיי האָבן נאָך פאַרמאָגט גענוג מאַטעריעלע מעגלעכקייטן פון פריער, אָבער צו אַלע זאַפּאַסן מוז

נעמען אַ סוף, דערצו האָט געשראָקן דאָס שפּריכוואָרט, וואָס מען פלעגט שווין צו אָפּט הערן: „ווער עס אַרבעט נישט — דער דאַרף נישט עסן".

עס האָט געשראָקן, ווייל גאַר אָפּט פלעגט מען זיך דערוויסן וועגן שכנים און באַקאַנטע, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן אין די נעכט. פאַר־וואָס? דאָס איז געווען אַ סוד. מען האָט געפּרוווט טרעפן: ספּעקולירט, געקויפט פרעמדע וואַלוטע, אָדער גאָלדענע צאַרישע „קנעפּלעך", געביטן פּוילישע באַנקנאָטן אויף סאָוויעטישע... דער אמת, די ווירקלעכע סיבות זענען געווען פאַרהוילן, אַפילו פאַר די נאָענטסטע פון דעם אַרעסטירטן. צווישן די קרבנות איז אויך געווען שיקע קאַשקעט, אַ זייגער־מייסטער און גראַווירער. ער האָט זיכער געהאַט צו טאָן מיט גאָלד, אָבער אַפילו זיין ווייב, מיין קוזינקע, גיטל פון די מאַנדעלמאַנס, האָט אויך נישט געוווּסט, פאַרוואָס מען האָט פאַרנומען איר מאַן און געלאָזט זי אַליין מיט די צוויי פּיצלעך קינדער.

אַ גרויסע סענסאַציע האָט אַרויסגערופן אין לויצק דער אומגעריכטער אַרעסט פון קריינדל יוז מאַן, פון די מיוחסים, וואָס האָט אַלע זיינע יונגע יאָרן פאַרבראַכט אין טורמע און אין קאַרטוז־בערעזע־לאַגער פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט אין פּוילן. די סאָוויעטן האָבן אים באַפרייט און ווי איינער פון די אַקטיוויסטן, איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס געהילף פונעם אָנפירער פון דער האַנדלס־אָפּטיילונג. עס איז באמת געווען אַ רעטעניש — פאַרוואָס?

די עלטערן שיקן זייערע קינדער אין די נייע שולן מיט דער אונטער־ריכט־שפּראַך אויף רוסיש אָדער אוקראַייניש. געוויינלעך, האָבן די יידן געשיקט זייערע קינדער אין די רוסישע שולן. די שולן זענען געווען מלוכהשע און אומזיסטע, אָבער דער יידישער גייסט איז ווי אינגאַנצן פאַר־שווּנדן. די קינדער האָבן זיך ביז איצט געלערנט אין די „תרבות"־שולן — אַלץ אויף העברעיש, אין די יידישע פאָלקס־שולן — אויף יידיש. אַפילו אין דער פּוילישער מלוכה־גימנאַזיע, ווו דער פּראָצענט יידישע קינדער איז געווען אַ מינימאַלער, דאָך פלעגט דער לערער חלק לערנען דאָרט יידישע געשיכטע, תנ"ך און שפּראַך. איצט האָבן די יידישע קינדער גע־

בזינקט נאָך דער יידישער און העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור. אַפילו אַ פּיצל קינד איז נישט לייכט צו אַנטווינען מיטאַמאָל פון דער מוטערס ברוסט און דאָ האָט מען געוואָלט שוין דערוואַקסענע אָפּרייסן מיטאַמאָל פון זייער שורש.

אויך די עלטערע יידן האָבן געבענקט נאָך דער היימישער יידישער פּרעסע, נאָכן „וואָלינער לעבן", נאָך די פּרעכטיקע יידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען פון די היימישע קינסטלער, מיט קאַלאַדני, אַלס רעזשיסער; נאָכן ייִנגן דראַמאַטישן קרייז, נאָך די ביכער פון דער יידישער ביבליאָטעק. פאַראַרעמט איז געוואָרן דאָס יידישע קולטור־לעבן. דווקא איצט פלעגט מען זיך אָפּטער אַריינכאַפּן אין שול אַריין, נישט אַזוי צוליבן דאַוונען, ווי צוליבן טרעפן זיך מיט נאָך יידן, וואָס בענקען, ווי דו, נאָך אַ יידישן קאָלעקטיוו, נאָך יידיש־גייסטיקן אויסלעבן זיך. פלעגט מען טאַקע ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין שפּילן אין „פּאָקער", צוברומענדיק זיך אַ ניגון, אָדער איינע פון די יידישע פאָלקס־לידער, וואָס קיפּניס האָט אַזוי זאָרגפעליק געזאַמלט און געזונגען.

מיט די קרובים אין אַמעריקע, אָדער אין ארץ ישראל, אַפילו מיט די אייגענע קינדער, איז איבערגעריסן געוואָרן דער קאָנטאַקט. היטלער רוקט פאָרויס זיינע אַרמייען קיין אַפריקע, קיין אַזיע. ער קלייבט זיך אויך אויפן נאָענטן מזרח. און די יידן אין ארץ ישראל געפינען זיך צווישן אַ סך פייערן, פון אינעווייניק און פון דרויסן. דעריבער איז די זאָרג וועגן די יידן דאָרט אַזוי גרויס.

איך אַרבעט שווער. גאָר אָפּט בין איך אין וועג. די ניי־אָרגאַניזירטע זיבן קינדער־היימען, וואָס געפינען זיך אונטער מיין אויפזיכט פאָדערן אומדערמידלעכע אַרבעט סיי אויפן פּעדאַגאָגישן געביט, סיי אויפן מאַ־טעריעלן. גאָר שנעל זענען די היימען אָנגעפולט געוואָרן מיט קינדער, אַפילו שנעלער, ווי מיט דערציער. די פאָדערונגען זענען גרויסע, ווייל די „פּאַלאַצן", וואָס די קינדער־היימען פאַרנעמען, זענען ווייניק צוגעפּאַסט פאַר אַ גרעסערן קינדער־קאָלעקטיוו, עס פעלן די נויטיקסטע היגיענישע באַדינגונגען, ווי בעדער, אָפּטרעטן.

איך דערמאָן זיך אַ פאַרדריסלעכן עפּיזאָד, וואָס האָט מיך אויפגערעגט

און פאַרשאַפט געגוג בייז־בלוט. מיין פאַרוואַלטער ליסענקאָ האָט אַמאָל זיך אָפּגערופן צו מיר בזה הלשון:

— חבר פערעל, מאָרגן וועט אויפן „איספּאָלקאָם" (אויספיר־קאָמיטעט) באַטראַכט ווערן דער ענין וועגן אייערע קינדער־היימען. איך האַלט, אַז איר וועט בעסער פון מיר רעפערירן וועגן דעם ענין.

איך האָב זיין פאַרשלאָג אָנגענומען. אַ ברירה האָב איך געהאַט?

דערציילט האָט מען ביי אונדז, ביי דער אַרבעט, אַז דער פאָרזיצער פון „איספּאָלקאָם", חבר גרישקאָ, איז גאָר שטרענג און איז פול מיט טענות און איבערגעטריבענע פאָדערונגען צו אָנפירער פון די אָפּטיילונגען, בשעת זיי באַריכטן וועגן זייער אַרבעט, דעריבער האָב איך גענומען גאָר ערנסט צוגרייטן זיך צום באַריכט. איך האָב זיך געמוזט צואיילן, כדי מיין פאַרוואַלטער זאָל באַוויזן אים איבערלייענען און געבן מיר זיינע צוגאָב־באַמערקונגען. איך האָב אים געשריבן אויף רוסיש. מאַטעריאַל האָב איך געהאַט גענוג, איך האָב נאָר באַדאַרפט דעם באַריכט צונויפשטעלן לאָגיש, אין אַ קורצער פאָרם און אינהאַלטספול. ביז שפּעט אינדערנאַכט בין איך געזעסן און געשריבן, געמעקט און געשריבן אויפסניי, צום סוף אים איבערגעשריבן קלאָר און ריין און צו מאָרגנס פרי אים צוגעשטעלט דעם חבר ליסענקאָ צום קאָנטראָל. ער האָט געלייענט אין מיין אָנוועזנהייט. איך האָב אָבסערווירט זיינע האַלב־ערנסטע בליקן, איינגעהאַלטן שמייכל־דיקע ליפּן און פאַרשטאַנען, אַז דער באַריכט האָט ביי אים נושא חן געווען.

— נישטאָ וואָס צוצוגעבן: אַן ערנסטער, אינהאַלטספולער באַריכט, גאָר פאַכמענעריש צונויפגעשטעלט. אַ שאָד נאָר, וואָס אויף רוסיש און נישט אויף אוקראַיִניש. — מיט די ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגן באַריכט.

אָוונט, אַרום אַכט. אין גרויסן זיצונג־זאַל איז פאָרגעקומען די זיצונג פון „איספּאָלקאָם". יונגע און עלטערע פון די העכערע באַאַמטע זענען געזעסן אַרום אַ גרויסן קיילעכדיקן טיש און האָבן באַטראַכט ערנסטע ענינים פון וואָלינער קרייז. איך בין געזיצן אין פאָדערהויז און געוואָרט ביז דער ענין פון די קינדער־היימען וועט אַרויף אויפן טאָג־אָרדענונג. איך בין אומגעדולדיק, איך פיל אַן אומרואיקייט אין האַרצן. אַ טרעמע ווי ביי

אַן אַרטיסט אויף דער פּרעמיערע. קיין פּחד האָב איך נישט, נאָר אַ געפיל פון ערנסט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער עיקר — איך זאָל פאַרדינען דעם צוטרוי, וואָס מען האָט צו מיר, איבערגעבנדיק מיר אַזאַ פאַראַנטוואָרט־לעכע אַרבעט.

ענדלעך — מען רופט מיך אַריין. איך פאַרנעם אַן אָרט נעבן מיין שעף ליסענקאָ. ער אַליין רעדט בלויז אַ פּאָר ווערטער וועגן דער אַרבעט פונעם סעקטאָר פאַר קינדער־היימען און גיט מיר איבער דאָס וואָרט צום באַריכט.

איך לייען פונעם פּאַפּיר געגנוג דייטלעך און הויך, נישט שנעל. מיר דוכט זיך, אַז מיין באַריכט האָט פאַראינטערעסירט און איז געפעלן, אַ סימן, אַז מען הערט מיך אויס ערנסט און אויפמערקזאַם. אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען נישט דער סוף. לויט מיר נאָך איז דער סוף געווען אַ פיאַטאַלער — איך בין איינגאַנצן דורכגעפאַלן...

— אין אייניקע פון אונדזערע נייע קינדער־היימען פעלן נאָך די נויטיקסטע היגיענישע באַדינגונגען: אין פּאָלאָנקער קינדער־היים איז אינגאַנצן נאָך קיין אַלגעמיינע באָד נישטאָ...

— וואָס ? אַ באָד ? — רייסט מיר איבער דער פאָרזיצער גרישקאָ מיינע לעצטע ווערטער. — אַ באָד ? אָט וועלן מיר אייך באַלד מאַכן אַזאַ באָד, מיט זאַמד און מאַטשאַלקע אויסרייבן, אַז זיבן שווייסן וועלן אייך באַדעקן !

איך בין בלאַס געוואָרן, ווי די וואַנט, עס האָט מיר פאַרפעלט אָטעם. איך בין נישט בכוח געווען די לעצטע ווערטער פונעם באַריכט אַרויסצו־זאָגן, נישט צו פאַרטיידיקן זיך.

ליסענקאָ האָט עס באַמערקט און ער האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן :

—אַ דאַנק ! איר האָט פאַרענדיקט ! פיין !

אַרויספירנדיק מיך, האָט ער צוגעגעבן :

— עך, אַ רעקרוט זענט איר נאָך, חבר פערעל. אַ רעקרוט ! גרישקאָ האָט זיך פּשוט אַ וויצל געטאָן. פון אייער באַריכט זענען אַלע צופרידן, אויך ער — גרישקאָ. שוין דאָס אַליין, וואָס מען האָט אייך אויסגעהערט אין

„איספאָלקאָם" איז אייער גרויס געווינס און איר מעגט זיין שטאָלץ דער־מיט. פאַרשטאַנען?

אויך די פאַרזאָרגונג פון די קינדער־היימען מיט שפּייז־פּראָדוקטן איז נישט געווען קיין גענוגנדיקע. די נייע דאָרף־ווירטשאַפטן — די קאָלכאָזן זענען נאָך געווען אין די וויקעלעך. פּריצישע ערד האָבן זיי גענוג, אָבער ס'פעלן אַגראָנאָמען, קוואַליפיצירטע ערד־אַרבעטער, אַגראָנאָמישע מאַשינען. בלויז די פּויערישע אָרעמקייט איז אַריינגעטרעטן אין די קאָלעקטיווע ווירט־שאַפטן, אַ קלענערע צאָל פון די „מיטעלע", וואָס האָבן אַריינגעגעבן אין שותפות אַ פערדל, אַ קו, אָדער צוויי און זייערע פּרימיטיווע אַרבעט־מכשירים. דער רייכערער וויל אַליין נישט אַריינטרעטן, אָדער מען וויל אים נישט אַריינעמען. עס גייט אַן אַ שטילער קאַמף אין די דערפער. און די סאָוויעטישע מלוכה־פּאָליטיק איז אַן איינגעהאַלטענע — נישט באַנוצן זיך מיט צוואַנג.

פון באַנק איז שווער צו באַקומען מזומן־געלט און אָן געלט וועט דער פּויער נישט פאַרקויפן קיין פּראָדוקטן.

מיר קומט אויס אָפט צו שרייבן באַריכטן פאַר מיין פאַרוואַלטער חבר ליסענקאָ. ער פאָדערט, אַז די באַריכטן זאָל איך שרייבן אויף אוקראַי־ניש און אָן גראַמאַטישע, אָדער אָרטאָגראַפישע גרייזן. מוז איך דעריבער אָנקומען צו אַנדערע חברים — איספעקטאָרן און בעטן: — קוקט איבער מיין באַריכט!

אין דער זעלבער צייט פלעג איך אין יעדער פרייער מינוט לערנען דעם אוקראַינישן אויסלייג און גראַמאַטיק, שרייבן אָן אויפהער דיקטאַנדן און איבערשרייבן די גרייזן צו עטלעכע מאָל, ביז... ביז אַנדערע פלעגן זיך שוין ווענדן צו מיר, איך זאָל איבערקוקן זייערע בריוו און באַריכטן...

מינדעלע האָט געאַרבעט אין שול אַלס לערערין. אויך דאָ האָט זי געפירט אַן ערשטן קלאַס, אויף דער רוסישער שפּראַך. זי פלעגט זיך ערנסט גרייטן צו די לעקציעס, לייענען פּעדאַגאָגישע און מעטאָדישע ליטעראַטור. אונדזער זון מאַרקס האָט שוין ביי זיינע פינף יאָר גערעדט אויף דריי שפּראַכן: יידיש, פּויליש און רוסיש. ביי דער ערשטער ניי־יאָר־פייערונג פאַר קינדער, וואָס איז פאָרגעקומען אין זאַל פון דער געוועזענער „פּראָס־

וויטע״, האָבן די קינדער געטאַנצט אַרום דעם פילפאַרביקן אויסגעפּוצטן יאָדלע־בוים, געזונגען און דעקלאַמירט. פּלוצים האָט זיך אויך אים, מאַרקסן, פאַרגלוסט צו באַווייזן פאַר די קינדער מיט אַ דעקלאַמאַציע, דערצו מיט אַזאַ, וואָס זיין פאָטער האָט געשאַפן. מען האָט אים דערלויבט. פול מיט קינדערישער פרייד איז ער אַרויף אויף דער בינע און אָנגעהויבן צו דעקלאַמירן אויף יידיש:

„אין דעם גאָרטן הייבט אַ פרייד —
פרישע רעטעכלעך שוין גרייט!״

צי מען האָט פאַרשטאַנען, צי נישט — נישט וויכטיק. ער האָט געענדיקט און דער גאַנצער קינדערישער עולם איז אויסגעבראָכן מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן פאַר זיין דרייסטקייט, האַרציקייט און מוט. די יידישע טאַטעס און מאַמעס האָבן פאַרשטעלט מיט די טיכעלעך די אויגן, מען זאָל נישט באַמערקן זייערע טרערן...

מיר אַלע דריי זענען געווען גליקלעך: מיר זענען צוזאַמען נאָך סכנהדיקע איבערלעבונגען, אַרבעטן מיט גרויס חשק און פאַרגעניגן אין דעם אויסגעטרוימטן לאַנד פון די סאָוויעטן, ווו עס וואַרט אונדזער בן יחיד אַ ברייט פעלד פון לערנען, אַרבעט און גליק.

אַ שאָד נאָר, וואָס מיין עלטערע שוועסטער און שוואָגער מוזן וווינען נישט ביי זיך אין שטוב אין לויצק, נאָר ביי פרעמדע מענטשן, אין ראָזשישטש. די יונגערע ברידער אָשר און שמואל מוזן וווינען און אַרבעטן אין לעמבערג און זעען זיך גאָר זעלטן מיט זייער אַלטער מוטער. אמת, אַלע אירע קינדער האָבן שוין חתונה געהאַט, אויך די יונגסטע טוליע און ראָזע. זי וווינט ביי זיך אין שטוב באַזונדער אין אַ קליין צימער און אַרום איר, אין באַזונדערע דירות — אַלע אירע קינדער: בענע, פריידע, טוליע און ראָזע מיט זייערע באַשערטע. אַלע קומען טאָג־טעגלעך אַריין צו איר אָפּגעבן דעם „גוט מאָרגן״, אָפּט איז זי זיי מכבד מיט אַ געשמאַקן ביסן, וואָס זי אַליין גרייט צו פאַר זיי און אַביסל ווישניאַק אויף לחיים. זי קלאָגט זיך, חלילה, פאַר קיינעם נישט אויף איר גורל. פאַרקערט, זי איז צופרידן מיט איר קהלישער אַרבעט — לאָזן איבערקוקן אַלטע ספרי־

תורות, געבנדיק דערביי צו פאַרדינען דעם סופר. אַזאַ אַרבעט, האַלט זי, איז פאַר גאָט און פאַר לייט.

די אַלע פּראָבלעמען, וואָס רירן אָן אַנדערע אין איר שטאָט, אויף אַ־ר גאָס — גייען איר נישט אָן. זי איז שוין צו אַלט צו גריבלען זיך אין אַלע „זיבן זאַכן". „מיר האָבן אַ גרויסן גאָט — זאָל ער זיך זאָרגן!" — אַזוי זאָגט זי זיך אָפּט אַרויס און איז זיכער, אַז דער גרויסער גאָט וועט זיינע יידעלעך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן...

## פּ אָ ר ו י ס

צו אונדז דערגייען קאַרגע ידיעות פון דער סאָוויעטישער פּרעסע, פון ראַדיאָ וועגן דער מלחמה: די פעסט־באַוואָפנטע דייטשע אַרמיי רוקט זיך פאָרויס אין אייראָפּע און פאַרכאַפּט פאַר זיך מער און מער. די מערב־מלוכות ליידן פון גרויסע מפּלות און פאַלן איינע נאָך דער אַנדערער. אויך דער איטאַליענישער „דוטשע" מוסאָליני, איז אַרויסגעטרעטן צו הילף זיין פאַרבינדעטן. אַפילו די, אויסגעלויבטע במשך פון יאָרן, „מאַזשינאָ־ליניע" איז נישט בכוח געווען צו פאַרהאַלטן די פאַשיסטישע חיילות. פאַריז איז געפאַלן אָן איין שאָס אַפילו.

אויך ענגלאַנד האָט שוין דערפילט דעם טעם פון די פאַשיסטישע באָמבעס איבער איר הויפּט־שטאָט. צי וועט אַמעריקע צוקוקן זיך גלייכ־גילטיק צו דעם חורבן? צי וועט ראַטן־פאַרבאַנד נאָך ווייטער ליפערן איר ברויט פאַר די פאַשיסטישע חיילות און אפשר זיין צופרידן מיט די מפּלות פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער?

יידן קומען גאָר אָפט אין די שולן דאַווענען, באַזונדערס די עלטערע, און כאַפּן דאָרט אַ סודותפולן שמועס וועגן וועלט־פּראָבלעמען. ביי יעדער געלעגנהייט דערוויסן זיי זיך וועגן די ברידער, די יידן, וואָס ווערן פאַרפּאַלגט און פאַרניכטעט אויפן בעסטיאַלישן אופן אין די געטאָס פון די פוילישע שטעט און שטעטלעך, אָן שום האָפנונג אויף דערלייזונג. שטילע קרעכצן און אויך טרערן באַגלייטן די שוידערלעכע נייעסן, וואָס דערטראָגן זיך פון

אויער צו אויער, אויפגעכאַפּטע פון אַ „זיכערן" מקור.

„דאַנקען דעם אויבערשטן, וואָס מיר יידן דאָ, אַלס קהל, זענען אויסער געפאַר" — טרייסטן זיך אייניקע.

„ווען עס טרעפט איז אוודאי ביטער — אָט אַנומלט האָט מען די מאַנופאַקטורשטשיקעס סאַראָקע און ווייסבערג ערגעץ אַרויסגעפירט, מיט די ווייבער און קינדער".

„אַרויסגעפירט, אָבער נישט אומגעבראַכט, ווי יענער, ימח־שמויניק".

יידן זענען פאַרט אומרואיק. די דערוואַקסענע זין נעמט מען אין דער רויטער אַרמיי. דער דייטש ווערט אַלץ שטאַרקער און רייכער.

„דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן" — טענהן אייניקע. — "מיינער אַ ידיד, בעסער אים נישט אָנרופן ביים נאָמען, האָט אַליין געהערט דורכן ראַדיאָ פון לאָנדאָן, אַז די דייטשן זאַמלען אָן גרויסע כוחות אויף דער סאָוויעטישער גרענעץ. צוליב וואָס? פאַראַדן צו פּראָוון? האָ?"

„די סאָוויעטישע פּרעסע־אַגענטור 'טאַסס' לייקנט עס אָפּ. מיר זענען דאָך 'ידידים', מיט אַ פריינדשאַפט־אָפּמאַך. ווי קען דאָס טאָקע אמת זיין?!"

אָבער אויפן האַרצן איז קאַלעמוטנע, עפּעס ווי אַ וואָרעם וואָלט זיך אַריינגעכאַפּט אַהין און נאָגט. אַלץ איז אַריבער אויפן צווייטן אָרט: דאָס זוכן אַרבעט, צי וועלן יידן האָבן מצות אויף פסח, צי די ווייבער וועלן אָפּטרעטן פון זייער יאָר־יערלעכער פאָדערונג — פאָרן אויף דאַטשע אום זומער, כאָטש אין די נאָענטע ערטער, ווי קיווערצע, קלעוואַן?

אויך ביי אונדז שטייט שאַרף דער ענין קוראַציע פאַר מיין ווייב. זי ליידט שטאַרק אויף איר קראַנקן פאַרוווּנדעטן פוס. מען זאָגט איר צו אַ „פּוטיאָווקע" אויף אַ קוראָרט קיין קרים. ווי קען מען זי אַליין לאָזן פאָרן אין אַזעלכע אומרואיקע צייטן? איך האַלט, אַז זי דאַרף אויסנוצן די געלעגנהייט און פאָרן. ווי עס זאָל נישט געשען, וועל איך שטענדיק באַוויזן ברענגען צו איר דאָס קינד. קרים איז פאָרט ווייטער פון וואָלין. אויך מינדעלעס עלטערן זענען מסכים מיט מיינע אויספירן און מינדעלע קלייבט זיך אין וועג אַריין. דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין (וו. צ. ס. פּ. ס.) האָט אויסגעטיילט פאַר איר אַ ביליקע „פּוטיאָווקע". ווי נאָר זי האָט פאַר־ענדיקט דאָס שול־יאָר, איז זי שוין גרייט געווען אין וועג אַריין. איך בין

געגאַנגען צוזאַמען מיט איר זיך געזעגענען מיט אַלע, אַלע. מען קען נישט זאָגן, אַז ס'איז געווען אַ גאָר פריילעך געזעגענען זיך. אינדערשטיל האָבן אייניקע געלאָזט אַ טרער און מיט אַ שווער האַרץ געזעגנט זיך. מינדעלע אַליין איז נישט שלעכט געווען געשטימט און אַפילו זיך אונטערגעזינגען:
— לאָמיר זיך געזעגענען...

קרים, מיט די בלויע, ימיקע ווייטן, מיט די בערג און טאָלן, דער קוראָרט אַליין — אַלץ האָט אַזוי געלאָקט און אינטערעסירט. דערצו איז זי ווייט געווען פון פאַנישע שטימונגען נאָך דעם, וואָס זי איז איבערגעקומען אין אַטוואַצק און וואַרשע און דאָך געקומען צו אירע אייגענע.

צוזאַמען מיטן זון האָבן מיר זי באַגלייט צו דער באַן אויף אַ דראָזשקע. דאָס איז געווען דעם 29־טן מאַי 1941. אַ חודש איז נישט קיין אייביקייט, ער לויפט פאַרביי, ווען די צייט איז אויסגעפילט מיט קוראַציע און אַ פריי־לעכער חברה, מיט שפּאַצירן און אויספלוגן איבער נייע געגנטן און ערטער, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג מיט זייער פּראַכט און נייקייט. אונדזער זון מאַרקס איז אויך נישט געווען אומעטיק.

— קום, מאַמע, געזונט! און שוין! — אַ קוש און נאָך אַ אַ קוש. פון ווייגען האָלט ער נישט.

— זיי רואיק, מינדעלע, פאַרן קינד און פאַר מיר. פאַרברענג פריילעך און היטל זיך אויס פולקאָם — דאָס איז דער עיקר.

— מיר זאָלן זיך טרעפן געזונט, טייערע! — נאָר די פּאָר ווערטער האָט מינדעלע אַרויסגעזאָגט און איינגעשטיגן שנעל אין וואַגאָן אַריין. ס'איז איר, ווייזט אויס, אויך נישט לייכט געווען אויפן האַרצן אין די לעצטע מינוטן פון צעשיידן זיך...

אויף צוריקוועגס האָבן מיר ביידע, איך און מאַרקס, געשוויגן און אַרויסגעקוקט אין פאַרשידענע זייטן. מעגלעך, אַז דאָס קינדערישע האַר־צעלע האָט געגאָגט און עפּעס אָפּגעפילט.

מיר זענען געפאָרן צו זיך אַהיים. איך האָב נישט געוואָלט דערווייל אָפּגעבן דאָס קינד צו די עלטערן. צו וואָס זיי באַשווערן, ווען איך קען אַליין זיך באַגיין אָן עמיצנס הילף. גאָר נאָענט פון אונדז האָט געוווינט ר'ייזעלע מיט איר מאַן און קינד. אין דער פרייער צייט פלעג איך פאַר־

ברענגען ביי זיי. מאַרקס האָט ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיטן קינד. מיט עסן איז ער אויך געווען באַזאָרגט. גאָר נאָענט איז געווען דער שטאָטישער גאָרטן, ווו מיר האָבן צוזאַמען שפּאַצירט און פאַרבראַכט. אַמאָל זענען מיר אויך אַראָפּגעגאַנגען צו בענעס בריק, צום טייך און אָבסערווירט די שיפלעך, וואָס שיפן זיך אָפּ און קומען אָן. נישט איינמאָל פלעג איך צוזאַמען מיטן זון אַרומשפּאַצירן איבער די רואיקע וואַסערן פון טייך אויף אַ שיף. איך האָב זייער ליב געהאַט צו הערן ווי מאַרקס דעקלאַמירט מיינע לידעלעך אויף יידיש. ער האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און מיר צוליב געטאָן:

„איר קענט נישט מיין מאַמען? עס מעג אייך פאַרדריסן.
און ווילט איר זי קענען? טאָ הערט — וועט איר וויסן:
מיין מאַמע איז שיין אַזוי ווי אַ רויז,
איר קענט זי פאַרגלייכן מיט די שענסטע מאַמעס בלויז,
מיין מאַמע קען זינגען לידעלעך שיינע
און מעשיות דערציילן איינע נאָך איינע.
מיין מאַמע — איך ליב זי! דערציילט איר נישט — שאַ!
אפשר איז אייערע אויכעט אַזאַ!"

דאָס לידעלע פלעגט אונדז אָוועקטראָגן ווייט, ווייט, איבער ווייטע מרחקים, ווי אַ ווינט. און מיר פלעגן זיך זעען אין דמיון מיט איר, צו וועמען אונדזערע ביידנס הערצער האָבן אַזוי שטיל געבענקט און אָפּגע־וואַרט מיט אומגעדולד.

מיין בענקשאַפט איז אויסגעמישט געווען מיט זאָרג פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. באַאומרואיקנדיקע נייעסן פלעגן זיך דערטראָגן דורכן ראַדיאָ, וואָס איך האָב געהאַט אין שטוב. די דייטשע נצחון־לידער, זייער לויבן זיך און דראָען האָבן צוגערויבט די רו.

אומגעריכט האָב איך באַקומען פון מינדעלען אַ טעלעגראַמע, איך זאָל איר אַרויסשיקן געלט. צו וואָס דאַרף זי אַזוי דרינגענד געלט, האָב איך געטראַכט. זי איז דאָרט ערשט אַ העלפט צייט. צי יאָגט זי זיך נישט באַ־צייטנס אַהיים?

איך האָב דאָס געלט אַרויסגעשיקט און געוואַרט אויף אַ בריוו מיט ברייטערע אויפקלערונגען. איך האָב אויך באַקומען אַ בריוו פון ביאַליסטאָק

פון מיינע חברים בליאַנקע און לעאָן שאַיאַק. איך האָב זיך שטאַרק דער־פרייט, וואָס זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון היטלעריסטישן גהינום אין לאָדזש און אַרבעטן ביידע, אַלס לערער, אין ביאַליסטאָק. דורך אַ צופאַל האָבן זיי זיך דערוווּסט אונדזער אַדרעס און זיי ווילן קומען צו אונדז צוזאַמען מיט זייער זון אַרטורעק אין די זומער־טעג. מיט פרייד האָב איך זיי געענטפערט, אויף זייער בריוו און פאַרבעטן זיי צו אונדז. דערביי האָב איך אָבער דערמאָנט, אַז מינדעלע איז איצט אין קרים, אויף אַ קוראָרט און זי וועט זיך אומקערן אין סוף פון חודש יוני.

עס איז געווען בלויז אַ קליינער אַנדייט, אַז זיי זאָלן קומען שפּעטער מיט אַ וואָך, ווען מינדעלע וועט שוין זיין אין דער היים. ליידער, איז אונדזער צוזאַמענטרעף שוין קיינמאָל נישט פאַרגעקומען...

אין דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק, אַרום פיר פאַרטאָג, האָט זיך מיין זון מאַרקס אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ הילכיקן אויסגעשריי:

— טאַטע, מען וואַרפט באָמבעס! מען שיסט!

איך בין אַראָפּ פון בעלעגער, צוגעלאָפן צו זיין בעטל און געפּרוּווט אים באַרויקן:

— זונעלע, שלאָף רויק! ס'חלומט זיך דיר בלויז. קיינער באָמבאַר־דירט נישט.

— יאָ, יאָ, איך הער אַליין, אָט איצט נאָכאַמאָל: בום! בום! דו הערסט נישט?

יאָ, איך האָב דערהערט אַ טעמפּן הילך, איינעם און באַלד דעם צווייטן. עס איז געווען אַ וואַרעמע זומער־נאַכט, האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט בלויז אין דער שלאָף־פּידזשאַמע און אין די שטעק־שיך אין דרויסן. עס איז נאָך געווען געגנוג טונקל, בלויז אַ קאַיאַריקע בלויקייט האָט שוין אַרומ־געכאַפּט דעם אַרום, ווי מיט אַ דינער טיולענער שאַל. דער הימל איז געווען באַשטערנט מיט אַנצאַליקע זילבערנע פונקן, די לבנה האָט, ווי תמיד, אַרומגעשפּאַצירט צווישן די שיטערע קלאַטשיקע וואָלקנס, רויִק, מאַיעס־טעטיש, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען. איך האָב אָבער באַמערקט פונדער־ווייטנס אויפרייסן, וואָס זענען באַגלייט געוואָרן מיט אַ ווייטן אָפּהילך.

לויט מיר נאָך, האָט מען באָמבאַרדירט די באַן־סטאַנציע, אָדער אַפילו ווײַטער — אין קיווערצע.

אין דער קלײנער ווײלע פון מײַן אַפּוועזנהײט האָט שוין מײַן זון באַוויזן זיך אָנצוטאָן. אויך בײַ אים איז קײן ספק נישט געווען, אַז עפּעס שרעקלעכעס הויבט זיך אָן. באָמבעס פאַלן, הילכיקע שיסערײען — דאָס האָט ער שוין געזען אויף די וועגן פון אַטוואַצק קײן לויצק. ער קען דאָס נישט פאַרגעסן, כאָטש עס זענען שוין אַוועק כמעט צוויי יאָר. ווי נאָר ער באַקומט היץ, דערוועקן זיך אין אים די זכרונות און ער שרעקט אַלעמען מיט זײַנע אויסגעשרייען: „אַ באָמבע! מען שיסט!"

איצט האָט ער קײן היץ נישט. זײַן אויסגעשריי האָט אַ רעאַלע, וויכטיקע סיבה.

איך פּרוּוו וועקן די שכנים, קלאַפּנדיק פאַרזיכטיק אין זײערע טירן:

— חבר זשוראַווליאָוו, מען באָמבאַרדירט! שטײט אויף!

— מאַכט נישט קײן פּאַניק! — דערהער איך אַן ענטפער, ווי פון עם שלאָף. דאָך לויפן בײדע שכנים אַרויס און נאָך זײ די פאַרשלאָפענע ווײַבער. מיר לויפן אַלע צוזאַמען אין דרויסן. אין דער זײט פון די מיליטערישע קאַזאַרמעס באַמערקן מיר אַ שריפה, מען הערט אויף אַ דומפּיקן געהילך פון גאָר ווײַט: בום! בום!

עס ווילט זיך נישט גלויבן, אַז די מלחמה, וועגן וועלכער מען האָט אַזויפיל געשמועסט די לעצטע צײַט, איז אַ געשעענער פאַקט. איך פּרוּוו אָנשטעלן דעם ראַדיאָ אויף דער מאָסקווער כוואַליע. ס'איז שטיל. אויף קיעוו, אויף אַנדערע סאָוועטישע סטאַנציעס — מען הערט נישט קײן וואָרט. וואָס זאָל דאָס באַדײַטן? איך וואַג נישט אָנצושטעלן אויף אַן אויסלענדישער סטאַנציע אין דער אַנוועזנהײט פון די שכנים. ערשט ווען זײ גײען אַרײַן צוריק צו זיך אין די צימערן און אפשר אויך צוריק אין די בעטן צו פאַרענדיקן דעם איבערגעריסענעם שלאָף, גיב איך אַ דריי אָן דעם ראַדיאָ אויף דער כוואַליע פון בערלין. אוי ווײ! דאָ שלאָפט מען נישט, דאָ שרײַט מען אויף קולי־קולות. און ווער? היטלער אַלײן רײַסט זײַן טריפהנעם גאָרגל און שרײַט, אַז די רוסן האָבן געפּאַדערט באַספּאַר און דאַרדאַנעלן, אויך פינלאַנד ווילן זײ פאַרכאַפּן, דערמיט האָבן זײ געבראַכן דעם אָפּמאַך

און ער האָט באַפוילן זיינע העלדישע אַרמייען אַריבער די סאָוויעטישע גרענעצן און... איך רייס איבער, אויך די שכנים דערציייל איך נישט וועגן דעם, וואָס איך האָב געהערט. מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק. איך וואָרט גע־דולדיק ביז זעקס אינדערפרי. דער סאָוו׳עטישער ראַדיאָ האָט ווי שטענדיק אָנגעהויבן זיינע טאָג־טעגלעכע אוידיציעס. די קלאַנגען פון דער פרי־מאָרגן־גימנאַסטיק באַרואיקן אַביסל, כאָטש דאָס האַרץ נאָגט, דער אומרו גייט נישט אַריבער. שפּעטער הער איך, שוין צוזאַמען מיט מיינע שכנים, „די לעצטע נייעס״ פון מאָסקווע. אַלץ ווי טאָג־טעגלעך: דער זעלבער רואיקער טאָן, דער פּראָגנאָז פון וועטער, אָבער קיין וואָרט נישט וועגן דער מלחמה.

— אַ פאַלשער אַליאַרם! — איר זעט, חבר פּערעל? — רופט זיך אָפּ מיט אַ טריאומף דער שכן זשוראַוולעיאָוו.

— הלוואי! — ענטפער איך, כאָטש אין מות עקבערט דער אומרואיקער געדאַנק: איך האָב דאָך געהערט מיט מיינע אייגענע אויערן.

דער 22־טסער יוני. זונטיק. צו דער אַרבעט דאַרף מען נישט גיין. באַשליס איך צו גיין מיטן קינד צו מיין מוטער, ברידער און שוועסטער. פּאַר מיין יונגסטער שוועסטער רייזל בין איך שטאַרק אומרואיק. זי איז שוואַנגער, אין ניינטן חודש שוין. אַזעלכע שווערע צייטן קומען אָן...

איך גיי דורך דער הויפּט־גאַס יאַגיעלליאָנסקע, איך קוק יעדן מענטשן, וואָס איך באַגעגן, אין די אויגן אַריין, אין אַלעמענס אויגן באַמערק איך אַן אומרואיקייט, אַפילו דער דרויסן ווייזט זיך מיר אויס נעפּלדיק און אומרואיק, ווי פאַר אַ שטורעם. איך האַלט מיין סוד פון דער אומרואיקער נאַכט אין זיך און וואַרט, אַז עמיץ זאָל דער ערשטער מיט מיר וועגן דעם אַ שמועס טאָן. איך טראַכט אַלץ וועגן אַרויספאָרן באַצייטנס און איבער־געבן מינדעלען דאָס קינד. מיין אומגעריכט אָנקומען צו מיין מוטער קאַיאַר האָט אַביסל אָנגעשראָקן: וואָס איז געשען?

— אין אומרואיקע צייטן ווילט זיך נישט זיין אַליין מיטן קינד — פאַרענטפער איך זיך.

אָבער איך וויל נאָך אַלץ נישט דערציילן בקול רם וועגן דעם, וואָס איך האָב געהערט ביינאַכט פון בערלין.

— אוודאי איז בעסער, ווען דאָס קינד איז דאָ מיט אונדז. אויך דו ביזט דאָך היינט פריי — האָט מיין מוטער געזאָגט. — וואָס שרייבט מינדעלע ?

— זי דאַרף שוין איינגיכן פאַרענדיקן איר קוראַציע. זי פילט זיך גוט !

— האָב איך זי באַרואיקט.

די ערשטע פרימאָרגן־צייטונגען האָב איך ממש געשלונגען. איך האָב געזוכט אַפילו צווישן די שורות, אָבער גאָרנישט געפונען. איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז ביי היינטיקער טעכניק און באַוואָפענונג קען מען במשך פון שעהן גאַנצע לענדער פאַרניכטן, אָדער דעראָבערן. נישט אַנדערש, אַז דער פונק האָט געהאַלטן ביים צעברענען זיך אין אַ העלישן פלאַם, אָבער עס איז געלונגען, ווייזט אויס, אים איינצולעשן. צי קען מען דען אַנדערש פאַרשטיין דאָס שווייגן פון דער פרעסע, פון ראַדיאָ ?

עס איז שוין צוועלף דער זייגער. מיט גרויס נייגער און אומגעדולד הער איך דעם סאָוויעטישן ראַדיאָ. די נייעסן, ווי שטענדיק, אַלץ אין אַ גע־וויינלעכן, רואיקן טאָן. ערשט ביים סוף — סיגנאַל־קלאַנגען פון דונאַ־יעווסקיס ליד : „ברייט איז מיין אייגן לאַנד...״ און אַ מעלדונג : „הערט אַ וויכטיקע מעלדונג פונעם אויסערן מיניסטער מאָלאָטאָוו...״

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם הערן זיך איין מיליאָנען סאָוויעטישע בירגער צו יעדן וואָרט. ער מעלדעט וועגן אומגעריכטן אָנפאַל פון די היטלערישע אַרמייען אויפן ראַטן־פאַרבאַנד... די מלחמה איז אַ פאַקט ! וועגן דעם האָבן שוין געוווּסט טויזנטער, הונדערטער טויזנטער מיליטער־לייט און פשוטע בירגער. די צעשטערערישע, באַרבאַרישע לאַפּע האָט שוין באַוויזן צו דערגרייכן צו די גרעסטע שטעט אין ראַטן־פאַרבאַנד, פאַרניכטעט גאָר וויכטיקע מיליטערישע אָביעקטן, מיליטערישע פאַבריקן און מאַגאַזינען. ווי אַ געפּלעפּטער איז געבליבן יעדער מיליטער־מאַן אויף דער גרענעץ פאַר דער אומגעריכטער רעטעניש פון דעם אָנפאַל פון די דייטשע אַרמייען, טאַנקן און האַרמאַטן. די אָפיציעלע סאָוויעטישע פרעסע־אַגענטור האָט דאָך אָפּגעלייקנט יעדע ידיעה, וואָס איז געקומען פון אויסלאַנד, אַז דער דייטש גרייט זיך אָנצופאַלן אויף ראַטן־פאַרבאַנד. איך מיין, אַז דאָס רעטעניש פונעם שווייגן און פאַרשווייגן במשך פון לאַנגע שעהן, וואָס האָט געקאָסט אַזויפיל איבעריקע קרבנות, וועט נאָך אַמאָל אויפגעקלערט ווערן...

צווייטער טייל

# די גרויסע וועלט מלחמה

# די צווייטע גרויסע וועלט־מלחמה

מיט מאַלאַטאַווס מעלדונג דורכן סאָוויעטישן ראַדיאָ איז די מלחמה צווישן היטלער־דייטשלאַנד און ראַטן־פאַרבאַנד שוין געוואָרן אַ געשעענער פאַקט. אַ מלחמה אויף לעבן און טויט. באַמבעס, וואָס, די דייטשן האָבן געוואָרפן אויף די גרויסע סאָיוועטישע שטעט, מיליטערישע אָביעקטן, ערא־דראָמען און פאַבריקן, אין די צענדליקער און הונדערטער, פון די גרעסטע און געפערלעכסטע קאַליבערן — דאָס איז נאָר געווען דער אָדערויף, דער אָנהויב. איר האָט נישט געוואָלט גלויבן, אָט האָט איר אַ באַוויז און גלויבט! דער „בליץ־קריג״ האָט אָנגענומען דעם שנעלסטן טעמפּ: גאַנצע עסקאַדרן מלאכי־חבלה האָבן געהאָגלט פון די הימלישע הויכן מיט פייער, מיט דונערנדיקע אויפרייסן, זייענדיק אומעטום פּאַנישע שרעק, פאַרניכטונג און טויט. דער מהלך פאַרשווינדט, די שווערע און לייכטערע טאַנקן, די מאָטאָריזירטע אַרמאַטן, אַפילו די אַזוי־גערופענע „פוסגייער״ פאָרן אויף מאַשינען מיט אויטאָמאַטן, אָנשטאָט ביקסן, אין די הענט, ווי אַ וויכער, מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט. איין טרייסט — די מאַסע סאָוויעטישע טאַנקן, וואָס לויפן אַנטקעגן דער צעבושעוועטער חיה־רעה אויף מערב. איך זע זיי פון מיין באַהעלטעניש, פון דעם קעלער ביים קלויסטערל, וואָס שטייט נאָענט צו דער באַזיליאַנער בריק. די קעלערן דאָ זענען פעסט, ווי פעסטונגען, מיט סופיטן שטיינערנע, דיקע, אפשר אַ מעטער די גרעב. דאָ וואַלגערן מיר זיך שוין צוויי טעג און נעכט: איך און מיין זעקס־יאָריקער זון מאַרקס. אַהער דערטראָגן זיך די אָפּהילכן פון די פליענדיקע באַמבעס, אַהער קומען צולויפן אַנטלאָפענע פון די חרוב געוואָרענע הייזער, דאָ דער־וויסן מיר זיך ווער איז שוין זיינסט איבערגעקומען אויף דער זינדיקער ערד, ווי ס׳ברענט, און נייעסן, איבערגעגעבענע פון מויל צו מויל, איינע שרעק־לעכער פון דער אַנדערער און דאָס אַלץ נאָגט אַזוי ביים האַרצן, פילט אַן

די אויגן מיט פחד. דער מוח הערט נישט אויף צו אַרבעטן, אָבער ער קען זיך צו גאָרנישט דערטראַכטן. ווי עס זאָל נישט זיין, ביי מיר איז דער פּלאַן אַ קלאָרער און אַן איינציקער: איך מוז לויפן מיטן קינד צו מיין ווייב קיין קרים, אָדער אָפּשטימען זיך מיט איר צו טרעפן ערגעץ ווו. דאָס קינד מוז איך איר איבערגעבן אין די הענט אַריין, און איך? אויף מיר איז חל דאָס געזעץ פון מיליטער־פּליכט. פאַר מיר טראַכט מען שוין געוויס ערגעץ אין די מאָביליזאַציע־פּונקטן. איך מוז זיך אָבער באַפרייען, צו דעם ציל, פון מיין אַרבעט ביי ליסענקאָן.

איך האָב אויסגענוצט אַ מאָמענט פון כלומרשטער רואיקייט און איך בין דורך די אונטער־וועגן אַוועק מיטן קינד אויף קראַסנע, צו מיין ווייבס עלטערן, כדי איבערצולאָזן ביי זיי דאָס קינד. אין די אומעטיקע אויגן פון דער באַבען האָב איך באַמערקט אַ קורץ־ווייליקע פרייד ביים באַגעגענען זיך מיטן אייניקל און נאָך טיפערן אומעט ווי שטענדיק: — דאַנקען גאָט, וואָס מען זעט זיך! — האָבן געשעפּטשעט אירע בלאַסע ליפּן. דער זיידע מאַנעס האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס אייניקל אויף די אַרעמס, אַ דריי זיך געטאָן ווילינוגלעריש, ווי ער וואָלט גרייט געווען צו כאַפּן אַ טענצל מיט אים.

ערשט איצט האָב איך דערציילט די עלטערן וועגן דער טעלעגראַמע, וואָס איך האָב באַקומען, וועגן אַרויסגעשיקטן געלט און וועגן מיין פּאַרדאַכט, אַז מינדעלע קען נאָך קומען אַהיים פאַר דער צייט.

— ניין, דאָס טאָר זי נישט טאָן. דו פיר בעסער אַוועק אַהין דאָס קינד. דאָס אומגליק איז דאָך אַזוי נאָענט פון דאַנען — האָט די מוטער ווי אויסגעשריגן מיט זאָרג.

איך בין געווען צופרידן, וואָס אונדזערע פּלענער זענען כמעט די זעלבע אין דעם גורלדיקן מאָמענט.

נישט ווייט פון דאַנען איז געווען מיין אַרבעטס־פּלאַץ. איך האָב זיך געלאָזט אַהין. צוקומענדיק צום אָבלאַיספּאָלקאָם (קרייזלעכער אויספיר־קאָמיטעט), האָב איך געטראָפן אַ באַוופנטן שומר ביים טויער.

— לאָזט מיך אַריין — האָב איך זיך געבעטן. — איך אַרבעט דאָ און באַדאַרף צום חבר ליסענקאָ, אָדער גרישקאָ, אָט האָט איר מיין אַרבעטס־דאָקומענט!

— גייט אַדורך, אָבער קיינעם וועט איר זיכער נישט טרעפן. אַט שטייען דאָרט אייניקע באַהאַלטן אונטערן קאַמער, אַט דאָרטן. מען ריכט זיך אויף אַ לופט־אָנפאַל. זייט פאַרזיכטיק...

איך בין אַדורך און גלייך אַוועק צום קאַמער. דאָרט האָב איך געטראָפן ביי דער וואַנט מאַטיע אַקס, איינעם פון אונדזערע אינספּעקטאָרן, אַט דעם אוקראַינער מיטן איינעם אויג און נאָך עטלעכע אומבאַקאַנטע. אַלע שטייען שווייגנדיק, ווי זיי וואָלטן געהאַט פולע מיילער מיט וואַסער, בלויז די אויגן רעדן מיט אומבאַהאָלפנקייט און מיט אַ סך פראַגע־צייכנס. עס איז איבעריק צו פרעגן וואָס עס הערט זיך, קיינער פון זיי ווייסט אַליין נישט וואָס צו טאָן. איינער פון די באַאַמטע שטייט צוזאַמען מיט זיין פרוי און צוויי קינ־דער, זיי זענען נישט פון די היגע. פּלוצים כאַפּט ער די וואַליזע אין דער האַנט און שפּאַנט פאַרויס, נאָך אים די פרוי מיטביידע קינדער. גיי, פרעג אים, וווהין ער לויפט און צי דאַרף מען לויפן — ער וועט סיי־ווי נישט ענטפערן.

„פּאַניקיאָרן האָט מען נישט ליב!" — טראַכט איך אין זיך. לויפן! איך דאַרף זיכער לויפן צוליבן קינד און מינדעלען.

איך לויף. שוין אַריבער מיט אַ שיף דורכן טייך, אַט דאָרט, וווּ ס'איז אַמאָל געווען בענעס בריק. איך אייל צו זיך אַהיים. אויב לויפן, איז בעסער אויפן ראָווער. איך באַקום אים אַרויס פון שטאַל, ער איז גרייט צום פאָרן. איך גיי אַפילו נישט אַריין אין שטוב אַריין. סיי־ווי קלער איך נאָך אַהער צו קומען. איך פאָר דורך דער באַלגיטשנע־גאַס צו דער מצרים־גאַס, אויף קראַסנע, צום קינד. עס פעלן אויס ווערטער ביים געזעגענען זיך, עס וואָלט לייכטער געווען צו קושן זיך, אויסווייגען זיך, ווי דאָס געמיט פאָדערט. קושן מיר זיך, נאָר מיר וויינען נישט. אין גאָרגל שטייט אַ האַרטער קנויל, איך שלוקעכץ, ווי איך וואָלט געוואָלט דעם קנויל אַראָפּשלינגען, אָדער אַרויסוואַרפן — עס העלפט אָבער נישט. דאָס קינד האָט ווי פאַרלוירן זיין קינדערישקייט, ער קוקט אויף אַלעמען מיט צעטומלטע אייגעלעך און איז גרייט זיך צו צעכליפּען.

— קוש די מאַמען, מאַרקסעלע! — בעט זיך דער זיידע.

— יאָ, יאָ, זיידע. פאָר דיר און פאָר דיר, באָבע.

איך נעם דאָס קינד אויף דער האַנט און איך פאַר שנעל אָפּ. איך פיל אויף זיך די בליקן פון די ביידע ווידע־באָבע און מיר דוכט זיך, איך הער אַ פאַרדומפּטן כליפּען פון ביידן. איך בין געפאָרן שנעל, וועלנדיק וואָס שנעלער זיך אַריבערכאַפּן איבער דער לאַנגער בריק, וואָס פאַראייניקט די שטאָט מיט קראָסנע. עס איז געווען שווער צו פאַרשטיין, הלמאי די דייטשן באָמבאַרדירן נישט די בריק. צי האָבן זיי געהאַלטן, אַז גאָר אינגיכן קען זי זיי צונוץ קומען?

אויף דער צווייטער זייט בריק איז מיר אַנטקעגנגעפאָרן אויף אַ ראָווער אַ באַקאַנטער חבר פון טאַרטשין, יונגערמאַן. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און זיך אינטערעסירט צו וויסן, הלמאי פאָרט ער גאָר צוריק, אויפן וועג קיין טאַרטשין. ער איז אַנטלאָפן פון דער היים, ווי ער שטייט און גייט, נישט וועלנדיק אַריינפאַלן אין די דייטשע לאַפּעס. איצט זעט ער, ווי די סאָוויעטישע טאַנקען, יאָגן זיך אין די טויזנטער. אויסער דער שטאָט האָט ער געטראָפן צענדליקער גיגאַנטישע טאַנקען, וואָס מאַכן אַדורך זייער וועג אויסער דער שטאָט, איז ער געוואָרן כמעט ווי זיכער, אַז זיי וועט געלונגען דעם דייטש אָפּצוהאַלטן, אפילו פאַרטרייבן. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן זיך צוריקקערן קיין טאַרטשין.

אַ דערפרייענדיקע בשורה! ווער האָט זיך אָבער געקענט ריכטן, אַז דוקא אונטער טאַרטשין וועט פאַרקומען אַ צווייפלהאַפטע שלאַכט, דער ערשטער פאַרמעסט צווישן קאָלאָסאַלער טעכניק פון ביידע צדדים, מעטאַל און בלוט, העלדישקייט און פאַראַט, עקשנות און פאַרפירונג, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיטן נצחון פון די שוואַרצע פאַשיסטישע כוחות.

נאָך דער באַזיליאַנער בריק האָב איך געטראָפן אַ באַקאַנטע פרוי, מיט צעשויבערטע האָר, מיט דערשראָקענע אויגן און בלאַסן געזיכט, וואָס האָט פעסט אַנגעהאַלטן צווי מיידעלעך מיט ביידע הענט. איך האָב זי דערקענט: ס׳איז געווען שמואל כאַזאַנס וויב, די באַקאַנטע פידלערין, מאַניע ריוועץ. איך פלעג זי שטענדיק זעען מיטן פידעלע אין דער האַנט. זי איז ווי צונויפגעגאָסן געווען מיט איר אינסטרומענט פון די סאַמע קינדערישע יאָרן. זי איז פאַררעכנט געווען אַמאָל פאַר אַ וווּנדער־קינד, אַ ווירטואָזין. צווי לענגלעכע צעפּ, אַ הויכער שטערן, אַ קליין מויל מיט

צוגעשמינקטע ליפּן אויף שאַרלאַך־רויט, די באַק אויפן פידעלע, די אויגן צוגעזשומערט און די לאַנגע פינגער ציען מיט גראַציע דעם סמיטשעק איבער די ציטערדיקע סטרונעס, וואָס לאָזן הערן צייטיקע טענער, פאַר־כשופטע, וואָס דרינגען אַריין טיף אין האַרצן...

אַזאַ איז זי געווען אַמאָל. אָבער איצט? איצט איז זי קוים אַ לעבעדיקע אַרויס פונעם פייער און באַוויזן צו ראַטעווען אירע קינדער. אַלץ איז אַוועק מיטן רויך. די שטוב, איר האָב און גוטס און דאָס פידעלע. דאָס איז געווען דער גורל פון דער גאַנצער יידישער גאַס אויף ווולקע, ווו די יידישע איינשטאָקיקע הייזער מיט די שינדל־דעכער האָבן זיך אָנגעצונדן פון די דייטשע ברען־באָמבעס און געברענט ווי קין־העלצלעך מיט העלישן פלאַם און שטיקנדיקן רויך. איצט איז זי געלאָפן צו איר מאַנס שטיפברודער, יצחק שטערנפעלד, כדי צו זוכן אַ דאַך איבערן קאָפּ פאַר זיך און פאַר די קינדער.

אונטערן איינדרוק פון דער באַגעגעניש בין איך אַריינגעקומען צו מיין מוטער אין שטוב אַריין. איך האָב מיין מאַמען נישט געטראָפן ביי זיך אין אַלקערל, ווי שטענדיק, אויך נישט אין דער גאַנצער שטוב. פון דער קעגנאיבערדיקער שטוב, ווו ס'האָט געוווינט מיין יונגסטע שוועסטער רייזל, האָבן זיך דערטראָגן קולי־קולות. מיין עלטערער ברודער בעני איז אָנגעלאָפן און מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז „רייזל גייט צו קינד". די מוטער און די שוועסטער פריידע, אויך זיין ווייב לאה פאַרען זיך אַרום איר. ער איז אַרומגעלאָפן זוכן אַ דאָקטאָר, אָדער אַן אַקושערקע — האָט ער קיינעם אין דער היים נישט געטראָפן. רייזל קען נישט וואַרטן, זי האָט שוין שטאַרקע ווייען, גאָט זאָל העלפן!

איך האָב געוווּסט, אַז רייזל דאַרף בקרוב געבוירן, אָבער ס'איז געשען, ווייזט אויס, פאַר דער צייט. די דייטשע באָמבעס האָבן צוגעאיילט די צייט פון געבורט.

דערצו איז איר מאַן מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי צוזאַמען מיט מיין יונגערן ברודער טוליע. דאָס האָט אויך נישט געווירקט אויף רייזלען צום גוטן.

איך האָב נישט געוואָגט אַריינצוגיין צו רייזלען אין שטוב אַריין.

אין אַזעלכע מאָמענטן איז אַ מאַן, אַפילו אַן אייגענער ברודער, נישט געוווּנטשן. בפרט, אַז די געשרייען האָבן נישט אויפגעהערט און צעטראָגן זיך איבערן אַרום, ווי רופן נאָך הילף.

— בענע, — האָב איך זיך אָנגערופן מיט אַ שעפּטשענדיק קול, ווי איך וואָלט זיך געשעמט דאָס אַרויסזאָגן אין אַזאַ אויסטערלישער צייט — איך מוז אָפּפירן דאָס קינד צו מינדעלען. מיך וועט מען דאָך אויך נעמען אין דער אַרמיי.

— אוודאי מוזטו עס טאָן, כל זמן ס'איז נישט צו שפּעט. דיר פעלט געוויס געלט. יואליק? איך האָב געלט גענוג, איבערגענוג. איך וועל דיר געבן — האָט בענע אַ זאָג געטאָן מיט ברודערלעכער זאָרג. ער האָט פון ערגעץ אַרויסגענומען אַ פּעקל געלט און מיר איבערגעגעבן:

— דאָ האָסטו דריי טויזנט. מער האָב איך נישט ביי זיך.

— דריי טויזנט? צו וואָס דאַרף איך אַזויפיל געלט? אַ פּאָר הונדערט רובל — אדרבא!

— דער פריערדיקער יואליק רעדט פון איר אַרויס. דו פאָרסט אין אַ ווייטן וועג און איך האָב גענוג געלט. אויב מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל טרעפן, וועסטו מיר אָפּגעבן.

ביי די רייד האָט מיין ברודער געלאָזט אַ טרער. איך האָב אים זיכער מקנא געווען אויף דעם, וואָס ער קען זיך אויסוויינען. צי האָט ער שוין דאַן געפילט, אַז אונדזערע וועגן צעגייען זיך שוין אויף אייביק?

איך האָב זיך פאַרקוקט אין אַ זייט און דערזען, ווי מיין זון שפּילט זיך מיט אסתרקען, מיין ברודערס אויסגעוויינט טעכטערל. ווי שיין זי איז? ווי כוואַליעדיקע רייפע גאָלדענע ווייץ שימערירן אירע לאָקן אויף דער זון. די הימל-בלויע אויגעלעך גלאַנצן און שיינען מיט קינדערישער פרייד און חכמה. זי איז אַזוי רירעוודיק און ענערגיש, ווי זי וואָלט אין זיך פאַרמאָגט אַלע לעבנס פון אירע נישט דערלעבטע ברידערלעך און שוועסטערלעך און אַלע חנען פאַרמאָגט זי — אָט די אויסגעחלומטע אסתרל. מאַרקס האָט זי גאָר ליב געהאַט. כאָטש ער איז געווען מיט דריי יאָר עלטער פון איר, דאָך האָט ער מיט איר געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך, געשפּילט זיך מיט איר, ווי מיט זיינס גלייכן.

איך האָב זיך געריסן אַפּצופּאָרן, נאָר איך האָב קיין האָרץ נישט געהאַט דערצו, װען אָרום איז אַזוי אומרואיק, װען אַלעמענס אויגן פֿינקלען מיט דער אַלגעמיינער שרעק פֿון דער שטאָט און פֿון אַלע ייִדן און באַזונדערס מיט דעם פּחד פֿאַר דער יונגער קימפּעטאָרין, װאָס רייסט איין װעלטן אַרויסצושטויסן דאָס קינד אויף דער װעלט און ער — װי ער װאָלט זיך איינגעעקשנט און דווקא נישט קיין חשק געהאַט צו יאָװען זיך אין אַזאַ צייט פֿון הפֿקרדיקע לעבנס, אומזיכערן מאָרגן, אַפֿילו האָפֿנונגסלאָזער צוקונפֿט.

דאָך האָט אים זיין עקשנות נישט געהאָלפֿן, ער האָט פֿאָרט רחמנות געקריגן אויף זיין יונגער מוטער, װאָס מאַטערט זיך און קערט איבער װעלטן און אָרום איינס פֿאַרמיטאָג האָט דער בחור שוין געלאָזט הערן זיין ערשטן אָו־האָ און אַן אַטעם געטאָן מיט דער פֿאַרשטיקטער אַרומיקער לופֿט.

— מזל טוב! מזל טוב! גאָט זאָל העלפֿן, ער זאָל זיין דער אויסלייזער פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק! — מיט די װערטער האָט מיך מיין אַלטע מוטער באַגריסט מיט טרערן אין אירע פֿאַרקנייטשטע אויגן. איר איז שװער געװען צו שטיין אויף די פֿיס נאָך אַזויפֿיל אָנשטרענגונגען און מאַטערן זיך. מען האָט איר געהאָלפֿן זיך צולייגן אין בעט אַריין. דאָך האָט זי באַװיזן מיר צו מכבד זיין מיט אַ גלעזעלע װישניאַק, כדי אויפֿצונעמען מיינע לעצטע װוּנטשן: „לחיים! לחיים!"

— לחיים! — האָט מיין מוטער אָפּגעענטפֿערט שטיל — זאָלן אַלע מיינע קינדער און אייניקלעך לעבן בלייבן און אויסלעבן זייערע יאָרן, װי מיינע יאָרן, װי דיין טאַטנס יאָרן, אָמן!

מיין געזעגענען זיך איז פֿאָרגעקומען גאָר קורץ: אַ קוש אָן װערטער, אַ שטיל כליפּען, און בליקן, װאָס רעדן מער פֿון װערטער, טרייסטן, װעקן האָפֿנונג.

יואל פערעל

# ווייטער אויף מזרח

עוואַקואַציע — אַ באַקאַנטער טערמין, וואָס באַדייט דאָס אַרויספירן באַצייטנס די באַפעלקערונג, אונטערנעמונגען, מלוכהשע פאַרמעגנס פון דער טעריטאָריע, וואָס איז באַדראָט דורכן שונא. צוליב דעם ציל ווערן באַצייטנס צוגעגרייט, לויט אַ פאַראויסגעזעענעם פּלאַן, טראַנספּאָרט־מיטלען און ספּעציעלע מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך דערמיט. גאָר אַנדערש האָט אויסגעזען די אַזוי גערופענע עוואַקואַציע ביי אונדז אין לויצק, שוין אויפן דריטן־פערטן טאָג פון דער גרויסער וועלט־מלחמה. מען האָט אפשר יאָ געטראַכט וועגן אַרויספירן אייניקע פּאָליטישע קעגנער פון די טורמעס, אַ קליינע צאָל מלוכהשע אונטערנעמונגען, מערסטנס מיליטערישע, אָבער וועגן דער באַפעלקערונג, אפילו פאַר די מלוכהשע אָנגעשטעלטע, וואָס זענען אָהער קאָמאַנדירט געוואָרן במשך פון די קנאַפּע צוויי יאָר, האָט קיינער נישט געזאָרגט. „ראַטעוועט זיך, ווער ס׳קען נאָר!" — אַזוי האָט געשריגן די שטומע לאָזונג אויף די פּנימער פון די איבערגעשראָקענע און הפקר־געלאָזענע. נישטאָ קיין באַנען, קיין אויטאָ־טראַנספּאָרט פאַר זיי. אַפילו קיין גענויע אינסטרוקציעס זענען נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן. מען איז געלאָפן: אַלץ איבערגעלאָזט אויף הפקר און געלאָפן, אויף פערד און וואָגן, אויף ראָווערן, מערסטנס צופוס איבער די פאַרפּראָפּטע שאָסייען, האַמע־ווענדיק די קעגן־באַוועגונג פון די טאַנקן, מאַשינען־געווער און סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געאיילט אויפן פראָנט, כדי אָפּצוהאַלטן דעם געוואַלדיקן וויכערדיקן אָנגריף פון שונא. די פּאַנישע אומאָרדנונג האָט אויסגענוצט די דייטשע אַוויאַציע. די היטלעריסטישע פליער זענען געפלויגן גרופּנווייז גאָר נידעריק און געקאָסעט אויף די שאָסייען, ווי מען קאָסעט גראָז אויפן פעלד. נישט אומזיסט האָבן אַ סך מענטשן, באַזונדערס יידן, מורא געהאַט זיך צו רירן פונעם אָרט און לאָזן זיך אויף אומזיכערע וועגן פון נויט און אומקום. מיר האָט אָבער קיין שום מניעה נישט געקענט אָפּהאַלטן פון אַנטלויפן מיטן קינד צו דער מוטער. איך בין גרייט געווען אומקומען, אָבער נישט אַריינצופאַלן אין די לאַפּעס פון דער פאַשיסטישער חיה־רעה.

פון מיין מוטערס הויז האָב איך זיך געלאָזט אַרום מיטאָג־צייט, דורך

דער באַלגיטשנע גאַס צו זיך אַהיים. איך האָב אויסגעמיטן די הויפּט־גאַס, וואָס מען האָט לעצטנס געריפן „די סטאַלין־גאַס" און אַראָפּ אין אַ זייט. דער שטראָם פון טאַנקן, האַרמאַטן און פּוסגייער האָט זיך אַלץ נישט איבערגעריסן. ווי נאָר איך בין צוגעפאָרן נעענטער צום שטאָט־טעאַטער, האָב איך דערהערט אַ פאַרדעכטיקטן געריוש פון דער הויך. דאָס זענען געפלויגן, שורה נאָך שורה, ווי אויף אַ פּאַראַד, אַכט שורות דייטשע שווערע באָמבאַרדירער צו זעקס אין יעדער שורה. זיי האָבן ווי געשניטן די לופט מיט דער שווערקייט פון זייערע מאַשינען און באָמבעס. פון ערגעץ־ווו פלעגן זיך באַווייזן איינצלנע סאָוויעטישע לייכטע עראָפּלאַנען, נאָר זיי פלעגן גאָר שנעל זיך אָפּטראָגן אויף צוריק, זעענדיק פאַר זיך די איבער־וויגנדיקע קראַפט פון שונא. איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ טויער, צודריקנדיק פעסט דאָס קינד צום האַרצן. באַלד האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער קראַך פון אויפגעריסענע באָמבעס, עס איז מיטאַמאָל פינצ־טער געוואָרן אין מיטן העלן טאָג. נישט ווייט האָבן זיך אַ ריס געטאָן צום הימל קנוילן שוואַרצער רויך, אַ דושנער ריח פון סמאָליען זיך האָט זיך צעטראָגן אין אַרום. איך האָב געפירט מיין ראָווער באַרג אַרויף מיט איין האַנט, מיט דער צווייטער האָב איך כמעט געשלעפט נאָך זיך דאָס דערשראָקענע קינד. מיר זענען אַרויף אויפן אַלטן יידישן בית עלמין, ביי דער קהילה. מיר זענען אַדורכגעגאַנגען דורך אַ פרישן טיפן גרוב, אין דער פאָרם פון אַ קאַנוס, דאָס איז ווייזט אויס, געווען דער שפור פון אַ פרישער באָמבע. ווייטער, אין איין שורה מיט דעם גרוב, האָבן גע־ברענט מיט אַ העליש פייער פופס דירות. צווישן זיי אויך די וווינונג פון מיין שוועסטערס עלטערע טאָכטער רייזל. זי האָט געהאַט אַ האַלב־יעריק מיידעלע און געוווינט צוזאַמען מיט איר מאַן סוויניוך ביי זיין מוטער.

— ווייִ, ווייִ! — האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן אַ ווייטיקלעכער געשריי — זאָלן זיי כאָטש נישט האָבן אומגעקומען!

קיינער האָט נישט געלאָשן די שרפות, קיינער האָט נישט געטראַכט וועגן ראַטעווען עמעצן. איינע אַן עלטערע פרוי איז געלאָפן פונעם פייער אין געסל אַריין, וואָס מען האָט גערופן קאַלאַנטאַיאַ־געסל, זי האָט עפּעס געטראָגן אין די הענט, די האָר צעשויבערט, אַנגעטאָן אין אַ שטוב־כאַלאַט.

איך בין איר נאָכגעלאָפן ביז ניקלס גאָרטן. דאָרט האָב איך געטראָפן עט־לעכע יידן, מערסטנס פרויען מיט קינדער — אַלע היימישע שכנים מיינע. איך האָב דאָך געוווינט אויף קאַלאַנטאַיאַ 3.

— זי איז אין קעלער, רייזעלע, מיטן קינד! — האָבן אייניקע מיטאָמאָל אָנגעזאָגט די גוטע בשורה. איך בין אַראָפּ אין טיפן געמויערטן קעלער, מיט אַן אַ שיעור שטיגן אַראָפּצוגיין. ס'איז דאָרט כמעט פינצטער געווען, בלויז אַן אַכטער קעראָסין־לעמפּל האָט באַלויכטן דעם חושכדיקן אָרום. רייזעלע איז געזעסן מיט אַן אַנטבלויזטער ברוסט און דאָס קינד האָט פויל געסמאָטשקעט מיט די ליפּעלעך, האַלטנדיק דערביי די אייגעלעך פאַר־מאַכט. עס איז דעם, ווייזט אויס, געווען קאַרג דער מוטערס מילך, דערצו איבערגעבערענטע פון יסורים, פון ליידן און גרויסער שרעק. איך בין צוגעפאַלן צו רייזעלען און געקושט זי מיט דער פרייד פון איינעם, וואָס פאַרלירט און געפינט, דאָס וויכטיקסטע און טייערסטע. קיין טרייסט־ווערטער האָב איך נישט פאַרמאָגט. שטאַרקע געפילן רויבן צו דאָס לשון. ערשט איצט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז רייזעלעס מאַן איז גאָר אין לעמ־בערג. פון דער פאַרמאַצעווטן־אָפּטיילונג האָט מען אים אַרויסגעשיקט נאָך צוויי טעג פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה. איך האָב איבערגעלאָזט אין קעלער מאַרקסן און אַליין בין איך אַרויף, כדי צו ראַטעווען עפּעס פון מיינע זאַכן פאַר רייזעלען. זי איז דאָך געבליבן אָן אַ ווינדעלע פאַרן קינד.

פון מיין שוועסטער גיטלס שטוב, ווו איך האָב געוווינט, האָט אַרויסגע־שלאָגן אַ רויך פונעם בוידעם־פענצטערל. איך בין אַרויף אַהין מיט אַן עמער וואַסער און באַוויזן אָפּצולעשן די ערשטע פלאַמען, וואָס די אָנגעטראָגענע פונקען פון די שרפות האָבן דאָ אָנגעצונדן. פון מיין שטוב האָב איך באַוויזן אַרויסצוטראָגן די סאָפע אין דרויסן און אָנגעפולט זי מיט מיינע קאָלדרעס, וועש, אַפילו מיט שטיקלעך נייער לייוונט, מיט וועלכע מיינע ברידער האָבן אונדז באַזאָרגט. דאָס אַלץ האָב איך אָוועקגעשלעפּט אין ניקלס גאָרטן, אַריין. אַפילו מיין גרויסן ראַדיאָ־אַפּאַראַט האָב איך אָוועקגעטראָגן און באַהאַלטן אין די קוסטעס. וואָס איך האָב נאָר געקענט טאָן פאַר דער אומגליקלעכער טאָכטער פון מיין שוועסטער — האָב איך געטאָן. איצט איז געקומען די צייט צו לויפן. איצט איז די

בעסטע צייט, עס דערנעענטערט זיך דער אָוונט, אין דער דעמערונג און טונקלקייט איז מען זיכערער מיטן גאַנג. איך בין נישט איינער אַליין, מיט מיר צוזאַמען לאָזן זיך אין וועג אַריין נאָך יונגע מענער און פרויען, צווישן זיי אויך דער באַרימטער סקולפּטאָר און מעטאַל־פּלאַסטיקער, חיים האַנפט און זיין פרוי, וואָס האָבן שוין געהאַט, פונקט ווי איך, די פּראַקטיק פון לויפן פון אַטוואַצק קיין לויצק. עס גייט אויך מאַטיע אָקס — איינער אַליין, זיין ווייב איז צופעליק אָוועקגעפאָרן קיין לעמבערג. דעם איינביצ־דערס זון אויכמאַן, וואָס איז דוקא געווען פעסט פאַרפונדעוועט מאַטעריעל, לאָזט איבער זיין פרוי מיט די קינדער און גייט מיט. די פרוי פון ד״ר ביילין לאָזט זיך אויך אין וועג אַריין, צוזאַמען מיט איר עלטערן זון און יונגערע טאָכטער, און נאָך, און נאָך.

מיר מוזן זיך שלעפּן דורך די הינטער־גאַסן, דורך אַברמהל גליקליכס סאַד, דורך דער „פּוילישער באַנק״. דורכן שאָסיי־וועג, אויף וואָלקע איז אוממעגלעך צו גיין, כאָטש דער וועג איז אַ קירצערער. די גאַס איז ווי באַריקאַדירט מיט ברעטער, שטוב־זאַכן, וואַליזעס און אַן אַ שיעור גלאָז־וואַרג. עס ברענען נאָך אַלץ די הייזער אין דער געגנט פון דער וואָלקער גרויסער שול. אָט טרעפן מיר אָן אונדזערס אַ חברטע, רייזל גוטמאַן, די מיטאַרבעטערין פון מיין ווייב אין קינדער גאָרטן. זי ליאַרעמט מיט יאָמערלעכע קולות: „מיין פאָטער ווערט פאַרברענט! ראַטעוועט!״. איר פאָטער איז פאַראַליזירט און זי אַליין איז נישט בכוח אים אַרויסצושלעפּן פונעם ברענענדיקן הויז. איך לויף אַריין צוזאַמען מיט איר. איר אַלטער פאָטער זיצט אין אַ פאָטעל, ווי ער וואָלט געשלאָפן, אפשר איז ער שוין טויט. די פייער־צונגען דערנעענטערן זיך, אָט, אָט, דערגרייכן זיי אים. מיר הויבן אים אויף צוזאַמען מיטן פאָטעל און טראָגן אים אַרויס אין דרויסן.

— קומט, רייזל, מיט אונדז. אַ יונגער מענטש מוז זיך ראַטעווען — שריי איך צו איר. איך ווייס נישט וואָס זי טראַכט דערביי, נאָר זי רירט זיך נישט פון אָרט. צי איז דאָס רעזיגנאַציע? אפשר פשוט מענטשלעכע מידקייט, אומבאַהאָלפנקייט?

מיר גייען ווייטער.ביים יידישן בית עלמין באַשליס איך צו פאַרלאָזן די קאָמפּאַניע. איך האָב דאָך אַ קאָמוניקאַציע־מיטל, אַ ראָווער. איך קען זיך באַוועגן שנעלער פון זיי. דערצו שלעפּן זיי זיך איבער הינטער־וועגן און מיר קומט אויס צו שלעפּן דעם ראָווער. מיר שמועסן אָפּ זיך צו טרעפן אויפן שייד־וועג ראָוונע — דובנע און איך לאָז זיך אַרויף העכער, אויפן שאָסיי.

די נאַכט איז גאַר אַ פינצטערע. די שטערן אויפן הימל האָבן זיך אויס־באַהאַלטן אונטער די כמאַרעס. די לבנה גיט אַ בליק אויף אַ קורצער ווײַלע און פאַרשווינדט אויך אונטער די כמאַרעס. איך פאָר ביי דער זייט, ביי די ראָוועס. אויפן שאָסיי־וועג פאָרן מעכטיקע טאַנקן אין דער ריכטונג צו לויצק. רויטע און בלויע צונגען בליצן אויף דער אונטערשטער טייל פון די טאַנקן, זיי שרעקן אין דער נאַכט, ווי ס׳וואָלטן געווען טאַנצנדיקע שדים. פון דער הויך זעט מען די שטאָט אין רויטע פלאַמען. צי וועט זי שוין אינגאַנצן אָפּגעברענט ווערן? טראַכט איך. עפּעס איז זי מיר איצט טייערער געוואָרן, ווי שטענדיק. אַזויפיל אייגענע און נאָענטע איבערגעלאָזט דאָרט. צי וועלן מיר זיך נאָך זען?

פּלוצים, ס־ס־ס. אַ ראָד האָט געלאָזט, אויסגעגאַנגען ס׳חיות. ס׳האָט פאַרפעלט לופט. אין דער פינצטערניש באַקום איך מיין פּאָמפּקע, איך צי אַרויס דעם גומענעם ווענטילעק, רייס אָפּ אַ פּיצל און נעם זיך אָנבלאָזן דאָס ראָד. עס געלונגט מיר און איך פאָר ווייטער. אין געציילטע מינוטן אַרום: טס, טס, טס. ווייטער דאָס זעלבע. איך פּאָמפּע שוין ווידער. איצט דערמאָן איך זיך, אַז איך האָב געהאַט אין שטוב אין שופלאָדל אַ שטיק גומענעם ווענטילעק. אַ שאָד, וואָס איך האָב אים נישט מיטגענומען. פאָרן ווייטער קען איך נישט. די לופט האַלט זיך נישט און פאַרטיק.

אַ קלייניקייט, דוכט זיך, אַ פּיצל גומע־רערל, אַ ווענטילעק. גיי וויס, אַז דאָס איז די נשמה פונעם ראָווער. אָן דער נשמה טויג ער צו גאָרנישט. עס איז מיר נישט קיין שאָד דער ראָווער, זיין ווערט, מיין מאַטעריעלער שאָדן, אין דעם מאָמענט האָט ער גאָר קיין פּרייז נישט. אין דער גע־שפּאַנטער לאַגע איז ער איבעריקע לאַסט. מילא, נישט דער ערשטער שאָדן, זאָלן נאָר מיר די פיס דינען און דאָס לעבן זאָל נישט זיין אַזוי

הפקר — אַזוי טראַכטנדיק, גיב איך דעם ראָווער אַ שליידער מיט פאַר־דרוס אין ראָוו אַריין.

מיר שפּאַנען ווייטער. דאָס קינד איז מיד און שלעפעריק. איך נעם אים אויף דער פּלייצע, ער נעמט אַרום מיט זיינע הענטלעך מיין האַלדז און שלאָפט שנעל איין. איך שטעל זיך נישט אָפּ אויף קיין מינוט. איך ווייס, אַז גאָר נישט אַזוי ווייט, נאָך איידער מען קומט אָן קיין אָליק, אין דעם פירשט ראַדזיווילס פירשטנטום, געפינט זיך איינער פון מיינע קינדער־היימען. איך האָב אים אַליין געבויט, פאַרפולט מיט קינדער און דערציער. אַהין פירן מיך איצט מיינע טריט. קיין זייגער האָב איך נישט ביי זיך, ווייס איך נישט פּינקטלעך, וויפיל די צייט איז. איך באַמערק אָבער ווי די פינצטערניש פון דער נאַכט טרעט אָפּ איר אָרט דעם טונקל־פיאָלעטן נעפּל, וואָס וואָלט זיך אָקאָרשט אויפגעכאַפּט פון שלאָף, ערגעץ צעקוואַקען זיך זשאַבעס אין אַ נאָענטער בלאָטיקער אָזיערע, דוקא איצט באַווייזן זיך אויפן הימל אַ סך בולטער די לבנה און אַנצאָליקע שטערן, עס דערפילט זיך די פייכטקייט פון דעם קאַיאָריקן מאָרגן־טוי. שוין נישט ווייט! שוין נישט ווייט! קלאַפּן ריטמיש אין גאַנג מיינע אָפּגעשוואַכטע פיס. דאָס קינד שלאָפט מיט אַן אומרואיקן שלאָף, ברומט אונטער דער נאָז.

שוין צום צווייטן מאָל איז אויסגעפאַלן אַזאַ יונג קינד צו זיין אָן דער מאַמען, שלעפּן זיך אַ הונגעריקער און מידער אין די נעכט אויף וועגן אומבאַלויכטענע, מיט סכנות באַהאַפטענע, מיטן ווילן צו לעבן און דערלעבן...

מיר זענען אָנגעקומען אין קינדער־היים נאָכן פרישטיק. דער אוקראַי־נישער דירעקטאָר איז שוין נישט געווען. אים האָט מען מאָביליזירט אין דער אַרמיי מיט אַ פּאָר טעג צוריק. די פירונג האָט צייטווייליק איבערגענו־מען דער בוכהאַלטער פעלדמאַן. דערווייל האָבן זיי דאָ נישט אָפּגעפילט די מלחמה. עס איז געווען שטיל. אמת, אין נאָענטן וואַלד האָט זיך באַזעצט אַן אַרטילעריע־באַטעריע. דער וואַלד איז אַ געדיכטער — ווער האָט וועגן זיי געוווסט? שפּייז־זאַפּאַסן האָבן זיי נאָך פאַרמאָגט. עס זענען געווען די זומער־פעריען, קינדער זענען געווען פריי פון דער שול. דאָ האָט מען זיך געקענט פילן גוט, ווי אויף אַ דאַטשע. ווייניקער פון הונדערט קינדער

זענען דאָ געווען, מערסטנס דאָרפישע, וואָס זענען געווען צופרידן מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן דאָ באַקומען. מיין אָנקומען האָט דעם בוכהאַלטער פעלדמאַן זייער דערפרייט. איצט וועל איך שוין זיכער אַ טראַכט טאָן וועגן אַ נייעם דירעקטאָר, ווייל ער האָט זיך זיין אַרבעט, קיין פּעדאַגאָג איז ער נישט. אמת, ער האָט זייער ליב די קינדער, זיינע אייגענע קינדער האָט ער פאַרלוירן אין הרוביעשאָוו. אָבער ליב האָבן איז נאָך ווייניק צו זיין אַ דירעקטאָר, בפרט נאָך אין אַזעלכע אומרואיקע צייטן, ווי די איצטיקע.

איך האָב אָנגעהאָדעוועט דאָס קינד, אַליין אויך נישט שלעכט אָפּגעגעסן. דאָס קינד געלייגט שלאָפן אויף דער סאָפקע, וואָס איז געשטאַנען אין צימערל פון דירעקטאָר. איך וואָלט אַליין גערן געכאַפּט אַ דרימל, נאָר מיין אומגעריכט אָנקומען האָט איבעראַשט די דערציער און אויך די קינדער. אַלע ווייסן, אַז די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, אָבער זיי דערוואַרטן פון מיר, איך זאָל זיי דערקלערן גענויער, וואָס ס׳קומט פאָר און ווי האַלט עס מיטן דייטש. פאַרוואָס האָט ער געבראַכן דעם אָפּמאַך? צי וועט ער נאָך לאַנג בריקעווען — דער דייטש? וועגן דעם, אַז אונדזערע וועלן זיי אָנברעכן די ביינער און נאָך, ווי עס באַדאַרף צו זיין באַשטראָפן — אין דעם זענען זיי זיכער. אין דעם גלויבן זיי, ווי זיי גלויבן אין גרויסן סטאַלינען, אין זיין העלדישקייט און אומבאַזיגבאַרקייט.

אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין וואַלד, אויסגעזעצט זיך אין אַ ראָד אויפן מאָך, איך האָב זיך אַרומגעקוקט און דערזען די נאַיווע קינדער, מיט די תמימותדיקע אייגעלעך פול מיט נייגער און אינטערעס, אָבער אָן שום שרעק אין די אויגן — האָט מיין האַרץ זיך געפרייט. איך האָב אָבער געצווייפלט, צי דער צושטאַנד וועט לאַנג דויערן. נאָר נאַרן זיי האָב איך נישט געוואָלט. איך האָב אָנגעהויבן רואיק, אָבער גאָר שנעל האָט זיך אין מיר צעפלאַקערט דער רעדנער. אין דער צייט פון געפאַר איז זיכערקייט און איינזיכגלויביקייט שעדלעך:

„...דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אויף אונדזער לאַנד און פאָלק און טראָגט מיט זיך פאַרוויסטונג, שוידער און טויט. אונדזער ענטפער מוז זיין — פעסטע, פאַראייניקטע אָרעמס, גלויבן אין זיג און

אַלץ צו טאָן פאַרן זיג. אַפילו דאָס לעבן טאָרן מיר נישט קאַרגן פאַר אונדזער הייליקן קאַמף פאַר יושר און גערעכטיקייט, פאַר פרייהייט און לעבן...״

די אייגעלעך פון די קינדער האָבן זיך צעגלאַנצט מיטן הייליקן פייער פון נקמה און קרבנותגרייטקייט, מיט טיפן גלויבן אין זיג פון שיין איבערן הושך, לעבן איבערן טויט.

פלוצים זענען אָנגעפלויגן צוויי עראָפּלאַנען. זיי זענען געפלויגן גאָר נידעריק אַזוי, אַז די האָקנקרייצן אויף זיי האָט מען געקענט זען. זיי זענען געפלויגן אין דער ריכטונג צום וואַלד און אין געציילטע סעקונדן האָבן זיך אַ שיט געטאָן באָמבעס. די קנאַלן פון די אויפרייסן האָבן זיך צונויפגעמישט מיטן געהילך פון די שראַפּנעלן, מיט וועלכע די אַרטילעריע־באַטעריע פון וואַלד האָט זיי באַגעגנט. דאָס אַלץ האָט געדויערט געציילטע מינוטן, אָבער די קינדער האָט באַהערשט אַ פּאַנישע שטימונג: ווי ווילדע זענען זיי געלאָפן מיט גרויסע, דערשראָקענע אויגן, עטלעכע פון די מיידלעך האָבן זיך צעשריגן אויף קולי־קולות, גערעוועט ווי נישט־דערקוילעטע חיות. מיר, די עלטערע, האָבן זיך באַמיט זיי צו באַהערשן, אַריינציאָגן אין די שלאָפצימערס. עס איז ביז גאָר שווער געווען... אייגנטלעך איז ביי אונדז גאָרנישט געשען. אפשר האָבן בלויז שפּליטערס פון די געפּלאַצטע באָמבעס אָפּגעבראָכן נאָענט פון אונדז צווייגן פון דיביימער מיט הילכן, אָבער קיינער איז נישט געטראָפן געוואָרן.

ווען די פּאַנישע שטימונג איז אַריבער, בין איך צוזאַמען מיטן בוך־האַלטער פעלדמאַן געגאַנגען צום פּאָלקאָווניק, דעם אָנפירער פון דער אַרטילעריע־באַטעריע, אים בעטן, אונדז געבן עטלעכע לאַסט־מאַשינען, כדי אַרויסצופירן די קינדער פון קינדערהיים. ער האָט געקוקט אויף אונדזביידע, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיר ווילן פון אים — אַזוי צערודערט איז ער געווען. ענדלעך האָט ער גאָר שטיל און טרויעריק געענטפערט:

— מאַשינען? ווי האָב איך מאַשינען? די פאַרוווּנדעטע האָבן מיר נישט מיט וואָס אַרויסצופירן.

ער האָט געראָטן צו פאָרן קיין ראָוונע. דאָרט וועט מען געבן מאַשינען.

עס איז פונקט געפֿאָרן אַ פּולער אויטאָ מיט נ. ק. וו. ד.־אָנגעשטעלטע מיט זייערע ווייבער און קינדער קיין ראָוונע, זיי זענען אַפּילו גרייט געווען מיך אַרויפֿצונעמען. איך בין שוין אַפּילו געווען אויפֿן אויטאָ, פֿאַרגעסנדיק אַפּילו, אַז איך האָב איבערגעלאָזט דאָ מיין זון. צום גליק, האָט דער שאָפֿער באַמערקט אַ דעפֿעקט אין מאָטאָר און גענומען אים פֿאַריכטן. דעם מאָמענט האָב איך אויסגענוצט און אַנטלאָפֿן צו נעמען דאָס קינד. ער האָט זיך נאַרוואָס אויפֿגעכאַפּט, איך האָב אים אַ נעם געטאָן און באַוויזן נאָך אָפּפֿאָרן מיט אים צוזאַמען. וואָס ס׳זאָל נישט געשען — אונדזער גורל איז איינער...

## אויפֿן וועג קיין ראָוונע

כאָטש דער שאָפֿער האָט לאַנג פֿאַריכט דעם אויטאָ, איז ער אָבער אַלץ נישט געווען אין אָרדנונג. ער איז געפֿאָרן פּויזנדיק און קרעכצנדיק איבער די וועגן, וואָס זענען צעאַקערט געווען דורך די שווערע טאַנקען און האַרמאַטן, וואָס זענען אַן אויפֿהער געגאַנגען אויף מעריב. דער הויפּט־וועג איז געווען געפּערלעך, איבער אים האָבן געלויערט די דייטשע פּליער, וואָס האָבן כמעט אומגעשטערט געהאָגלט מיט באָמבעס און מיט קוילן פֿון קוילן־וואַרפֿער — זענען מיר געפֿאָרן מיט פֿעלד־וועגן און מיט די וואַלדיקע שמאָלע, אויסגעטראָטענע וועגלעך. דאָס אַלץ האָט גענוג באַ־שווערט דעם גאַנג פֿון דער צעקאַליעטשעטער מאַשין. די פּאַסאַזשירן זענען געזעסן אויפֿן דעק פֿון דער מאַשין שווייגנדיק, מיט די קינדער, וואָס זענען געשלאָפֿן אויף די הענט, און ביי יעדן שטאַרקן טרייסל זיך אויפֿגעכאַפּט און גאָר שנעל נאָכאַמאָל אַנטדרימלט געוואָרן. אויך מאַרקס איז געשלאָפֿן. איך האָב געוווסט, אַז דער מרחק פֿון אַליק קיין ראָוונע איז נישט קיין גרויסער, דאָך האָט ער זיך געצויגן און געצויגן. אומבאַמערקבאַר איז צוגעקומען די נאַכט. די הויכע סאָסנעס אין וואַלד האָבן פֿאַרשטעלט דעם האָריזאָנט. האָבן מיר קיין זון־אונטערגאַנג נישט געזען, אויך איצט האָבן זיי באַהאַלטן פֿאַר אונדזערע אויגן די לבֿנה און די שטערן. בלויז די וועוו־

ריקלעך, וואָס זענען אַריבערגעשפּרונגען פון בוים צו בוים, האָבן געלאָזט הערן ברוך־קלאַנגען פון טרוקענע צווייגן און ערגעץ ווו האָט אַ פּיקהאָלץ אויסגעקלאַפּט זיין פאַרנאַכט־תפילה: פּיק־פּאַק; פּיק־פּאַק... מיר האָבן אויך אויפגעכאַפּט דאָס רוישיקע פאַלן פוןביימער, די קרבנות פון די מעכטיקע סאָוויעטישע טאַנקן, וואָס האָבן פאַר זיך דורכגעשלאָגן אַ ברייטערן וועג דורך די אויסגעוואַרצלטע ביימער, וואָס זענען געפאַלן מיט אַ גרילצנדיקן הילך און טראַסק. אויך מיר האָבן זיי געמוזט אָפּטרעטן דעם וועג, די טאַנקן. קיין פאַרדרוס אויף זיי האָט קיינער נישט געהאַט. פאַרקערט, זיי האָבן דערוואַרעמט די געמיטער, געוועקט האָפנונג און מוט.

אַרויספאַרנדיק פון וואַלד, האָבן מיר באַמערקט אין דער רעכטער זייט ווי עס ברענט מיט אַ העליש פייער דאָס שטעטל קלעוואַן, פונדערווייטנס זעט מען גרויסע שייטערס מיט קנוילן שוואַרצן רויך, וואָס ציען זיך אין דער ברייט און אין דער הויך. עס איז אַ שוידערלעך בילד, בפרט נאָך ווען דו ווייסט, אַז דאָרט געפינען זיך נאָענטע און אייגענע.

איך האָב זיך דערמאָנט אין פייגען, מינדעלעס שוועגערין, וואָס איז אַזוי יונג געבליבן אַן אַלמנה מיט אירע צוויי שיינע טעכטערלעך: סימע און ליאַלע. שוין צוואַנציק יאָר אַריבער זינט די פּאַליאַקן האָבן דערמאָרדעט איר מאַן יוספן, אָן אַ פאַרוואָס און אָן שום משפט. דאָס לעבן אירס האָט זי געווידמעט די קינדער. סימעלע איז לעצטנס געווען אין לעמבערג, אין אַ דראַמאַטישער שול, ליאַלע האָט געאַרבעט אין קלעוואַן אויף דער פּאָסט.

פּלוצים זענען מיר שטיין געבליבן. צי איז ווידער קאַליע געוואָרן דער מאָטאָר? כמעט אַלע קריכן אַראָפּ פון אויטאָ, גלייכן אויס די פאַרגליווערטע אברים, לויפן אָפּ אַ פּאָר טריט ווייטער, כדי צו דערליידיקן די באַדערפעניש. איך לאָז זיך ווייטער אַביסל אין קאָרן צוזאַמען מיט מיין זון. דאָס קינד האָט שמערצן אין בויך פון טרייסלען זיך און איינהאַלטן זיך — פאַרהאַלט ער זיך לענגער אַביסל. צוריקלויפנדיק באַמערק איך, ווי דער אויטאָ איז אָפּגעפאָרן אויף צוריק, אין דער קעגן־ריכטונג פון ראָוונע. זיי פאָרן שנעל, ווי עמיץ וואָלט זיי נאָכגעיאָגט. סיי ווי, טראַכט איך, וואָלט איך מיט זיי נישט צוריקגעפאָרן. מיין וועג פירט קיין ראָוונע אין פּליטים־קאָמיטעט, צו באַקומען מעגלעכקייטן צו ראַטעווען די קינדער

פון אַליקער קינדער־היים און צו מינדעלען, כדי איר איבערצוגעבן דאָס קינד אין די הענט אַריין. אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט לאָז איך זיך גיין אין דער ריכטונג קיין ראַוונע. ווי גליקלעך בין איך געווען ווען עס האָט זיך באַוויזן אַ ווייסער אויטאָ פון „רויטן־קרייץ". מיטן קינד אין דער הויך, שטייענדיק אין מיטן וועג, האָבן מיר די מאַשין פאַרהאַלטן. אויף די צווייִשטאָקיקע בעטלעך זענען געלעגן פיר פאַרווונדעטע מיליטער־לייט, מעגלעך, אַז זיי זענען געווען פון די קרבנות אין אַליקער וואַלד. אונדז האָט דער שאָפער און די קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט באַגלייט די קראַנקע, דאָך אַרויפגענומען. מיר זענען געשטאַנען צווישן די בעטלעך אין דער מיט און געפּאַרן. אין דרויסן האָט אָנגעהויבן צו בלויען, ערגעץ־ווו האָט מען שוין געקענט באַמערקן סימנים פון גרינס. די קראַנקע האָבן ניט אויפגעהערט צו קרעכצן און צו בעטן זיך: „שוועסטער, העלף!" מיט וואָס האָט זי זיי געקענט העלפן? זי מוז זיך פעסט אָנהאַלטן, זי זאָל נישט אומפאַלן. דער אויטאָ לויפט מיט אַ גרויסער שנעלקייט אין שפּיטאָל אַריין קיין ראַוונע. דאָרטן וועט מען זיי העלפן. וואָס זשע פאָרט ער גאָר דער שאָפער אויף צוריק, און נאָכאַמאָל פאָרויס, שוין ווידער צוריק און אין אַ זייט גאָר? קוים וואָס מיר האַלטן זיך אויף די פיס. ווען די קראַנקע וואָלטן נישט געווען צוגעבונדן, וואָלטן זיי זיכער אַראָפּגעפאַלן פון די בעטן. דער גאַנג פון אויטאָ איז ווי פון אַ שיכורן, אַ פּאָר טריט פאָרויס און צוריק, וואַקלענדיק. אומגעריכט, ט ר אַ ך! די הינטערשטע טיר צע־פּראַלט זיך, ווי אַ שטורעם־ווינט וואָלט זי אויפגעריסן און איך פלי מיטן קינד צוזאַמען אַרויס אין דרויסן אויפן נאַסן טויִיקן גראָז.

— מאַרקס, מאַרקס! — שריי איך נישט מיט מיין קול. ער טוליעט זיך אַ דערשראָקענער צו מיר. איך פיל זיין האַסטיק אָטעמען, איך שפּיר דאָס קלאַפּן פון זיין הערצעלע. מיר זענען ווידער ביידע אַרויס גאַנץ, שוין צום ווייפילטן מאָל. דער טויט לויערט אויף אונדז. יאָגט אונדז נאָך און שרעקט אונדז. ער האָט אָבער איבער אונדזערע לעבנס קיין שליטה נישט. ווו־זשע זענען די קראַנקע, די מאַשין, דער שאָפער און די שוועסטער?

נישט ווייט פון דעם אָרט, ווו מיר געפינען זיך, דערזע איך אַ טיפן גרוב, איך דערקען שוין דאָס גרוב — דעם קבר פון אַ באָמבע. צי זאָל

דאָס זיין דער קבר פון דעם אויטאָ און פון די, וואָס זענען געפאַרן אין אים? איצט פאַרשטיי איך שוין הלמאי דער שאָפער האָט וויברירט מיט דער מאַשין. ער האָט זיך, ווייזט אויס, געראַנגלט מיטן מחבל, נאָכגעשפּירט זיין גאַנג אין דער לופטן און אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט אים. איך האָב מורא אַריינצובליקן אין דער טיפקייט פון גרוב. בעסער זאָל זיך מיר דוכטן, אַז זיי איז געלונגען צו אַנטרינען פון דער סכנה. הלוואי! — שעפּטשען מיינע ליפּן.

איך לויף אַוועק פון דעם אָרט און לאָז זיך ווייטער אין וועג אַריין, ס'ווערט אַלץ העלער דער אַרום. ערגעץ ווו אין מזרח באַווייזן זיך די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון. די גראָזן און די אַרומיקעביימער באַפּוצן זיך אין זייערע גרינע קליידער. אין דער לינקער זייט פון וועג שימערירט דער רייפער גאָלדענער קאָרן מיט חנען צום אויפגייענדיקן טאָג. אונדז לויפן אַנטקעגן צוויי יונגע פּויערטעס, וואָס זענען זיכער שוין אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט מיט די סערפּעס אין די הענט, נאָר עפּעס האָט זיי געשטערט און זיי לויפן צוריק אַהיים.

— גייט נישט אויף דער רעכטער זייט! דאָרט זענען דייטשן. זיי לאָזן זיך אַראָפּ פונעם הימל. אַנטלויפט!

— די שטאָט ראָוונע איז נאָך ווייט? — פרעג איך זיי.

— נישט ווייט, אָבער די דייטשן... — און זיין לויפן ווייטער.

„די דייטשן?!" אַ שימף־וואָרט, אַ קללה, וואָס שרעקט נאָך מער ווי אין די קינדערישע יאָרן: שדים, רוחות, פּיפּערנאָטערס און אַנדערע שרעקלעכע חיות. איך מוז זיי אַנקוקן, כאָטש פון דער ווייטנס, טראַכט איך, און איך קריך פאַרזיכטיק אַרויף אויפן שפּוע פון באַרג ביזן שאָסיי־וועג. און געמלעך: ברואים אין בלוילעכע מלבושים מיט מעטאַלענע קאַסקעס אויף די קעפּ, מיט אויטאָמאַטיש געווער פאַר זיך, זאַמלען זיך צונויף. זייער צאָל וואַקסט, מיט די פרישע דעסאַנטניקעס, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ פון די עראָפּלאַנען, נישט נאָר מיליטער־לייט, נאָר אויך טאַנקעטקעס, קוילן־וואַרפערס, אויף פּאַראַשוטן.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ לאָז איך זיך אַראָפּ און לאָז זיך דורכן געדיכטן רייפן קאָרן אויפן וועג קיין ראָוונע. אין געציילטע מינוטן יאָגט אָן אַ פּוסטע

לאַסט־מאַשין. איך פּאַכע מיטן קינד פאַר זיך, ווי מיט אַ פאָן און בעט אים זיך אָפּשטעלן. ער פאַרהאַלט זיך און נעמט אונדז אַרויף אַן ווערטער. ער יאָגט זיין מאַשין מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט, ווי מען וואָלט אים נאָכגעיאָגט. ער איז אַליין פון נאָוואָגראַד־וואָלינסק. מען האָט אים פאַרכאַפּט און באַפוילן צופירן מיליטער צום פראָנט. איצט איילט ער זיך אַהיים, צום ווייב און קינד. מיר זענען אַדורכגעפאָרן די קאַזאַרמעס, פאַר־יתומט זענען זיי געשטאַנען. אַלע זענען אַוועק אויפן פראָנט ערגעץ ווייט, אין דער צייט ווען דער פראָנט איז אַזוי נאָענט, ביי דער נאָז. די שטאָט ראָוונע איז אַרומגעכאַפּט געווען מיט דער פּאַנישער שטימונג פון אַנטלויפן, אויסבאַהאַלטן זיך, ווען אַלץ איז הפקר, האָב און גוטס. אַט ברענען געוועלבער, הייזער און קיינער לעשט זיי אַפילו נישט. די וועגן זענען פאַרפלייצט מיט מאַסן מענטשן, מיט קלומיקעס אויף די פּלייצעס און אַלע שטראָמען אויף מזרח. ביים אַרויספאָר פון דער שטאָט, ווו מען פאַרקע־רעוועט זיך אויף לינקס, איז געשטאַנען אין דער מיט פון שאָסיי־וועג אַ מיליטער־מאַן, קענטיק אַ פּולקאָווניק, מיט בולטע יידישע שטריכן, מיט צוויי רעוואָלווערן איןביידע הענט. פון זיינע אויגן האָבן ווי געשפּריצט פונקען, דאָס פּנים כמעט רויט פון אויפרעגונג און דאָס מויל האָט נישט אויפגעהערט צו דראָען און באַפעלן:

— אומקערן זיך! מען מוז פאַרניכטן דעם דייטשן דעסאַנט. דעזערטירן וועל איך דערשיסן דאָ אויפן אָרט!...

און מערקווירדיק, איין אויטאָ נאָכן צווייטן, מיט באַוואָפנטע זעלנער, האָבן זיך אַ ריס געטאָן אויף צוריק, צי פאַר שרעק, צי פאַר בושה. אויך דער אויטאָ, אויף וועלכן מיר זענען געפאָרן האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער פּולקאָווניק האָט באַפוילן זיך אומצוקערן און פאָרן אין שפּיטאָל אַריין עוואַקואירן די פאַרוווּנדעטע. יעדע מאַשין איז נויטיק אין אַזאַ שווערער צייט. דער שאָפער האָט פאַרקערעוועט און גאָר שנעל אָפּגעפאָרן אויפן אַדרעס, וואָס דער פּולקאָווניק האָט אים אָנגעוויזן. אים האָט מען אַריינ־געלאָזט דורכן טויער אינעווייניק און איך מיטן קינד זענען פאַרבליבן אין דרויסן.

עס איז פאַרגעקומען אַ פרישער לופט־אָנפאַל און איך האָב זיך געמוזט

באהאלטן מיטן קינד אין אַ געזעלשאַפטלעכן בונקער, וואָס איז געווען אַנטקעגן דעם שפּיטאָל. ער איז געווען איבערפולט. די פרויען און קינדער זענען שוין נישט אַרויס פון אים אַ גאַנצן מעת־לעת, עס איז געווען טוכלע און שטיקנדיק. הונגעריקע קינדער, מידע, מיט אויסגעלאָשענע אויגן האָבן שטיל געכליפּעט און געוויינט אויף זייער ביטערן גורל. דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער עוואַקואַציע־קאָמיטעט איז שוין פון די ערשטע אַנטלאָפן. וויפיל זיי האָבן געהאַט מאַשינען האָבן זיי אָנגעפולט מיט אייגענע און קרובים און אַנטלאָפן ווי דער „שוואַרצער פעפער וואַקסט". אַזוי אַרום איז צערונען געוואָרן מיין האָפנונג און אויסשטעל אויפן הילפס־קאָמיטעט. איצט מוז איך טראַכטן, ווי זיך אַליין צו ראַטעווען און דאָס קינד.

איך בין אַרויס פון בונקער און אַוועקגעשטעלט זיך וואַרטן אויף „מיין" מאַשין. איך האָב זיך דערוואַרט. ער איז אָבער פול געווען מיט קראַנקע, וואָס זענען געלעגן אויף די שעניקעס, אויפן דיל, צוגעדעקט מיט קאָלירטע דעקן. ביי דער סאַמע בודקע, אויף אַ באַנק זענען געזעסן דריי קראַנקן־שוועסטער און אין קאַבינע ביים שאָפער — אַ דאָקטאָרין. מילא מאַרקסן האָבן די קראַנקנשוועסטערס גענומען צו זיך אויף די הענט, איך ווידער האָב זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן דעכל, איבערן שאָפער און דאָקטאָר און ליגנדיק זיך אָנגעקלאַמערט פעסט ביי די מעטאַלענע ווינקלען. די מאַשין האָט געריירט. איבער ברענענדיקע האַלאַוועשקעס איז אויסגעקומען צו פאָרן, פרויען און קינדער אין קינדער־וועגעלעך האָבן געשטראָמט מאַסנווייז אין מיטן שאָסיי, ווייל אין די זייטן האָבן די הייזער געברענט — אַלץ האָט באַשווערט דעם גאַנג פון דער מאַשין. איצט איז דער שאָפער געפאָרן דורך אונטערגאַסן, ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. אונטער דער שטאָט איז ער פאָרט געפאָרן שנעלער, אַפילו ווען אַנדערע מאַשינען האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי די זייטן אונטער דיביימער, ווען די דייטשע אויס־שפּיר־ און באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען האָבן געלויערט אויף די וועגן — איז ער נישט צוגעשטאַנען צו זיי. אים האָט געטריבן דער אימפּעט פון הפקרות און ווילן צו קומען וואָס שנעלער צום ציל. מיין לאַגע אויפן דאַך איז אים ווייניק אָנגעגאַנגען. איך האָב זיך געקלאַמערט מיט אַלע כוחות איך זאָל נישט אַרונטערפאַלן, פון די הענט זענען גערונען ריטשקעס בלוט — אַזוי

גרויס איז געווען מיין דראַנג צו לעבן. ענדלעך, זענען מיר אַריבער די אַלטע גרענעץ — דורך קאַרעץ. דאָרט האָט מען ביי אַלע קאָנטראָלירט די דאָקומענטן, אָבער אונדזער מאַשין מיט פאַרווונדעטע מיליטער־לייט האָט מען אַדורכגעלאָזט אָן אַ קאָנטראָל.

דורכפאָרנדיק האָב איך באַמערקט מיין ברודער בענע, מיט אַ פאָר־בונדענער באַק און מיין חבר פון לויצק — װאַרשע חיים טייטל, דעם ציין־טעכניקער. צום גליק האָט פאַרפעלט בענזין אין דער מאַשין, זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין גרויסע אַנגסטן בין איך אַראָפּגעקראָכן, אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד און אַוועקגעזעצט זיך װאַרטן אויף די אָנקומענדיקע. זיי זענען טאַקע אָנגעקומען, אָבער עס איז נישט געווען מיין ברודער בענע, נאָר מיין חבר משה זאַגער און טייטל. אין די אומשטענדן איז יעדע באַגעגעניש אַ פרייד, אַ גרוס פון דער היים, אַ סימן, אַז דער גורל דייַנער איז אַ געמיינזאַמער. זיי ביידע האָבן איבערגעלאָזט זייערע ווייבער און קינדער אין לויצק און אַנטלאָפן ביים סאַמע פאַרכאַפּן די שטאָט דורך די דייטשן. עס האָבן נישט געהאָלפן די העלדישע קאַמפן פון די רויט־אַרמייער. נישט די טאַנקן־אַטאַקעס זייערע אונטער טאַרטשין. נישט אַנדערש, נאָר פאַראַט און פאַרפירערישקייט האָט דעצידירט דעם ביטערן גורל. דער דייטש האָט געזיגט, פאַרניכטעט און געזיגט, גענומען אין געפאַנגענשאַפט, פאַרכאַפּט שטעט און שטעטלעך, גרויסע נישט אַרויסגע־פירטע זאַפּאַסן פון אַמוניציע און תבואה און געזיגט אויפן גאַנצן פראָנט...

## אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק

נאָוואָגראַד־וואָלינסק איז געווען בלויז אַן אָפּשטעל־עטאַפּ אין אונדזער וואַנדער־וועג אויף מזרח. נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער, אָפילו נישט דער מיטלסטער; דאָך איינער פון די וויכטיקסטע, פון די גורל־דיקע. דאָ האָט נאָך געאַרבעט די פּאָסט, ווי שטענדיק, האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט און געשיקט אַ טעלעגראַמע קיין קרים, קיין יעווּפּאַטאָריע צו מיין ווייב: „איך בין אויפן וועג קיין קיעוו מיטן קינד, גיב צו וויסן

אויפֿן אַדרעס פֿון באַרקאַמפּראַס וועגן זיך". איך האָב זיך אַפֿילו געלאָזט קאָסטן און געגעבן אַ צווייטע טעלעגראַמע קיין לוויצק. איך האָב אַפֿילו פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז נאַריש, אָבער, אַז די פּאָסט נעמט אָן טעלעגראַמעס, אפֿשר איז די שטאָט נאָך ביי די רוסן, אָדער זי האָט זיך צוריקגעקערט צו די רוסן. איך פֿאַרשטיי, אַז צופֿיל פֿרעגן — לוינט נישט — האָב איך געצאָלט און געשוויגן.

פֿון דער פּאָסט זענען מיר אַלע פֿיר: איך מיטן זון, טייטל און זאַגער אַוועק אין אַ סטאָלאָווע איבערצוכאַפּן. מיר זענען באמת געווען הונגעריק, דערצו האָבן מיר פֿאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף אָפּכאַפּן, כל זמן ס'לאָזט זיך. מיר זענען געווען געגנוג שמוציק פֿון וועג, דער טאָג איז געווען אַ הייסער. דער שווייס איז ממש גערונען איבערן פּנים און זיך אויסגעמישט מיטן שטויב, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין וועג. דערפֿאַר האָבן מיר אויך געוואָלט אַריינכאַפּן אַ בעדל אין נאָענטן טייכל. מיר זענען אַראָפּ פֿון וועג אין טאָל אַריין צום טייכל, וואָס איז געווען שמאָל און זיינע וואַסערן זענען געפֿלאָסן געלאָסן, רואיק און דער ברעג איז געווען אַ זאַמדיקער, אַ ריינער. מיר האָבן זיך געוווּנדערט, הלמאַי באָדט זיך איצט נישט קיינער אין אַזאַ הייסן טאָג. כמעט ביים אַרויפֿגאַנג איז געלעגן אַ גרויסער שטיין, אַ גיגאַנט פֿון די ימי בראשית. אין רואיקערע צייטן וואָלט כדאי געווען זיך צו דערוויסן וועגן דעם שטיין, פֿונוואַנען איז ער געקומען אַהער, וועגן זיינע באַשטאַנד־טיילן און פֿאַרוואָס ליגט דאָ אַזאַ גאָטס־וווּנדער אַזוי הפֿקר און נישט ערגעץ אין געאָלאָגישן מוזיי. מיר האָבן זיך אויסגעטאָן און אַוועגעלייגט אויף אים אונדזערע מלבושים. מיר זענען אַריין אין טייכל. די וואַסערן זענען געווען ווי אָנגעוואַרעמט ספּעציעל פֿאַר אונדז, לויטער, דער באָדן אַ זאַמדיקער. עס איז פּשוט געווען אַ חיות דאָס באָדן זיך. מאַרקס האָט אָנגעקוואָלן, ווי דאָס פֿאַרגעניגן פֿונעם באָדן זיך וואָלט אים געמאַכט פֿאַרגעסן אין אַלע שווערע איבערלעבונגען, וואָס מיר האָבן צוזאַמען אַדורכגעמאַכט במשך פֿון די לעצטע טעג.

גאָר אומגעריכט האָט זיך דערהערט אַ קנאַל פֿון אַ באָמבע, נאָך איר אַ צווייטע און אַ דריטע. מיר זענען אַרויסגעלאָפֿן פֿון טייכל און אויס־באַהאַלטן זיך אונטערן מעכטיקן שטיין, אָנטועענדיק זיך דערביי מיט שנעלע

באוועגונגען. באלד האבן מיר דערזען צוויי אויסטערלישע געשעענישן: אויף דער רעכטער זייט פון טייכל האט אויפגעפלאמט א געוואלדיקע שריפה. עס האבן געברענט די ברעטער פון טארטאק, רויט־שווארצע צונגען האבן זיך געריסן אין דער הויך און פארדעקט דעם הימל מיט א גערדיכטן נעפל.

דאס צווייטע געשעעניש איז געווען געווענדעט אנטקעגן אונדז: א סאוויעטישער זעלנער, מיט בליציקע סקאסנע אויגן איז הענדום־פענדום אראפגעלאפן מיט אן אויטאמאט פון פארנט, און מיט א הילכיקן אויס־געשריי: „די הענט אין דער הויך!" געדראט צו שיסן און האט אפילו ארויסגעלאזט אייניקע שאסן אין דער לופטן — א באווייז, אז ער מיינט עס גאנץ ערנסט.

א נס איז געשען: דאס קינד אויף מיינע הענט. דאס האט אים באוויגן צו צווייפלען אין זיין השערה, אז מיר זענען דעסאנטניקעס, אז מיר זאלן האבן די דייטשע עראפלאנען אנגעוויזן וווהין צו ווארפן די באמבעס. ער האט אונדז געלאזט זיך אנטאן און באפוילן צו גיין פארויס, אין דער ב. ק. וו. ד. דארט האט מען דאך קאנטראלירט אונדזערע סאוויעטישע דאַ־קומענטן און באפוילן „נישט צו שלייען זיך איבער די גאסן", נאר גיין אין שטאטישן גארטן, ווו עס זאמלען זיך צונויף די „ביעזשענצעס". אין שטאט איז געווען שטארק אומרואיק, די דייטשן האבן אראפגעלאזט א דע־סאנט, אין די מונדירן פון סאוויעטישע ב. ק. וו. ד.־ארבעטער. זיי האבן מארשירט אין די רייען איבער דער גאס א היפשן מהלך, ביז זייער ריזי־קאלישער שפיל איז אנטפלעקט געווארן. עס איז אנטשטאנען א בליץ־שנעלער קאמף אויף לעבן און טויט. עס זענען געווען א סך קרבנות, אפילו דער סעקרעטאר פון דער ווילנער קאמוניסטישער פארטיי איז דער־הרגעט געווארן, אבער די דייטשן איז געלונגען צו פארניכטן ביז איינעם. אט דער פאל האט געווארפן א חשד אויף יעדן איינעם, בפרט נאך אויף אונדז — באקעטע.

דער גארטן איז געווען פארפלייצט מיט אנגעלאפענע. ווי מיד זיי זענען געווען, זענען זיי גרייט געווען צו לאזן זיך אין ווייטערן וועג אריין יעדע מינוט, יעדע סעקונדע. כאטש דא זענען געשטאנען מיליטערישע קיכן און געלאזט פון זיך הייסע פארע פון זופ. בסוד סודות האבן מיר זיך

דערוווּסט, אַז ערגעץ ווייט, אין אַ שול־געביידע זאַמלען זיך צונויף אַנט־לאָפֿענע און פֿון דאָרט פֿירט מען זיי גרופּנווייז אין די נעכט אַרויס צו אַ פּאַסאַזשירן־צוג, וואָס דאַרף זיי עוואַקויִרן ווייטער קיין קיעוו. דערווייל זענען דאָרט קיין פֿרייע פּלעצער נישט פֿאַראַן, זיי האָבן פֿאַרנומען די פֿאַמיליעס פֿון די מאָביליזירטע מלוכה־אָנגעשטעלטע. זיי זענען בילכער פֿון אַנדערע. ווי נאָר ס'איז אָנגעקומען די נאַכט האָב איך זיך מיטן קינד פּשוט אַרויסגעגנבֿעט פֿון גאָרטן און אַוועק אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג, צו דער שול. איך האָב דאָך אויך אַ פּראָטעקציע — דאָס קינד. איך מוז אים אָפּפֿירן צו דער מוטער און אַליין גיין אין דער אַרמיי. שפּעט אין דער נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אויפֿן אָרט. אינמיטן דער נאַכט האָט מען אַרויסגעפֿירט אַ פֿולן אויטאָ מיט ווייבער און קינדער, דערווייל האָב איך פֿאַרנומען אַן אָרט, וואָס האָט זיך באַפֿרייט און צוזאַמען מיטן קינד זיך געלייגט שלאָפֿן. אויפֿן צווייטן טאָג האָב איך זיך געמאָלדן מיט מײַנע דאָקומענטן און מיט מײַנע טענות.

— טאַקע גערעכטע טענות, אָבער איר מוזט האָבן געדולד און וואַרטן, ביז אײַער ריי וועט קומען. — מיט די רייד האָט מען מיך אָביסל באַרויִקט. איך האָב געוואַרט.

די גליקלעכע, וואָס מען האָט שוין גענומען אויפֿן אויטאָ צופֿירן צו די וואַגאָנען, האָבן דאָך געצווייפֿלט, צי זיי וועלן דערפֿאָרן. דער דײַטש, דער ימח־שמוניק, לאָזט נישט רויִק אַדורכפֿאָרן קיין איין באַן, כאַטש זיי ווייסן אויף זיכער, אַז מען פֿירט פֿרויען און קינדער.

דעריבער קען מען באַמערקן אין די אויגן פֿון די „גליקלעכע", וואָס פֿאָרן אָפּ, פֿונקען פֿון פֿרייד, וואָס מישן זיך אויס מיט די שאָטנס פֿון פֿאַר־באַרגענעם אומעט און זאָרג, באַזונדערס ביי די, וואָס פֿירן מיט זיך קליינע קינדער. דאָך בין איך זיי מקנא. סיי איך, סיי מאַרקס זענען שוין מיד פֿון וואַלגערן זיך אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע, פֿון דער פֿאַרדעמפּטער לופֿט און פֿונעם טאָג־טעגלעכן נישט דערעסן. מײַן זאָרג איז פֿון אַן אַנדערן מין: צי איז מינדעלע נישט אין וועג, צי וועלן מיר זיך טרעפֿן און ווו? ערשט אויף דער דריטער נאַכט האָבן מיר זיך דערוואַרט: מיר זענען געפֿאָרן אינמיטן דער נאַכט אין דעם אָנגעפּולטן לאַסט־אויטאָ דורך וועגן און אומ־

װעגן, מיט פֿאַרלאַשענע לאָמפּן, בלויז דעם שאָפֿערס אויגן האָבן אינטו־איטיוו אים אָנגעוויזן דעם וועג דורך די פֿעלדער.

דאָס פֿאָרן אַליין האָט נישט געדויערט לאַנג, דער אומרו אין די געמיטער, די מידקייט און נישט זיכערקייט האָבן ווי געצויגן די צייט, ווי זי וואָלט פֿון טייגעכץ געווען. קיינעם איז נישט געווען באַקוועם: פֿיס און הענט האָבן זיך געפּלאָנטערט אין ענגשאַפֿט, מען האָט אָבער געשוויגן, וויסנדיק, אַז דעם צווייטן איז אויך נישט בעסער. ענדלעך, זענען מיר אָנגעקומען. די שמאָלע טיר פֿונעם וואַגאָן איז געשטורעמט געוואָרן מיט אַזאַ אימפּעט, ווי זי וואָלט געווען פֿאַרמאַכט און ס'וואָלט קיין ברירה נישט נישט געווען. אַלע האָבן געוואָלט פֿאַרכאַפּן די הינטערשטע פּאַליצעס און אין דער מיט, נישט ביי די פֿענצטער. אין די פֿענצטער איז סיי־ווי געווען גאָר ווייניק שויבן, דאָך איז מער געפֿערלעכער ביי די פֿענצטער — אַזוי האָבן מענטשן געטראַכט. אַפֿילו אונטער די בענק איז זיכערער. אַ שאָד, וואָס די זאַכן האָט מען פֿאַררוקט אונטער דער באַנק. אַלץ ווערט געמאַכט אין דער שטיל, ווי ס'וואָלט געדראָט, אַז אַ הויך וואָרט קען אויסגעבן דעם שונא דעם סוד פֿון אונדזער דאָ זיין.

אין דער שטיל און אין דער פֿינצטער, קיינער וואַגט נישט אַפֿילו אַ שוועבעלע אָנצוצינדן — די פֿענצטער זענען דאָך נישט פֿאַרשטעלט. אפֿשר לויערט אונטער די כמאַרעס אַן אויסשפּיר־עראָפּלאַן פֿון שונא און קוקט נאָר אַרויס אויף אַ פֿונק. מען האָט געשמועסט, אַז שפּיאָנען סיגנאַ־ליזירן מיט פֿונקען — אָפּגעשטימטע סימנים. מיר וואַרטן מיט אומגעדולד, דער צוג זאָל אַ ריר טאָן פֿון אָרט. די פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט איז דאָך דער בעסטער היטער פֿון אונדזער זיכערקייט. מען שמועסט אַפֿילו, אַז דער דייטש לאָזט אַראָפּ גרויסע לאָמפּן, וואָס לויכטן אויף עלעקטרישע באַטעריעס, אויף פֿאַראַשוטן און מיט זיי באַלייכט ער זיך דעם אַרום, ווי מיט זוניקער שיין. דער פּחד האָט גרויסע אויגן — אַזוי זאָגט דאָס פֿאָלק.

מיט אַ סקריפּ פֿון די נישט־געאייליצטע אַקסן פֿון רעדער, אַפֿילו אָן אַ פֿייף, לאָזט זיך דער צוג אין וועג אַריין, מיט פֿאַמעלעכדיקע טריט, וואָס ווייטער פֿאַרשנעלערן זיי זיך און מיר פֿאָרן, פֿאָרן דעם גורל אַנטקעגן מיילן נאָך מיילן. דער מאַשיניסט קלערט אַפֿילו נישט אָפּצושטעלן זיך

אויף די קלענערע סטאַנציעס, כל זמן עס וועט אים סטייען האָלץ און וואַסער. אומרואיקע געמיטער פון פּאַניקיאָרן האַלטן אין איין אַרויסקוקן דורכן פענצטער אויפן הימל, יעדער שטערן ווערט אין זייערע אויגן פאַר־וואַנדלט אין אַ באָמבאַרדירער, וואָס באַדראָאט אַלעמען און אים דעם ערשטן. צום גליק זענען פאַלש געווען זייערע פּאַנישע פּאַראויסטראַכטענישן און נביאותן. רואיק און שנעל זענען מיר אין די פרימאָרגן־שעהן אָנגעקומען קיין זשיטאָמיר, ערגעץ אויף אַ זייטיקער באַן־ליניע. דורכן פענצטער האָב איך דערזען, ווי מאַסן מענטשן קלעטערן און שטופּן זיך אין די הויכע פראַכט־וואַגאָנען. שווערער איז דאָס אָנגעקומען פאַר די ווייבער און קינ־דער. דאָרט ווו עס הערשן די געזעצן פון דזשונגל, זענען תמיד די שוואַכערע די באַזיגטע און באַעוולטע. אין איינעם פון די שוין אָנגעפּולטע וואַגאָנען האָב איך באַמערקט צוויי באַקאַנטע לויצקער: משה פערדמאַן און זיין ברודער שואליק. זיי זענען שוין געווען אין וואַגאָן. דאַקעגן יאַשקע צינקער מיט זיין פרוי אַדעלאַ, צוזאַמען מיט צוויי זין האָבן נישט געקענט זיך אַריינבאַקומען אין וואַגאָן אַריין. דערזעענדיק זיי, איז מיר באַפאַלן אַ פרייד, ווייל איך האָב נאָך געהערט אין לויצק, פאַרן אַנטלויפן, אַז די צינקערס זענען זיכער פאַרשיט געוואָרן בשעת עס איז איינגעפאַלן די מויער, איבער דער אַפּטייק, אין וועלכער זיי האָבן געוווינט. מיר איז איינגעפאַלן אַ געַ־דאַנק זיי אַריינצובאַקומען צו אונדז אין וואַגאָן אַריין. איך האָב זיי אַ רוף געטאָן. זיי האָבן זיך דערנעענטערט.

— קומט אַריין אויף אַ ווייל — האָב איך זיך געוואַנדן צו זיי אויף רוסיש — קומט, איך האָב אייך וויכטיקס צו דערציילן... איר זענט פון טויט לעבעדיק געוואָרן!

זיי האָבן זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און זענען אַריין אין אונדזער וואַגאָן. איך האָב באַמערקט אַן אומצופרידנהייט ביי מיינע שכנים, האָב איך זיך צו זיי געוואַנדן:

— בלויז אויף אַ ווייל! אין שטאָט האָט מען געשמועסט, אַז זיי זענען פאַרשיט געוואָרן און אומגעקומען.

זיי זענען שוין געווען אינעווייניק. איך האָב נאָך נישט באַוויזן מיט זיי אַ שמועס צו טאָן, ווי אונדזער באַן האָט גערירט. פאַרפאַלן! קיינער

וועט נישט וואַגן צו טרייבן מענטשן מיט קינדער אין מיטן לויף פון צוג. איבעריקנס, האָבן מיר קיינעמס אַרט נישט פאַרנומען. די קינדער האָבן מיר געלאָזט אויף מיין אַרט, מיר זענען אַרויסגעגאַנגען אין שמאָלן פאָדערהויז, ביי דער סאַמע טיר פון אַפּטריט און געשמועסט, ווי נאָענטע, האַרציקע חברים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גראָד דאַן, ווען די באָמבע האָט פאַרניכטעט זייער דירה, זענען זיי געווען ביי יאַשקעס עלטערן, אָדער פינקטלעכער, אין קעלער צוזאַמען מיט זיינע עלטערן.

וועגן אַלץ האָבן מיר געשמועסט און גערעדט: וועגן אייגענע און חברים, וועגן אונדזער געבורטשטאָט, אַפילו וועגן מורס שול, אין וועלכער מיר האָבן זיך געלערנט צוזאַמען, אָבער נישט וועגן מאָרגנדיקן טאָג. אין אַזעלכע צייטן זענען איבעריק פּלענער אַפילו אויף דער נאָענטסטער צו־קונפט. דערווייל אַנטלויפן מיר ווייטער פון דעם פאַרשאָלטענעם דייטש. ווהין די וועגן וועלן אונדז טראָגן און פאַרטראָגן איז שווער פאָרויסצוזאָגן. מעגלעך, אַז מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל ווידער טרעפן, וועלן מיר איינער דעם צווייטן האָבן וואָס צו דערציילן. דער עיקר — בלייבן לעבן. אפשר וועלן מיר נאָך דערלעבן גרויס נחת פון אונדזערע קינדער. „הלוואי!" — האָט אַ זאָג געטאָן אָדעלאָ און אַ גרויסע טרער האָט זיך אַראָפּגעקוילערט פון אירע אויגן...

## אין קיעוו

קיעוו. וואָס ווייטער — אַלץ רואיקער. די סאָוויעטישע קעגן־לופט־אַרטילעריע, לאָזט שוין נישט אַדורך אומבאַשטערט די דייטשע באָמ־באַרדירער — פליען זיי טאַקע אַהער גאָר זעלטן. אין שטאָט איז רואיקער, די רעסטאָראַנען זענען אָפן, אויך אין די קינאָס זענען פאַראַן אַפילו פרימאָרגן־סעאַנסן. אין שטאָט איז נאָך גרויס די באַוועגונג. צו דער אַזוי אויך גרויסער באַפעלקערונג זענען צוגעקומען אַ סך פליטים. דאָ קלערט מען זיי נישט איבערצולאָזן, נאָר פירן פון דאַנען ווייטער. ווי נאָר מען הויבט זיך אויף באַרג אַרויף פון דעם באַנהויף, אין דער רעכטער זייט

איז פֿאַראַן דער באָטאַנישער גאָרטן. דאָרטן זאַמלען זיך צונויף די אָנגעקומענע, רעגיסטרירן זיך און באַקומען די ערשטע מאַטעריעלע הילף: טאַלאָנען אויף ברויט, אויף מיטאָגן פֿון זופּ און קאַשע און אויף דערוויילינקן נאַכטלעגער.

מײַנע ערשטע טריט האָבן מיר טאַקע געפֿירט אין באָטאַנישן גאָרטן. דאָ האָט אויף מיר געוואַרט אַן אויסערגעוויינלעכער סורפּריז: דאָ האָב איך געטראָפֿן די קינדער פֿון מײַנע צוויי קינדער־היימען, פֿון טשאַרטאָריסק און קאָוועל, מיט זייערע דערציער און דירעקטאָרן. איך בין געווען גליקלעך, איבערגליקלעך, וואָס אַרום צוויי הונדערט יתומים האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פֿון דער חיהשער לאַפּע. איצט האָב איך באַקומען אַ פֿרישע האָפֿנונג, אַז נאָך אַנדערע קינדער וועט געלינגען זיך צו ראַטעווען.

דער דירעקטאָר פֿון דער טשאַרטאָריסקער קינדער־היים האָט זיך גאָר דערפֿרייט, וואָס ער האָט זיך מיט מיר געטראָפֿן. ער איז אַ טאָנקיסט און לאַנג בלײַבן מיט די קינדער קען ער נישט. מען האָט אים בלויז צײַטווײַליק באַפֿרייט, אָבער זײַן געוויסן איז אים נישט רויק. אין אַזאַ צײַט זענען ספּעציאַליסטן־טאַנקיסטן נויטיק. איך האָב אויסגעהערט זײַן דערציילן, ווי אַזוי אים איז געלונגען צו ראַטעווען די קינדער און נישט נאָר די קינדער, נאָר אַ גרויסן טייל פֿון דעם פֿאַרמעגן, ווי קליידער, אָנצוגן, ליילעכער, קאָלדרעס, אַפֿילו גאַנצע פּודן פֿלייש. ער איז אַרויסגעפֿאָרן אַ פּאָר טעג פֿאַר דער מלחמה קיין קרים אויף אורלויב. ערגעץ ביי ראָסטאָוו האָט ער זיך דערוווּסט וועגן אָנפֿאַל פֿון די דײַטשן. ער האָט פֿאַרקירעוועט אויף צוריק. דעם אַלטן קוכער זײַנעם האָט ער באַפֿוילן צו קוילן דעם חזיר און אויך די זעלטענע קו, וואָס האָט געגעבן אַרום 60 ליטער מילך אַ טאָג. די קינדער האָט ער אָנגעטאָן צו 3 — 4 אָנצוגן און קליידער און געגעבן צו טראָגן אָנגעפּילטע ציכלעך מיט פֿלייש און אַנדערע פּראָדוקטן. אָנגעלאָדענע מיטן אָנטאָן און שפּייז־זאַפּאַסן האָבן זיי אויסגעזען ווי שניי־באַבעס, זיי האָבן זיך באַוועגט מיט שווערע האָמעטנע טריט און דאָך זיך דערשלעפּט צו דער באַן. אים איז געלונגען אָפּצושטעלן אַ סאַניטאַרן־צוג, וואָס האָט געפֿירט פֿאַרוווּנדעטע פֿון פֿראָנט. אין יעדן וואַגאָן האָט ער אַרײַנגעשטופּט צו עטלעכע קינדער און אַזוי אַרום דערפֿאָרן קיין קיעוו.

דער צווייטער דירעקטאָר פון קאָוולער קינדער־היים האָט באַוויזן בלויז צו ראַטעווען די קינדער — אַ דאַנק אים אויך פאַר דעם.

— אויף אייך, חבר פערעל, פרעגט זיך נאָך טאַמאַרע מאַיסעיעווגע פון „נאַרקאָמפּראָס". עפּעס אַ טעלעגראַמע איז אָנגעקומען פאַר אייך — האָט צוגעגעבן דער דירעקטאָר.

מיט טאַנצנדיקע טריט און פרייד בין איך געלאָפן אָפּנעמען די טע־לעגראַמע. ווי די זון וואָלט נאָר־וואָס אַרויס פון אונטער די כמאַרעס און באַהעלט דעם אָרום מיט ליכט און וואַרעמקייט, אַזוי האָט ווי אויפגעלעבט מיין געמיט, גייענדיק צוזאַמען מיטן קינד איבער די קיעווער גאַסן. אַלץ האָט זיך אַזוי שפּעדיק צעוואַקסן: די בלומען, די גראָזן, די ביימער. איך גיי מיט זינגענדיקע טריט אַרויף, אַרויף צום שעווטשענקאָ־פּאַרק. ס'איז נאָענט, דוכט זיך מיר, אַז ס'איז נאָך נעענטער — איין שפּאַן בלויז. איך גיי אַרויף אויף די שטיגן, איך געדענק נאָך פון פאַראַיאָרן ווו עס געפינט זיך דער קאַבינעט פון לובאַראַווען. איך זע זי אין דמיון אָט די חנעוודיקע יידישע טאָכטער מיט די קלוגע אויגן, וואָס שמייכלען מילד און היימיש, איר מאַטאָווע לענגלעך פּנים מיט דער יידישער נאָז, נידעריקער וווקס, וואָס מאַכט איר נאָך יונגער ווי זי איז. אין געציילטע מינוטן שטיי איך שוין ביי איר קאַבינעט. די זעלבע, וואָס איך האָב אָקאָרשט געזען אין דמיון, שטייט פאַר מיר אַ לעבעדיקע, אַביסל מער קנייטשן אויפן שטערן, ערנסטער בליק און נישט ווייניק פאַרדאַגהט. זי האָט מיך אויפגענומען מיט אמתער פרייד, אַנטקעגנגעגאַנגען מיט איר אויסגעשטרעקטער האַנט:

— עס פריידט דאָס האַרץ, ווען מען זעט עמעצן פון דאָרטן. און מיטן קינד? די מוטער ווו איז? האַ! איך פאַרשטיי שוין. די טעלעגראַמע איז פון דער מאַמען צו אייך און געשיקט האָט זי צו אונדז. אַ קלוגע!

זי דערלאַנגט מיר די טעלעגראַמע. איך שלינג ממש די ווערטער: „וווהין פאָרן אייך צו טרעפן. מינאַ."

— טעלעגראַפירט איר, זי זאָל פאָרן קיין כאַרקאָוו. און איר פאָרט אַהין מיט אייערע קינדער.

— יאָ, איך האָב זיך שוין געזען מיט די קינדער. איך בין גליקלעך! איך האָב געוואָלט ראַטעווען די קינדער פון אַליקער קינדער־היים. צוליב

דעם בין איך געפאָרן קיין ראָוונע אין עוואַקואירונג־קאָמיטעט, איך האָב, ליידער, שוין קיינעם נישט געטראָפן. — ס׳איז אויסגעקומען, ווי איך וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר איר. זי האָט עס פאַרשטאַנען און מיך נישט געלאָזט פאַרענדיקן:

— אַט דעם אוצר האָט איר געראַטעוועט — עס איז אויך אַ גליק. — זי האָט זיך אָנגעבויגן און מאַרקסן אַ קוש געטאָן אין קעפל — כדי צו ראַטעווען די געראַטעוועטע דאַרף מען זיי אָוועקפירן ווייטער, קיין כאַר־קאָוו. מיר געבן אייך צוויי פולמאַן־וואַגאָנען, פאַרט און אָרדנט זיי איין!

זי האָט ווי געראָטן מיט אַ שטיל רואיק קול, נאָר אין מיינע אויערן האָבן אירע רייד געקלונגען ווי דער שטרענגסטער באַפעל. איך האָב באַ־קומען די נויטיקע דאָקומענטן פאַר ביידע קינדער־היימען צוזאַמען, זי האָט מיר אויך דערמעגלעכט צו פירן קינדער אויף מיטאָג אין אַ מלוכהשן שפייז־קאָמבינאַט, אָנטקעגן דעם וולאַדימיר־סאָבאָר און אויף אַ בייטאָג־סעאַנס אין קינאָ אַריין אויף סאַקסאַגאַנסקע־גאַס. איך האָב אַזוי חשק געהאַט צו געזעגענען זיך מיט איר היימישלעך, ווי מיט אַ מאַמען און כ׳וואָלט עס זיכער געטאָן, ווען ס׳וואָלטן נישט אַריינגעקומען נייע אינטערעסאַנטן. יע־דער איינער קומט מיט צרות, מיט זאָרג, נישט פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר אַ סך, פאַר קינדער. און זי, טאַמאַרע מאַיסעיעוונע, מוז זאָרגן און באַזאָרגן אַלע. אַ שרה בת טובים איז זי, אַט די היימישע העלדין פון די יידישע מעשהלעך, וואָס ווו אַ נויט, איז זי דאָ מיט איר וואַרעם האַרץ און מילדער האַנט.

פון דאַנען בין איך געלאָפן אויף דער נאָענטער פאָסט, אויף לעניז־גאַס און גלייך דעפּעשירט קיין יעוופּאַטאָריע צו מינדעלען: „פאָר קיין כאַרקאָוו, אָפּטיילונג פאַר קינדער־היימען". דאָס האָט מיך אַביסל באַרואיקט אָפילו געפרייט. די גוטע שטימונג האָט שוין ביי מיר אָנגעהאַלטן ביזן סאַמע אָפּפאָר און האָט זיך אַריבערגעטראָגן צו די קינדער. אויך מיין זון האָט זיך געחברט מיט אַנדערע קינדער, געשפּילט זיך, געגאַנגען מיט אַלעמען אויף מיטאָג און אין קינאָ. קינדער קענען נישט זאָרגן, דאָס קלענסטע כמאַרעלע טרייבן זיי אַוועק פון זייער געמיט, זיי לאָזן זיך שנעל באַווירקן

דורך די דערוואַקסענע און ווען זיי האָבן צו זיי צוטרוי, פאַרטרויען זיי זיך אינגאַנצן.

דער גאַנצער טאָג איז ביי אונדז אַריבער רואיק און מיט אינטערעס. מיר האָבן באַזוכט די אַראַנזשעריע פון די אויסטערלישע טראָפּישע פלאַנצונגען אין באָטאַנישן גאָרטן. דער פילם איז געווען פאַר קינדער, שפּאַנענדיק און אינטערעסאַנט. די קלענערע, צווישן זיי, אויך מיין זון, האָבן אין דער אַרומיקער פינצטערניש איינגעדרימלט. איינדרוקן מאַטערן קינדער ווי שווערע אַרבעט עלטערע. ווי נאָר די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער און באַפאַרבט דעם האָריזאָנט מיט פּורפּור־רויט, האָבן מיר זיך געלאָזט באַרג אַראָפּ צו דער באַן, יעדער מיט זיין פּעקל. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ קאַראַוואַן מיט אָנגעלאָדענע קעמלען, וואָס ציען זיך לאַנג, לאַנג מיט שווערע, האַמעטנע טריט דער נאַכט אַנטקעגן...

## אויפן וועג קיין כאַרקאָוו

מידע און פולע מיט איינדרוקן פונעם טאָג, אויסמעאַטערטע פון די לענגערע שפּאַצירן, אָנגעלאָדענע מיט פּעק און פּעקלעך — האָבן די קינדער פון די ביידע קינדער־היימען זיך צעלייגט אויף די פּאָליצעס פון וואַגאָן צו צוויי, צו דריי. נאָך איידער דער צוג האָט גערירט זענען זיי שוין געשלאָפן מיטן שלאָף פון צופרידענע. געוויס האָבן פיל פון זיי געזען זיסע חלומות, געבונדענע מיט קיעוו, מיטן פילם, מיט די אויסטערלישע טראָפּישע געוויקסן. זאָט זענען זיי געווען. איצט פאָרן זיי אין ווייטע וועגן, זיכערע און ווייטע פון דער געפאַר, וואָס האָט באַוויזן זיי נאָר אָנצושרעקן, אָבער נישט אויף לאַנג. קינדער פון קינדער־היימען האָבן זיך נישט פאַר וועמען צו פּיעשטשען. אַפילו ווען זיי האָבן ערגעץ מאַמעס אָדער טאַטעס — זענען זיי ווייט פון זיי און דאָרט ווו מען איז ווייט פון אויג — איז מען אויך ווייט מיטן האַרץ. אויף די קינדער ווירקט אַ חיי־שעה, אַ בעסערער ביסן, אַ שפּאַציר, אַ באַזוך אין קינאָ, אַפילו אַ שיין מעשהלע. אַט שפּאַצירן מיר אַרום צווישן איבערן וואַגאָן: איך

און דער דירעקטאָר פון טשאַרטאָריסקער קינדער־היים. אויך זיינע צוויי זין און מיין זון מאַרקס שלאָפן אין דעם באַזונדערן קעמערל, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן פאַר אונדז, אויך זיין פרוי האָט זיך צוגעלייגט מיט זיי צוזאַמען. מירביידע אָבסערווירן די קינדער, ווי טאַטעס, ווי מאַמעס, ווי ביידע צוזאַמען, מיט אַ וואַרעמען שמייכל אויף די ליפּן, מיט שטילע, גע־מיטלעכע טריט. דער האָט זיך אָפּגעדעקט — דעקן מיר אים צו, דער צווייטער איז פאַרקראָכן זיין חבר מיט די פיס גלייך אין פּנים אַריין — נעמען מיר זיי אַראָפּ, דער האָט זיך גאָר אַראָפּגערוקט און אָט, אָט פאַלט ער אַראָפּ — רוקן מיר אים אַרויף. דער פאַרוואַלטער קוקט אויף אַלעמען מיט ערנסטע, טרויעריקע אויגן, כאָטש ער איז גליקלעך, וואָס אים איז געלונגען זיי צו ראַטעווען. ער ווייסט אָבער, אַז די נאַכט איז אים פאַר אַ גורלדיקע. אָנקומענדיק קיין כאַרקאָוו, מוז ער גלייך זיך לאָזן אין וואַיענקאָמאַט און פון דאַרטן — גלייך אויפן פראָנט, אין זיין טאַנק. דאָס באַזאָרגן די קינדער אויף ווייטער איז שוין מיין פליכט. שוין אין קיעוו האָב איך באַקומען פון לובאַראָווען אַלע נויטיקע פּאַפּירן, אַפילו אונדזערע אייגענע קינדער האָט זי אַריינגעשריבן אין די אַלגעמיינע צעטלען, נישט פרעגנדיק אונדז אַפילו, צי מיר זענען דערויף מסכים. „שרה בת טובים" טוט אַלץ, וואָס מען דאַרף און וואָס איז גוט, אַזוי האָב איך דאַן געטראַכט.

עס איז ביז גאָר אינטערעסאַנט זיך צוקוקן צו קינדער, ווען זיי שלאָפן: יעדער פון זיי ליגט אין אַנדער פּאָזע. מען זאָגט, אַז לויט דער פּאָזע קען מען וויסן דאָס געמיט פון קינד, זיין כאַראַקטער, אַפילו זיינע באַהאַלטענע סודות. איינער ליגט איינגעקאָרטשעט, ווי ער וואָלט געוואָלט גאָר ווייניק פּלאַץ פאַרנעמען, דער צווייטער מיט צעשפּרייטע אָרעמס, ווי ביים זיידן אין ווייננאָרטן, דער דריטער שלאָפט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, ווי ער וואָלט זיך נאָר געמאַכט שלאָפנדיק, דער פערטער האָט אָנגעבלאָזענע באַקן, ווי ער וואָלט געמאַכט: פּפו... פּפו... סודות, סודות פון דעם פּסיכישן צושטאַנד, פון דער נשמה יתירה...

מיט קאָרגע רייד גיט מיר איבער דער דירעקטאָר די צעטלען פון דעם געראַטעוועטן אינווענטאַר און פּראָדוקטן.

איצט טראָגן שוין נישט די קינדער צו עטלעכע אָנצוגן, אָדער קלייד־

לעך אויף זיך. איצט איז אַלץ פּאַרפּאַקט אין טיוקן. ביים דערמאָנען דאָס פלייש פון דער געקוילעטעטער קו, גיט ער אַ קרעכץ: „אַט אַ שאָד געוועזן צו קוילענען. 60 ליטער מילך אַ טאָג האָט זי געגעבן „מילושקאַ". דער קוכער האָט אַזש געוויינט, קוילנדיק זי, אָבער מיטפּאָרן האָט ער נישט געוואָלט. עס איז נאָך אַזויפיל פאַרבליבן — מוז מען אָפּהיטן. אפשר וועט זיך איינגעבן צו פאַרהיטן. דערצו איז ער שוין צו אַלט. אַזויפיל יאָרן געדינט ביי די אַמעריקאַנער ביסקופּן, דערנאָך ביי אונדז אין קינדער־היים, נישטאָ שוין קיין כוחות צו שלעפּן זיך איבער דער וועלט".

— אפשר ווייסט איר עפּעס וועגן גורל פון אַנדערע קינדער־היימען?

— האָב איך אים אַ פרעג געטאָן. מיר האָט אַלץ געעקבערט אין מוח די פראַגע פון די רעשט קינדער־היימען, מיט וועלכע איך האָב אָנגעפירט.

— וועגן די קינדער פון לאַקאַטשער קינדער־היים האָב איך אָפּגענומען נישט קיין גוטע גרוסן. — די לעצטע ווערטער האָט ער צוגעגעבן, ווי ער וואָלט זיך געיישובט, צי דאַרף ער מיר דערציילן.

— וואָס איז מיט זיי געשען?!

— מען האָט דערציילט, אַז דער ערשטער דייטשער דעסאַנט איז אַריבער די גרענעץ נאָענט צום לאַקאַטשער קינדער־היים. ס'איז געשען קאַיאַר, פאַרן 22־טן יוני. איינער פון די יאַטן איז פונקט אַרויסגעגאַנגען אין אַפּטריט, וואָס איז געשטאַנען אין הויף אין אַ זייט. ער האָט באַמערקט די דייטשן און איז גלייך, אין איינעם העמד, אַנטלאָפן אין שטעטל אַריין און דערטראָגן וועגן דעם. באַלד זענען אָנגעקומען אויף מאַשינען אונדזערע און אַ האַגל געטאָן מיט קוילן אויף די דייטשן. דערביי האָבן זיך אויפגעכאַפּט די קינדער און זענען אַרויס אין דרויסן. די דייטשן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אונטער די קינדער און געשאָסן פון די אויטאָמאַטן. זיי זענען געווען זיכער, אַז אונדזערע וועלן אויף די קינדער נישט שיסן...

ער האָט פאַרשוויגן. עס איז איבעריק געווען זיך צו פרעגן, וואָס עס איז געשען ווייטער.

— אומשולדיקע קרבנות! — האָב איך אויסגעקרעכצט מיין ביטערן ווייטיק.

אונדזער ווייטערדיקער שמועס האָט זיך שוין נישט געקלעפּט. ער האָט זיך צוגעלייגט אויף אַ זייט צו זיין פרוי און איך צום קינד. צי איז ער געשלאָפן — ווייס איך נישט. איך האָב זיך צוגעהערט צום מאָנאָטאָנעם קלאַפּן פון די רעדער און געטראַכט וועגן אונדזער באַגעגעניש מיט מינדע־לען אין כּאַרקאָוו. זי דאַרף שוין דאָרטן זיין...

ווי רואיק איז אין דרויסן. עס ווייזט אויס, אַז דאָ זענען מיר שוין ווייט פונעם מלחמה־געפאַר, פון די באָמבעס פון די דייטשע מערדערס. אמת, אויך דאָ איז שוין גילטיק דער באַפעל פון דער ליכט־מאַסקירונג. אַרום איז פינצטער, ווי אין אַ תהום. מען זעט נישט קיין איינציקע שיין. עס פאָרן מסתמא ערגעץ אויטאָס, נאָר מיט פאַרלאָשענע לאָמפּן. אַפילו דער הימל האָט זיך איינגעהילט אין וואָלקנס און באַהאַלטן די שטערן. בלויז די לבנה כאַפּט זיך אַרויס אַלעמאָל אויף אַ ווייל און באַהאַלט זיך ווידער.

צי האָב איך דאָך איינגעדרימלט — ווייס איך נישט. דער פּיאַלעט־בלויער קאַיאָר האָט זיך אַריינגעריסן דורך די פאַרלאָפענע שויבן, פון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן דער קו־קו־רע־קו פון אַ האָן. גלייך נאָך אים האָבן זיך צעהילכט נאָך און נאָך. דער ווייטער האָריזאָנט אויף מזרח האָט זיך באַלויכטן בהדרגהדיק מיט פאַסן העלע שטראַלן און פאַרבן פון דער אויפגייענדיקער זון. די נאַסע טויאיקע גראָזן האָבן זיך צעבלישטשעט מיט העלער גרינקייט, די ווערעם האָבן זיך צעפויזעט אין אַלע זייטן און געזוכט פאַר זיך אַ באַהעלטעניש, די שוועלבעלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן זוכן שפּייז אויפן טאָג און די זינג־פייגעלעך האָבן זיך צעלאָזט מיט שירה, ווי שטענדיק אין דער צייט, נישט טראַכטנדיק וועגן מלחמה, פּיין און אומגליקן פון דער קרוין פון אַלע באַשעפענישן — דעם מענטשן. מיר זענען פאַרבייגעפאָרן די קלענערע סטאַנציעס אָן אָפּשטעל. ביז ביז... דאָס סאָפּען פון דער לאָקאָמאָטיוו איז געוואָרן מער איינגעהאַלטן, די רעדער באַוועגן זיך שוין פּאַמעלעכער, מיט אַ סיקען, מיט אַ שווערן אָטעמען און באַלד שטעלן זיי זיך אָפּ איינגאַנצן. מיר זענען פאַרפאָרן קיין כּאַרקאָוו. וואַרט אונדז מינדעלע אָפּ אויפן וואָקזאַל? פונוואַנען האָט זי געקענט וויסן ווען מיר קומען אָן? מיר זענען דאָך געפאָרן אויסער דער שטענדיקער

גראַפיק. די קינדער זענען שוין גרייט אויסצושטייגן. יעדער איינער טראָגט זיין פעקל, פאַר וועלכן ער איז פאַראַנטוואָרטלעך.

דער כאַרקאָווער וואָקזאַל איז גרעסער פונעם קיעווער. אַלע פּאַסאַ־ זשירן שטייגן אויס און מיר זענען נישט קיין אויסנאַם. מיר נעמען צונויף די קינדער פון יעדער קינדער־היים באַזונדער. דערווייל וועלן זיי פאַר־ בלייבן אויפן פעראָן און דאָ פרישטיקן. דער טרוקענער „פּאַיאָק״: ברויט מיט שטיקלעך געקאָכט פלייש איז שוין צעטיילט פאַר די קינדער, גלייך אויף גלייך. די עלטערע קינדער גייען מיט די טשייניקעס ברענגען קאָכעדיק וואַסער צום פאַרטרונקען. איך, צוזאַמען מיט ביידע דירעקטאָרן לאָזן זיך אין נאַרקאָמאַט (מיניסטעריום). מיר פאָרן אין טראַמווי. איך באַמערק אַרום זיך פאַרזאָרגטע פּנימער פון עלטערע אַרבעטער. זיי איילן זיך צו דער אַרבעט. די יונגע זענען, ווייזט אויס, מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי. פונדערווייטנס זעען מיר ווי עס שלענגלט זיך אַ לאַנגע ריי פון פרויען און קינדער פאַר אַ געוועלב. וואָס מען פאַרקויפט דאָרט — ווייסן מיר נישט און פרעגן עמיצן — פּאַסט נישט. געוויס נאָך ברויט, טראַכט איך אין זיך.

אין נאַרקאָמאַט דערוויסן מיר זיך, אַז די גאַנצע אוקראַאינישע רעגירונג האָט זיך עוואַקואירט פון קיעוו קיין כאַרקאָוו, בלויז אייניקע אָפּטיילונגען זענען דערווייל פאַרבליבן אין קיעוו. צווישן זיי אויך די אָפּטיילונג פאַר קינדער־היימען. ס׳ווערט קאַלעמוטנע אויפן האַרצן ביים געדאַנק, אַז אויך קיעוו, די הויפּט־שטאָט, איז אין געפאַר. אין מוח לויפט דורך אַ געדאַנק: פון לויצק ביז קיעוו איז, דוכט זיך מיר, ווייטער, ווי פון קיעוו קיין כאַרקאָוו...

פון מינדעלען איז קיין שום ידיעה נישט אָנגעקומען. אפשר האָט זי גאָר נישט באַקומען מיין טעלעגראַמע פון קיעוו? איך באַשליס דאָס קינד איבערצולאָזן אין איינעם פון די קינדער־היימען ביז מינדעלע וועט קומען. ווער קען וויסן? אפשר וועט מען מיך מאָביליזירן אין דער אַרמיי.

נאָך אַ קורצן שמועס מיטן פאַרשטייער פון בילדונגס־מיניסטעריום, האָב איך באַקומען אַ באַשטימונג פאַר די קינדער און אויך פאַר די

דערציערינס קיין דערגאַטשי, וואָס געפינט זיך אַן אַכט ביז צען קילאָ־מעטער הינטער כאַרקאָוו. וועגן אַרבעט פאַר זיך האָב נישט געדאַגהט. פריער דאַרף איך זיך טרעפן מיט מינדעלען און אויך זיין אין וואַיענקאָמאַט — דאַן וועל איך זיך קענען דעצידירן. מיט דער באַשטימונג אין דער האַנט זענען מיר אויף צוריקוועגס אַלע דריי אַריינגעפאַרן אין וואַיענקאָמאַט. וועגן דעם טאַנקיסט, דעם דירעקטאָר פון טשאַרטאָריסקער קינדער־היים, האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין וועגן ווייטער אַפּלייגן זיין אָפּשיקן אין דער אַרמיי און אויפן פראָנט. בלויז 24 שעה צייט האָט ער באַקומען אויף צוצוגרייטן זיך, דעם דירעקטאָר פון קאָוועל האָט מען אָפּגעלייגט אויף אַ פּאָר טעג. מיך האָט מען געהייסן וואַרטן ביז מען וועט מיך רופן, נעמענדיק מיך באַלד אויפן „אוטשאָט" אין אַרטיקן וואַיענקאָמאַט.

מיט דער הינטער־שטאָטישער באַן זענען מיר נאָך דעם זעלבן טאָג אָפּ־געפאָרן מיט די קינדער קיין דערגאַטשי. דאָרט האָבן מיר קיין פריילעכן קבלת פנים נישט געהאַט. די קינדער־היימען זענען געווען גרויסע, אַ סך גרעסער פון אונדזערע, זיי זענען אָבער געווען כמעט פאַרנומען. מען האָט געמוזט זיך צוזאַמענרוקן און קוועטשן, כדי צו שאַפן אַ פּלאַץ פאַר די אָנגעקומענע. פאַר די דערציערס איז בכלל קיין פרייע דירה נישט געווען. זיי האָבן דערווייל געדאַרפט שלאָפן אין די שלאָפצימערן פון די קינדער. איין זאַך האָט אַרויסגערופן ביי זיי פרייד: די סחורות און אינווענטאַר, וואָס מיר האָבן געבראַכט און נאָך מער די פלייש־זאַפּאַסן. זיי זענען אָבער געווען דאָ בלויז אויף „איין צאַן". מאַרקס איז אפשר געווען צופרידן מיט דער קינדער־געזעלשאַפט, אַפילו דאָס קאַרגע און נישט איבעריק געשמאַקע עסן וואָלט אים נישט געאַרט, ווען ער וואָלט געווען צוזאַמען מיט דער מאַמען און מיטן טאַטן. וואָס־זשע טוט מען אָבער, ווען די מאַמע איז נאָך נישט געקומען און דער טאַטע פאַרט אַלע טאָג אַוועק קיין כאַרקאָוו צו באַגעגענען דער מאַמען, און תמיד קומט ער אָן אומעטיקער און איינער אַליין. אַזוי טאָג נאָך טאָג. ווו איז די מאַמע אַהינגעקומען?

פאַרנאַכט צו דאַרף אָנקומען קיין כאַרקאָוו דער צוג פון סעוואַסטאָפּאָל. איך שטיי ביי דער אַרויסגאַנג־פורטקע און קוק אויס די אויגן, ביז דער לעצטער פּאַסאַזשיר גייט אַרויס און אומזיסט. מיין האַרץ איז אומרואיק.

איך לייד כמעט הונגער, אין קינדער־היים פּאַסט מיר נישט צו בעטן. ביז ווען וועט דויערן אַזאַ לאַגע?

איך בין אַוועק אין „נאַרקאָמפּראָס". קיין שום ידיעה איז פון ווייב נישטאָ. אַפילו לובאַראַוואַ איז שוין אויך געקומען. זי פילט מיט מיר, אָבער העלפן קען זי מיר נישט.

— נעמט אָן אַרבעט, חבר פערעל, וועט אייך לייכטער זיין — עצהט זי מיר — ווי נאָר אייער ווייב וועט קומען, וועלן מיר זי שיקן צום קינד און צו אייך — וויל זי מיר באַרויִקן.

איך האָב געפאָלגט און באַקומען אַ באַשטימונג אַלס „זאַוואוטש" (פּעדאַגאָגישער הילף־דירעקטאָר) אין אַ שול. די שול האָט זיך געפונען אויף אַ באַרג, עטלעכע קילאָמעטער ווייט פון דער קינדער־היים, וווּ מיין זון האָט זיך געפונען. אויף דעם באַרג האָט זיך אויך געפונען אַ קינדער־היים פאַר ספּעציעלע קינדער, שווערע צום דערציען, דעריבער האָב איך מאַרקסן נישט געוואָלט אַהין אַריבערנעמען. דער באַרג איז געווען באַוואַקסן מיט גרינע גראָזן און נידעריקע ביימלעך. אַרום באַרג האָבן זיך געצויגן אויף מיילן ווייטע פעלדער מיט רייפן קאָרן און ווייץ פון די אַרומיקע קאָלווירטן. ס'האָבן געפעלט הענט דאָס געדרעטעניש אַראָפּצונעמען, כאָטש ברויט איז געווען מיט גאָלד גלייך. דעריבער האָבן מיר מיט גוטן און מיט שלעכטן מאָביליזירט די שילער און שילערינס, אָנהויבנדיק פונעם פינפטן ביזן צענטן קלאַס צו דער אַרבעט. דער דירעקטאָר, אַן עלטערער מענטש, אַן אוקראַאינער, אַ הויכער, אַביסל איינגעהויקערט מיט גוטע אויגן, אַ טאַטע פון פינף קינדער, איך — זיין פאַרטרעטער, עטלעכע לערערינס און איין יונגער לערער, אַן אינוואַליד, וואָס האָט געשלעפּט אַ פוס. אַלע זענען מיר אַרום זיבן אינדערפרי געגאַנגען אין נאָענטן קאָלווירט, צוזאַמען מיט די שילער, צו העלפן אַראָפּנעמען דאָס געדרעטעניש. מיט קאָסעס, מיט סערפּעס, אַפילו מיט צוגעשאַרפטע מעסערס האָבן מיר געאַרבעט, געזונגען מיט הילכיקע קולות און געאַרבעט ביז מידקייט, ביז ווייטיק אין דער פּלייצע פון שטענדיקער איינגעבויגנקייט. אַרום 12 — אויף מיטאָג: הייסע הירזשן־זופּ, געשמאַלצן מיט געריישטע ציבעלעס און פּיצלעך חזיר־פלייש. אַלע צוזאַמען עסן פון איין גרויסער שיסל מיט רויט־געפאַרבטע הילצערנע לעפל.

איך קען בשום אופן זיך נישט צוגעוווינען צו עסן פון איין שיסל מיט אַלעמען. איינמאָל האָב איך אַ פרעג געטאָן די באַלעבאָסטע פון קיד, פאַרוואָס עסן אַלע פון איין שיסל? צי פעלט ביי אייך טעלער?

— נאָט זעט, וויפיל טעלער מיר האָבן, עס וואָלט זיכער געקלעקט פאַר אַלעמען, און לעפל בייע פון דור־אַלומין, אַפילו גאָפל און מעסער, נאָר זיי ווילן נישט. אַזוי איז זיי אָנגענעמער, דער אַפעטיט איז בעסער.

„און דאָס קומט פאַר 25 יאָר נאָך דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ביי סאַמע כאַרקאָוו, ביי שילער פון די העכסטע קלאַסן, ביי דער נייער סאָוויעטישער אינטעליגענץ" — האָב איך אין זיך געטראַכט.

מיינע רייזעס קיין כאַרקאָוו האָב איך דאָך פאַרגעזעצט, כמעט יעדן פאַרנאַכט. דער צוג פון סעוואַסטאָפּאָל פלעג יעדן טאָג אָנקומען, פריער צו שפּעטער, מענגעס פּאַסאַזשירן פלעגן אויס־שטייגן, וואָס איז געשען מיט מינדעלען? ווער קען אויפקלערן דאָס רעטעניש? צום קינד קום איך שוין זעלטענער. יעדעס קומען רעגט אים אויף. דערזעענדיק מיר ווערט ער פריילעך, פול מיט האָפנונג, באַלד באַדעקט אַ קינדערישער אומעט זיינע אייגעלעך, זיי הויבן אָן נערוועז צו פינטלען, ער מיידט אויס מיין בליק און ער האָט נישט וואָס צו דערציילן און וואָס צו פרעגן. ער אַליין — דאָס קינד — איז איין גרויסער פראַגע־צייכן, וואָס זוכט און מאָנט אַן ענטפער...

## פון ביראָבידזשאַן

מיינע טאָג־טעגלעכע נסיעות פון דערגאַטשי קיין כאַרקאָוו, צו דער באַן־סטאַנציע, האָבן זיך בלויז איינמאָל געקרוינט מיט דערפאָלג. איך האָב זיך,ליידער, אויך דאָס מאָל נישט באַגעגנט מיט מיין ווייב, דער צוג פון סעוואַסטאָפּאָל איז אויך דאָס מאָל אָנגעקומען כמעט אין איין צייט, הונ־דערטער מענטשן, אַנטלאָפענע פון די קרימער געגנטן, זענען אָנגעקומען מיט פעק און פעקלעך, מיט פאַרדגהטע פנימער און מידע אויסגעלאָשענע אויגן. פון אייניקע פון זיי האָב איך אָפּגענומען גרוסן פון יעווּפּאַטאָריע: אַלע קוראָרט־געסט זענען זיך צעפאָרן, ביז איינעם. די מלחמה האָט זיך

דערנעענטערט צו די שוועלן פון קרים, אַפילו די אַרטיקע באַפעלקערונג עוואַקואירט זיך. ווו־זשע איז מינדעלע? „פון פייער אַוועק און אין די פלאַמען אַריינגעפאַלן" — דאָס ווערטל האָט אַן עקבער געטאָן מיר אין מוח. דאָס מאָל בין איך אַריינגעגאַנגען אויפן וואָקזאַל, אַ נישטער טאָן צווישן די מאַסן אַנגעפּאַרענע, וואָס וואַלגערן זיך אויף דער פּאַדלאָגע און אויף די בענק. אויף איינער פון די בענק האָב איך באַגעגנט צוויי באַקאַנטע מענטשן. זייערע פּנימער זענען מיר אַזוי נאָענט און באַקאַנט געווען, כאָטש איך האָב זיי זיכער שוין גאָר לאַנג נישט געזען. זיי האָבן זיך נישקשהדיק געענדערט אין זייער אויסערלעכן אויסזען, דאָך...

— יואליק! — האָט די ערשטע אויסגעשריגן די פרוי. זי האָט מיר די ערשטע דערקענט. דאָס קול אירס איז מיר גאָר היימיש און באַקאַנט געווען, איצט איז מיר שוין לייכטער געווען זי צו דערקענען.

— ר אָ ז אַ ! — האָב איך אויסגערופן מיט אַנטציקונג און פאַר־ווונדערונג. מיר האָבן זיך וואַרעם צעקושט. ערשט ווען איר באַגלייטער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך מיט מיר חבריש באַגריסט, האָב איך אויך דערקענט ראָזעס חתן, צו וועלכן זי איז אַוועק פון פוילן קיין ראַטן־פאַר־באַנד און זיי האָבן זיך דערקליבן צוזאַמען קיין ביראָבידזשאַן, אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

דאָס איז געשען אין 1928־טן יאָר. ראָזע איז געווען אפרים בארענהאָלצס יונגסטע שוועסטער. צוויי שוועסטער דערוואַקסענע האָט ער געהאַט: ביילקע און ראָזע. ביידע שיינע, געראָטענע און באַגאַבטע. ביידע האָבן פאַרענדיקט די „תרבות"־שול און פאַררעכנט געווען צו דער נאַציאָנאַלער, פּראָגרעסי־ווער אינטעליגענץ פון שטעטל. די שוועסטער זענען פאַריתומט געוואָרן און די איינציקע טרייסט און האָפנונג איז פאַר זיי געווען דער ברודער, אפרים, דער לערער און סטודענט פון וואַרשע. ער האָט טאַקע געזאָרגט פאַר אַלע: פאַר זיין געליבטער כלה פעסעלע און פאַר די שוועסטער. מיט דער גרעסטער אַנשטרענגונג האָט ער די שוועסטער אַריינגעגעבן אין וואַר־שעווער העברעישן סעמינאַר פאַר פרעבעליסטינס און מיטגעהאָלפן מיט אַלץ: מיט אַ קליידל און שיך, אויך מיט אַ ביסן אַ קאַרגן אין מויל אַריין. נאָך זייענדיק אין שטעטל האָט רייזל פאַרפירט אַ ראָמאַן מיט אַ בחור,

אַ לעדער־צושניידער, ווייט נישט קיין שיינער, דערצו מיט אידעאַלן, וואָס זענען אינגאַנצן געווען אַנדערשדיקע און אַפילו היפּכדיקע צו אירע. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קאָמוניסט, איז געווען טעטיק אין דער אונטער־ערדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, פון זיין אייגציקער שוועסטער אין אַמעריקע פלעג ער באַקומען אָפטע בריוו. זי פלעגט פאַר אים אַריינלייגן אין אירע בריוו אייניקע בריוו, וואָס זי האָט באַקומען פון איר אַמאַליקער „ליבע" — אַ בחור, וואָס איז מיטן אָפּטרעטן פון די באָלשעוויקעס אין 1919 יאָר פון אוקראַינע, אַנטלאָפן קיין ראַטן־פאַרבאַנד. זייערע וועגן האָט דער גורל צעשיידט. זי איז אָוועק קיין ניו־יאָרק צו אַ מומע און ער איז געוואָרן איינער פון די ערשטע פּיאָנערן אין דער „יידישער נאַציאָנאַלער געגנט", ווו „עס ווערט פאַרווירקלעכט דער טרוים פון יידישן פאָלק — צו באַזעצן זיך, פּראָדוקטיוויזירן זיך אויף דער אייגענער טעריטאָריע". די ענטוזיאַס־טישע ווערטער האָבן באַגייסטערט סיי דער שוועסטער, סיי דעם ברודער. די שוועסטער איז ווירקלעך אַרויסגעפאָרן פון אַמעריקע קיין בּיראָבּידזשאַן צו איר חתן. געפאָרן איז זי דורך וואַרשע. אַהער איז אויך געקומען איר ברודער געזעגענען זיך מיט איר. איך דערמאָן זיך די פלאַמיקע אַרבעטער־לידער, יידישע און רוסישע לידער, אַפילו „די ראָטע פאָנע" אויף דער דייטשישער שפּראַך, וואָס מיר האָבן געזונגען ביי אַ גלעזל משקה. האָ־פנונגספול און העל זענען געווען די געזעגענונגס־רייד פון חברים און פריינד.

אַלע, אַלע, האָבן מיר זי באַגלייט צו דער באַן, נישט אָן קנאה, מיט האָפנונגען, אַז דער אויסטערלישער חלום וועגן אַ יידישער, סאָוויעטישער רעפּובליק וועט פאַרווירקלעכט ווערן נישט נאָר פאַר איר און איר חתן, נאָר אויך פאַר אונדז אַלע...

אין וואַרשע האָט די ליבע צווישן ראָזען און איר בחור זיך צעפלאַקערט אויפסניי. אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז ער אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון חשד און פאַרפאָלגונג פון דער פּוילישער דעפענסיווע, ס'האָט אים געדראָט אַרעסט און יאָרן פון פאַרשיקונג אין לאַגער פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע אין קאַרטוז בערעזע — איז ער דאַן אַנטלאָפן אומלעגאַל דורך דער גרענעץ קיין ראַטן־פאַרבאַנד. ער האָט אויך באַוויזן צושיקן אויף הוצאות הדרך

פאַר ראַזען, רעקאָמענדירנדיק איר אַרויסצופאָרן מיטן „אינטוריסט" קיין ראַטן־פאַרבאַנד.

די צייט איז געווען אַ פּאַסיקע דערצו: אפרים איז אַזוי אומגעריכט געשטאָרבן פון לעאוקעמיע אין סאַמע בלי פון זיין יונג לעבן, ראַזע האָט געענדיקט דעם סעמינאַר. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז דער וועג איז פאַר איר דער איינציקער און פּאַסיקער. זי פאָרט דאָך נישט צו קיין פרעמדן, נאָר צו אַן אייגענעם, אַ געליבטן. זי האָט זיך גאָר וויניק געגרייט אין וועג אַריין, זיך צוגעאיילט, ויסנדיק, אַז ער וואַרט אויף איר, כדי צוזאַמען פאָרן אין דער „יידישער נאַציאָנאַלער היים".

איצט, נאָך 13—14 יאָר, האָבן מיר זיך אַזוי צופעליק געטראָפן אויפן כאַרקאָווער וואָקזאַל. מיר זענען אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, אַרומגעוואַנדערט אין דעם נאָענטן גערטנדל, פאַרנומען אַ שטילן ווינקל, ווו מיר האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט אויסצורעדן, איינער פאַרן אַנדערן, די הערצער.

זיי ביידע, מאַן און ווייב, זענען געקומען פון ביראָבידזשאַן און קערן זיך אום אַהיים. זיי זענען ביידע לערער. איר מאַן האָט אויך באַקומען מעגלעכקייטן זיך איבערצוקוואַליפיצירן, ער האָט געענדיקט אַ לערער־אינסטיטוט און געוואָרן אַ לערער. איצט איילט ער זיך, כדי זיך צוצושטעלן אין וואָיענקאָמאַט, ער דאַרף דאָך גיין אויף דער מלחמה. צייט סעפּטעמבער 1939 יאָר, ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט מערב־אוקראַינע, האָבן זיי געטרוימט צו פאָרן אין זייער פריערדיקער היים. אין לודמיר האָט דאָך געוווינט איר מוטער און איר שוועגערין, פעסעלע, וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיט אַ קינדער־היים. נאָר אַרויספאָרן אַן אַ דערלויבעניש האָבן זיי נישט געקענט. ביראָבידזשאַן געפינט זיך 8.000 קילאָמעטער פון מאָסקווע און פון מאָסקווע ביז לודמיר איז אויך אַ מהלך. די צייט פון די זומער־וואַקאַציעס וואָלט נישט געקלעקט אויף אַזאַ ווייטע רייזע. ראַזעס מוטער האָט אָנגעשריבן צום פּרעזידענט קאַלינין, אויך זי אַליין האָט אויך געשריבן און געבעטן זיי צו דערמעגלעכן זיך צו זען מיט איר אַלטער מוטער. ענדלעך האָבן זיי באַקומען ערשט אין 1941־טן יאָר די דערלויבעניש. וואָס קומט אָבער אַרויס? וואָכן לאַנגע זענען זיי געווען אין וועג. ערשט דעם 23־טן

יוני זענען זיי אָנגעקומען מיט דער באַן קיין לודמיר. אויפן וואָקזאַל איז געווען אַ פּאַנישע שטימונג, אין שטאָט האָבן די דייטשן אַראָפּגעוואָרפן באָמבעס. נישט ווייט פון וואָקזאַל זענען געפאַלן שפּליטערן. אַלע לויפן. די אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן ווילן אַפילו נישט פאַרלאָזן די וואַגאָנען. די באַן לאָזט זיך צוריק אין וועג אַריין. עס איז זיכער דער לעצטער צוג. וואָס טוט מען? בלויז הונדערטער מעטער טיילן זיי אָפּ פון דער אויסגעבענקטער מוטער, פון פּעסעלען. וואָס טוט מען? עס איז נישטאָ ווען צו טראַכטן און צו דעציִדירן. די באַן האָט געריכט. אין דעם גרויסן אַלגעמיינעם אומגליק איז דאָס אויך אַ גליק. מען האָט זיי דערפירט צוריק קיין קאַרקאָוו.

די דערציילונג קלינגט אָפּ אין מיינע אויערן ווי אַן עכאָ פון אַ שדים־טאַנץ איבערן גורל פון דעם מענטשן. אין אונטערבאַוווסטזיין הער איך ווי זיי כיכיקען, די שדים: כי... כי... כי!

כדי זיי צו טרייסטן, דערצייל איך זיי וועגן זיך, וועגן אונדזער אָפּקומעניש אין אָטוואָצק, וועגן די ערשטע קרבנות, וועגן מינדעלען — דער ערשטער קרבן און נאָך, און נאָך... איצט איז דאָס קינד אין אַ קינדער־היים, מינדעלע איז ערגעץ פאַרשוווּנדן. אייך קען מען מקנא זיין — איר פאָרט אַזוי ווייט, וווּהין די דייטשע מערדער קענען נישט דערגרייכן. קיין בירָאָבידזשאַן...

דאָס וואָרט רופט אַרויס בייביידע איינצייטיק אַ טיפן קרעכץ. איך בין נייגעריק צו וויסן עפּעס וועגן זייער לעבן דאָרט, וועגן דער אַנטוויקלונג פון לאַנד בכלל און וועגן דעם יידישן לעבן בפרט. וועגן זייער אייגן לעבן במשך פון דעם לעצטן צענדליק יאָר. ער שווייגט, כאָטש איך פאַרשטיי, אַז זיין שווייגן איז מער ווי רעדן, אַפילו נישט ווייניקער פון שרייען. ראָזע דערלויבט זיך מער צו דערציילן, פאַרשטענדלעך, שטיל, סודותפול, ווי פאַר אַ פריינד:

— בירָאָבידזשאַן איז שיין, אָבער נישט יידיש. דער קלימאַט איז אַ גאַנץ שווערער, אַ קאַלטער ווינטער און אַ לאַנגער, אַ הייסער און רעגנדיקער זומער. אַ סך געדיכטע וועלדער און אַן אַ שיעור בלאָטעס. בירָאָבידזשאַן אַליין איז נאָך צו דערליידן, אָבער אויסער דער שטאָט, אין די דערפער, אין די קאָלווירטן איז פיל ערגער: ווילדע ווינטן, מאָשקאַרן־

ווילדע, בייסנדיקע פליגן, מאַלאַריע, עס איז פאַראַן ווייניק פּרוכטבאַרע ערד. ס'איז אַזוי ווייט פון צענטער, פון מאָסקווע, נישט ס'קומען צו יידן, נאָר זיי ווערן אַלץ ווייניקער. איצט קען מען זיך טרייסטן, ווי אין אַ תענית־טאָג, מיט חלשות־טראָפּנס: ווייט פונעם פּראָנט. פריער זענען נאָך געווען מער יידן, אַרום 14 טויזנט, עס זענען געווען יידישע שולן, יידיש טעאַטער, אַ צייטונג — איצט זענען דאָרט יידן אַ קליין הייפעלע צווישן אַ סך אוקראַינער, רוסן און קאַזאַקן.

— ווי לעבט זיך אייער שוועסטער און איר מאַן? — גיב איך אַ פרעג, ווערנדיק, אַז אויך ראַזעס מאַן זאָל זיך באַטייליקן אין אונדזער געשפּרעך.

— מיין שוועסטערס מאַן איז אין 1937 יאָר אַרונטערגעפאַלן דער „רייניקונג", ער איז פאַרשוווּנדן... די שוועסטער איז געבליבן אַליין מיט צוויי קינדער.

מער האָב איך נישט געוואָלט רעדן וועגן ביראָבידזשאַן. אַלץ איז פאַר מיר געווען קלאָר. די טרוימען, די חלומות פון אונדזער יוגנט וועגן אַ יידיש לעבן, וואָס זאָל זיין גלייך מיט אַלע מענטשן פון גרויסן ראַטן־פאַרבאַנד, מעג דאָס קאַסטן טייכן שווייס און מי — זענען אַוועק מיטן קאַלטן צפונדיקן ווינט, איבערגעלאָזט אַן אומרו. מיט שווערע הערצער זענען מיר זיך צעגאַנגען, טראַגנדיק מיט זיך קנאַפּע האָפנונגען אויף אַ בעסערן מאָרגן...

## מיין אומגעריכטער גאַסט

ווי יעדן פרימאָרגן, איידער מיר גייען אַוועק מיט די שילער אין דעם קאַלווירט צו דער אַרבעט, זענען מיר זיך אויך דאָס מאָל צונויפגעקומען אין לערער־צימער אויף אַ קורצער באַראַטונג. עס איז אַנווועזנד געווען דער דירעקטאָר מיט זיין גלייכגילטיקן, נישט אויסגעשלאָפן געזיכט, דער יונגער לערער, אַ קאַליקע, וואָס שלעפּט נאָך זיין קורצערן פוס נאָכן אַנדערן מיט אַ טענצל, אַראָפּ, אַרויף, מיט זיין יונג־אַלטן אויסזען, עטלעכע לערערינס פון די יונגערע קלאַסן, כאָטש זייערע שילער האָבן זיך נישט באַטייליקט

ביים אַראָפּנעמען דאָס געוועטעניש אין קאַלווירט. אויב אַלע לערער אַרבעטן אין זייער צייט פון זומער־פעריען — צי קענען זיי די אַרבעט אויסמיידן?

צו ערשט — די פינף־מינוטיקע פּאָליט־אינפאָרמאַציע, וואָס דער לערער־אינוואַליד, מיטן פּאַרטיי־ביכל אין קעשענע, פלעגט פאַר אַלעמען לייענען. קיין חידושים האָט ער נישט דערציילט. ער האָט בלויז איבער־געחזרט די „לעצטע נייעס", וואָס דער סאָוויעטישער ראַדיאָ האָט איבער־געגעבן און זיי האָבן, דוכט זיך, אַלע שוין געהערט, דאָך האָט יעדע מעלדונג וועגן די פאַרלאָזטע שטעט, אונטערן דרוק פון די איבערוויגנדיקע כוחות פון שונא, פאַרהאַלטן דעם אָטעם, פאַרוואָלקנט די אויגן און ווי כמאַרעס וואָלטן באַדעקט די געזיכטער. מיר האָבן געהאָפט, אַז ערגעץ־ווו, אין די בעסער־פאַרפעסטיקטע שטעט, ווי קיעוו, ראָסטאָוו, אָדעס וועלן אונדזערע כוחות אים אָפּשטעלן און אפילו אָנברעכן די ביינער. ער זאָל נישט מיינען, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד איז אַ הפקר־לאַנד, ווי טשעכיע, פוילן, אָדער אפילו פראַנקרייך. לײַדער, האָבן מיר נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט אונדזערע און זייערע כוחות. דער דייטש גייט פאָרויס מיט גיגאַנטישע טריט און לאָזט נישט אפילו אָפּאָטעמען. ביים סוף דערמאָנט דער אינפאָרמאַטאָר וועגן דעם, אַז אונדזערע היגע שונאים, די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן האָבן אויפגע־הויבן די קעפּ און גרייטן זיך אויפצונעמען דעם שונא. עס איז נויטיק פאַר־זיכטיקייט און מ'טאָר נישט אַראָפּנעמען קיין אויג פון די, וועמען מיר זענען חושד אין אומטריישאַפט און ווילן צו שעדיקן...

פלוצים רייסט זיך אַריין דורך דער אָפענער טיר אַ צעשויבערטער קאָפּ האָר, אַן אַנגעפּעלצטער גוף און באַשטיוולטע פיס, וואָס שיט אַרויס אין איין אָטעם:

— אָט דאָ געפינט זיך איינער פערעל? — באַמערקנדיק, אַז איך האָב זיך שנעל אויפגעהויבן פון אָרט, האָט ער צוגעגעבן — גייט אַרויס אינדרויסן. אייער ווייב ליגט דאָרט אַ פאַרחלשטע!

ביים אַרויפגאַנג אויפן באַרג איז מינדעלע האַלב געלעגן, האַלב געזעסן, אירע מידע אויגן האָבן זיך אויפגעעפנט, ווען זי האָט דערפילט מיין נאָענטקייט.

— מינדעלע, טייערינקע, וואָס איז דיר?

— גאַרנישט, פּשוט מיד און הונגעריק. — האָט זי גאָר שטיל אַרויס־געמורמלט. דערצו געפּרוווט אַ שמייכל טאָן, וואָס האָט זיך אויסגעדרוקט בלויז אין אַ לייכטן קרום מיט די ליפּן. איך האָב זי געפירט און כמעט ווי געטראָגן אַרויף צו זיך אין דעם לערער־צימער. דעם דירעקטאָרס ווייב האָט שוין אַריינגעטראָגן אַ הייס גלאָז מילך און ברויט.

אַלע לערער זענען אַוועק צו דער אַרבעט. צו מיר האָט דער דירעקטאָר אַ זאָג געטאָן:

— פאַרבלייבט היינט מיט אייער ווייב, יאָוועל מאַרקאָוויטש, אַזאַ חשובן גאַסט האָט איר.

נאָך גוט, וואָס דער פויער האָט געטראָגן איר וואַליזע פונעם וואָקזאַל און געפירט זי אַהער. זי איז גאָר שנעל צו זיך געקומען. די אויסגעפּרוווטע שטעלן זיך גאָר שנעל אויף די פיס, ווי נאָר דאָס לעבן גיט צו זיי אויפסניי אַ שמייכל.

— אונדזער זונעלע איז אין אַ קינדער־היים! — האָב איך איר אָנגע־זאָגט די וויכטיקסטע בשורה.

— כ׳ווייס. איך האָב זיין אַדרעס. טאַמאַרע מאַיסעיעווגע האָט מיר געגעבן. ווי פילט ער זיך, מיין טייערער?

— ער איז, ווי שטענדיק, אַ שוויגער. ער קלאָגט זיך נישט, כאָטש ס׳איז אים זיכער נישט גוט דאָרטן. ער זעט אַפילו נישט אויס, ווי קיין ייד. נאָר לעצטנס האָבן זיך די כוליגאַנעס אַרויפגעכאַפּט אויפן „יידישן פערדל״, נישט נאָר צווישן די דערוואַקסענע, אויך צווישן די קינדער. די היענעס פילן אויף מיילן דעם ריח פון פאַדלע. נאָך אַביסל און מיר וועלן אים נעמען צו זיך.

נאָכדעם, ווי מינדעלע איז געקומען צו זיך, זיך אויסגערוט, זענען מיר ביידע געגאַנגען אין שטעטל אַריין צום זון. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געענדערט במשך פון אַזאַ קורצער צייט. ער האָט אויסגעזען פאַרוואַרלאָזט. ווי אַנדערע קינדער אין די קינדער־היימען, דער אָנצוג איז אויף אים געהאַנגען — נישט אויף זיין מאָס. אַפילו דאָס רעדן איז מער מענעריש געוואָרן. די מוטער האָט ער, אין דער אַנוועזנהייט פון זיינע חברים, אויפ־

גענומען איינגעהאַלטן, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר זיי אַרויסצווייזן זיין האַרציקע קינדערישקייט, ווי אַ שוואַכקייט. דאָך איז נישט שווער געווען צו דערקענען אין אים דעם פריערדיקן מאַרקסן, זיין ליבע צו די עלטערן און גרויסע אומענדלעכע פרייד, וואָס ער האָט זיי ביידע ווידער צוזאַמען...

אַ שווערן דערנער־וועג האָט מינדעלע אַדורכגעמאַכט זינט זי האָט באַקומען אין יעווּפּאַטאָריע מיין ערשטע טעלעגראַמע פון נאָוואָגראַד־וואָלינסק. זי האָט באַלד געענטפערט קיין קיעוו: „טעלעגראַפירט וווּהין צו פאָרן". די צווייטע טעלעגראַמע מיינע פון קיעוו: „פאָר קיין כאַרקאָוו באַרקאַמפּראָס" — האָט זי נישט באַקומען. צוויי מעת־לעתן איז זי גע־שטאַנען אין דער ריי נאָך אַ באַן־בילעט, נישט וויסנדיק אַליין וווּהין צו פאָרן. פון דער סאַנאַטאָריע האָט מען איר צוגעזאָגט צוּוויסן געבן וועגן יעדער ידיעה, וואָס מ'וועט באַקומען פאַר איר. זי האָט אומזיסט געוואַרט און געקויפט אַ בילעט קיין קיעוו. פאַרפאַרן איז זי קיין קיעוו אין די שרעקלעכע פּאַנישע טעג, וואָס קיעוו האָט איבערגעלעבט. מאַסן מענטשן זענען געלאָפן, מאַנגל אין ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן, אַפּטע לופט־אָנפאַלן פון די דייטשן. פון דער רעגירונג איז שוין קיינער נישט פאַרבליבן. זי האָט געוווּסט, אַז איר ריכטונג און שטרעבונג איז כאַרקאָוו. ווי אַזוי קומט מען אָבער אַהין ?

איינס איז פאַר איר קלאָר: דאָ טאָר זי נישט פאַרבלייבן. שוין גלייכער אומצוקומען, איידער אַריינצופאַלן אין די לאַפּעס צום דייטש. זי האָט זיך דערוויבער געוואָלגערט אויף פּאָדאָל, ביי די ברעגעס פון ברויזנדיקן דניעפּר, כדי אַרויפצובאַקומען זיך אויף אַ שיף, אויף אַ בוקסיר, וואָס לאָזן זיך אין וועג אַריין מיט מענטשן, אָפּגעראַטעוועטע גיטער, אויף וואַסערדיקע וועגן, וואָס זענען אָן אויפהער באַדראָט פון דער לופטן דורך דעם שונאס באָמבעס. אָבי ווייטער. איר איז געלונגען זיך אַריינצובאַקומען אין די אונטערשטע קאַיוטעס פון דאַמפער. ס'איז דאָרט געווען האַלב חושך, אָנגעפּראָפט מיט מוטערס און קינדער, פאַרדומפּט לופט, געוויינען אָן אויפהער, קינדערישע דערשראָקענע אויגן, צאַפּלדיקע הערצלעך און מאַמעס אומבאַהאָלפענע מיט ליידיקע הענט. אויך דאָ איז מינדעלען געלונגען אָפּט זיי, די קינדער, צו באַרואיקן מיט אַ לידל, מיט אַ שפּיל, אָבער נישט אויף לאַנג. דער

הונגער מאַנט. עס קאַרטשען זיך די קינדערישע מעגעלעך, אַפילו דער שלאָף נעמט נישט.

ערגעץ־ווו איז געפאַלן אויף איינער פון די בוקסיר־שיפן אַ באָמבע. אוממענטשלעכע קולות פון אומגליקלעכע, וואָס ברענען, וואָס וואַרפן זיך אין וואַסער אַריין. די שיף פאַרהאַלט זיך נישט, זי שיידט זיך אָפּ פון דער ברענענדיקער באַרזשע און אַנטלויפט מיט די רעשט באַרזשעס. ביי דער שטאָט קרעמענטשוק שטעלט זיך די שיף אָפּ. עס פאַרפעלן איר, ווייזט אויס, ברען־זאַפּאַסן. דאָ דאַרפן אויך אויסשטייגן מיליטערישע פליער, לויטן באַפעל. מינדעלען געלונגט באַהאַלטענערהייט אַראָפּצוכאַפּן זיך אויפן ברעג אין קרעמענטשוק. אמת, פונקט דאַן קומט פאַר אין שטאָט אַ לופט־איבער־פאַל, אָבער פון דאַנען גייען נאָך באַנען קיין פּאָלטאַווע, פון דאָרט איז שוין נאָענט קיין כאַרקאָוו. אַ וועג פון שטרויכלונגען, געפאַרן און שרעק פאַרן אומקום.

דאָך איז זי, מינדעלע, דאָ, מיט אונדז צוזאַמען. צי איז עס דען דער זיכערער און לעצטער עטאַפּ? אַלע סמנים ווייזן אויף ניין.

דערווייל שלאָפן מיר אין לערער־צימער פון דער שול, אויף דער פּאָדלאָגע. איך גיי מיט די קינדער אין קאָלווירט אַריין אַרבעטן. אויך מינדעלע האָט אָנגענומען פּאַרטרעטערישע אַרבעט אין אַ קינדער־היים פאַר שווערע קינדער, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון דער שול, אויפן באַרג. דאָרט איז זי באַזאָרגט מיט שפּייז, דעם אָונט־ברויט נעמט זי אַהיים, האָבן מיר פאַר אונדז ביידע. מאַרקס איז נאָך אין קינדער־היים — דערווייל מוז ער דאָרט פאַרבלייבן.

ביז איינמאָל... ס'איז געווען אין אַ פאַרנאַכט. איך און מינדעלע, דער דירעקטאָר פון דער שול מיט זיינע בני־בית זענען געזעסן צוזאַמען מיט אונדז אויפן באַרג. פון דער ווייטנס, אַרום און אַרום טונקלען זיך די רייפע קאָרן און ווייץ אויף די פעלדער. עס לעשן זיך די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון, אַלץ הילט זיך אין נעפּלנדיקן בלוי, די קאָנטורן פון דער ווייטער שטאָט כאַרקאָוו, וואָס מען זעט אַרויס בולט ביי דער זונענדיקער ליכט, ווערן צו ביסלעך פאַרטונקלט און פאַרשווונדן. עס דערהערן זיך פּלוצים פאַרדעכטיקע קלאַנגען פון אַן עראָפּלאַן, זיי הערן

זיך אַלץ געענטער און נעענטער. דאָס איז געווען געגוג און געדינט ווי אַ סיגנאַל, אַז מען דאַרף זיך אַפּטראָגן. און נעמלעך, דער דירעקטאָר האָט שווייגנדיק פאַרלאָזט זיין פּלאַץ און נאָך אים אַלע זייניקע, בלויז מיר ביידע זענען נאָך פאַרבליבן. מיר האָבן דערזען, ווי אַן עראָפּלאַן לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער, נידעריקער, ביז ער שניידט זיך אַריין אין קאָרן פון פעלד. וואָס זאָל דאָס באַדייטן? מעגלעך, אַז דאָס האָט אונדזער אַן עראָפּלאַן זיך געמוזט אַראָפּלאָזן, צוליב אַ דעפעקט אין מאָטאָר און ער נויטיקט זיך אין הילף. עס איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט בכיוון דעם שונאס עראָפּלאַן, מיט שפּיאָנען, דיווער־סאַנטן... ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האַלט מינדעלע, אַז אונדזער בירגער־לעכער חוב איז געבן צו וויסן וועגן דעם. נישט לאַנג געטראַכט, גייט זי אוועק אין דער נאָענטער קינדער־היים, וווּ זי אַרבעט, און גיט טעלע־פאָניש צו וויסן וועגן דעם געשעענעם קיין כאַרקאָוו. אין מיליטערישן שטאַב אַריין. מיט אַ רואיק געוויסן לייגן מיר זיך שלאָפן. גיי ריכט זיך, אַז אינמיטן דער נאַכט וועט מען קלאַפּן צו אונדז אין טיר:

— איר האָט געקלונגען אין שטאַב אַריין? — שרייט אַ האַרט מענלעך קול אַריין דורך דער פאַרמאַכטער טיר.

מינדעלע טוט זיך אָן און גייט אַרויס צום אומבאַקאַנטן, וואָס וואַרט אין דרויסן אויף איר. אָנגעטאָן אין אַ מיליטערישן מונדיר פון אַ העכערן באַאַמטן. איידער איך האָב נאָך באַוויזן זיך אָנצוטאָן און אַרויסגיין אין דרויסן, זענען זיי שוין אַפּגעפאָרן אין אַ דזשיפּ, אין דער נאַכטיקער פינצ־טערניש האָב איך קוים באַמערקט דעם אָפּפאָרנדיקן אויטאָ און אין וועל־כער ריכטונג זיי זענען אַפּגעפאָרן.

אין אַנטאָן בין איך אַפּגעזעסן ביז קאַיאָר און אַלץ אַרויסגעקוקט אויף מינדעלעס צוריקקומען. איך האָב אויך נישט געוווּסט ווו זי צו זוכן. אינדער־פרי האָבן לערער און דער דירעקטאָר אויסגעהערט וועגן אונדזער גע־שעעניש פון דער נאַכט. איינע פון די לערערינס האָט דערציילט, אַז איר מאַן איז אין „אַפּאַלטשעני" (פּריוויליקע שוץ־מיליץ) און זיי האָבן ביינאַכט געזוכט אין קאָרן די שפּורן פונעם עראָפּלאַן און דוקא געפונען. דאָס איז זיכער געווען אַ דייטשער. ער האָט אָבער באַוויזן צו אַנטלויפן.

ווענן מיין ווייב האָט מיר דער לערער, דער קאָמוניסט, געראָטן צו זיין פאָרזיכטיק, ווייל עס שווימלט און גריבלט מיט פאַררעטער. צו דער אַרבעט בין איך נישט געגאַנגען. איך האָב אויך צווויסן געגעבן אין קינדער־היים, פאַרוואָס מיין ווייב איז צו דער אַרבעט נישט געקומען. ווענן איר טעלע־פאָנירן און וואָרענען אין שטאָב אַריין האָבן זיי שוין געוווּסט.

אַרום 12 פאַרמיטאָג איז אָנגעפאָרן אַ דזשיפּ און געבראַכט מינדעלען. געפירט האָט זי דער נאַטשאַלניק פון נ.ק.וו.ד. אַליין. ווען מינדעלע איז אויסגעשטיגן פון אויטאָ, האָט ער סאַרקאַסטיש אויסגעשריען: „אַזעלכע געפערלעכע נאַרישקייטן זאָלט איר מער נישט טאָן. אַ פולק אַ גאַנצן האָט איר געפירט ביי דער נאָז אַ גאַנצע נאַכט. עס איז אַ פוסטע פאַנטאַזיע און אַ געפערלעכע!"

עס האָט מיר פאַרדראָסן און איך האָב זיך אָפּגערופן:

— אויב פאָרזיכטיקייט און בירגערלעכער חוב איז ביי אייך „פוסטע פאַנטאַזיע", טאָ ווייסט, אַז דאָרט אַ, אין קאָרן, האָט זיך דער עראָפּלאַן אַראָפּגעלאָזט. זיכער אַ דייטשער, אַפילו סמנים פון אים זענען פאַרבליבן. פרווט נישט אונדז איינשלעפערן מיט „פוסטע פאַנטאַזיעס" און אָפּשרעקן אין צייטן, ווען עס שווימלט און גריבלט מיט היימישע שונאים און פאַררעטער...

איך ווייס נישט, צי האָט ער געהערט מיינע רייד ביזן סוף — ער איז גאָר שנעל אָפּגעפאָרן, ווי איך וואָלט אים אָנגעטרעטן אויף אַ הינערויג...

דעם זעלבן טאָג האָט מיין דירעקטאָר באַקומען אַ בריוו פון אַ „נאַציאָנאַלער אוקראַינישער אָרגאַניזאַציע" מיט דראָונגען: „דו, וואָלף און סאָוויעטישער אונטערלעקער, וועסט אויפגעהאָנגען ווערן צוזאַמען מיט דיין וועלפיכע און וועלפעלעך, ווייל דו פיטערסט אַ זשיד מיט אַ זשידאָווקע".

ווענן דעם בריוו האָט ער מיר דערציילט. צי האָט ער אַזוי אַרום געוואָלט מיר אויפמערקזאַם מאַכן איך זאָל אַליין אַוועקגיין?

ווי אַזוי האָב איך געקענט אַוועקגיין און וווהין? ערשט נעכטן האָט דער לערער, דער קאָמוניסט, אונדז געמאָלדן דעם באַשלוס פון דעם אָרטיקן פּאַרטיי־קאָמיטעט, אַז אַלע מענער מוזן פאַרבלייבן אויף דער טעריטאָריע,

וואָס וועט אָקופּירט ווערן דורכן שונא. זיי מוזן זיך באַצייטנס אָרגאַניזירן אין פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען, פירן די אַרבעט קעגן שונאים פון פאָלק אין אונטערגרונט, ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, ביזן זיג!...

## ווייטער אין געפאַר

די געפאַר האָט געלויערט אויף אונדז סיי מצד די דייטשן, וואָס האָבן זיך געררוקט פאָרויס מיט דער שנעלקייט פון אַ בייזן ווינטער, סיי מצד די היימישע באַהאַלטענע פאַשיסטן, וואָס האָבן זיך געגרייט דעם שונא מקבל פנים זיין מיט ברויט און מיט זאַלץ און מיטן אָרויסווייזן אים זייער גיריקייט נאָך אומשולדיק יידיש בלוט.

דעם זעלבן טאָג, ווען דער דירעקטאָר האָט דערהאַלטן דעם דראָונגס־בריוו, זענען מיר ביידע, איך און מיין ווייב, אָרויסגעפאָרן קיין כאַרקאָוו. אונדזערע ערשטע טריט האָבן אונדז געפירט אין דער אָפּטיילונג פונעם בילדונגס־מיניסטעריום, צו לובאַראָווען. מיר האָבן געהאָפט, אַז זי קען אונדז העלפן אין דער געשאַפענער לאַגע, נישט בלויז מיט אַן עצה פון אַ יידיש האַרץ, נאָר אויך מיט מעשים. זי האָט ווי פאַרשטאַנען למאי מיר זענען צו איר געקומען. זי האָט זיך אָבער געהאַלטן אָפיציעל און פאַרזיכטיק, אויסגעהערט שטילשווייגנדיק ביזן סוף און זיך אָרויסגעזאָגט:

— מען טאָר נישט איבערטרייבן... אַ געפאַר איז פאַראַן, אָבער נישט בלויז פאַר יידן. מענער דאַרפן בלייבן אין דער אונטערגרונדישער באַוועגונג, אין די פאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען... ס'איז גאָר וויכטיק...

ביי די רייד איז אין קאַבינעט אָריינגעקומען אַ רוסישע פרוי און אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געוויין. איר זון געפינט זיך אין דערגאַטשי איז אַ קינדער־היים, אָט דאָרט, אויפן באַרג. ער האָט דאָרט קיין לעבן נישט. מען שלאָגט אים ביז בלוט, מען פּלאָגט אים ביי יעדער געלעגנהייט. ער קען עס נישט איבערטראָגן.

— ווער שלאָגט אים און פאַרוואָס? — האָט לובאַראָווע שטיל געפרעגט.

— די לאַבוזעס. זיי האָבן אים אָנגענומען פאַר אַ יידן, כאָטש גלויבט מיר, אַז סיי זיין פאָטער, סיי איך זענען מיר געבוירענע קריסטן, נאָט זעט...

זי האָט זיך גאָר שנעל איבערגעצלמט און פאַרגלאָצט דערביי די אויגן, ווי אין אַ שבועה, אַז זי זאָגט דעם ריינעם אמת.

באַלד האָבן זיך אַריינגעריסן אין קאַבינעט אַריין עטלעכע עלטערע קינדער. לויטן אויסזען און חוצפּהדיקן באַנעמען זיך, האָט מען געקענט פאַרשטיין, אַז זיי זענען פון אַ קינדער־היים. נישט וואַרטנדיק אויף קיין פראַגן, האָבן די עלטערע פון זיי ווי אויסגעשיט מיטאַמאָל:

— מיר זענען פון דאַרניצער קינדער־היים. שוין העכער אַ וואָך שלעפּן מיר זיך איבער די וועגן. די דערציער זענען זיך צעלאָפן און געלאָזט אונדז הפקר, אַליין. קיין ברויט האָבן מיר נישט. בעסער וואָלטן מיר פאַרבליבן דאָרטן אין דער קינדער־היים. שטאַרבן פון הונגער וואָלטן מיר דאָרט אויך געקענט.

מיט אַ טיפן אומעט אין די אויגן האָט לובאַראָווע זיי אויסגעהערט, דערנאָך געבעטן אַלעמען אַרויסגיין און צוואַרטן, זי וועט גיין זיך באַראַטן וווּ מען דאַרף און זי וועט מסתמא ברענגען אַ תשובה. מיר אַלע האָבן געפאָלגט און פאַרלאָזט דעם קאַבינעט. איך האָב באַמערקט, אַז די יאַטן זענען ווייט נישט פון די נעבעכדיקע. זיי האָבן באַלד אַרויסגענומען פּאַפּיראָסן און פאַררויכערט, די פרוי, די מוטער האָט געקוקט אויף זיי מיט פאַרדרוס, ווי זי וואָלט געטראַכט, אַז אָט אַזעלכע בחורים דערגייען זיכער די יאָרן איר אומגליקלעכן זון. איך האָב זיי פאַרגליכן אין דמיון מיט די דעפעקטיווע קינדער פון „צענטאָס". לויט מיר נאָך, זענען זיי אַ סך ערגער געווען. דאָך האָב איך געקוקט אויף זיי מיט רחמנות און אין האַרצן געזידלט זייערע דערציער, וואָס האָבן זיי פאַרלאָזט און צעלאָפן זיך, ווי די מייז פון אַ שריפה.

— וווּ געפינען זיך די קינדער? און וויפל זענען זיי? — האָט אַ פרעג געטאָן טאָמאַרע מאַיסעיעוונע, ווי נאָר זי האָט זיך צוריקגעקערט.

— וווּ קענען זיי זיין? אויפן וואָקזאַל. עס זענען געווען אַרום 150

קינדער, איצט פעלן שוין זיכער א צען קינדער. אינמיטן גאַנג פון דער באַן זענען זיי אַראָפּגעשפּרונגען, ווען זיי האָבן דערזען אַ גאָרטן מיט גרינסן, אָדער קאַרטאָפל.

— גייט צו אייערע קינדער. דאָרט וועט מען אייך אָנקאַרמענען און היינט פאַרנאַכטצו, אַרום 6, וועט מען אייך אָוועקפירן אין צוויי וואַגאָנען קיין סאַראַטאָוו.

— הוראַ! — האָבן זיי כמעט ווי אויסגעשריגן און נישט זאָגנדיק אפילו קיין דאַנק, זיך געלאָזט לויפן צו דער באַן אָנזאָגן זייערע חברים די גוטע בשורה.

— אייך, חבר פערעל, מיט אייער פרוי, גיבן מיר איבער די אויפזיכט איבער די קינדער. איר וועט באַקומען די צעטלען פון די קינדער, אַ בריוו אין די הילפס־קאָמיטעטן און אַן אָנווייזונג ווו זיי איינצואָרדענען אין סאַראַטאָוו. איר וועט אויך באַקומען אַ בריוו אין וואָיענקאָמאַט וועגן אייער שליחות.

פּשוטע רייד, נאָר זיי זענען ווי אָנגעלאָדן געווען מיט האָפענונג, מיט גרייטקייט צו העלפן.

אונדזער דאַנק איז נישטיק געווען אַנטקעגן אונדזערעביידנס וואַרעמע בליקן אויף איר, אויף אונדזער שרה בת־טובים.

מיט טאַנצנדיקע טריט זענען מיר געלאָפן אָפּנעמען דאָס קינד פונעם קינדערהיים. מאַרקס איז געווען גליקלעך. עס איז אים קיין שאָד נישט געווען צו פאַרלאָזן זיין צייטווייליק וווינאָרט, זיינע אָפּגעפרעמדטע חברים און דאָס קאַרגע ברויט.

אין וואָיענקאָמאַט האָט מען מיר דערלויבט אַרויסצופאָרן. אויך דער דירעקטאָר איז צופרידן געווען, וואָס ער ווערט פון אונדז פּטור. כאָטש ער האָט גאָרנישט געהאַט צו אונדז. קיין גרויסן באַגאַזש האָבן מיר נישט פאַרמאָגט, בלויז די וואַליזע, וואָס מינדעלע האָט מיט זיך געבראַכט און אַ פּעקל מיט קינדער־אָנטאָן און וועש, וואָס איך האָב באַקומען פון דעם דירעקטאָר פון טשאַרטאַריסקער קינדער־היים. מיר האָבן זיך געאיילט צום כאַרקאָווער וואָקזאַל. ערגעץ אויף אַ זייטיקער ליניע זענען געשטאַנען צוויי פראַכט־וואַגאָנעס, אָנגעפולטע מיט קינדער. זיי זענען געווען אויסגעשטאַט

מיט הילצערנע צוויי־שטאָקיקע פּאַלקעס פון ברעטער. ביי די אָפענע טויערן זענען געשטאַנען די עלטסטע. צו זיי האָב איך זיך געוואַנדן:

— חברה, איך בין דער פאָרשטייער פון מיניסטעריום.

אַנשטאָט אַן ענטפער, איז אויסגעבראָכן אַ הילכיק חוזק־געלעכטער.

— איך האָב אַלע נויטיקע דאָקומענטן צו באַקומען פּאָר אייך שפּייז אויפן וועג און אויך אַנווייזונגען ווו אייך איינצואָרדענען אויפן אָרט.

— און זיי ווער זענען? — האָט איינער חוצפּהדיק אַ פרעג געטאָן.

— מיין פרוי און זון. די דאָקומענטן זענען אויף אונדזערע ביידנס נעמען.

— מיר האָבן קיין אָרט נישט. מיר וועלן זיך שוין אַן עצה געבן אָן אייך אויך!

קיין רייד, קיין איבערצייגונגען, האָבן נישט געהאָלפן. דער לאָקאָ־מאָטיוו איז צוגעקומען, כדי צו פאַרנעמען די צוויי וואַגאָנען און אָוועקפירן צום אַלגעמיינעם צוג. מיר האָבן נאָך באַוויזן זיך אַרויפצוכאַפּן אויף דער שמאָלינקער איבערגאַנגס־פּלאַטפאָרמע פון דעם באַן־טאָרמאַז און אָפּגע־פאָרן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די באַן איז אָפּגעפאָרן.

די נאַכט איז אָנגעקומען מיט אומבאַמערקבאַרער שנעלקייט, צוזאַמען מיט דער פינצטערניש איז אָנגעקומען אַ ווינט, וואָס האָט זיך געריסן צווישן אונדזערע קערפּערס, ווי ער וואָלט אונדז געוואָלט אַראָפּטרייבן. מיר זענען געלעגן צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, געפילט די וואַרעמקייט פון אונדזערע אָטעמס. פון אינעווייניק האָבן מיר געהערט קולי־קולות, ווי פון שיכורים, וואָס וואָלטן געשפּאָט פון אונדז און אונדזער לאַגע.

„נישט אומזיסט זענען די דערציער זיך צעלאָפן" — האָב איך דאָן געטראַכט. ס'איז יענע חברה, וואָס וואָלטן זיכער נישט אונטערשטעליק געווען פון די קוראַזשער „העלדן" ביי מאַקאַרענקאָ. דאָס קינד איז דאָך איינגעשלאָפן, אויך די מוטער האָט געכאַפּט אַ דרימל. איך בין געווען אויף דער וואָך, געהיטן ביידע און די וואַליזע. די באַן איז געלאָפן מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם און געסאַפּעט, ווי זי וואָלט געפאָרן באַרג אַרויף.

עס איז אָנגעקומען דער געווונטשענער פרימאָרגן. ערגעץ־ווו האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. עס האָט אים, ווייזט אויס, פאַרפעלט שפּייז און

וואַסער. מיר זענען געווען נאָענט צו אַ באַן־סטאַנציע. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז מיר וועלן דאָ זיך פאַרהאַלטן אַ האַלבע שעה. אין דער צייט האָב איך אויסגעזוכט די פאַרשטייער פון עוואַקואַציע־קאָמיטעט, איך האָב פאַר זיי פאַרגעשטעלט מיינע דאָקומענטן און באַקומען אַרום זיבעציק, נאָך וואַרעמע, לעבלעך ברויט פאַר די קינדער. דעם ערשטן זאַק, האָב איך גענומען אויף די פלייצעס און אָפּגעטראָגן צו די וואַגאָנען. די יאַטן האָבן מיך דאָס מאָל אויפגענומען מיט פאַרוווּנדערונג. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי איך בין געקומען אַהער.

— נעמט צו די ברויטן, חברה, און קומט, וועלן מיר ברענגען נאָך! — האָב איך זיך אָפּגערופן, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען. אויפן וועג האָב איך זיי צוגעזאָגט נישט צו מישן זיך אין זייערע ענינים און העלפן זיי מיט אַלץ, וואָס איך וועל נאָר קענען.

— איך בין בלויז אייער צושטעלער און נישט קיין דערציער, באַ־קלערט זיך און באַציט זיך צו מיר ווי צו אייערן אַ פריינד.

זיי האָבן צוגענומען דאָס ברויט, אויך אונדז האָבן זיי אַריינגעלאָזט אין וואַגאָן אַריין און אָפּגערייניקט אַן אָרט אויפן צווייטן שטאָק. אונדזערע באַציונגען זענען געוואָרן קאָרעקטע: מיר האָבן באַקומען דריי פּאָרציעס, גלייך מיט אַלע. אויף יעדן אָפּשטעל איז מיר געלונגען עפּעס אויסצוקליאַנ־טשען: פּאָרציעס זופּ, ברויט, אַפילו טולקעס. דאָס טיילן און צעטיילן די פּראָדוקטן האָב איך איבערגעלאָזט פאַר זיי, פאַר די עלטערע. דאָס צע־טיילן האָט אויסגעזען ווי אַ באַזונדער ריטואַל. די פּנימער — ערנסט, ווי ביי אַ וויכטיקער אויפגאַבע פון מאַטעמאַטיק. אַרום איז אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט. די קלענערע קוקן זיך צו פונדערווייטנס און שלינגען די סלונע אין מויל. דער יונגער מאָגן מאָנט זיינס און גיט צו וויסן וועגן דעם מיט קראַמפּן און אַפילו ווייטיקן. די אויגן צעפינטלען זיך פון אויפרעגונג. וויפל מען זאָל נישט באַקומען — שווייגט מען צו, כאָטש מען האַלט, אַז מען איז באַעוולט. די איינציקע, וואָס דאַנקען ביים באַקומען די פּאָרציע, זענען מיר ביידע — איך און מיין ווייב. אויך מאַרקס זאָגט גאָר שטיל אַרויס זיין „דאַנק", כדי זיך נישט אויסטיילן פון אַנדערע. אויך פון די טראַמפּען, וואָס זיי באַקומען פון פרעמדע גערטנער און פעלדער, באַקומען

מיר. עס אַרט מיך אַפילו הלמאי זיי טוען דאָס, אָבער איך טאָר זיך נישט אַריינמישן — איך האָב דאָך זיי צוגעזאָגט.

פאַרנאַכטצו זינגט פאַר זיי מינדעלע אויף איינע פון די באַקאַנטע לידער: „פלי אַראָפּ צו אונדז, די שטילער אָוונט...״ אייניקע זינגען מיט. אין דער שטילקייט פונעם פאַרנאַכט, אין דער בלויקייט פונעם אָרום, באַגלייט פונעם קלאַפּן פון די רעדער, באַקומט זיך אַ כאַראַלער געזאַנג, וואָס מאַכט פילבאַרער און בעסער, לייטערט...

אַפּט קומט אונדז אויס לאַנגע שעהן צו שטיין אויף איין אָרט. די חברה גיט זיך דאַן אַ לאָז איבער דעם ישוב און ברענגט אָן פולע הויפּנס מיט מייערן, קרויט, פּאָמידאָרן און קאַרטאָפל אויף זאַפּאַס. עס צעפלאַקערט זיך דער שייטער, וואָס איז לגמרי נישט נויטיק צום וואַרעמען זיך, נאָר צו בראָטן קאַרטאָפל. אַמאָל קומט אויס די נישט דערבראָטענע אַרויסכאַפּן פון פייער און פאָרן ווייטער, נישקשה, קיינער וועט זיך פון זיי נישט אָפּזאָגן אַפילו האַלב-רויע. אין איינעם פון די אָוונטן האָבן מיר דערזען ליכט אין די כאַטעס, אַ סימן, אַז מיר זענען שוין ווייט און דאָ האָט שוין דאָס געזעץ פון דער ליכט-פאַרמאַסקירונג קיין שליטה נישט. עס איז אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג, וואָס טרייסט און דערפרייט די הערצער. צו אַלץ קומט אַ סוף, אויך אונדזער לאַנגער וועג דאַרף זיך שוין גאָר שנעל ענדיקן. עס איז אַלץ נעענטער און נעענטער צו סאַראַטאָוו. מיר דערנעענטערן זיך צו דער וואָלגע. עס קומט די ריי אויף דעם רוסישן ליד „וואָלגאַ, וואָלגאַ״: וועגן הפקרדיקן אַטאַמאַן, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין דער געפאַנגענער פּערסישער קעניגין. ער באַמערקט אָבער די אייפערזוכט-בליקן פון זיינע קאָזאַקן, וואָס קענען מיינען, אַז ער, זייער אַטאַמאַן, איז איבער דער נאַכט אויך אַ באַבע געוואָרן, שליידערט ער זיין געליבטע אין די שטורמישע וואַסערן פון דער וואָלגע. כדי צו דערשטיקן זיין ווייטיק, באַפעלט ער צו זינגען און טאַנצן לזכר איר אומגליקלעכער נשמה. דאָס ליד ווערט גאָרנישט נמאס צו זינגען און הערן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. און אַזוי ביז סאַמע סאַראַטאָוו, ביז צו דער אויפגעזוונגענער וואָלגע.

אַ רווישיקע שטאָט סאַראַטאָוו. זי פאַרמאָגט אַן אייגענע פילצאָליקע באַפעלקערונג. איצט זענען צוגעקומען צענדליקער טויזנטער פון די אַנט-

לאָפּענע. דער וואָקזאַל איז פול מיט מענטשן און בעבעכעס, אַלע און אַלץ וואַלגערט זיך אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע און ביי די ברעגעס פון דער וואָלגע. יעדער איינער וויל עפּעס פאַרקויפן פון זיינע זאַכן, איינצוקויפן פאַר זיך און פאַר די קינדער עפּעס צום עסן, אַ ברויט און אַפּטמאָל אַ ביסל הייסן זופּ פון הירזש, אָדער אוגערקעס. מען איז אָבער שטענדיק הונגעריק. וועגן קיין שום זאַך טראַכט מען נישט אַזויפיל, ווי וועגן עסן.

סאַראַטאָוו האָט נאָך דערווייל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון דייטשישע באָמבעס. דאָ שטייען מענגעס מענטשן אויף די גאַסן ביי די ראַדיאָ־הילכערס. מען וואַרט אויף נייעס פון פראָנט, געוויינלעך אויף גוטע נייעס. ליידער, צעגייט מען זיך, ווי תמיד, אַנטוישטע פון די אָנגעגעבענע נייעסן: מען האָט פאַרלאָזט שטעט. דער שונא האָט געהאַט גרויסע פאַרלוסטן אין זעלנער און טעכניק. פאַרוואָס דערציילט מען בלויז וועגן פרעמדע פאַר־לוסטן און וועגן אייגענע פאַרשווייגט מען?

די קינדער האָב איך איבערגעגעבן דעם פאַרשטייער פון דער סאַראַ־טאָווער בילדונגס־אָפּטיילונג. לויט די צעטלען האָבן געפעלט בלויז צוועלף קינדער, נאָר קיינער האָט זיי ביי מיר נישט געפאָדערט. נישט צום ערשטן מאָל זענען עוואַקואירטע קינדער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם לויפנדיקן צוג און שפּעטער אָנגעקומען מיט די שפּעטערדיקע צוגן.

דערמיט האָב איך מיין אַרבעט פאַרענדיקט. איך האָב זיך דערווייל נישט געוואָלט פאַרבונדן מיט קיין פּאָסטן, ביז מיר וועלן זיך אַרומקוקן. מיר האָבן געוווּסט, אַז לערער און דערציער פעלן אויס און מיר וועלן זיין באַזאָרגט מיט אַרבעט.

און אַזוי איז טאַקע געשען. מיין פרוי מיטן קינד זענען פאַרבליבן אויפן וואָקזאַל און מיך אַפּגעוואַרט. אין מיין אָפּוועזנהייט האָט זיך מיין פרוי דערוווּסט אַ נייעס: אויף דער צווייטער זייט פון דער וואָלגע געפינט זיך די שטאָט ענגעלס, די הויפּט־שטאָט פון דער אויטאָנאָמער דייטשער געגנט, ווו עס וווינען פון דור־דורות, נאָך פון דער קעניגינס יעקאַטערינעס צייטן, אַרום דריי הונדערט יאָר, דייטשן, איצט סאָוויעטישע בירגער, מיט אייגענע מיניסטאָרן, קאָמוניסטן, ווי אַלע אַנדערע סאָוויעטישע רעפּובליקן, מיט שטעט און שטעטלעך, דערפער און קאָלווירטן, שולן, קינדער־היימען,

קלובן. זיי זענען נישט שלעכט איינגעפונדעוועט עקאנאמיש און קולטורעל. איצט, אין דער צייט פון דער גרויסער וועלט־מלחמה, האבן זיך צווישן זיי באוויזן פארעטער, אומצופרידענע מיט דער סאוויעטישער ארדענונג. מען האט אפילו געשמועסט, אז גאנצע ישובים האבן אפגעווארט דעם שונא. וועגן דעם האט זיך דערוווּסט דער סאוויעטישער „סמערטש״, וואס קעמפט קעגן שפיאנען און דיווערסאנטן. מען האט צו זיי ארויפגעלאזט פון דייטשע עראפלאנען א דעסאנט, וואס איז באשטאנען פון אייגענע ענקאוועדיסטן אין דייטשע מונדירן. די איינוואוינער זאלן האבן זיי גאר פיין אויפגענומען און אזוי ארום ארייַנגעפאלן אין דער נעץ אריין. צי דאס איז אמת געווען, צי נישט — איז שווער געווען צו קאנטראלירן. א פאקט איז אבער, אז אויפן באפעל פון דער מאכט, האבן אלע דייטשן געמוזט „צייטווייליק״ פארלאזן זייערע היימען, מענער, ווייבער און קינדער און אלע, ווי איינער, וועלן ארויסגעשיקט ווערן ווייטער פון די באדראטע געגנטן.

— אהין וואלטן מיר באדארפט פארן — האט זיך אנגערופן מינדעלע — מיר האבן נישט קיין היים, קיין בעט, דארט וועלן מיר האבן דערווייל ווו דעם קאפ אוועקצולייגן.

דעם זעלבן טאג האבן מיר זיך אריבערגעשיפט מיט א פאראם אויף דער צווייטער זייט פון דער וואלגע. די בילדונגס־אפטיילונג איז געווען טע־טיק. דערווייל האבן נאך געארבעט ביינאנד די דייטשע אנגעשטעלטע צו־זאמען מיט די רוסישע, צוגעשיקטע פון סאראטאוו. זיי האבן אונדז אויפגע־נומען, ווי מען זאגט, מיט ברייטע ארעמס, פארגעלייגט ארבעט אין א קינדער־היים פאר פארוואַרלאזטע קינדער. זייער א גרויס און א רייך קינדער־היים. פאר די קינדער איז פאראן א באזונדערע שול און ארבעטס־ווארשטאטן, אויך א גרויסעווירטשאפט. נאכן ארויספירן פון דארטן די דייטשע קינדער וועלן פארבלייבן בלויז ארום זעכציק קינדער. מיר וועלן זיין זייערע לערער אין שול.

מיר זענען מסכים געווען צו פארן אהין. פון ענגעלס קיין מארקס־שטאט און פון דארט בלויז 12 קילאמעטער קיין באארא.

# אין באַאַראָ

מיר זענען געפאָרן אויף אונדזער נייער אַרבעט קיין באַאַראָ, מיט אַ גרויסער פינף־טאָניקער לאַסט־מאַשין. דעם טראַנספּאָרט האָט פאַר אונדז באַשטעלט, טעלעפאָניש, דער נייער פאַרשטייער פון בילדונגס־מיניס־טעריום אין ענגעלס. די מאַשין איז געווען פון ענקאַוועדע (אינערן־מיניס־טעריום). אין די לעצטע טעג זענען זיי געפאָרן אָן אויפהער אַהין און צוריק און אַרויסגעפירט פון דער אויטאָנאָמער געגנט די דייטשן. דער פאַר־שטייער האָט געבעטן צו שיקן אַ מאַשין, וואָס גייט קיין באַאַראָ, ווייל ער דאַרף אַהין אַריבערטראַנספּאָרטירן ניי־באַשטימטע אַרבעטער. מיר אַלע דריי זענען געזעסן צוזאַמען מיטן שאָפער, אין דער זייט איז געזעסן אַ באַוואָפנטער ענקאַוועדיסט. אַזוי אַרום האָט אויסגעזען, ווי מיר זענען אויך פון די, וואָס מען פירט אויף כּוח אַהין. אָן אומבאַגרונדעטער, אָבער דאָך אומאָנגענעם געפיל. דער וועג איז געווען אַ האַרטער, אָבער נישט קיין געפלאַסטערטער. איז די מאַשין טאַקע געפאָרן ווי איבער גרודעס: אַרויף־אַראָפּ, אַראָפּ־אַרויף. ביי יעדן טרייסל האָט זיך ווי עפּעס אַ וואָרף געטאָן אין אינגעווייד. מיר האָבן זיך געוווּנדערט, הלמאַי אַזעלכע צוויי שטעט, ווי די הויפּט־שטאָט ענגעלס און די קרייז־שטאָט אויפן נאָמען פון מאַרקסן זאָלן פאַרמאָגן אַזעלכע פּרימיטיווע וועגן, וואָס וואָלטן געפּאַסט פאַרן ניינצטן אָדער אַפילו אַכצנטן יאָרהונדערט. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן האָבן בכיוון נישט געוואָלט בויען קיין גוטע וועגן, זיי האָבן געשטרעבט צו לעבן אָפּגעזונדערט און וואָס זעלטענער זיך צו טרעפן מיט די בירגער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. טאַקע אַ סאָ־וויעטישער אויטאָנאָמער קרייז, אָבער אַ דייטשישער. די אומגאַנגס־שפּראַך — דייטש, די קאָמוניסטישע לאָזונגען — אויף דייטש, די אונטעריכט־שפּראַך אין שול — דייטש. מען האָט עס אַפילו געטאַדלט אין די הויכע פענצ־טער אַלס ענגער נאַציאָנאַליזם. די דייטשן האָבן זיך אָבער ווייניק געמאַכט דערפון, זענען געווען שטאָלץ מיט זייער נאַציאָנאַליטעט און שפּראַך און נישט געהאַלטן פון די מאָדערנע באַגריפן: אינטעגראַציע, אַסימילאַציע אָדער אונטערוואַרפן זיך דער העכערער רוסישער קולטור. מעגלעך, אַז אָט

די שטעלונג זייערע האָט געוואָרפן אויף זיי אַ חשד פון נישט־כּשרות און נישט־לאָיאַלקייט, וואָס האָט איצט, אין די ערנסטע מלחמה־צייטן, געפירט צו אַזאַ האַנדלונג לגבי זיי.

אַט פאָרן אונדז אַנטקעגן מאַשינען, אָנגעפּראָפּטע מיט שטוב־זאַכן, פּראָדוקטן און גאַנצע פאַמיליעס. מען פירט זיי צו דעם גרעסטן רוסישן טייך וואָלגע. פון דאָרטן וועט מען זיי צעפירן איבערן גרויסן ראַטן־פאַר־באַנד. אפילו זייערע זין, וואָס האָבן געדינט און ערשט נישט לאַנג מאָבי־ליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי, האָט מען דעמאָביליזירט. אויך זיי וועט מען אַריבערשיקן ערגעץ ווייט, אין דער אַרבעטס־אַרמיי. די עלטערן זענען אפשר פון דעם געווען צופרידן, אָבער ס׳זענען געווען יונגע קאָמ־סאָמאָלצעס, וואָס האָבן זיך געפילט דערנידעריקט און באַליידיקט.

פון מאַרקס־שטאָט קיין באַאַראַ, אינגאַנצן אַרום 12 קילאָמעטער, איז שוין די מאַשין ווי געקראָכן „אויף אַלע פיר״, ווי מען זאָגט. דאָ זענען פּשוט געווען גריבער. אַרום און אַרום — פעלדער, שוין צעאַקערטע אויפן פאַר־ווינטער־פּאַרזיי. דאָ און דאָרט האָבן נאָך די מענער, מיט שנייד־מאַשינען, אַראָפּגענומען די גאָלדענע זאַנגען. זייערע ווייבער האָבן געגרייט אַלץ אין וועג אַריין: געטאָפּיעט פּעסער מיט שמאַלץ, געטרוקנט סוכאַרעס אין די פּודן, געבראָטן און געוועדזלט, געלאָדן אַלץ אויף די מאַשינען. זיי האָט מען דאָך דערלויבט צו פירן מיט זיך ביז אַ טאָן אויף אַ פּערזאָן.

ביים סאַמע סוף, ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרלאָדן אויף די אויטאָס האָבן די פרויען גערופן זייערע מענער פון פעלד. אַרומגעקוקט זיך און גע־ווישט די נישט־געבעטענע טרערן, אַ מאַך מיט דער האַנט צו די איבערגע־בליבענע חברים און אַוועק. וווהין? אויף ווי לאַנג? תיקו! קיינער איז נישט געווען בכוח די פראַגעס צו פאַרענטפערן...

באַאַראַ — אַ גרויס איינגעפונדעוועט דאָרף מיט אַ 500 ווירטשאַפטן. אַלץ אין איין קאָלווירט, דאָך האָט יעדער איינער ביי זיין פּאַסעסיע זיין אייגענע ווירטשאַפט אויך. אַ רחבותדיק הויז, אָן איינשטאָקיקס, מיט אַ בלעכענעם אָדער שינדלענעם דאָך. צוויי צימערן מיט געפּאַרבטע רויטע פּאָדלאָגעס פון ברעטער, קיילעכדיקע האָלענדישע אויוונס, וואָס גלאַנצן מיט שוואַרצן עמאַל, אַ קוך מיט אַ לאַנגן רוסישן אויוון. אין הויף אַ באַזונ־

דערע זומער־קיך, אַ שטאַל פֿאַר די בהמות, שאָף און רינדער, פֿאַר די ווייסע אינקובאַטאָר־הינער, אין די הונדערטער. אַ טיפּן קעלער אויף ווינטער זאַפּאַסן און אַ רחבותדיק פעלד אַרום הויז אויף אַלערליי גרינע געוויקסן, אין וועלכע די באַלעבאַטישקייט נויטיקט זיך. קיין גוטע וועגן און קיין ביימער פֿאַרמאָגן זיי נישט. דערפֿאַר האָבן זיי אַ פּרעכטיקן קלוב און אַ צוויי־שטאָקיקע שול מיט אַ גרויסן קעלער ביי דער שול אויף אָנגעזאַלצטע פּאָמידאָרן, אוגערקעס, דיניעס פֿאַר די שול־קינדער אויף ווינטער. ס׳איז באמת אַ שאָד צו פֿאַרלאָזן אַזאַ ווילטאַג, וואָס מערט זיך פון דור צו דור, פון יאָר צו יאָר.

ווי נאָר מיר קריכן אַראָפּ פונעם אויטאָ, לייגט מיר פֿאַר איינער פון די דייטשן אין אַ צעבראָכענעם רוסיש, כ׳זאָל ביי אים קויפן דריי קוביק מעטער צעזעגטע האָלץ אויף ווינטער, צוגעבנדיק, אַז דאָ איז קאָלט ווינטער און קיין האָלץ איז נישט בנמצא.

— לײדער, האָב איך ניכט קיין געלט! — ענטפֿער איך אים. אים געפֿעלט, ווייזט אויס, וואָס איך ענטפֿער אים אויף דייטש און ער זאָגט:

— נעמען זי, ביטע, אָנע געלט! נעמען זי ביטע, וואָס זי בראַאוכען!

ער גיט מיר איבער דעם שליסל פון שטאָל, פירט מיר צו זיך אין הויז אַריין, שענקט מיר זיין מעשענעם סאַמאָוואַר, אַ פּאָר טעפּלעך און אַ גרויסע פּאָטעלניע פון טשוגון, אויך דעם טיש־לאָמפּ מיט אַ גלעזל אויף זאַפּאַס.

— איצט וועל איך וויסן אין וועמענס הענט מיינע זאַכן קומען אָן!

מיר געזעגענען זיך מיט ווונטשן: די קריג זאָל שנעל צו ענדע קומען! אַדיע!

די קינדער־היים איז גרויס, לאַנג און ברייט, איז אַרומגעצוימט מיט אַ דראָטענעם פּאַרקאַן. ביים טויער קלינגען מיר אָן. עס עפנט די טיר אַ יונגע פֿויערטע. זי פֿאַרשטייט שוין אַליין צוליב וואָס מיר זענען געקומען. לאָזט אונדז אַריין און פירט אונדז גלייך צום דירעקטאָר אין קאַבינעט אַריין.

דער דירעקטאָר האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אונדז אַנטקעגנגעגאַנגען, דערלאַנגט די האַנט און זיך פֿאַרגעשטעלט. אַ הויך־געוווקסיקער

בלאָנדער יונגערמאַן, גענוג מאָגער, אין עלטער ביז 30 יאָר. ער איז אייגנט־לעך געווען בלויז אַ דערציער, דער דירעקטאָר איז געווען אַ דייטש, האָט מען אים אַרויסגעפירט צוזאַמען מיט די 180 דייטשע קינדער פונעם אַנשטאַלט. אַזוי אַרום האָט ער געמוזט צייטווייליק איבערנעמען דאָס אָנפירן מיטן אַנשטאַלט. אינגאַנצן זענען פאַרבליבן 60 קינדער. אמת, יעדער איינער קען באַשטיין פאַר צוויי, פאַר דריי , שווערע קינדער, וואָס נויטיקן זיך אין אַ דערציער, אין אַ לערער און אין אַרבעט. חוץ דעם דירעקטאָר איז פאַר־בליבן בלויז איין דערציערין קלאַוודיאַ, איצט העלפט אויך צו אין דער דערציערישער אַרבעט איר מאַן פּאַוועל, ער איז פון פאַך אַ טראַקטאָריסט, אָבער איצט האָט די מ.ט.ס. (מאַשינען־טראַקטאָרן סטאַנציע) נישט קיין אַרבעט, איז ער געוואָרן ביי אונדז אַ דערציער. ער איז גאָר שטרענג צו די יאָטן און זיי האָבן פאַר אים מורא, אָבער קיין פּעדאַגאָגישן צוגאַנג צום קינד האָט ער נישט. איצט איז ער מיט זיי אויפן פעלד, ווו זיי גראָבן אויס די קאַרטאָפל אויף ווינטער.

אָט דאָס אַלץ האָט ער אונדז דערציילט ביי דער ערשטער באַקאַנט־שאַפט.

— אין שול לערנען זיי נישט די קינדער ? — האָט מיין ווייב אים געפרעגט.

— מיט אייער אָנקומען וועלן מיר אָנהויבן דאָס שול־יאָר. זיי האָבן גענוג פרייע צייט. גוט, וואָס איר זענט געקומען. דאָ, מיין איך, וועט איר זיך גוט איינאָרדענען. אַ דירה וועט איר זיך נעמען ווו איר ווילט, עסן וועט איר אין אַנשטאַלט.

לויט דער אָנווייזונג פונעם דירעקטאָר, האָבן מיר פאַרנומען אַ הויז פון אַן אַרויסגעפירטן דייטש, אַנטקעגנאיבער דעם אַנשטאַלט. אַ גרויסער הויף מיט עטלעכע געביידעס, אַ דירה פון צוויי צימערלעך מיט אַ קוך, צוויי שטאַלן און אַ זומער־קוך מיט אַ טיפן קעלער. אַרום דעם הויז איז געווען אַ פעלד מיט קאַרטאָפל, רייפע צום אַראָפנעמען. אין שטאַל האָבן געוואַרט אויף אונדז צוויי ווייסע ציגן, וואָס האָבן זיך געבעטן, מען זאָל זיי אויסמעלקן. אויף דער „נאַסידעלע" אין קאַמער זענען געזעסן איינע נעבן דער אַנדערער שניי־ווייסע הינער, אויף אַ בערגל היי אין אַ ווינקל

זענען געלעגן פריש־געלייגטע אייער. קיין בעטן האָבן אויך נישט געפעלט, שעניקעס, קישנס מיט וואַרעמע וואַטענע קאָלדרעס האָבן מיר באַקומען פונעם אַנשטאַלט. ווען איך האָב דעם דירעקטאָר דערציילט וועגן דעם האָלץ, וואָס איך האָב באַקומען פונעם דייטש, האָט ער געזאָגט:

— האָלץ איז דאָ זייער וויכטיק. מיר הייצן מיט „קיזעס" (אַ געמיש פון שטרוי און קויט). אויב איר זענט מסכים, וועלן מיר זיך צעטיילן מיטן האָלץ: פאַר אייך, פאַר מיר און פאַר אונדזער ווירטשאַפטס־באַלעבאָס. מיר וועלן עס באַזאָרגן צו אייך אַהיים.

דעם זעלבן טאָג האָט מען פאַר מיר אַריינגעפירט אין שטאָל אַריין אַ דריטל פונעם האָלץ און עטלעכע פורן מיט די „קיזעס".

אַן עלטערע פרוי, אַ קוכערין, האָט געקאָכט פאַר אַלע. די פראַגע פון געשמאַק און באַטעמט עסן האָט אין יענע צייטן נישט עקזיסטירט. בפרט נאָך, ווען מיר האָבן זיך געקענט פאַרגינען צוצוגעבן צום פרישטיק אַן איי און פאַרטרונקען מיט ציגן־מילך. צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגט מיין ווייב צוקאָכן אַ יאַכל פון אַן עוף ווי אין די גוטע צייטן.

די לימודים אין דער שול האָבן מיר אָנגעהויבן אין אַ פּאָר טעג אַרום. דערווייל האָבן מיר צעטיילט די 60 קינדער אויף צוויי קלאַסן און יעדער קלאַס באַזונדער אויף צוויי גרופּעס. די קלענערע האָט איבערגענומען מינדעלע און איך די עלטערע. קיין חשק צו לערנען זיך האָבן זיי נישט געהאַט, דאָך זענען כמעט אַלע געקומען גערנער געזעסן אויף דער שול־באַנק, איידער צו גיין אויפן פעלד אַרבעטן, דערצו אונטער דער השגחה פון פאַוועל אַנדרייעוויטש. וואָס פאַדערט גאָר, זיי זאָלן אויספילן נאָרמעס, ווי דער־וואַקסענע. דאָ, אין שול קען מען אַמאָל הערן אַ שיין מעשהלע וועגן חיות, וועגן ליליפּוטן, אָדער גאָר גרויסע „וויעליקאַנען". די לערערין מינאַ האָט אַזוי פיל צו דערציילן וועגן אירע אייגענע איבערלעבונגען. אַפילו אין די ביכער שרייבט זיך נישט וועגן אַזעלכעס. קיין שטוב־אויפגאַבן פלעגן מיר נישט פאַרגעבן, אַלץ איז געמאַכט געוואָרן אין קלאַס. אַממייניסטנס זענען געפעלן דער חברה די געזאַנגען, וואָס מיר פלעגן איינלערנען מיט ביידע קלאַסן צוזאַמען. „ווסטאַוואַי סטראַנאַ אַגראָמנאַיאַ" (שטיי אויף, דו לאַנד, דאָס רחבותדיקע), אַ פריש־געבאַקן מלחמה־ליד וועגן די פאַרשאָל־

טענע פּאַשיסטן, וואָס זענען אָנגעפאַלן, וועגן שלאַכטן אויף לעבן, אָדער טויט: זאָל זשע דער צאָרן דער גערעכטער צעברויזן זיך ווי די וואָלקנס אין אַ שטורעם, זאָל צעפלאַקערן דעם קאַמף פון פאָלק ביזן זיג...

די לידער האָבן אין דער צייט פון דער מלחמה געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל, אויפגעברויזט, געטרייסט און גערופן צו קעמפן פאַר דער גערעכטער זאַך. די לידער האָבן מיר געקענט. זיי האָבן אונדז געהאָלפן אויך אין אונדזער אַרבעט.

קיין אַרבעטס־וואַרשטאַטן האָבן די קינדער נישט געהאַט. דער איינציקער אינסטרוקטאָר פון שוסטעריי, וואָס איז פאַרבליבן, האָט אויסגעפּילט די פליכטן פון אַ ווירטשאַפטס־באַלעבאָס, „זאַווכאָז". דערצו האָט שוין געהאַלטן ביים סוף פון סעפּטעמבער חודש, דאָ איז שוין געווען טיפער האַרבסט. מען האָט געמוזט די קאַרטאָפל וואָס שנעלער אַראָפּנעמען פון די פעלדער. איך און מיין ווייב האָבן אויך געאַרבעט טאָג־טעגלעך נאָכמיטאָג אויפן פעלד, ביי אונדזער שטוב. מיר האָבן אויסגעגראָבן די קאַרטאָפל און אַראָפּגעשיט זיי אין קעלער.

אומעטיק איז געווען אין די אָוונטן. דאָס דאָרף איז פּוסט. אין די הויפן און כאַטעס שפּאַצירט אַרום פריי דער ווינט, ערגעץ־ווו וואָיען די שאַקאַלן און וואָרפן אָן אָן אימה. קיין פאַרבינדונג מיט דער וועלט האָבן מיר נישט. בלויז איינמאָל אין וואָך קומט אַראָפּ אַהער דער בריוונטרעגער, אָבער קיין בריוו ברענגט ער נישט פאַר אונדז. בלויז אַ קאַרג וואָכנבלעטל ברענגט ער פון מאַרקס־שטאָט. די נייעסן זענען אַלט־געבאַקן: שטעט נאָך שטעט ווערן פאַרלאָזן דורך דער העלדישער רויטער אַרמיי. דער שונא רוקט זיך אויף אָדעס, אויף קרים און סעוואַסטאָפּאָל, אויך כאַרקאָוו איז שוין פאַרנומען. דורך דער פּאָסט האָט דער דירעקטאָר באַקומען אַ מאָביליזאַציע־רוף אין דער אַרמיי. זיין פרוי איז אַ דייטשקע. זיי האָבן צוויי קינדער, מיט זיי וווינט אויך זיין מוטער, אַ גאָר אַלטע פרוי פון דאָרף, נעבן טשקאַלאָוו. ער מוז זיי פריער אָפּשיקן אַהין, אין דאָרף אַריין, ווייל דאָ קען זיין פרוי נישט בלייבן, מען קען זי נאָך אויך אַרויסשיקן. דערווייל גיט ער מיר איבער די פירונג פונעם אַנשטאַלט. צי בין איך דען באַוואָרנט, אַז מיך וועט מען נישט מאָבילינזירן אין דער אַרמיי?

קיין ראַדיאָ הערן מיר נישט. ראַדיאָ־הילכערס זענען פאַראַן, פריער פלעגן די אוידיציעס איבערגעגעבן ווערן דורך דער פאַרוואַלטונג פון קאָלווירט. איצט איז דאָרט קיינער נישטאָ, אויך דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט האָט מען אַרויסגעפירט.

אין דער צווייטער וואָך באַקומען מיר ווידער דאָס בלעטל. מיר דער־וויסן זיך, אַז די לאַגע אויף די פראָנטן האָט זיך פאַרערגערט. די מיניס־טעריומס פון מאָסקווע עוואַקואירן זיך קיין קויבישעוו. די קינדער און די פרויען שיקט מען אַרויס פון מאָסקווע. עס בלייבן דאָרט בלויז סטאַלין מיט זיין פינף־פערזאָניקן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט. מען שמועסט, אַז דעם גוף פון לענינען, דעם באַלזאַמירטן, האָט מען אויך אַרויסגעפירט פונעם מאַוזאָליי.

עס איז פשוט אַ פאַרדרוס, הלמאי שיקט מען נישט אַהער אַ פּאָר הונ־דערט קינדער פון מאָסקווע. דאָ שטייען אַזוי פיל פוסטע הייזער און די פעלדער זענען פול מיט אָפּגעשניטענעם קאָרן. עס וואַלגערן זיך אַרום פאַרוואָרלאָזטע חזירים, ציגן און עופות. עס פאָלט מיר איין אַ געדאַנק צו וויסן געבן וועגן דעם קיין מאָסקווע אין איינער פון די אָפּטיילונגען פאַר קינדער־היימען.

איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו אויפן אַדרעס: מאָסקווע, קינדער־היים־אָפּטיילונג ביים בילדונגס־מיניסטעריום. געשריבן האָב איך קורץ: „איך, דער צייטווייליקער דירעקטאָר פון קינדער־היים אין באַאַראַ, מאַרקס־שטאָט־קרייז, מעלדע, אַז דאָ איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט איינצואָרדענען נישט ווייניקער פון 500 קינדער מיט וווינונגען, באַשפּייזונג, מיט אַ שול־געביידע און אַ קלוב. עוואַקואירט אַהער די קינדער".

דעם בריוו האָב איך אָוועקגעשיקט מיטן בריוונטרעגער, וואָס האָט געבראַכט די פּאָסט. ווי גרויס איז געווען אונדזער פאַרוווּנדערונג, ווען אין אַ 10 טעג אַרום האָט זיך אויף די נאָענטע פעלדער אַראָפּגעלאָזט אַ קליי־נער עראָפּלאַן או־2, וואָס איז פּילאָטירט געוואָרן דורך אַ פרוי, אַ פליערין און געבראַכט מיט זיך אַ פאָרשטייער פון מאָסקווע, אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין בריוו. נאָך ביז הייַנט איז ביי מיר אויסבאַהאַלטן דער פּראָטאָקאָל פון דער באַראַטונג, וואָס מיר האָבן אָדורכגעפירט. אונדזער פּלאַן איז באַשטע־

טיקט געוואָרן. מיר האָבן אויסגעקליבן 12 הייזער, צווישן זיי איין צווייי־שטאָקיק הויז פאַר די וווין־צימערן, דאָס צווייִשטאָטיקע־הויז פאַרן עס־צימער און קוך, די שול־געביידע און דער קלוב.

נאָך זייער אָפּפּליען האָבן מיר זיך גענומען צו דער אַרבעט: מיין ווייב מיט אַ בריגאַדע מאַלערס, פון די יאַטן, האָבן געקאַלכט יעדע שטוב באַזונדער, איך האָב דערלויבט עפענען די הייזער און צונויפּברענגען די בעטן, שטולן און קלענערע טישן. אויף צוויי פורן האָט מען געפירט די „קיזעס" צום באַהייצן — אַ גאַנצן באַרג האָט מען אָנגעשיט. הונדערט מיט זעכציק פּעסער האָבן מיר צונויפגענומען אין די קעלערס פון דער שול און אָנגעשיט זיי מיט פּאָמידאָרן, אוגערקעס און דיניעס. עס איז אָנטשטאַנען אַ פּראָבלעם: ווו נעמט מען זאַלץ צום זייערן? אויך דאָס איז געלייזט געוואָרן. אונטערן דאַרף איז געלעגן אָנגעשיט אַ באַרג מיט זאַלץ. מ׳האָט אָבער חושד געווען, אַז דאָס זאַלץ איז אָפּגעסמט דורך די דייטשן. איך האָב דעריבער דער ערשטער אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער, אין וועלכן כ׳האָב פאַר אַלעמען אין די אויגן, צעלאָזט פון דעם זאַלץ. עס האָט מיר אַפילו נישט פאַרשאַדט. אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט אַ מעגלעכקייט איינצוזאַלצן דעם זאַפּאַס פון גרינסן אויף ווינטער פאַר די געסט, וואָס דאַרפן אָנקומען. אין אַ שטאַל האָבן מיר געפונען אַ גראָבן חזיר, וואָס האָט זיך שוין נישט געקענט רירן פון אָרט, אַזוי שווער, פעט און פולבייכיק איז ער געווען. דער אָנפירער מיט דער ווירטשאַפט האָט אים, ביי דער מיטהילף פון די גרעסערע בחורים, געקוילעט און באַזאָרגט אַזוי אַרום די מאַסקוועער מיט העכער 100 ק״ג חזיר־פעטס.

נישט איינער וואָלט מיר פאַרגעוואָרפן, הלמאי איך האָב זיך דערלויבט אַזאַ ריזיקאַלישן שריט. ווי האָב איך געוואָגט צו עפענען די טויערן פון אַ פאַרמאַכטן דערציאונגס־אַנשטאַלט פאַר שווערע קינדער צום דערציִען און לאָזן זיי הפקר, כמעט אָן השגחה?

כדי צו ענטפערן אויף דער וויכטיקער פראַגע, מוז איך פעסטשטעלן סיי די נוצן, סיי דעם שאָדן, וואָס אַזאַ האַנדלונג האָט געבראַכט. נוצן: אַדורכגעפירט אַ וויכטיקע אַרבעט פון צוגרייטן מיט באַגרענעצטע מיטלען אַ קינדער־היים פאַר 500 קינדער, באַזאָרגן זיי מיט ריינע, אויסגעקאַלכטע

צימערן, מיט בעטן, טישן און בענק, מיט אַ פולן ווינטער־זאַפּאַס מיט באַהייצונג, מיט געזויערטע גרינסן און קאַרטאָפל. די קינדער האָבן פאַרדינט דעם צוטרוי און געגרויסט זיך מיט אים. קיין איינער איז אין דער צייט נישט אַנטלאָפן.

איצט האָבן די עלטערע קינדער אַליין פאַרטרעטן די מיליץ, די פייער־לעשער, די סאָוויעטישע אָרדנונג אין דאָרף.

די נעגאַטיווע זייטן: איבער אַלע גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט די טיילן פון די מעשענע זייגערס: ווייזערס, ציפערבלאַטן און רעדעלעך, רעדעלעך אָן אַ שיעור, די יאַטן האָבן אויפגעריסן די שלעסער פון די הייזער. איך מיין, אַז די אַרבעט האָבן זיי נאָך געקענט פון פריער, דעמאָלט האָבן זיי זיכער זיך באַנוצט מיט דעם נאָר צו אייגן־נוצן, צו גנבות, איצט לטובת דער וויכטיקער זאַך — צו באַזאָרגן די אָנקומענדיקע מאָסקווער קינדער, וואָס זענען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייער היים, מיט אַלץ, וואָס זיי וועלן באַדאַרפן. זאָלן זיי נאָר קומען!...

## דער פריער ווינטער

אין מיטן ברען פון אונדזערע צוגרייטונגען צום אויפנעמען די קינדער פון דער באַדראָטער הויפּט־שטאָט מאָסקווע, זענען אָנגעקומען פון צפון שטאַרקע ווינטן און געבראַכט מיט זיך דעם פריען ווינטער. אין איינעם פון די פרימאָרגנס, אין די ערשטע טעג פון אָקטאָבער, איז אַלץ אויף דער ערד באַדעקט געוואָרן מיט אַ געדיכטער שיכט פריש־אָנגעפאַלענעם שניי און אַ בלענדנדיקע ווייסקייט האָט איינגעהילט דעם גאַנצן אַרום, געבלאַנקט מיט שימערירנדיקער גלאַנציקייט און באַהעלט די געמיטער מיט פרייד פון פּלוצימדיקייט און אומדערוואַרטקייט.

די חברה האָט פאַרגעסן אין די וויכטיקע אויפגאַבן, וועלכע זענען געשטאַנען פאַר אונדז. זיי האָבן זיך אַ נעם געטאָן וואַרפן מיט שניי־קוילן און פון די בוידעמער פון די דייטשע הייזער האָבן זיי אַראָפּגענומען די שליטעלעך, וואָס האָבן גערוט אַ גאַנצן זומער און געוואַרט אויף זייערע

באַלעבאַטים. איצט זענען גאָר געקומען נייע און גענומען זיי אין דער אַרבעט. די פּנימער פון אונדזערע יאַטן האָבן געלויכטן מיט קינדערישער פרייד, מיט ראָזע פאַרבן און בלישטשענדיקע אייגעלעך. עס איז פאַר זיי קיין אָפּהאַלט נישט געווען: זיי האָט זיך געוואָלט שפּילן, שפּילן ביז מידקייט, ביזן אויסלאָדן די גאַנצע ענערגיע, וואָס האָט אין זיי געברויזט.

מיר, דערוואַקסענע, האָבן געמוזט מיטשפּילן מיט די קינדער די ווינטער־שפּילן, טראַכטנדיק דערביי, ווי אַזוי אָפּצוקערן די שפּיל אין אַן אַנדערער ריכטונג, וואָס איז ביז גאָר נויטיק געווען פאַר אונדזערע וויכטיקע אויפגאַבן.

עס איז אַ שווערע מלחמה־צייט. שפּייז־זאַפּאַסן זענען זייער וויכטיק. זיי ליגן אָבער אונטערן דעק פון געדיכטן שניי אויף די רחבותדיקע פעלדער. זייער וויניק קאַרטאָפל האָבן מיר באַוויזן אַראָפּצונעמען פון די פעלדער, דערצו האָבן מיר זיי נישט באַוויזן אויסצוטרוקענען און פּייכטע אַראָפּגעוואָרפן אין די קעלערס. ווער ווייסט, צי זיי וועלן נישט פאַרפוילט ווערן? אין די גערטנער זענען פאַרבליבן אַן אַ שיעור פונעם גרינוואַרג: אוגערקעס, פּאַמידאָרן, מייערן, בוראַקעס און אַלץ, אַלץ, וואָס איז אַזוי נויטיק און טייער. אויף גאַנצע וויאָרסטן ציען זיך די פעלדער פון די קערנער־רויזן „סאָלניעטשניקעס", וואָס וואָלטן געקענט באַזאָרגן מיט בוימל און מיט שוואַרצע, געשמאַקע קערעלעך. די תבואות אויף די פעלדער האָבן די דייטשן באַוויזן אַראָפּצונעמען פון די וואָרצלען און אַנלייגן גאַנצע בערג מיט סנאָפּעס. נישטאָ ווער עס זאָל זאַרגן וועגן דרעשן, איבערמאָלן און אַרויספירן אין די שפּייכלערס. בלויז די מחנות פעלד־מייז באַלעבאַטעווען איצט איבער זיי, זיי פרעסן און מערן זיך און פאַרניכטן דאָס האָב און גוטס, אין וועלכן ס'נויטיקן זיך מיליאָנען הונגעריקע מענטשן.

דאָס דאָרף באַאָראַ איז ווי פאַרגעסן געוואָרן דורך די פאַרשטייער פון דער ראַטן־מאַכט. קיינער קומט נישט אַהער, קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט די אוצרות, וואָס דאָס דאָרף און די געגנט אַרום פאַרמאָגט. מען האָט ביי די אַרויסגעשיקטע דייטשן צוגענומען די בהמות, שאָף און רינדער, די חזירים און אַרויסגעגעבן זיי קוויטלעך מיט אַ צוזאָג, אַז אויף זייער ביי ווין־אַרט וועלן זיי באַקומען אַנדערע. די בהמות האָט מען אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקאַן. זיי האָבן אָבער דעם פּאַרקאַן צעבראָכן און זיך צעלאָפן

איבער די הייזער. איצט בלאַנקען זיי אַרום עלנטע, פאַרוואַרלאָזטע און הונ־געריקע, מיט יאַטערדיקע אייטערס, מיט ווײ־געשרייען: מע... מע... מע...

בלויז איין טאָג האָבן מיר געלאָזט די קינדער זיך אויסרוישן, זיך אויסשפּילן מיטן שניי. אויפן צווייטן טאָג איז עס זיי אַליין שוין דערעסן געוואָרן. זיי האָבן זיך צוריקגעזעצט אויף דער שול־באַנק און געלערנט זיך, בלויז אויף די איבעררייסן פלעגן זיי פאַרזעצן די שפּילן מיטן שניי. נאָך מיטאָג צייט פלעגן מיר אויף די שליטעלעך פירן דאָס הייץ־מאַטעריאַל, די „קיזעס", פאַר דער מאָסקווער קינדער־היים. מיר האָבן אַלץ געהאָפט, אַז דער שניי וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן און צעגיין, ווייל די אַרומיקע טעמפּעראַטור איז געווען בלויז מיט אייניקע גראַדוסן נידעריקער פון נול.

צוליב דעם הויכן שניי איז דער בריוונטרעגער פון מאַרקס־שטאָט במשך פון דער וואָך נישט געקומען: נישטאָ קיין בריוו, קיין צייטונג. מיר זענען ווי אָפּגעריסן אינגאַנצן פון דער אַרומיקער וועלט. דאָ איז רואיק, ווי עס וואָלט אינגאַנצן קיין מלחמה נישט געווען. דאָ ווייסן מיר נישט וועגן ליכט־פאַרמאַסקירונג. עס איז סיי־ווי פינצטער. קיין עלעקטרישע ליכט פאַרמאָגן מיר נישט, בלויז קאַנעצלעך מיט קאַרגן ליכט פון קנויטלעך, איינגעטונקענע אין בוימל, רויכערן אַ קורצע צייט אין די אָוונטן. דער טאָג איז אַ קורצער און די נאַכט איז גרויס און ציט זיך לאַנג. גאַר פרי פאַרענדיקן מיר דעם אַרבעטס־טאָג. די קינדער לייגן זיך אין די בעטן, אָבער עס דויערט ביז זיי שלאָפן איין. איצט איז די צייט פון דערציילן. אין דער אַרומיקער האַלב־פינצטערניש און שטילקייט באַקומט זיך יעדע דערציילונג טרויעריק. איך און מיין ווייב האָבן נישט ווייניק צו דערציילן וועגן די אייגענע איבערלעבונגען און דאָס אינטערעסירט זיי אַממערסטן. אַוודאי וואָלט אינטערעסאַנטער געווען צו וויסן וועגן די אַקטועלע נייעסן, וועגן פראָנט, וועגן די העלדישקייטן פון איינצעלנע געטרייע קעמפער, וועגן נצחונות, אָבער מיר האָבן נישט פון וואַנען צו שעפּן.

דער אומגעריכטער איבערגאַנג פון זומער צו ווינטער האָט אונדז גאַר שטאַרק באַאומרואיקט. מיר אַלע דריי זענען אָוועק פון דער היים אין די הייסע טעג פון זומער: מינדעלע איז אָוועקגעפאָרן אויפן קוראָרט און מיט־גענומען מיט זיך בלויז די לייכטע זומערדיקע מלבושים, העלע, זומערדיקע

שיך, איך בין אַנטלאָפן מיטן קינד אויפן ראָווער, אַלץ אין לייכטע זומער־דיקע אָנצוגן און לייוונטענע שיך — עס זאָל זיין באַקוועמער צו לויפן און צו פאָרן. וועגן דעם מאָרגן האָבן מיר נישט געטראַכט. איצט, אין די ערשטע ווינטערדיקע קעלטן, האָבן מיר דערפילט, אַז מיר זענען כמעט באָרוועס און נאַקעט און לגמרי נישט צוגעגרייט צום ווינטער און צו די קעלטן.

עס איז נישט געווען ווו צו קויפן פאַר קיין שום פּרייז. מעגלעך, אַז אין סאַראַטאָוו, ערגעץ אויפן „שוואַרצן" מאַרק, וואָלט מען געקענט קויפן אַלטע אָפּגענוצטע פּאַלטנס, אָדער שיך, אַפילו וואַלענקעס. אָבער דורך די שנייאיקע וועגן, אָן קאָמוניקאַציע־מיטלען, ווער האָט געקענט טראַכטן וועגן פאָרן קיין סאַראַטאָוו ?

די קינדער זענען אויך נישט געווען באַזאָרגט. דער דייטשער פאַר־וואַלטער, וואָס האָט אַרויסגעפירט די מערהייט די דייטשע קינדער, האָט געזאָרגט דערפאַר, זיי זאָלן מיטנעמען מיט זיך אַלע ווינטערדיקע זאַכן.

מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָבן מיר באַטראַכט די אַנגעוואַלגערטע פייכטע קאַרטאָפל אין די קעלערס און באַמערקט ווי זיי פוילן, זענען ווי צעפּאַרעט געוואָרן און געלאָזט הערן אַ שאַרפן, פאַרדעכטיקן ריח. דערווייל איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו ראַטעווען דאָס, וואָס לאָזט זיך, ווייל דער שניי האָט נישט אויפגעהערט צו פאַלן, טאָג און נאַכט. אַ גליק איז געווען, וואָס די טעמפּעראַטור איז נישט אַראָפּגעפאַלן צו נידעריק — אַ סימן, אַז דאָס וועטער קען זיך ענדערן. אַזוי איז טאַקע געווען. דער ווינטער האָט אָנגעהאַלטן בלויז געציילטע וואָכן. די זון האָט אַ שיין געטאָן מיט אירע מילדע שטראַלן און דער שניי האָט זיך ווי דערשראָקן און אָנגע־הויבן טריפן מיט טרערנדיקע טראָפּנס. וואָס זענען גיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לויפנדיקע ריטשקעלעך. דער שניי איז ווי אויסגערונען געוואָרן און די לופט איז געוואָרן אָנגעפילט מיט דאַמף און פייכטקייט. ערגעץ־ווו אויף די פעלדער האָבן זיך באַוויזן גרינע איבערבלייבענישן, וואָס האָבן זיך אויסגעוואַרעמט אונטערן שניי. גרויס איז געווען אונדזער פרייד, ווען מיר האָבן אַ גראָב געטאָן מיט דער לאָפּאַטע דאָס קאַרטאָפל־פעלד און געפונען דאָרט גרויסע, אויסגעוואַקסענע קאַרטאָפל, וואָס האָבן ווי געביטן זייער

קאָליר אויף פּיאַלעט. די הויט איז געווען אַ גרעבערע און פעסטע און די קאַרטאָפל רײַפע און געשמאַקע. ערשט איצט האָבן מיר די צוגעפוילטע קאַרטאָפל פון די קעלערס אַרויסגעוואָרפן אין דרויסן. די וואַנדערנדיקע בהמות און ציגן האָבן נישט אויפגעהערט זיך צו ראַיען אין די בערגלעך און געפרעסן, וויפיל זיי האָבן נאָר געוואָלט. מיר האָבן זיך גענומען אויפסנײַ צו דער אַרבעט און געגראָבן די קאַרטאָפל. איצט האָבן מיר שוין בעסער געזאָרגט, זיי זאָלן זיך גוט אויסטרוקענען אונטער די שטראַלן פון דער וואַרעמער זון און ערשט שפּעטער זיי אַריבערטראַנספּאָרטירן אין די קע־לערס. אויך פאַר די געסט, וועלכע מיר האָבן אָפּגעוואַרט פון טאָג צו טאָג, האָבן מיר באַוויזן צוצוגרייטן קאַרטאָפל אין די טאָנעס, אוגערקעס און פּאָמידאָרן האָבן מיר אײַנגעזײַערט זייער אַ סך פּעסער, אַפילו די האָניק־זיסע גרינע דינקעס האָבן מיר געזײַערט. נאָכן שניי איז אויך דאָס קרויט רײַף געוואָרן און געלאָזט זיך שאַטקעווען אויף זאַפּאַס. אַ שאָד נאָר, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט גענוג פעסער.

מיר וואָלטן אויך צוגעגרייט פאַר די געסט קאָרן־מעל אויף ברויט. דער גרויסער בוידעם פון דאָרפס־ראַט איז פול געווען מיט טרוקענע קאָרן־קערנער נאָך פון פאָראַיאָרן. ביים סאַמע סוף פון דאָרף איז אויך געשטאַנען אַ מיל צו מאָלן די קערנער אויף מעל. מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין עלעקטרישע קראַפט און נישט קיין ספּעציאַליסטן, וואָס וואָלטן געקענט לאָזן די מיל אין גאַנג. מיר זענען געווען צו ווייניק דערוואַקסענע מענטשן, וואָס וואָלטן באַדאַרפט אָנפירן מיט די אַרבעטן. אויף די קינדער איז שווער געווען זיך צו פאַרלאָזן. פאַר זיי איז גענוג געווען דאָס, וואָס זיי האָבן געטאָן. דעם עול פון דער מיליץ און פון די פייערלעשער האָבן זיי געטראָגן אויף זיך. די צייט איז אַן ערנסטע: מען האָט זיך געקענט ריכטן אויף שעדיקער, אונטערצינדער און בכלל שונאים פון דער ראַטן־מאַכט.

עס האָט ביי אונדז אויסגעזען ווי אַ קליין מלוכהלע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַרום 60 ייִנגלעך פון אַ פאַרמאַכטן אַנשטאַלט. מיר, צוזאַמען מיט זיי, האָבן נישט נאָר געזאָרגט פאַר זיך אַליין, נאָר אויך צוגעגרייט דאָס גרויסע פוסטע דאָרף פאַר אַנדערע. מיר זענען געווען זיכער, אַז נישט בלויז די קינדער פון מאָסקווע וועלן קומען, נאָר אויך נישט ווייניק

פון די אַנטלאָפענע, וואָס האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען, האָב און גוטס, פון דער פאַרכאַפּטער אוקראַינע, פון ווייסרוסלאַנד, אַפילו פון פוילן.

זאָרגן פאַר די, וואָס וועלן אָנקומען, איז געווען אונדזער ציל. אַ דער־הויבענער ציל, וואָס איז מסוגל געווען אַפילו יאָטן, וואָס זיי איז ביז גאָר שווער געווען צו דערציען, פאַרוואַנדלען אין נוצלעכע, צילבאַוווסט־זיניקע מענטשן...

## די געסט פון מאָסקווע

עס האָט זיך פאַרהאַלטן דאָס אָנקומען פון די מאָסקווער קינדער. עס זענען געווען דערצו געגוג סיבות: די שטורמישע מלחמה־צייט, דער אָנגריף פונעם שונא ביי די טויערן פון דער הויפּט־שטאָט, דער מאַנגל אין קאָמוניקאַציע־מיטלען און נאָך און נאָך...

דאָך זענען זיי געקומען. פינף הונדערט קינדער אין שול־עלטער צו־זאַמען מיט זייערע לערער און דערציער, מערסטנס פרויען און עלטערע מענער. מיט זיי צוזאַמען זענען מיטגעפאָרן אַ סך מוטערס פון די קינדער, פון די, וואָס זענען געווען נעענטער פון אַנדערע צום בילדונגס־מיניסטער־יום. אַלס פאַרשטייער מצד דער קאָמוניסטישער פאַרטיי איז געקומען אַן אַלטער אויסגעדינטער באַלשעוויק בעניאַמין יעפימאָוויטש. נישט קוקנדיק אויף זיין יידישן נאָמען בנימין, איז ער דווקא געווען אַ רוס פון די סיבירער קאַנטן. אין זיין טונקעלן לעדערנעם פוטער, ביז גאָר לאַנגן, האָט ער אויסגעזען גאָר הויך און ברייט, די ברייטע פוטערנע פאַפּאַכע, מיט די לאַנגע אויערן, אויפן קאָפּ האָט צוגעגעבן זיין אויסזען קראַפט און פעסט־קייט. גערעדט האָט ער לאַנגזאַם אויף רוסיש מיט אַ סיבירער אַקצענט, איינשלינגענדיק אַפּט די לעצטע קלאַנגען.

די קינדער אין ווינטערדיקע מלבושים, רוישיקע, ווי אַלע קינדער, דאָך ערנסטער און איינגעהאַלטן. מעגלעך, אַז נישט נאָר די בעסערע דערציונג, וואָס זיי האָבן באַקומען, נאָר אויך די אָקאָרשט אַדורכגעלעבטע שרעק, באָמבעס און שריפות, די זאָרג פאַרן גורל פון די אייגענע טאַטעס, וואָס

זענען אָוועק קעמפן מיטן בלוטיקן שונא, אָדער פאַרבליבן אין דער „אָפּאָל־טשעניע" (פּריווילעגירטע פּאַרטיידיקער פון מאָסקווע). ווי שווער איז זיי אָלעמען געווען צו פאַרלאָזן די היים, די שטאָט, וואָס איז אין גרויס געפאַר, כאָטש קיינער פון זיי האָט נישט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז זיי וועלן זיך נאָך אומקערן, און דאָס גאַר שנעל...

אָנגעקומען זענען זיי מערסטנס צופוס פון מאַרקס־שטאָט, ווייל עס האָבן אויסגעפעלט מאַשינען פאַר אַלעמען און פאַר די זאַכן, זיי האָבן באַהילכט דעם אַרום מיט זייער געזאַנג: „מאָסקוואַ מאַיאַ" (מאָסקווע, דו מיינע). איך, צוזאַמען מיט אונדזער קליינעם פּערסאָנאַל, צוזאַמען מיט די קינדער זענען אַרויסגעגאַנגען זיי אַנטקעגן מקבל פּנים זיין מיט ברויט און מיט זאַלץ. וועגן דעם, אַז די קינדער מאַרשירן צופוס, האָבן מיר זיך דערוווּסט פון די ערשטע, וואָס זענען אָנגעקומען מיט די לאַסט־אויטאָס. אונדזערע יאַטן זענען אַפילו נישט געוווּינט געווען צו גיין אין די רייען, דאָך האָבן זיי זיך דאָס מאָל באַמיט אַרויסצוווייזן פאַר די געסט אַלס גוט־דערצויגענע קינדער. ביים באַגעגענען זיך האָבן זיךביידע לאַגערן אָפּגע־שטעלט און הילכיק זיך באַגריסט אין איין כאָר: „זדראַוויאַ זשעלאַיעם" (מיר ווּנטשן געזונט!). מיט דעם עלטסטן, בעניאַמין יעפימאָוויטש, האָב איך זיך צעקושט דריי מאָל, לויטן רוסישן מנהג, אים האָבן די עלטערע בחורים דערלאַנגט דאָס ברויט מיט זאַלץ און איבערגעגעבן אים אַ גאַנץ פּעקל מיט שליסלען: פון דער שול, פונעם קלוב און פון די שלאָפצימערן.

שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער אונטערשיד אינעם אויסערלעכן אויסזען פון די קינדער: באַלעבאַטים און געסט. אונדזערע — אין ביליקע פופאַיקעס אויף וואַטע אין אויסגענייטע קעסטלעך, זיי — אין פּעלצלעך, אין היטלען „אושאַנקעס", מיט וואַרעמע הענטשקעס אויף די הענט און וואַלענקעס אויף די פיס. „פּאָ אַדיעזשדיע ווסטרעטשאַיוט" (לויטן מלבוש באַגעגנט מען דיך) — זאָגט דאָס רוסישע ווערטל. וועגן די פּנימער איז שוין אָפּגערעדט — נישט צום פאַרגלייכן. קינדער פון די פאַרוואָרלאָזטע, מערסטנס יתומים, פון אַ פאַרמאַכטן אַנט־שטאַלט, אַ געמיש פון נאַציאָנאַליטעטן, פון פאַרשידענע הויט־קאָלירן, נישט ווייניק געשטופּלטע פון ווינט־פּאָקן און אַנטקעגן זיי — קינדער פון דער

הויפּט־שטאָט, פון בעסערע היימען, אינטעליגענטע עלטערן, מיט איידעלער דערציונג, אַלע פּיאַנערן.

שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָב איך אָנגעהויבן צו צווייפלען, צי וועלן די קינדער פוןביידע לאַגערן זיך קענען איינלעבן, צי וועלן מיר נישט זיין געצווונגען אויך ווייטער צו איזאָלירן אונדזערע קינדער אונ־טערן פּאַרקן ?!

אין דאָרף אַריין זענען מיר אָנגעקומען מיט אַ געמיינזאַמען געזאַנג:
„שטיי אויף דו לאַנד, דו רחבותדיקס, שטיי אויף צום טויטן־קאַמף"...

פון איצט זענען זיי שוין די באַזיצער פון די ווייס־אויסגעקאַלכטע הייזער, זויבער־ריינע, נאָר מיט בעטן פאַרשידענע. פון דער גערוימער קוך און עס־צימער, נאָר מיט אַלערליי טישן און שטולן, וואָס די קינדער האָבן צונויפגענומען פון אַלע פאַרלאָזענע הייזער. פון די ווענט אינעם קלוב און שול האָבן מיר באַוויזן אַראָפּצונעמען די לאָזונגען אויף דער דייטשישער שפּראַך. קיין פרישע לאָזונגען האָבן מיר נישט באַוויזן צו מאַכן — מיר האָבן קיין פּאַפּיר נישט געהאַט. דערפאַר האָבן מיר באַוויזן צוצוגרייטן פאַר זיי נישט ווייניק קאַרטאָפל און געזייערטע אוגערקעס און פּאָמידאָרן. אויך די הונדערט קילאָ חזיר־שמאַלץ און אַ פּאָר הונדערט לעבעדיקע הינער, ווייסע מיט טשוביקעס, ווי הענער, האָבן מיר פאַר זיי צונויפגענומען. שענ־ניקעס און בעטגעוואַנט האָבן זיי מיט זיך מיטגעבראַכט, שטרוי האָט אויך נישט געפעלט — זענען זיי טאַקע פונעם ערשטן טאָג אָן געווען באַזאָרגט מיט ווייכע געלעגערס, מיט אַ געשמאַקן מיטאָג. צי האָבן די אָנגעקומענע קינדער אָפּגעפּילט און דאַנקבאַר געווען די באַזאָרגער פון דעם אַלעמען — אונדזערע קינדער ? איך מיין, אַז נישט. דאָס האָט זיך געלאָזט באַמערקן אין באַציונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן צווישן זיי פונעם ערשטן טאָג אָן. זיי האָבן זיך געהאַלטן פונדערווייטנס פון אונדזערע. ווייזט אויס, אַז אויך אונדזערע האָבן זיך נישט געפילט גוט מיט זיי. אויף קיין דאַנקבאַרקייט האָבן זיי נישט געוואַרט, דאָך האָבן זיי ווי אָפּגעפּילט די דיסטאַנץ, וואָס איז געווען צווישן זיי און די אָנגעקומענע.

נישט אומזיסט האָבן מיר זיך באַמיט שוין דעם צווייטן טאָג אַדורכ־צופירן די נאָרמאַלע לימודים אין אונדזער שול. מיר האָבן געהאַלטן, אַז

אונדזער הילף איז איצט נישט נויטיק. אַרבעטס־הענט פאַרמאָגן זיי מער פון אונדז, סיי פון דערוואַקסענע, סיי פון די יונגערע. אויך איך און מיין ווייב האָבן זיך איצט כמעט נישט געמישט אין זייערע ענינים, כאָטש דעם קאָנטאַקט מיט זיי האָבן מיר נישט איבערגעריסן. דער פּאָליטישער פירער זייערער, בעניאַמין יעפּימאָוויטש, האָט זיך אַריינגעקליבן צו אונדז אין דירה אַריין און געוואָרן אַ בן־בית. ער איז געווען אַן עלטערער, איינזאַמער מענטש, זיין ווייב — אַן אַנגעזעענע טוערין אויפן געביט פון שול־וועזן און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט בכלל, איז פאַרבליבן אין מאָסקווע. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט. האָבן זיי געהאָדעוועט אַן אויסטערליש הינטל מינקאָ, וואָס איז פאַרבליבן מיט זיין באַלעבאָסטע. וועגן מינקען האָט בעניאַמין יעפּימאָוויטש גערעדט ווי וועגן אַן אייגן קינד מיט זאָרג און בענקשאַפט.

אַ שטורמיש לעבן האָט בעניאַמין יעפּימאָוויטש אַדורכגעמאַכט. אַליין פון די ערשטע באַלשעוויקעס־לענינצעס, אַ קעמפער פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, שפּעטער אַן אָנגעזעענער קעמפער אין בירגער־קריג, אַ פאַר־שטייער פון דער ראַטן־מאַכט אין אויסלאַנד. ביז דער לעצטער צייט — דער מענטש פון ביכער, זאַמלער פון היסטאָרישע מאַטעריאַלן. אים האָט מען געטרויט דאָס אַרויספירן און אָנפירן מיט די עוואַקואירטע קיין באַאָראָ. ער האָט מיטגעבראַכט אַהער אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט. גאָר ווייניק מענטשן האָבן פאַרמאָגט זייערע אייגענע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, פאַר אַלע בירגער פון דעם סאָוויעטן־לאַנד זענען באַשטימט בלויז די הער־פּונקטן, די הילכערס, וואָס נעמען אויף בלויז די סאָוויעטישע סטאַנציעס. איצט בין איך אויך געהאָלפן געוואָרן מיט אינפאָרמאַציעס וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן און בכלל אין ראַטן־פאַרבאַנד. שפּעט אין אָוונט פלעגט אונדזער שכן אַהיימקומען מיט די לעצטע נייעסן און מיט אַ טרויעריקער שטים באַריכטן וועגן דעם שונאס מפּלות, וואָס האָבן זיך אָבער געענדיקט מיטן באַפעל פון דער סטאַווקע אין קרעמל צו פאַרלאָזן איין שטאָט נאָך דער אַנדערער. אונדז איז אַפילו שווער געווען צו פאַרבונדן די מפּלות פון די דייטשן און אונדזערע „נצחונות", דאָך האָבן מיר געשוויגן, נאָר שטילערהייט פילדייטנדיק זיך אונטערגעקרעכצט.

ער אַליין פלעגט אויך אַמאָל אַריינוואַרפן אַן אַפּיקורסיש וואָרט: „דער טייוול ווייסט, וואָס דאָרט קומט פאָר און ווער קען וויסן, ווי ווייט ס׳קען דערגיין!"

כל זמן דער ווינטער איז נאָך נישט אָנגעקומען מיט זיינע קעלטן און פרעסט, פלעגן די מאָסקווער פאַרגרעסערן זייערע זאַפּאַסן פון קאַר־טאָפל און קרויט. אַפילו די שוואַרצע קערעלעך פון די רויזן האָבן זיי שוין אָנגעזאַמלט אין די פּודן. זיי וועלן זיי געבן בוימל און אויך קערעלעך צו טרוקענען און לושטשען אַ גאַנצן ווינטער. די קינדער האָבן זיך געלערנט אין שול און נאָכמיטאָג צוגעהאָלפן די עלטערע אין דער ווירטשאַפט. מיט אונדזערע קינדער פלעגן זיי זיך טרעפן גאָר זעלטן, אין קלוב בשעת די שפּילן אין „דאַמקע", אָדער אין נעץ־באָל. עס איז אויך געווען אַ טיש אויף פּינג־פּאָנג־שפּילן. נישט ווייניק זענען אַנטשטאַנען צווישן זיי קאָנ־פליקטן, אין וועלכע מיר, דערוואַקסענע, האָבן זיך געמוזט אַריינמישן.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אויך אָנגעקומען מיט דער וואָלגע אַ גאַנצער קאַלווירט פון וואָראָשילאָגראַדער געגנט. זיי זענען געקומען מיט אַ שיף און אייניקע פול אָנגעלאָדענע באַרזשעס, וואָס די שיף האָט געשלעפּט נאָך זיך. זיי, די נייע, האָבן מיט זיך מיטגעשלעפּט בעטן און קאָמאָדן, אַלטע טראָנטעס, פּאַראָמרייניקטע מיט היימישע וואָנצן. מיר האָבן אַפילו זיי פאַרגעלייגט דאָס אַלץ איבערצולאָזן אויפן ברעג פון דער וואָלגע, צוזאָגנדיק זיי צו באַזאָרגן מיט בעסער מעבל פון די דייטשע הייזער. זיי האָבן אָבער אויף דעם נישט מסכים געווען. צי האָבן זיי נישט געגלויבט אין אונדזער צוזאָג? אפשר איז זיי אַ שאָד געווען זיך צו צעשיידן מיט דער היימישער באַלעבאַטישקייט?

מיטאַמאָל איז אונדזער דאָרף פול געוואָרן מיט איינוווינער. די שול פול מיט קינדער און די פעלדער מיט זאַמלער פון אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט. מיט זייער אָנקומען, האָבן זיך אַ דריי געטאָן די רעדער פון דער מיל, עס איז געעפנט געוואָרן דער דאָרפישער קאָאָפּעראַטיוו, דערווייל זענען כמעט קיין סחורות נישט געווען, אָבער די צוגעגרייטע פּאָליצעס האָבן געטרייסט, אַז אויך סחורות וועלן זיין. אין דער פאַרוואַלטונג פון קאָלווירט האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן; אין געוויסע שעהן דער ראַדיאָ־הילכער און

צעטראָגן זיינע קלאַנגען איבער די הייזער. אויך צו אונדז אין אַנשטאַלט איז אָנגעקומען אַן עלטערע פרוי, אַלס פּאַרוואַלטערין, אַ יידישע פאַמיליע פון קרעמענטשוק, די ספּעקטאָרס: אַן עלטערע פרוי, די מוטער פון צוויי דערוואַקסענע טעכטער, איינע אַ קראַנקנשוועסטער, די צווייטע אַ דערציע־רין. איר מאַן איז געווען אַ לערער, אויך פאַר׳ן ערשטן קלאַס איז אָנגעקומען אַן עלטערע פרוי, אַלס לערערין. זי האָט פאַרמאָגט גענוג קענטעניש און פּראַקטיק, אַלס לערערין פון מיטל־שולן, אָבער דאָ האָט זי זיך נישט געפילט גוט. די קינדער־פּסיכאָלאָגיע, איבערהויפּט פון שווערע קינדער, איז איר פרעמד געווען. זיי פלעגן אָפּחוזקן פון איר, צוגנבנען אירע ברילן, אַן וועלכע זי האָט כמעט נישט געזען. נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו אינטערווענירן ביי די קינדער לטובת איר. אין דאָרפס־ראָט האָט זיך באַוויזן אַ הויכער, דאַרער סעקרעטאַר, מיט אַ קרענקלעכן אויסזען, מיט באַפולמעכטיקונגען פון שטאָט־ראָט אין מאַרקס־שטאָט. צו אים האָב איך פון די ערשטע זיך געוואָנדן מיט מיין מיליטערישן ביכל, ער זאָל מיך נעמען אויפן צעטל פון די מיליטער־פאַרפליכטעטע. איך האָב אויסגעפילט אַן אַנקעטע און אָנגעוויזן אַלע פרטים וועגן זיך. צווישן אַנדערע, אַז איך בין געבוירן אין 1903 יאָר, אַז איך האָב נישט געדינט אין דער אַרמיי, כאָטש ביי מיר אין מיליטערישן ביכל איז אָנגעגעבן, אַז איך געהער צום אָפיצירן־ראַנג. „ס׳טייטש, — האָט ער אויסגעשריגן, — אַן אָפיציר און איז נישט אין דער אַרמיי?". עס איז איבעריק געווען מיין פאַרענטפערן זיך פאַר אים. נאָך דעם זעלבן טאָג, האָב איך געמוזט אָפּשטעלן מיין אַרבעט, געזעגענען זיך מיט מיין ווייב און זון, און לאָזן זיך צופוס קיין מאַרקס־שטאָט. דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. עס האָט זיך שוין געשטעלט דער אמתער ווינטער, מיט שנייען און פרעסט, מיט ווינטן און זאַווערוכעס און איך בין געווען לייכט אָנגעטאָן, דער עיקר — אַן שיך. אונדזער דערציער, דער טראַקטאָריסט, האָט מיר געשענקט אַ פּאָר אַלטע זומערדיקע שטיוול, מיט כאַליעוועס פון גרויען לייוונט און מיט לעכער אין די זוילן. פון ערגעץ האָב איך אַרויסבאַקומען אַן אַלטן סוועטער און שוין געווען גרייט אין וועג אַריין. איך האָב צונויפגענומען די שילער פון מיין קלאַס און פון מיין ווייבס און געהאַלטן פאַר זיי אַן ענטוזיאַסטישע

רעדע וועגן מיין גרייטקייט צו קעמפן מיטן בלוטיקן שונא ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, ביזן ענדגילטיקן נצחון...

איך האָב זיך געלאָזט אין קאָלווירטישן קינדער־גאָרטן, ווו מיין זון מאַרקס האָט זיך געלערנט. מיר האָבן זיך געזעגנט, אָן טרערן, ווי צוויי מענער. אויך אים און זיינע חברים האָב איך צוגעזאָגט דעם שנעלן נצחון איבער היטלערן.

דאָס קליינע פּעקעלע, וואָס מיין מינדעלע האָט פאַר מיר צוגעגרייט, האָב איך גענומען אונטערן אָרעם. שטיל, אָן טרערן, זיך צעקושט און אָן איין וואָרט אַפילו פאַרלאָזט די שטוב. מינדעלע איז מיר נאָכגעגאַנגען, איך האָב געפילט אירע טריט, איר געמיט, איר נשמה, נאָר איך בין געגאַנגען פאָרויס אין טיפן שניי און נישט אומגעקוקט זיך אויף צוריק. איך האָב געוווּסט, אַז זי שטייט און וואַכט אויף מיינע טריט און כל זמן איך וועל נישט פאַרשווונדן פון אירע אויגן, וועט זי נישט אָפּטרעטן פון אָרט און פון טיפן האַרצן ווונטשן מיר: צום ווידערזען! צום ווידערזען!...

## אַן איינזאַמער פּוסגייער

איינער אַליין, איבער דעם שנייאיקן שליאַך קיין מאַרקס־שטאָט. דער ווינט יאָגט אין דער פּלייצע, שפּאַנט זיך שנעלער, ווי דו וואָלסט האַלב געלאָפן. בלויז די טעלעפאָן־סלופּעס באַגלייטן דיך אין וועג, אייניקע אַנטלויפן אויף צוריק און נייע קומען אָן אַנטקעגן, ברומען און הודזשען, ווי ס'וואָלט פאַרגעקומען אַ געשפּרעך צווישן די סלופּעס. דאָס סקריפּען פון די שטיוול אינעם שניי באַגלייט, ווי מיט אַ מאַרש, דיין שפּאַנען. דער טאָג הענגט אויף אַ האָר און איז שוין גרייט אָפּצוטרעטן זיין אָרט דעם אָוונט, דער נאַכט. בלויז איבערגעלאָזענע טריט פון אַ פערד און פּאַסן פון אַ דורכ־געפאָרענעם שליטן ווייזן אָן דעם וועג. מען מוז זיך צואיילן און קומען אין וואָיענקאָמאַט איידער ס'יאָגט אָן די נאַכט. קיין קעלט פיל איך נישט, דאָס בלוט איז צעוואָרעמט פונעם שנעלן שפּאַנען. איך באַמי זיך נישט צו טראַכטן פון גאָרנישט: נישט וועגן ווייב און זון, נישט וועגן דער מלחמה,

בלויז וועגן נאָענטסטן ציל — זיך צושטעלן אויפן אָרט, און וואָס ווייטער וועט זיין — וועט ווייזן די צייט. עס איז מיין הייליקער חוב צו קעמפן קעגן היטלערן — דעם בלוטיקן שונא פון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייט. וועלכער ייד פאַרמאָגט נישט קיין נקמה־געפילן קעגן די אומברענגער פון אונדזערע ברידער און שוועסטער? איך בין איינער פון אַלע.

אַזוי טראַכטנדיק, דערזע איך פון דערווייטנס סימנים פון אַ ישוב. דאָס איז זיכער מאַרקס־שטאָט. איך פאַרשנעלער נאָך מער מיין טראָט און גאָר גיך דערגיי איך צו דער געביידע פון „וואָיענקאָמאָט" (מיליטערישע קאָמאַנדשאַפט). איך גיי אַרויף דורך די שטיגן אויפן צווייטן שטאָק, די טיר איז אָפן. מיך נעמט אויף דער דעזשורירנדיקער אָפיציר. איך דער־לאַנג אים מיין מיליטערישן ביכל. ער בלעטערט עס איבער. ווען ער דערזעט, אַז איך בין פאַררעכנט צום אָפיצירן־שטאַנד, שטעלט ער זיך אָפּ, כאַפּט אַ פאַרדריסלעכן קוק אין מיין זייט אַריין און איך באַמערק, אַז ער איז שוין גרייט אָנצופאַלן אויף מיר מיט פאַרוורפן און זידלערייען. כאַפּ איך איבער די איניציאַטיוו און זאָג אַרויס מיט אַן איראָנישן שמייכל:

„אויך מיר אַן אָפיציר! איך בין קיינמאָל אין דער אַרמיי נישט געווען. אָט האָסטו דיר — אַן אָפיציר. איך בין פון פוילן אַנטלאָפן אין 1939 יאָר. די רויטע אַרמיי האָט אונדז באַפרייט אין מערב־אוקראַינע — ערשט דאַן בין איך געוואָרן אַ סאָוויעטישער בירגער. מיין חבר ניעטשיפּאָרוק, וואָס האָט געאַרבעט מיט מיר צוזאַמען אין דער בילדונגס־אָפּטיילונג, איז פּונקט געווען דער אָנפירער פונעם „מיליטערישן טיש". אים איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק מיך צו פאַרשרייבן אַלס אָפיציר, פּשוט צוליב דעם, וואָס איך האָב באַקומען הויכע בילדונג. ביז איצט בין איך געווען כמעט דער אייב־ציקער פאַרשטייער פון דער ראַטן־מאַכט אין באַאַראַ, אָנפירער פון קינדער־היים פאַר שווערע קינדער. איך האָב אויך געהאָלפן איינאָרדענען אַ היים פאַר 500 קינדער פון מאָסקווע. ביים ערשטן רוף בין איך געקומען און איך בין גרייט צו גיין אויפן פראָנט צו קעמפן מיטן פאַשיסטישן שונא".

דער אָפיציר האָט מיך אויסגעהערט ביזן סוף. דערנאָך האָט ער צו־געגעבן:

„מיר וועלן נאָך היינט אַלץ אויספאָרשן. איר קומט צו אונדז מאָרגן פֿרי, אָרום 9".

איך האָב אַפּילו פֿאַרגעסן צו פֿרעגן, ווו איך קען איבערנעכטיקן. אַנטקעגנאיבער האָט זיך געפֿונען די „גאַראַנאַ" (די שטאַטישע בילדונגס־אָפּטיילונג). דאָרט בין איך געווען אַ היימישער מענטש, אַ מיטאַרבעטער. די אַנגעשטעלטע האָבן געהאַלטן ביים ענדיקן דעם אַרבעטס־טאָג. איך האָב פֿאַרשטאַנען, צום ערשטן וועט מען זיך אָנפֿרעגן אויף מיר ביי זיי, האָב איך געכאַפּט אַ שמועס מיטן פֿאַרוואַלטער. ער האָט אויסגעדריקט זיין באַדויערן, וואָס איך בין געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן די אַרבעט אין אַנשטאַלט. „אויך פֿאַר די מאָסקווער זענט איר נויטיק!" — האָט ער צוגעגעבן. ער האָט דערלויבט מיר איבערלאָזן דעם שליסל פֿון ביוראָ, כדי איך זאָל קענען איבערנעכטיקן. אַלע זענען זיך צעגאַנגען, בלויז איך איינער בין פֿאַרבליבן.

ערשט איצט האָב איך דערפֿילט די אמתע קעלט, איבערהויפּט אין די פֿיס. דער שווייס אויף די פֿיס איז, ווייזט אויס, פֿאַרפֿרוירן געוואָרן, און געקילט די פֿיס. די לייוונטענע שטיוול און די לעכערדיקע זוילן האָבן ווייניק געוואַרעמט, שוין בעסער, האָב איך געטראַכט, אויסטאָן זיי און אָנוואַרעמען די פֿיס מיט די הענט. נאָר אַראָפּשלעפּן זיי איז נישט געווען פֿון די לייכטע זאַכן. איך האָב אָנגעשפּאַרט די אונטערשטע טייל פֿון שטיוול אין אַ בענקל און געריסן דעם פֿאַרגליווערטן פֿוס מיט כּוח: עס האָט לאַנג געדויערט ביז... ביז עס האָט זיך אַ ריס געטאָן דער זויל אין דער זייט פֿונעם קנאָפּל. איך בין געווען פֿאַרצווייפֿלט: ווי אַזוי קען איך איצט גיין? די נאַכט בין איך גאָר ווייניק געשלאָפֿן. אין צימער איז געווען קאַלט, ווי אויף דער גאַס, דער צעריסענער שטיוול איז מיר נישט אַרויס פֿון קאָפּ. ערשט איינדערפֿרי, איז אָנגעקומען די רוימערין. זי האָט מיר געראָטן זיך צו דערשלעפּן ביזן שוסטער־קאָאָפּעראַטיוו, דאָרט וועלן זיי פֿאַרריכטן דעם שטיוול. עס איז געווען דער איינציקער און ריכטיקער אויסוועג.

אָרום ניין איינדערפֿרי, בין איך שוין געווען אין „וואָיענקאָמאַט". מיר איז אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן, ביז איך האָב באַקומען אַן אומגעריכטע תּשובה: „היות, די פֿראַגע פֿון מיין „אַפּיצירשאַפֿט" איז אויפֿגעקלערט

געוואָרן, און איך בין שוין אַלט 37 יאָר און קיין מיליטערישע אויסשולונג האָב איך נישט באַקומען, דערצו האָט מען פון דער שול־מאַכט אונדז איבערצייגט, אַז מיין אַרבעט אין באַראַ איז זייער נויטיק, איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצולייגן דערווייל די מאָביליזאַציע ביז אַ נייער פאָראָרדענונג".

דעם זעלבן טאָג בין איך שוין געגאַנגען צוריק קיין באַראַ. דער טאָג איז נישט געווען קיין ווינטיקער, האָט זיך נישט געפילט אַזוי די קעלט. איצט האָב איך זיך נישט אַזוי געאיילט און געגאַנגען לאַנגזאַמער. די וויאָרסטן לויפן אָפּ. אויף לענג און ברייט ציט זיך דער שנייאיקער סטעפּ. ס'איז אומעטיק אויפן וועג, ווען קיינער קומט דיר נישט אַנטקעגן מיט אַ וואָרט און באַגריסונג. טויזנטער אַנטלויפן פון זייערע פאַרכאַפּטע שטעט און שטעטלעך. אַלע לויפן גאָר ווייט: קיין אוזבעקיסטאַן, קיין טאַדזשיקיסטאַן. פאַרוואָס קומען זיי נישט אַהער? דאָ איז שטיל און ברויט איז דאָ לרוב. דאָ פעלן אויס אַרבעטס־הענט. צי וויסן דען נישט וועגן דעם די עוואַקואַציע־קאָמיטעטן? ווייזט אויס, אַז אַהער וויל מען שיקן בלויז קאָלווירטן און נישט קיין איינצעלנע פאַמיליעס. וועגן דעם טראַכט איך גייענדיק, אָבער דער וועג ווערט איינגעשרומפּן, איך דערנענטער זיך צו מיין היים, צו מיין ווייב און קינד. דער ערשטער באַגעגנט מיר בעניאַמין יעפימאָוויטש. אין זיינע מידע אויגן באַמערק איז אַן אויפגעהעלטן פונק פון פרייד:

„געקומען זיך געזעגענען מיט מיר? האָ? אָוועקגיין אַן אַ 'זיי געזונט' מיט אַ פריינד!"

„איר זייט גערעכט, טייערער. דערפאַר האָט מען מיך צוריקגעשיקט. דערווייל, זאָגן זיי, בין איך דאָ נויטיקער. גלויבט מיר, יעפימאָוויטש, אַז כ'וואָלט עס נישט געוואָלט".

„איר וועט עס נישט פאַרשפּעטיקן. די מלחמה וועט נאָך לאַנג דויערן און דער זיג וועט נישט אַנקומען לייכט. נישט דאָס גאַנצע פלייש דאַרף מען אַריינטאָן אין איין קרעפּל" — האָט ער פאַרענדיקט זיינע רייד מיט אַ וויציק וואָרט.

מינדעלע האָט זיך דערוווּסט וועגן מיין צוריקקומען, אָבער זי האָט פאַרגעזעצט איר אַרבעט אין קלאַס. זאָלן די שילער נישט מיינען, אַז

מיין צוריקקערן זיך פרייט זי אַזוי שטאַרק. זי האָט וועגן דעם אויך איבערגעגעבן די שילער און געשמועסט מיט זיי וועגן דיסציפּלין און אויספילן באַפעלן. קיינער טאָר נישט אין אַזאַ שווערער צייט טאָן, וואָס עס ווילט זיך אים. מען באַפעלט גיין צוריק אַהיים — גייט מען!

מיין אומקערן זיך האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן נייגעריקייט און פרייד. ביי קינדער איז דער נאָענטער אינטערעס שטאַרקער ווי די ווייטער־דיקע פּערספּעקטיוון. ערשט מיט מיין אַוועקגיין האָבן זיי, ווייזט אויס, דערפילט, ווי איך בין זיי בויטיק. נעכטן האָט שוין קיינער נישט דערציילט זיי די מעשה צום שלאָפן. זיי האָבן אַזוי געוואָלט הערן דעם סוף פון דער מעשה, וואָס איך האָב אָנגעהויבן און נישט פאַרענדיקט. אייגנטלעך איז נישט געווען מיין פליכט צו קומען צו זיי אין די שלאָפצימערן און דער־ציילן. איך בין דאָך געווען בלויז אַ לערער און נישט קיין דערציער. פּאַוועל אַנדרייעוויטש, זייער דערציער, וואָלט גערן אַליין אויסגעהערט אַ מעשה, אָבער דערציילן איז נישט געווען פאַר אים, דעם טראַקטאָריסט. ער פלעגט זיך גאָר שנעל אָפּטראָגן פון דער אַרבעט, ווי נאָר די יאָטן זענען שוין געלעגן אין די בעטן. איך האָב אָבער אַמאָל זיך איינגעהערט, ביי די פאַרמאַכטע לאַדנס פון די שלאָפצימערן ווי עס רודערט זיך אינע־וויניק ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַז דאָס הערשן פון די שטאַרקערע הויבט זיך ערשט אָן נאָכן אַוועקגיין פונעם דערציער. איך האָב דערהערט גע־וויינען, געשרייען, אַ שטיל כליפּען. וועגן דעם אויפברויזן און וואָך זיין אין די נעכט אין די פאַרמאַכטע אַנשטאַלטן האָב איך געוווּסט. אַנטקעגנ־שטעלן זיך דעם האָב איך געקענט דערוויל בלויז מיט מיינע דערציילונגען, מיט וועלכע זיי פלעגן כמעט אַלע איינשלאָפן. דאָס איז, לויט מיר נאָך, געווען דאָס ווירקזאַמסטע מיטל קעגן ווילקיר און אַנאַרכיע פון די מער דערוואַקסענע.

ווען עס איז אָנגעקומען דער נייער לערער טומאַקין, האָב איך אים אויך אַריינגעצויגן אין דער אויסעראָרדנטלעכער אַרבעט.

עס איז געווען אַ שווערער ווינטער מיט שנייען און פרעסט. עס האָבן נישט געקלעקט די זאַפּאַסן פאַר באַהייצונג — די „קיזעס". זיי האָבן העל און שנעל געברענט, אָבער קיין שטאַרקע וואַרעמקייט האָבן זיי נישט

געגעבן. דאָס ביסל האָלץ האָט געקלעקט בלויז אויף אונטערהייצן. מיר האָבן געמוזט צייטווייליק ליקווידירן די 2 צימערן און באַגרענעצן זיך בלויז מיט דער קוך. אין דער קוך זענען געשטאַנען צוויי בעטלעך פאַר אונדז אַלע דריי, אויך בעניאָמין יעפימאָוויטש פלעגט אויף ביינאַכט אַריינטראָגן זיין צוזאַמענגעשטעלט בעטל אין קוך אַריין. אינדערפרי, פאַרן אויפשטיין, האָט דער טערמאָמעטער געוויזן ווייניקער פון 0. איך האָב געמוזט אַראָפּקריכן פון בעט אין דער קעלט און אונטערהייצן דעם גרויסן אויוון — ערשט דאַן האָבן אַלע געקענט אויפשטיין פון די געלעגערס. אין אויוון פלעגן מיר אָפּקאָכן אַ וואַרעמע קאַרטאָפל־זופּ, מאַרקסן אָפּגעפירט אין קינדער־גאָרטן און אַליין געגאַנגען צו דער אַרבעט אין שול אַריין. בעניאָמין יעפימאָוויטש פלעגט זיך נאָך לאַנג פאַרען ביים צעשניידן די טיטון־בלעטער אויף דינע לאָקשן צום רויכערן און אויך טרוקענען אין האָלב־פאַרלאָשענעם אויוון די ברויט־סוכאַרעס.

די אָנגעקומענע קאָלווירטניקעס האָבן פאַרנומען אַלע שטובער און געוואָרן באַלעבאַטים פון אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין זיי: איבער די איבערגעבליבענע הינער, איבער די פאַרשנייטע פעלדער מיט נישט קיין אויסגעגראָבענע קאַרטאָפל, אַפילו פון ציגן, וואָס האָבן נישט פאַרלאָזן זייער פריערדיקער היים.

די פאַרוואַלטונג פון קאָלווירט האָט באַקומען אין איר רשות די גאַנצע תבואה, אויפן שטח פונעם דאָרף און אויף די אַרומיקע פעלדער. די מיל איז אויך איבערגעגאַנגען אין רשות פונעם קאָלווירט. די קאָלווירטניקעס האָבן באַקומען אויסגעצאָלט מיט מעל פאַר די אַרבעטס־טעג אין וואָראָשילאָווגראָדער קאָלווירט. איצט, אין די ווינטער־טעג, איז געווען די צייט אַראָפּצורייסן די קערן־רויזן (פּאָדסאָלנוך), וואָס האָבן זיך געצויגן אויף קילאָמעטערס ווייט. דער שניי האָט אַפילו באַשווערט דעם צוגאַנג צו זיי. אָבער דער צוזאָג, אַז דער קאָלווירט וועט אויסצאָלן אַ פלאַש בוימל פאַר יעדן אַרבעטס־טאָג, האָט דערוואַרעמט די געמיטער און אַלע זענען אַרויס אויף די פעלדער.

מיר האָבן באַשלאָסן אָנשליסן זיך צוזאַמען מיט די קינדער אין דער אַרבעט, אויך די מאַסקווער. עס האָבן זיך צערוישט די פעלדער מיט

מענטשלעכע קולות, מיט קינדערישע געלעכטערס און לידער. די אַרבעט האָט זיך אַ רוק געטאָן פֿאָרויס. עס האָבן אויסגעפּעלט שליטנס אויף אַראָפּצופֿירן די אָפּגעשניטענע רויזן מיט די שוואַרצע קערעלעך פֿון פעלד. אַוודאי איז לייכטער געווען די אַרבעט פֿאַר די, וואָס האָבן געטראָגן וואַלענקעס אויף די פיס. די מאָסקווער האָבן כמעט אַלע געטראָגן וואַלענקעס, אויך אַ טייל פֿון די קאָלווירטניקעס זענען געווען באַזאָרגט. צום ערגסטן איז געווען מיר און מיין פרוי און אייניקע קינדער פון אונדזער היים. אַ גליק איז געווען, וואָס מען האָט געבראַכט אין דער דאָרפישער קאָאָפּעראַציע שוואַרצן סאַטין און וואַטע. דערצו איז דאָרט געווען לרוב זומערדיקע פּאָרוסינענע שיך, גרויסע מאָסן. מיר האָבן געקויפט דעם סאַטין און די וואַטע און אייגנהענטיק אויפגענייט פֿאַר זיך און פֿאַר די קינדער אַן ערזאַץ פון וואַלענקעס און געטראָגן זיי אין גרויסע לייוונטענע שיך אויף גומענע זוילן. עס איז געווען אין זיי וואַרעם און נישט נאַס, ווען דער שניי האָט אָנגעהויבן צו נעצן. אַזוי אַרום האָבן מיר געטאָן אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט און אויך באַזאָרגט זיך אַליין מיט בוימל אויף אַ לענגערער צייט.

די מאָביליזאַציע פון מענער אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי האָט זיך איבערגעחזרט חודש נאָך חודש. יעדן ערשטן טאָג פון חודש האָט מען אויך מיך גערופן קיין מאַרקס־שטאָט, אין וואָיענקאָמאַט. איצט בין איך שוין נישט געווען איינער אַליין. דער קאָלווירט האָט געגעבן עטלעכע שליטנס מיט פערד און מיר, מאָביליזירטע, זענען אויף זיי געפאָרן, האַלב שיכורע, מיט ווילדע רוישיקע קולות איבערן גאַנצן וועג. די ווייבער האָבן באַגלייט די מענער ביזן אַרויספאָר פון דאָרף מיט קלאָגערייען, ווי מען באַגלייט אַ טויטן. בלויז מיין ווייב איז פאַרבליבן אין שטוב, אָדער ביי דער אַרבעט. אין „וואָיענקאָמאַט" האָט מען זיך טאַקע אַרומגעקוקט, אַז מיך וואָלט מען נישט באַדאַרפט רופן און אָפּגעשיקט צוריק אַהיים. דאָס האָט אַרויסגערופן ביי מיר אַ געפיל פון בושה. מעגלעך, אַז אייניקע אוקראַאינער פונעם קאָלווירט האָבן אַפילו געשפּאָט צווישן זיך: אַ „זשיד" גיט זיך אַן עצה!, אָבער דאָס איז געשען אונטער די אויגן.

דערווייל האָט מען געגעסן דאָס ברויט פון פרעמדער מי און אַרבעט.

די צייט שטייט נישט אויף איין אָרט. דער ווינטער איז אַריבער. ס׳האָט זיך דערנענטערט דער פרילינג. די פעלדער זענען ברייט און לאַנג. דער פאַרווינטער־פּאַרזיי באַווייזט זיך שוין מיט נידעריקע גרינע שפּראָצונגען. די מ. ט. ס. (מאַשינען טראַקטאָרן סטאַנציע), האָט שוין געבראַכט די בודקעס — וואוינונגען פאַר די טראַקטאָריסטן און זיי באַפעסטיקט אויפן פעלד. די אויסגערעמאָנטירטע טראַקטאָרן זענען גרייט אַרויסצופאָרן מיט די אַקערן אויפן פעלד. די איבערגעקליבענע קאָרן־קערנער זענען פאַראַן לרוב. מען וואַרט אויפן באַפעל און דער פאַרזיי וועט זיך אָנהויבן. איך בין באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט אין קינדער־היים און „מאָביליזירט״ געוואָרן אין דער מ.ט.ס., אַלס דער דין־וחשבון־פירער און באַזאָרגער מיט ברען־מאַטעריאַלן פאַר די טראַקטאָרן. איינצייטיק האָב איך זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבן דעם אַרבעטס־ביולעטין פון דער בריגאַדע במשך פונעם פאַרזיי־פּעריאָד און אויך צו פירן די קולטור־אַרבעט צווישן די טראַקטאָריסטן. איך האָב געוווּסט, אַז דער ברען־שטאָף, דער קעראָסין, איז ביי די דייטשן געווען אין איינגעפונדעוועטע גרויסע טשאַנען, אונטער דער ערד. און זיי איז אַפילו נישט ווייניק פאַרבליבן קעראָסין פון פריער, נאָר חוץ מיר האָט קיינער וועגן דעם נישט געוווּסט. דעם פרישן קעראָסין פלעג איך ברענגען מיט פעסער און גלייך אַריינגיסן אין די טשאַנען. מיין נייע אַרבעט האָט מיך פאַרכאַפּט אין גאַנצן. איך האָב געגעכטיקט אין דער היים. אָבער מיטן קרייען פון די הענער האָב איך שוין געשפּאַנט צום פעלד. איך האָב שוין באַוויזן צו באַהענגען די בודקעס מיט די אַקטועלע לאָזונגען: „אַלץ פאָרן זיג!״, „אַרבעט בעסער — וועט אונדזער זיג זיין גרעסער!״, „ברויט פאַר דער אַרמיי איז נויטיק, ווי כלי־זין!״.

איינער פון די טראַקטאָריסטן פון אונדזער בריגאַדע איז געווען פּאַוועל אַנדרייעוויטש, דער געוועזענער דערציער. חוץ אים איז בלויז געווען דער בריגאַדיר וואַסיע. ביידע האָבן באַקומען „בראָן״ (שוץ קעגן מאָביליזאַציע אין דער אַרמיי). די רעשט זענען געווען יונגע פרויען, אויסגעשולטע צו אַרבעטן אויף אַ טראַקטאָר. די פאַרדינסטן פון די טראַקטאָריסטן זענען געווען גאַראַנטירטע און באַשטימטע: דריי קילאָ ברויט פאַר אַ טאָג אַרבעט, פון אויפגיין פונעם מאָרגנשטערן אין דער פרי ביזן זון־פאַרגיין, מיט אַן

איבעררייס אויף אַ שעה. אויך פאַר מיר איז געווען באַשטימט צוויי קילאָ ברויט פאַר אַן אַרבעטס־טאָג. די מ.ט.ס.־אַרבעטער האָבן געקענט אויך באַקומען פּרעמיעס פאַרן פאַרקירצן די צייט פונעם פאַרזיי, פאַר עקאָנאָמיע פון ברען־שטאָף, פאַרן לענגערן אַרבעטס־דויער פונעם טראַקטאָר און פאַר דער געהעריקער טיפקייט פון אַקערן א.א.וו.

די אַרבעט מיינע איז געווען אַ שווערע און אַ פאַראַנטוואָרטלעכע. אָבער איך בין געווען שטאָלץ מיט איר, מיט דעם, וואָס מיר, אַ ייִד, האָט מען געטרויט צו אַרבעטן אַלס פאַקטישן אָנפירער פון אַ טראַקטאָר־בריגאַדע...

# דער פאַרזיי

דער פאַרזיי פון די רחבותדיקע פעלדער האָט זיך אָנגעהויבן, אין אַ גוטער שעה, צו דער צייט. עס איז געווען אַ שיינער פרילינגס־טאָג, די ערשטע טעג פון אַפּריל חודש 1942. די זון האָט שוין באַוויזן אויסצוטרוקענען די אויבערשטע שיכט פון דער ערד, אין דער לופטן, ביי דער סאַמע ערד, האָבן זיך געטראָגן קוים־באַמערקבאַרע קנוילן פון דאַמף, וואָס די ערד האָט אַרויסגעאָטעמט פון זיך. פינף טראַקטאָרן, אין דער ברייט, זענען אַרויסגעפאָרן מיט אַ געברום פון די מאָטאָרן, ווי מיט אַ פרייִלעכער באַגלייט־מוזיק, אין פעלד אַריין. דער ערשטער — בריגאַדיר וואַסיל אויף זיין כ.ט.ז. (טראַקטאָר פון כאַרקאָווער טראַקטאָרן זאַוואָד) מיט אַ שיינענדיק געזיכט, מיט אַן ערנסטקייט אין זיינע בלויע אויגן און אַ שטילן פריידיקן געזאַנג אויף די ליפּן, נאָך אים — קאַטיע, די געזונטע דאָרפישע שיקסע אין די הויזן און ווייסע סאַטינענע בלוזע אַן אַרבל. איר נעזל האָט איצט אויסגעזען נאָך מער פאַרריסן, ווי שטענדיק, ווייטער פּאַוועל — דער בלאָנד־האָריקער, וואָס האָט זיך ערשט איצט דערפילט אין זיין אייגענער פעל, פאָרנדיק אויפן טראַקטאָר, און נישט מיט די ווילדע יאַטן אין אַנשטאַלט. נאָך זיי — נאָך צוויי טראַקטאָריסטינס מיט העל־בונטע פּאַטשיילעס אויף די האָר. מונטער און האַפערדיק זענען אַלע צוגעטרעטן צו דער אַרבעט.

אַלע ווייסן, אַז דער נצחון אויף די פראָנטן איז אין אַ סך אָפּהענגיק פון דעם ברויט, מיט וועלכן זיי מוזן באַזאָרגן די קעמפער אויפן פראָנט און די גאַנצע באַפעלקערונג — די אַרבעטער פאַרן פראָנט. אַפילו דער פאַרזיצער פון קאָלווירט, די ייִנגלעך — די באַהעפטער (די פריצעפּשטשיקעס), דער וואַסער־פירער — אַלע זענען יום־טובדיק אָנגעטאָן. פון דער צייטונג אין מאַרקס־שטאָט איז אויך אָנוועזנדיק געווען אַ קאָרעספּאָנדענט. ער איז גרייט צו פאַראייביקן אין בילד און אין וואָרט דעם וויכטיקן מאָמענט: „דער ערשטער מלחמה־פאַרזיי". איך שטיי אין אַ זייט, אין שאָטן, און אָבסערוויר דאָס אַלץ מיט אַ פרייד אין האַרצן. נישט ווייניק מי האָב איך אַריינגעלייגט. אויף דער בודקע פון די טראַקטאָריסטן הענגט שוין די ערשטע וואַנט־צייטונג וועגן פאַרזיי. די לאָזונגען שרייען אַראָפּ מיט רויטע אותיות און רופן, רופן...

ווי דורך אַ קאָמאַנדע רירט דער צוג פון די טראַקטאָרן מיט אַ גערויש און אַ געפּילדער. די אַקער־אייזנס גראָבן זיך איין טיף אין דער צעפּאַרע־טער ערד, די איבערגעקערטע גליבעס בליקן מיט חידוש און פייכטקייט אויף דער זוניקער שיין. דערווייל גייען אַלע טראַקטאָרן ריטמיש, אין איין ריי, מיט דער זעלבער שנעלקייט, דערנאָך רוקט זיך וואַסיע אַרויס אַ ביסל ווייטער פון פראָנט, נאָך אים אויך אַנדערע. דער פּאַראַד־מאַרש איז פאַר־ענדיקט. דער אמתער פאַרזיי, דאָס אַקערן צום פאַרזיי הויבט זיך ערשט אָן, מיט פאַרביסנקייט און רייסן זיך פאָרויס, מיט געלויף און פאַרמעסט. די צושויער, די געסט צעגייען זיך מיט פרייד און מיט האָפענונג, אַז אַלץ וועט גיין ווי עס באַדאַרף צו זיין. מען מאַכט אַפילו פּראָוויזאָרישע חשבונות: ווי לאַנג עס וועט דויערן דער פאַרזיי דורך דער בריגאַדע. גייענדיק פּלאַנירט מען שוין די ווייטערדיקע אַרבעט פון דער טראַקטאָרן־בריגאַדע: דאָס אַראָפּ־נעמען מיט די קאָמביינען דאָס גערעטעניש פונעם פאַרווינטער־פאַרזיי.

צווישן די געסט שפּאַצירט אויך אונדזער שכן בעניאַמין יעפימאָוויטש. בלויז ער איינער ווייסט, וויפל מי איך לייג אַריין ביי מיין אַרבעט אין דער טראַקטאָר־בריגאַדע. וואַסיע, דער בריגאַדיר, טראָגט אויף זיך דעם עול פון די טראַקטאָרן, ער קריכט אונטער זיי און פאַרריכט זיי אין די טעג. מען פאַרשפּאָרט שוין צו שלעפּן די טראַקטאָרן ווייט אין מ.ט.ס. צום

רעמאַנט, ווען וואַסיע מאַכט עס אויפן אַרט. מער גייט אים נישט אָן. אין אַלעם פאַרלאַזט ער זיך אויף יאַוועל מאַרקאַוויטשן: די באַריכטן, דאָס באַזאָרגן די טראַקטאָרן מיט ברען־שטאָף, אַפילו מיטן באַזאָרגן די טראַקטאָריסטן מיט דערנערונג, מיט פּאָליטישע נייעסן, מיט אַלץ, מיט אַלץ, וואָס איז נויטיק, אַז די אַרבעט זאָל קלאַפּן, ווי אַן אויסגעפּרוּווטער מעכאַניזם.

בלויז אַ פּאָר טעג איז די אַרבעט געגאַנגען גוט, רעגלמעסיק און מיט דערפאָלג. גאָר שנעל האָבן זיך באַוויזן דעפעקטן אין די טראַקטאָרן. וואָסיל האָט זיך ווייטער געוואַלגערט אונטער די טראַקטאָרן. איך בין געפאָרן אין מ.ט.ס. און אַרויסבאַקומען מיט גרויסע שוועריקייטן די דעטאַלן, וואָס זענען נויטיק געווען צום רעמאַנט. דאָרט האָב איך באַקומען די פּריש דערשינענע מלוכהשע פאַראָרדענונג וועגן „עקאָנאָמיע פון ברען־שטאָף". נעמלעך: פאַרן פאַרברויך פון ברען־שטאָף מער פון דער באַשטימטער נאָרמע, וועט פונעם ערשטן אַפּריל 1942 יאָר, דער בריגאַדיר און דער „זאַפּראַווּשטשיק" צאָלן שטראָף, לויט דעם ווערט פונעם ברען־שטאָף און די טראַקטאָריסטן — די „אויסברענגער", דרייפאַכיק פאַר יעדן קילאָגראַם ברען־שטאָף איבער דער נאָרמע.

די נייעס האָט ווי אונטערגעשלאָגן די פליגל פון די טראַקטאָריסטן. אין די שיינע טרוקענע טעג איז נאָך געווען ווי צו דערליידן, אָבער ווי נאָר עס איז אַראָפּגעפאַלן אַ רעגן, די ערד איז געוואָרן פייכט, די רעדער האָבן זיך געדרייט אויף איין אָרט, בוקסירט, דאַן איז דאָס אַקערן געמינערט געוואָרן ביז אַ מינימום. קיין שום באַפעלן און געשרייען האָבן נישט געהאָלפן.

עס האָט געדראָט אַ געפאַר פון אַרונטעררייסן דעם פּאַרזיי. דאָס איז געשען נישט נאָר ביי אונדז, אומעטום האָט עס אַזוי אויסגעזען. ווען דאָס וואָלט געשען בלויז אין געציילטע בריגאַדעס, וואָלט זיך שוין די ראַטן־מאַכט אַן עצה געגעבן: די מענער וואָלטן אַוועקגעשיקט געוואָרן אין די שטראָף־פּולקן, אויפן פראָנט, און די פרויען אין די צוואַנגס־לאַגערן.

אין דעם מאָמענט האָב איך אַרויסגעוויזן איניציאַטיוו: מיינע קענטעניש פון מאַטעמאַטיק זענען מיר דערצו צונוץ געקומען. איך האָב אויסגעמאָסטן דעם פאַרנעם פון די טשאַנען, אין וועלכע אונדזער ברען־

שטאָף האָט זיך געפונען. לויט מיינע, כמעט פּינקטלעכע אויסרעכענונגען, זענען דאָרט געווען אַ פּאָר הונדערט קילאָגראַם איבעריקע קעראָסין, וואָס איז געבליבן פון די דייטשן. אויף דעם סמך האָב איך די טראַקטאָריסטן דערקלערט אויף אונדזער באַראַטונג: „לאָמיר פאַרענדיקן דעם פּאַרזיי צו דער באַשטימטער צייט. די פראַגע פון קעראָסין נעם איך אויף זיך. נישטאָ קיין עקאָנאָמיע, נישטאָ אויך קיין שרעק פאַר פאַרלוסטן. מיר וועלן אַרבעטן אין צוויי שיכטן, צו 12 שעה. איך פיל אָן די באַקן מיט קעראָסין, מיט וויפיל מען באַדאַרף".

ס'איז אַוועק אַ גאַנג! די טראַקטאָרן האָבן געאַרבעט בייטאָג און ביי־נאַכט, די טראַקטאָריסטן זענען גאָרנישט מיד געוואָרן. איך פלעג אָפּט מעסטן מיינע זאַפּאַסן און כ'בין געווען זיכער, אַז איך בין ווייט נישט היגטערשטעליק. די צייטונג האָט געשריבן וועגן דער העלדישקייט פון דער טראַקטאָרן־בריגאַדע אין באַאַראַ און גערופן אַנדערע בריגאַדעס צו נעמען אַ ביישפּיל. די טעג און די נעכט זענען געלאָפן בליץ־שנעל. איך פלעג זיך כמעט נישט ווייזן אין דער היים. די אַרבעט האָט געברויזט און די הערצער האָבן זיך געפרייט. דער פּאַרזיי איז פאַרענדיקט געוואָרן פאַר דער צייט. דער נצחון איז געווען אַן אַלגעמיינער. די טראַקטאָריסטן האָבן אויסגעקוקט אויף פּרעמיעס. וואַסיל האָט אַפילו צוגעזאָגט זיך צו טיילן מיט מיר מיט זיין פּרעמיע.

דאָס פאַרענדיקן דעם פּאַרזיי האָט זיך געענדיקט מיט אַ „טרונק" אין קאָלווירט. די גאַנצע צייט האָט וואַסיל, דער בריגאַדיר, נישט געטרונקען, איצט האָט ער שוין אויסגעטרונקען פאַר דער גאַנצער צייט. ער האָט געברענט מיט אַ העליש פייער, געזונגען, גערעוועט, געכאַפּט זיך קושן מיט אַלעמען און מערסטנס מיט מיר, זיין געהילף. אַפילו די פרויען האָבן געטרונקען, אויך מיך האָבן זיי געוואָלט אַנשיכורן, נאָר ס'איז זיי נישט געלונגען. מיין מינדעלע איז אויך דאָ געווען מיין היטערין. מיר איז געווען אויפּפאַלנדיק, הלמאי די טראַקטאָריסטינס לאָזן נישט קאַטיען טרונקען קיין „סאַמאַגאָן". מינדעלע האָט מיר אויפגעקלערט: „מסתמא שוואַנגערט זי, די קאַטיע".

„זי האָט דאָך קיין מאַן נישט".

„איז ער אפשר אויפן פראָנט" — האָט מינדעלע געענטפערט מיט אַ שמייכל.

איך האָב נאָך אַלץ געאַרבעט אין דער טראַקטאָרן־בריגאַדע. די אַרבעט איז מיר געפעלן. זי האָט מיך פאַרשלונגען אינגאַנצן. יעדעס מאָל זענען אָנגעקומען פון „וואָיענקאָמאַט" מאָביליזאַציע־בריוו, אָבער מיך האָט מען שוין געלאָזט צו רו. קיין „בראָן" האָב איך נישט באַקומען, ווי די מענער — די טראַקטאָריסטן, אָבער גערופן האָט מען מיך נישט.

די צייט איז שנעל אַריבער, פון די פאַרזייטע קערנער זענען אויס־געוואַקסן הויכע זאַנגען, וואָס האָבן אָנגעהויבן רייף ווערן מיט פולע נעסטן פון קערנער, פון גרין זענען זיי גינגאָלדיק געוואָרן. זיי האָבן זיך געשאָקלט אין ווינט ריטמיש־טאַנצנדיק. די טראַקטאָרן האָבן איצט געשלעפּט די אַנ־פאַרמיקע, אויסטערליש גרויסע קאָמביינען. די זאַנגען זענען ווי אונטערגע־האַקט געוואָרן, אויסגעדראָשן געוואָרן אויפן אָרט. די קאַסטנס זענען פול געוואָרן מיט קערנער. פולע זעק מיט קאָרן האָבן די פורמאַנעס פון קאָלווירט אַוועקגעפירט אין די שפּייכלערס. אויך איצט האָב איך באַדאַרפט וועגן און ציילן, שרייבן טאָג־טעגלעכע באַריכטן. די אַרבעט האָט געברויזט. דאָ איז אויך געווען אַ פראָנט פאַר ברויט.

איך בין געווען גליקלעך, וואָס אויך איך לייג צו מיינע הענט צו דער גרויסער אויפגאַבע. ביז איינמאָל, דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג פון חודש אויגוסט, האָב איך, נאָך אַ לענגערן איבעררייס, באַקומען אַ פרישן רוף אין דער אַרמיי. דאָס מאָל האָט באַדאַרפט אַוועקגיין פון באַראַ אַ גרע־סערע פּאַרטיע מאָביליזירטע.

די טראַקטאָרן־בריגאַדע האָט זיך געזעגנט מיט מיר האַרציק און וואַרעם. אויך איצט האָט וואַסיל זיך אָנגעטרונקען, מיך געהאַלדזט און געקושט מיט טרערן אין די אויגן:

„ווי אַזוי וועל איך זיין אָן דיר, טייערע?"

איך האָב אים דערציילט דעם סוד פון אונדזער אַלעמענס דערפאָלג, וועגן דעם רעזערוו פון קעראָסין, וועלכן מיר פאַרמאָגן אויך איצט און זיינע אויגן האָבן געשיינט מיט באַוווּנדערונג און גליק.

אין אַ גרויסער פינף־טאָניקער מאַשין, זענען מיר אָפּגעפאָרן. איך בין אויך נישט געווען זיכער, אַז איך גיי אַוועק אויף לאַנג. דערפאַר איז מיין געזעגענען זיך פאַרגעקומען גיך, ווי אויף אַ קורצער צייט.

קומענדיק אין מאַרקס־שטאָט, האָט מען גלייך אונדזער מאַשין אַוועק־געשיקט קיין סאַראַטאָוו אויפן קאָנצענטראַציע־פּונקט און מיך מיט אַלעמען צוזאַמען.

# אין דעם אַלגעמיינעם קעסל

אין „וואָיענקאָמאַט" פון מאַרקס־שטאָט האָט מען ביי אונדז צוגענומען די אינדיווידועלע פּאַספּאָרטן און די מיליטער־ביכלעך, כלומרשט צום קאָנטראָלירן. דאָ זענען זיי פאַרבליבן און אונדז האָט מען אָפּגעשיקט קיין סאַראַטאָוו אויפן קאָנצענטראַציע־פּונקט.

ערשט איצט איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס מאָל בין איך שוין אַריין אין דעם אַלגעמיינעם קעסל און עס וואַרט אויף מיר אַלעמענס גורל — דער פראָנט. פאַרשטענדלעך, אַז מען וועט מיך פריער איבערשיקן אויף אויסצושולן אין איינעם פון די מיליטערישע פּאָליגאָנען. דערווייל זענען מיר פאַרפאָרן אין אַ שטרענג פאַרמאַכטן קאָנצענטראַציע־פּונקט. דאָ האָבן זיך געפונען הונדערטער, אפשר אַפילו טויזנטער מענער, אין עלטער ביז 50 יאָר: אַרבעטער, פּויערים און אינטעליגענטן. אַרום און אַרום האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. אַ געמיש פון שפּראַכן, דיאַלעקטן און נאַציאָנאַלי־טעטן. דאָס איינציקע, וואָס איז ביי אַלע גלייך — איז דאָס מעטאַלענע קעסעלע, וואָס ווערט אָפּגעהיט, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג. אָן דעם קענסטו קיין זופּ נישט באַקומען, קיין קיפּיאַטאָק (זודיקע וואַסער), דו קענסט קיין קאַרטאָפל נישט אָפּקאָכן, דיינע שמוציקע וועש נישט אויסוואַשן. מיט אַלץ האַנדלט מען דאָ, איינער מיטן אַנדערן: מיט שיך, מיט העמדער, מיט היטלען, מיט וואָס דו ווילסט, אָבער נישט מיטן קעסעלע און נישט מיטן רויט־אָפּגעפאַרבטן הילצערנעם לעפל. מען שלאָפט אין לאַנגע באַראַקן אויף צווייגאָרנדיקע פּאָלקעס. אויף שענניקעס, אָנגעפּולטע מיט שטרוי, אויף

אַ קישעלע מיט שטרוי, אָן שום ליילעכער און ציכלעך. אויך אַ קאָלדרע איז דאָ אַ יקר המציאות. שלאָפט מען טאָקע מיטן אָנטאָן, אַפּילו אין די שיך אויף די פיס (כדי צו זיין זיכער מיט זיי). דער עולם איז אַ פליסיקער, ווייל מען האַלט דאָ נישט לאַנג. אומאויפהערלעך קומען אָן מאַסן פרישע מענטשן און קיין פאַרזעסענע זענען דאָ כמעט נישטאָ. כמעט אַלע, וואָס זענען אָנגעקומען מיט מיר צוזאַמען פון באַראַ, זענען אויפן דריטן טאָג שוין אַפּגעפאָרן.

פאַרן אָוועקשיקן פּירט מען אַלע קאָלעקטיוו אין באָד אַריין, וואָס געפינט זיך אויסער דעם קאָנצענטראַציע־פּונקט. צוריק קומען זיי אויס־געשייערטע, אָנגעטוענע אין מיליטערישע מונדירן, מערסטנס שוין גע־טראָגענע דורך אַנדערע, אַמאָל אויך אין נייע. ס׳קאָסט אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, אַ ביסל משקה, אַמאָל איז גענוג אַ קעמעלע, אַ מעסערל, אָדער עפּעס אַנדערש און מען באַקומט „צופּעליק״ אַ נישט־גענוצטן מונדיר פונעם סקלאַד.

בלויז איין גרופּע מענער, מערסטנס יידן און פּאָליאַקן, אויך אוקראַינער און ווייסרוסן, ליטווינער און לאַטישן פון די אַזוי גערופענע באַפרייטע ראַיאָנען, וואָס האָבן פריער געהערט צו פּוילן — זיי האַלט מען אויף לענגער. איך האָב אויך געהערט צו דער גרופּע. עס איז שוין אַ וואָך אַריבער און מיר וואַלגערן זיך אַלץ אויף די האַרטע פּאָלקעס, מיר באָדן זיך נישט, וואַשן זיך ווייניק פונעם קעסעלע. די ברודיקע וועש וואַש איך ביים ברונעם מיט קאַלטע וואַסער. דער שאַרפער ריח פון שווייס קיצלט די נאָזלעכער און רופט אַרויס אַ ניסן.

דאָ האָב איך זיך צופּעליק געטראָפן מיט אייניקע יידן פון פּוילן, וועלכע האָבן מיך געדענקט פון לויצק, פון דער צייט ווען איך האָב געהאַט די אויפזיכט איבער די פליטים, די „ביעזשענצעס״ פון פּוילן.

איינער פון זיי, וואָס שטאַמט פון אָטוואָצק, דערמאָנט מיך, ווי איך האָב אַלעמען געראַטן, אַפּילו געבעטן, זיי זאָלן נישט פאַרשרייבן זיך צום צוריקפאָרן קיין פּוילן. אָבער נישט אַלע האָבן געוואָלט פּאָלגן, ער אויך בתוכם. האָבן זיי זיך אָנגעליטן דערפאַר. אַנשטאָט אַהיים, צום ווייב און

קינדער, האָט מען זיי אָוועקגעפירט ווייט, ווייט אין די לאַגערן אויף קאַטאָרזשנע אַרבעט, אין דער קעלט און בכלל שווידערלעכע באַדינגונגען, מיט אָן אורטייל פון געריכט, אָדער פון דער „טראָיקע”, צי גאָר אָן אַ משפט. אַ נס, וואָס מען האָט געשאָפן דעם פוילישן לעגיאָן. ערשט דאַן האָט מען די יונגערע אָפּגעלאָזט און געשיקט אין די לעגיאָנען. ער איז געוועזן איינער פון זיי. מען האָט אים אָבער נישט געוואָלט צונעמען. „צו שוואַך צו זיין אַ זעלנער — האָבן זיי געזאָגט — דו דאַרפסט גיין אין דער אַרבעט־אַרמיי!”

אַזוי אַרום האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויך מיך האָבן זיי בדעה צו שיקן אין דער אַרבעט־אַרמיי.

איינמאָל, אינמיטן דער נאַכט, איז פאָרגעקומען אָן אָנפאַל פון די דייטשע באָמבאַרדירער אויף סאַראַטאָוו. צווישן אַנדערע האָבן זיי אויך באַוויזן אַראָפּצוּוואַרפן אַ צוויי באָמבעס אויף אונדזער פונקט. אמת, זיי האָבן נישט געטראָפן קיינעם, האָבן בלויז צוויי טיפע גריבער אויסגעגראָבן אין מיטן פלאַץ, אָבער דער אָנפאַל האָט באַוויזן, אַז דער שונא האָט אַנט־דעקט דעם פונקט און מען דאַרף דאָ נישט האַלטן קיין מאָביליזירטע. שוין אויפן צווייטן טאָג האָט מען אונדזער „פּוילישע” גרופּע געפירט אין באָד אַריין. קיין מיליטערישע מונדירן האָט מען אונדז נישט געגעבן — דער בעסטער סימן, אַז מען וועט אונדז שיקן אין דער אַרבעט־אַרמיי. אויף צוריקוועגס האָב איך זיך אַרויסגעדרייט פון די רייען און אַוועק אין „אָבלאָנאָ” (קרייז־אָפּטיילונג פאַר פאָלקס־בילדונג). אומגעריכט האָב איך דאָרט געטראָפן טאָמאַרע מאָיסעיעוונע, די אָנפירערין פון די קינדער־היימען. נישט איינמאָל האָט זי מיר שוין אַרויסגעהאָלפן, ווען איך בין געווען אין אַ נויט, אויך איצט האָט זי פאַרשטאַנען מיין פּאַרדרוס, הלמאי מען שיקט מיך אין אַן אַרבעט־אַרמיי. צי האָב איך ווייניק וויכטיקערע אַרבעט אין אַנשטאַלט פאַר „שווערע” קינדער? צי נויטיקן זיך נישט אין מיר די קינדער פון מאָסקווע?

צוזאַמען מיטן פאַרוואַלטער פון סאַראַטאָווער „אָבלאָנאָ”, האָבן זיי פאַר מיר אָנגעשריבן אַ בריוו צום גענעראַל פון דעם סאַראַטאָווער וואָיענ־קאָמאַט און געבעטן מיר אָפּצושיקן צוריק קיין באַראַא, ווו איך בין ביז גאָר

נויטיק, ווו איך האָב שוין „באַוויזן מיט וויכטיקער פעדאַגאָגישער און גע־זעלשאַפטלעכער אַרבעט מיינע פעיקייטן און נוצלעכקייט פאַר אונדזער אַלגעמיינער סאָוויעטישער זאַך".

מיט דעם בריוו בין איך אַריין אין דעם „קאָנצענטראַציע־פונקט" און אים איבערגעגעבן דעם פּולקאָווניק, דעם פאַרוואַלטער פונעם פונקט.

וואָס קומט אָבער אַרויס, ווען אונדזער גרופּע איז אין אַ פּאָר שעה אַרום אָוועקגעשיקט געוואָרן מיט אַ שיף איבער דער וואָלגע אַרויף, אַרויף. ביים אַפּפאָרן האָבן מיר צוריקבאַקומען אונדזערע מיליטערישע ביכלעך, אָבער נישט די אינדיווידועלע סאָוויעטישע פּאַספּאָרטן. זיי זענען, ווייזט אויס, פאַרבליבן אין מאַרקס־שטאָט.

דורכפאָרנדיק מאַרקס־שטאָט, האָט זיך אונדזער שיף אָפּגעשטעלט ווייטער פון ברעג, דאָרט האָט זי געאַנקערט. בלויז איינצעלנע זענען אַראָפּ־געפאָרן מיט אַ קלענער שיפל צום ברעג, ווו אַ סך ווייבער און קינדער האָבן אָפּגעוואַרט זייערע מענער. אויך מיין מינדעלע איז געווען צווישן אַלע. מיטן ווונק און געשרייען האָבן מיר זיך דורכגעשמועסט. איך האָב איר דערמאָנט, אַז מיין פּאַספּאָרט איז פאַרבליבן אין היגן וואָיענקאָמאַט און געבעטן אים אָפּנעמען. איך האָב געבעטן וואַרטן אויף אַן אַדרעס פון מיר. זי איז, ווייזט אויס, געווען צופרידן, וואָס מען פירט אונדז אין דער קעגן־ריכטונג פונעם פראָנט. אין דעם אַלגעמיינעם גערויש און געשריי איז בעסער געווען צו שווייגן. מיר האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן און געשמועסט צווישן זיך אָן ווערטער. בלויז די הערצער און די אויגן האָבן גערעדט. דאָס „געשפּרעך" האָט געדויערט לאַנג, לאַנג, אַן אויפהער, ביז אונדזער שיף האָט זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין און פאַרשוווּנדן געוואָרן אין האָריזאָנט. אויך דאַן האָב איך פאַרמאַכט די אויגן און אונדזער „געשפּרעך" האָט זיך געצויגן נאָך לאַנג דורכן עטער, באַגלייט מיטן גערויש פון די שוימיקע כוואַליעס...

# אין אוליאַנאָווסק

די שיף האָט אונדז געפירט מיט דער וואָלגע קיין אוליאַנאָווסק. מיר זענען געווען פאַררעכנט אַלס מאָביליזירטע אין דער „אַרבעט־אַרמיי", וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער קויבישעווער אייזנבאַן: ווייל לאַזאַר מאַיסעיעוויטש קאַגאַנאָוויטש איז געווען דער מיניסטער פון באַן־וועזן פון ראַטן־פאַרבאַנד — האָט מען אונדז גערופן „קאַגאַנאָוויטשעס אַרמיי". ער האָט שוין באַזאָרגט זיין „אַרמיי" מיט „בראָן", ד. ה., אַז אונדז האָט מען שוין נישט מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי. אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין צוהעלפן דער אַרמיי ברענגען דעם נצחון. בלויז איין טאָג זענען מיר פאַרבליבן אין אוליאַנאָווסק (געוועזענער נאָוואָסימבירסק). אַן אַלטע רוסישע שטאָט מיט שמאָלע גאַסן, אויסגעברוקירטע מיט פילשפּיציקע קרעמענעס, איין און צווייִשטאָקיקע מויערן, מענער בלויז עלטערע און פרויען מיט קינדער אַנגעפּלעצטע. עס איז געווען האַרבסט און די ווינטן האָבן אַראָפּגעשיט געלע בלעטער פון די ביימער. עס האָט גערעגנט און אין די נעכט האָט די קעלט זיך איינגעגעסן אין די ביינער. די שטאָט אוליאַנאָווסק איז געווען באַרימט איבער גאַנץ ראַטן־פאַרבאַנד, ווייל דאָ איז געבוירן געוואָרן, דאָ האָט געלעבט און געלערנט ל ע נ י ן — דער שעפער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. מיר האָבן מיט גרויס אינטערעס און דרך־ארץ באַזוכט דאָס הויז פון לעניגען. אַלץ איז געבליבן אויפן אָרט ווי געווען: לעניגס שלאָפצימער אויפן צווייטן שטאָק, די שאַפע מיט די ביכער, דער טיש, ביי וועלכן ער פלעגט צוגרייטן די לעקציעס. אַלץ אַזוי פשוט־רוסיש, רייכע דעמבענע מעבל אַלטמאָדישע, דער גרויסער זאַל פאַר געסט, דער איינפאַכער אַריינגאַנג מיטן שילדל, וואָס דערציילט, אַז דאָ איז געבוירן געוואָרן און דאָ האָט געלעבט לענין...

דעם זעלבן טאָג זענען מיר אָפּגעפאָרן מיט דער באַן אויף אַן אָרט הינטער אוליאַנאָווסק. אַרום האָט זיך געצויגן דער פּוסטער סטעפּ. אויףביידע זייטן פון דער באַן־ליניע. דאָ זענען שוין געווען אויפגעשטעלט אַ פּאָר צענדליק לייוונטענע מיליטערישע פּאַלאַטקעס מיט צווייִשטאָקיקע נאַרעס צום שלאָפן. אין דער מיט האָט געוויכערט אַ מיליטערישע פעלד־קוך, פון

וואַנען ס׳האָט זיך געלאָזט הערן דער ריח פון געריישטע ציבעלעס, וואָס האָט גערייצט דעם אַפּעטיט. גאַר שנעל האָט מען אונדז איינקוואַרטירט, צו צען אין יעדער פּאַלאַטקע, און שוין זענען מיר געשטאַנען אין דער ריי ביי דער קוך, כדי צו באַקומען אַן הייסן טשערפּאַק (גרויסער לעפל) הירזש־זופּ מיט אַ לעבל ברויט. אין יעדער פּאַלאַטקע איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש פון נישט געהיבלעוועטע ברעטער. די אונטערשטע נאַרעס האָבן אויך געדינט פּאַר בענקלעך צו זיצן. צוליב דעם, האָבן אייניקע געוואָלט בעסער שלאָפן אויף דער אויבערשטער נאַרע. די הייסע זופּ האָט גוט געשמעקט. אַלע זענען געווען הונגעריק און באַזונדערס נאָך אַ הייס מאכל. געשלאָפן בין איך געשמאַק, כאָטש ביינאַכט איז געווען קאַלט און די קאָלדרע איז געווען אַ בייקענע און האָט גאַר שוואַך געוואַרעמט.

די קלאַנגען פון שטאָלערנעם גאָנג האָבן אונדז אויפגעוועקט. ביי אַ הענגנדיקן האַנטפאַס מיט אַ פּאַר מעשענע סאָסקעס האָבן מיר זיך געוואַשן, שנעל, אויבנאויפיק, מיט קאַלט וואַסער, אַפּגעראַזירט זיך אין דער פּאַלאַטקע מיט אַן אַלייראַזירער, שטייענדיק, און אָפּגעכאַפּט דעם זעלבן הירזשענעם זופּ פון נעכטן. איצט האָט ער שוין ווייניקער געשמעקט. דערפּאַר האָבן מיר באַקומען אויך אַ צוגאָב: צו צווי לעפל הירזשענע קאַשע, מיט אייל באַפּעצט. דערנאָך האָבן מיר באַקומען קירקעס און לאָפּאַטעס און געלאָזט זיך צום ערשטן מאָל צו דער אַרבעט. מיר זענען געגאַנגען ביז צו די באַן־ליניעס. אויף עטלעכע אָפענע פּלאַטפאָרמעס האָט אַ קליינער לאָקאָמאָטיוו אונדז אָפּגעפירט אַ מרחק פון אַ 10 — 12 קילאָמעטער. ערשט איצט האָב איך באַמערקט, אַז אויף דער גאַנצער לענג פון אוליאַנאָווסק אַן ציט זיך נאָר איין־און־איינציקע באַן־ליניע. דאָ האָט מען אונדז דערקלערט: היות דער פראָנט נויטיקט זיך אין כלי־זין, פּראָדוקטן און אַמוניציע, וואָס מוזן אומאויפהערלעך צוגעשטעלט ווערן דורך דער באַן, קען דערפאַר די איינציקע באַן־ליניע נישט באַפרידיקן. דעריבער מוזן מיר, ווי אַמשנעלסטן, בויען נאָך יעדע 12 קילאָמעטער וועג אַ פּאַראַלעלע ליניע, וואָס וועט געבן אַ מעגלעכקייט די באַנען זיך אויסצומיידן. דאָס איז די וויכטיקסטע שלאַנג־אויפגאַבע, וואָס איז אונדז פאַרטרויט געוואָרן. דערווייל האָבן מיר בלויז געדאַרפט צוגרייטן דעם באָדן, אויסגלייכן אים. די שטאָלענע רעלסן

און די שפּאַלעס זענען נאָך דערווייל נישט געווען אויפן אָרט. די אַרבעט וועלן, ווייזט אויס, אויספירן ספּעציאַליסטן, וואָס זענען איצט פאַרנומען ערגעץ אַנדערש.

מיר האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט מיט ברען, מיט חשק. מיר האָבן פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון אונדזער אויפגאַבע פאַרן פראָנט. יעדער איינער האָט באַקומען אויסגעמאָסטענע צאָל מעטער, אַלע האָבן זיך צעשטעלט אויף זייערע ערטער און צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. אייניקע פון אונדז האָבן באַקומען גלייכערע שטחים — איז זיי געווען לייכטער די אַרבעט, אַנדערע ווידער, האָבן געהאַט גרעסערע טאָלן צו פאַרשיטן, אָדער בערגלעך אַראָפּצונעמען. זיי איז, פאַרשטענדלעך, געווען שווערער. אָבער פון צייט צו צייט פלעגט זיך דערהערן אַ רוף „פּערעקור" (רויכערן) און אַלע האָבן פאַרלאָזט די אַרבעט און גענומען זיך צום רויכערן. איך האָב נישט גערויכערט, האָב איך דאַן גערוט, אָדער געלייענט אַן אַלט שטיקל צייטונג, וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט ביי מיר אין די קעשענעס.

וואָס מער מען האָט געאַרבעט, איז דער „פּערעקור" געוואָרן אָפטער. קיינער האָט נישט רעאַגירט דערויף. וואָס האָב איך געקענט זאָגן? איך בין דאָך נישט געווען געוווינט צו פיזישער אַרבעט, דאָך בין איך נישט אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע פויערים, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן געאַרבעט מיט דער לאָפּאַטע. אמת, עס האָבן זיך באַוויזן רויטע צייכנס אויף מיינע הענט, עס איז געוואָרן אַפילו ווייטיקלעך אויף די ערטער, דאָך האָב איך זיך באַמיט נישט אָפּצושטיין פון אַנדערע.

אויפן פינפטן טאָג האָט אויסגעפּעלט ברויט. מען האָט נישט צוגעשיקט פון אוליאַנאָווסק. די אַרבעטער האָבן עפּנטלעך נישט אַרויסגעוויזן זייער אומצופרידנקייט, געברומט שטילערהייט, אָבער דאָך געגאַנגען צו דער אַרבעט. די צייט איז אַן ערנסטע — מלחמה־צייט. פאַר נישט גיין צו דער אַרבעט וואַרט אויף אונדז, מאָביליזירטע, דער מיליטערישער טריבו־נאַל און דאָס שמעקט מיט יאָרן טורמע און לאַגער. די אַרבעט האָט זיך אָבער נישט געקלעפּט ביי קיינעם. צו אָפט זענען געווען די „פּערעקורן" און געדויערט האָבן זיי לענגער, ווי שטענדיק. אין סך הכל איז די אַרבעט אויסגעפירט געוואָרן אויף דער העלפט. דער בריגאַדיר האָט געשוויגן,

ווייל, וואָס האָט ער געקענט זאָגן, ווען אַרבעטער זענען הונגעריק. דאָס ביסל שיטערע הירזש־זופּ קען נישט אַנזעטיקן.

אויפן אַנדערן טאָג האָבן מיר באַקומען דאָפּלטע פּאָרציעס ברויט. אָבער די אַרבעט איז נישט פאַרדאָפּלט געוואָרן. נאָכן ערשטן „ראַזיעזד" האָבן מיר אויך געמאַכט דעם צווייטן און דעם דריטן. דער מרחק האָט זיך אָפּגערוקט פון אונדזער וווין־אָרט אויף גאַנצע 48 קילאָמעטער. אויך דאָ זענען געשטאַנען פּאַלאַטקעס פאַר אונדז צו נעכטיקן, אַהער זענען מיר אַריבער וווינען. דאָ איז אויך געווען אַ באַן־סטאַנציע און אַ שטעטל. איין־מאָל בין איך פריער פון אַלע אַוועקגעגאַנגען צו דער סטאַנציע און אָפּגע־וואַרט מיינע חברים. ווי נאָר איך האָב באַמערקט פונדערווייטנס קינדער אין שול־עלטער אַדורכגיין, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: ווען מיין פרוי וואָלט דאָ באַקומען אַרבעט, אַלס לערערין אין אַ שול, וואָלט זי אַריבערגעפאָרן אַהער מיטן זון. מען וואָלט באַדאַרפט אַריינגיין אין אַ שול אַ פרעג טאָן, צי נויטיקן זיי זיך נישט אין אַ לערערין. אַזוי טראַכט איך און באַמערק ווי צוויי מיידלעך־פּיאָנערקעס, מיט רויטע קראַוואַטן אַרום האַלדז, גייען פאַרביי מיר.

„מיידעלעך, — ווענד איך זיך צו זיי — אַט דאָרטן איז אייער שול?" — און וויין זיי אָן אויף אַ העכערער געביידע, וואָס מען קען זען פונדער־ווייטנס.

„ניין!" — ענטפערן זיי ביידע צוזאַמען און שפּאַנען שנעל אָפּ, ווי זיי וואָלטן זיך דערשראָקן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום קומט צו צו מיר אַ מיליטער־מאַן, אַ מאַיאָר, און פאָדערט ביי מיר מיינע דאָקומענטן. איך ווייז אים מיין מיליטעריש ביכל. ער קוקט אַפילו נישט אַריין אין דעם, און באַפעלט:

„קומט מיט מיר!"

איך גיי נאָך אים. מיר גייען אַדורך אַ טויער און ביים אַריינגאַנג שטייט אויף דער וואַך אַ זעלנער, מיט אַן אויטאָמאַט פון פאָרנט. דער מאַיאָר האָט צו אים בלויז אַ ווונק געטאָן און דער זעלנער האָט אונדז ביידע אַדורכגעלאָזט. ביים אַריינגאַנג האָב איך באַמערקט אַ טאָוול מיטן אויפשריפט: „די פאָרווערטע זאָנע". דער מאַיאָר האָט מיר צוגעפירט צו

אַ בודקע. דורכן פֿענצטערל האָט אַרויסגעקוקט אַ מאַטראָס, צו אים האָט זיך געווענדעט דער מאיאָר:

„קוקט איבער זײַנע דאָקומענטן! ווּ זענען אַהינגעקומען די מיידלעך, די פֿיאַנערקעס?".

„זיי האָבן זיך געאײַלט אין שול אַרײַן, חבר מאיאָר!" — האָט געענטפֿערט דער מאַטראָז, צונעמענדיק מײַן מיליטערישׂ ביכל בײַם מאיאָר. דער מאיאָר האָט זיך אויך זייער געאײַלט און איז שנעל אַוועקגעגאַנגען.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען אַרויסגעקומען דרײַ מאַטראָסן אין בלויע מונדירן און קײַלעכדיקע בערעטן מיט לענטעס פֿון אונטן. אַלע מיט די רעוואָלווערן אין די הענט. די פּנימער ערנסט און שטרענג:

„מאַרש פֿאָרויס!" — האָט זיך דערהערט אַ באַפֿעל. איינער גייט פֿון פֿאָרנט, צוויי אין די זײַטן און איך אין דער מיט. זיי האָבן מיר געפֿירט און געפֿירט. צום ערשטן מאָל האָב איך דערזען פּאָר זיך די „פּאָרווערטע זאָנע": עס איז אַ שטאָט מיט הויכע מויערן, מיט ברייטע אויסברוקירטע גאַסן. עס איז מסתּמא אַ פֿאַרבאָרגענער פּאָרט אויף דער וואָלגע, טראַכט איך מיר. כאָטש איך פֿיל זיך נישט שולדיק אין גאָרנישט, דאָך באַהערשט מיך אַ געפֿיל פֿון פּחד, וואָס קומט אָפּט פֿון אַן אויסטערלישער איבערלעבונג. בײַ איינעם פֿון די בנינים האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און מיך אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן דריטן שטאָק. דאָ האָבן זיי מיך איבערגעגעבן אַן עלטערן מענטשן, אין מיליטערישן מונדיר, וועלכער האָט גענומען אויספֿילן אַ גרויסן פֿראַגע־בויגן פֿון הונדערטער פֿראַגן. אייניקע וועגן זיך, וועגן מײַנע עלטערן, וועגן מײַן פֿאַמיליע, ווּ וווינען זיי, ווּ אַרבעטן זיי און נאָך און נאָך... איך האָב זיך באַמיט אויף אַלע פֿראַגן צו ענטפֿערן פּינקטלעך, אויף וויפֿיל מײַן זכרון האָט מיר געדינט. אָפּט פֿלעגט מיר אויסקומען וואַרטן אויף דער ווײַטערדיקער פֿראַגע, ביז ער האָט געענדיקט דאָס פֿאַרשרײַבן. איך האָב אַבסאָלוט נישט געקלערט און געענטפֿערט. די פּראָצעדור האָט זיך געצויגן עטלעכע שעה צײַט, איך בין מיד געוואָרן פֿון זיצן אויף איין אָרט און ענטפֿערן אויף פֿראַגן.

ער האָט אָנגעקלונגען. עס האָבן זיך באַוויזן די זעלבע דרײַ מאַטראָזן און מיך ווײַטער געפֿירט אין אַן אַנדער הויז. אויך דאָרטן האָט מען אויס־

געפילט דעם זעלבן בויגן מיט פראַגן און אַלע מיינע ענטפערס זענען פּינקטלעך פאַרשריבן געוואָרן. איך האָב נאָכאַמאָל געדאַרפט חתמענען אויף יעדן בויגן באַזונדער. אַמשווערסטן איז געווען די פראַגע: „ווי אַזוי האָב איך זיך אַריינבאַקומען אין דער פאַרוועטער זאָנע? צוליב וועלכע צוועקן? פאַר וועלכער פרעמדער מלוכה אַרבעט איך?"

קיין שום פאַרענטפערונגען האָבן זיי נישט איבערצייגט. זיי האָבן, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, נישט געהאַט דעם קלענסטן צווייפל, אַז איך בין אַ שפּיאָן.

אויפן דריטן אָרט, וווהין די מאַטראָסן האָבן מיך געבראַכט, האָט מען שוין גערעדט מיט מיר האַרבע דיבורים, מיט דעם עכט רוסישן לשון, געשאָלטן אין דער מאַמען אַריין און נאָך שאַרפער, איינער האָט זיך פאַר־מאָסטן מיט אַ פויסט מיך צו „בענטשן", דער צווייטער האָט אפילו גע־דראָט צו דערשיסן אויפן אָרט.

ווען איך האָב געבעטן אַ ביסל וואַסער צו טרינקען, ווייל איך האָב געפילט אַז ענגשאַפט און טריקעניש אין האַלדז, האָט מען מיר פאַרגעלייגט אַ ציגאַרעט צום רויכערן, וויסנדיק, אַז איך רויכער נישט. פאַרנאַכט־צו האָט מען מיך אָוועקגעפירט צו מיין געצעלט. ווו איך בין געשלאָפן. די חברים זענען שוין צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. מען האָט איבערגענישטערט דאָס געצעלט. אַרויסגענומען כמעט אַלץ פון מיין וואַליזע, צוריק אַריינ־געלייגט און מיטגענומען די וואַליזע מיט זיך. איך האָב באַמערקט, אַז מיינע חברים באַציען זיך צו מיר ווי פרעמדע, ווי זיי וואָלטן מיך צום ערשטן מאָל געזען, קיין גוט וואָרט וואָלט זיכער קיינער פון זיי אויף מיר נישט געזאָגט. קיינער פון זיי וואָלט זיכער נישט געוואָגט צו צווייפלען אין דעם, אַז איך בין אַ שפּיאָן.

פון דאָרט האָט מען מיך אָוועקגעפירט אין „סמערטש", צו אָט די אמתע זוכערס און כאַפּערס פון שפּיאָנען. דאָ האָבן דאָס זעלבע שפּיל איבערגעהזרט מענטשן אין ציווילע מונדירן. לויט די פראַגן, וואָס זיי האָבן מיר געשטעלט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז במשך פונעם טאָג האָבן זיי זיך נישט ווייניק דערוווּסט וועגן מיר, לויט די אָנגעגעבענע דורך מיר אַדרעסן.

פון מיין וואַליזע האָט מען אַרויסבאַקומען פאַרשידענע צייגענישן. דאָ־

קומענטן, אפילו דעם דיפלאָם, וואָס איך האָב באַקומען פון וו.צ.ס.פּ.ס. (פּראָ־פעסיאָנעלע פאַריינען) פאַר מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. זיי האָבן אָבער זיך געמאַכט, אַז ס'אינטערעסירט זיי ווייניק.

איינער האָט זיך ציניש אָפּגערופן: „דאָס איז ווייך פּאַפּיר, וואָס קען אַמאָל צונוץ קומען. דער עיקר, ווו איז דער פּאַספּאָרט? דער סאָוויעטישער דאָקומענט?"

במשך פון אַ גאַנצן מעת לעת האָב איך קיין טראָפּן וואַסער אין מיין מויל נישט געהאַט. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט מיט אַ שנעלערן טעמפּ, ווי שטענדיק. ביסלעכווייז האָט מיך באַהערשט אַ יאוש און אַפילו גלייכגיל־טיקייט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז קיין אַרגומענטן און איבערצייגונגען וועלן זיי נישט רירן. איך האָב שוין קיין כוח נישט געהאַט צו רעדן, האָב איך זיך פאַרעקשנט און געשוויגן. קיין שום דראַאונגען, אַפילו קלעפּ האָבן שוין נישט געהאָלפן און נישט גערירט.

„איר קענט מיר דערהרגענען. איך בין ביי אייך אין די הענט!" — האָב איך אויסגעשריגן נישט מיט מיין קול. — נאָר ווייסט, אַז איך בין אומשולדיק!..."

במשך פון עטלעכע טעג האָט מען מיך געהאַלטן אונטער דער שרעק פון טויט. עס איז שרעקלעך געווען דער געדאַנק, אַז מען וועט מיך אומברענגען אָן שום שולד, אָן אַ פאַרוואָס. עס איז אָבער געשען אַ נס. ערשטנס האָבן זיי באַקומען גינסטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן מיר. ווי נאָר מען האָט דערמאָנט דעם נאָמען פון בעניאַמין יעפימאָוויטש, אָדער לובאַ־ראָוואַ, האָט אַ שטראַל פון האָפענונג באַשיינט מיין פּנים. אויך דאָס, וואָס מיין ווייב האָט אָפּגענומען אין מאַרקס־שטאָט מיין פּאַספּאָרט און אים צוגעשיקט דורך דער פּאָסט — דאָס האָט באַוויזן וווּנדער. איצט האָבן זיי שוין גערעדט מיט מיר מילדער און האָבן מיר אַפילו פאַרגעלייגט צו פאַר־בלייבן ביי זיי, אַלס לערער פון דער דייטשער שפּראַך. איך האָב זיך אָפּגע־זאָגט. איך האָב געוואָלט פונדאַנען אַנטלויפן. דאָ בין איך געוואָרן אומ־שולדיק באַשולדיקט, דאָ האָט מען מיך געפּלאָגט און באַליידיקט...

יואל פערעל

# גלאַטאָווקע

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז מען אַנטקעגנגעקומען מיין ביטע און מיך אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער אָרט — קיין גלאַטאָווקע. עס איז מיר קיין שאָד נישט געווען זיך צו שיידן מיט מיינע ביז־איצטיקע שכנים. זיי זענען מיר געווען פרעמד, איצט נאָך פרעמדער, ווי פריער. אַזאַ באַציונג וואָרט יעדן איינעם אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווען ער פאַלט אַ קרבן פון אַן אויסגע־טראַכטן בילבול. יעדער וויל פאַרהיטן דאָס אייגענע לייב און לעבן. עס איז, טראַכטן זיי, גלייכער מיט אַזאַ איינעם נישט האָבן קיין מגע ומשא, בעסער זיין פון דער ווייטנס...

אין גלאַטאָווקע האָט זיך געפונען איינער פון די פּראָראַב־פּונקטן פון דער קויבישעווער אייזנבאַן. דאָ זענען געבויט געוואָרן עטלעכע צווייגן צו דער איינציקער הויפּט־ליניע, דאָ האָבן געאַרבעט מאָביליזירטע אַרבעטער, מענער און פרויען אין די הונדערטער, פון דאַנען פלעגן אויך אַרויסגעשיקט ווערן בריגאַדעס צו בויען ווייטערדיקע שייד־וועגן אויף דער גאַנצער ליניע.

די אַרבעטער האָבן געוווינט אין גרויסע הילצערנע באַראַקן, אין וועלכע עס זענען איינגעמאָנטירט געוואָרן צווייישטאָקיקע נאַרעס צום שלאָפן. עס האָט אָבער נישט געקלעקט אין די באַראַקן קיין ערטער פאַר אַלעמען, פלעגט מען צעשטעלן איניקע איבער די פּריוואַט הייזער, ווי אַמאָל די רעקרוטן. אַ גאַנצן טאָג פלעגן אַלע זיין ביי דער אַרבעט, בלויז אויף ביינאַכט פלעגן זיי קומען שלאָפן.

מיט באַזאָרגן שלאָף־ערטער האָט זיך פאַרנומען דער קאָמענדאַנט. יאַקוב יעזשעווסקי האָט מען אים גערופן. ער איז געווען אַ ייד אין די פערציקער יאָרן, געשטאַמט פון לענינגראַד. פון דער באַלאַגערטער שטאָט האָט מען אים אַרויסגעפירט אַ שווער קראַנקן. נאָכן אָפּזיין אַ שטיק צייט אין שפּיטאָל, איז ער אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער אַרבעט־אַרמיי קיין גלאַטאָווקע. וויל ער איז געווען פאַררעכנט אַלס אַזעלכער, צו וועלכן מען קען האָבן צוטרוי, האָט מען אים באַשטימט אַלס קאָמענדאַנט פונעם פונקט. ווי נאָר איך בין אָנגעקומען, האָט ער, יאַקוב, מיט מיר זיך פאַראינטערע־

סירט. עס איז נישט אַזוי לײַכט געווען צו באַקומען אַן אָרט צום שלאָפן אין די פּריוואַטע הײַזער, ווײַל אומעטום איז שוין געווען פול און די באַלעבאַטעס פלעגן זיך שוין קלאָגן, אַז עס איז זיי ענג און נישט באַקוועם. מיך, אײנעם אַליין, האָט דער קאָמענדאַנט אַרײַנגעפירט אין אַ הויז פון צוויי שוועסטער, גאַטספּאַרכטיקע פרויען, אין עלטער פון 70 און 80 יאָר. זייער דירה איז שוין אַזוי אויך געווען פאַרנומען: אין דער לינקער זייט האָט געוווינט אַן עוואַקואירטע פאַמיליע, אַ פרוי מיט אַ מוטער און אַ האַלב־פּאַראַליזירטער זון. אין דעם ערשטן אַדורכגאַנגס־צימער איז געווען אָפּ־געצוימט אַ ווענטל פון דיקט, אַ פּיצל צימערל פון צוויי אויף צוויי מעטער — דאָרט האָט געוווינט אַ פרוי, וואָס האָט געאַרבעט אין דער היגער פּאָסט. דעם מיטלסטן צימער האָט פאַרנומען אַ יונגע מוטער מיט אַ דריי־יעריק טעכטערל, צוזאַמען מיט איר שוועסטער. ביידע זענען עוואַקואירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ מיליטערישן זאַוואָד, וואָס האָט דאָ פאַרגעזעצט דאָס אויס־אַרבעטן געווער פאַרן פראָנט. ביידע שוועסטער האָבן געאַרבעט אין דעם זאַוואָד. די מענער פון אַלע דריי פרויען זענען געווען אין דער רויטער אַרמיי. בלויז אַ שמאָל צימערל און אַ קוך האָבן ביידע אַלטע פרויען פאַר־נומען אין דער רעכטער זייט.

„שוין עטלעכע מאָל האָבן מיר די אַלטיטשקע אָפּגעזאָגט און נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן קיינעם. קומט, לאָמיר פּרוּוון נאָך איין מאָל!" — האָט צו מיר געזאָגט יעזשעווסקי אויפן וועג. מיר זענען אַרײַנגעקומען אין שטוב אַרײַן. אין שטוב איז טאַקע ענג, דער גרויסער רוסישער אויוון האָט פאַר־נומען אַ האַלבע קוך. דאָך האָב איך נושא חן געווען ביי די אַלטיטשקע און זיי האָבן מיך איבערגעלאָזט ביי זיך.

„מילא — האָט זיך אָנגערופן די גאָר אַלטע באַבע, נישט דײַטלעך, מיט איר אָנצייניק מויל — וועסטו שלאָפן מיט מיר צוזאַמען אויף די פּאַלאַטעס, אָט דאָרטן איבערן אויוון. וואָרעם איז דאָרט, ווי אין אַן אויער... כי...כי..."

איך בין ביי זיי פאַרבליבן און גאָר קיין חרטה נישט געהאַט. זיי זענען אויך געווען צופרידן פונעם „פּרימאַק". אַ ווירטשאַפט האָבן זיי געהאַט אַ נישקשהדיקע: אַ קו, אַ גאָרטן, אַ קעלער מיט אָנגעטאָפּטשעטן

שניי. אַ העמערל איז געווען, טשוועקעס אויך. פלעג איך אַרומגיין אין מיין פרייער צייט און באַלעבאַטעווען: דער פלויט זאָל זיך נישט צעשיטן, די קו זאָל נישט קענען אַנטלויפן.

אַנגעהויבן אַרבעטן האָב איך אין דער בריגאַדע פון יאַנאַסטאַסן, ביי אַפּשיטן אַ באַרג און איבערשיטן די ערד ווייטער, אויף אַ מרחק פון אַ צוואַנציק מעטער. יאַנאַסטאַס איז געווען אַ קרעפּטיקער יאַט, אין די מיטעלע יאָרן, פון די לאַטישן, מיט שיקלדיקע, כיטרע אויגן, מיט אַ צעקאַליעטשעטער רוסישער שפּראַך. אַמאָל איז ער געווען גאָר אַ שישקע אין „טשעקאַ״ (אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע), שפּעטער געזעסן אין טורמע און אָפּגעקומען אין אַרבעטס-לאַגער, אַלס טראַצקיסט, איצט — אַ בריגאַדיר אין דער אַרבעט-אַרמיי. אַזעלכע, ווי ער, זענען געווען נישט ווייניק אין דער אַרבעט-אַרמיי. זיי האָבן גאָר נישט געבענקט נאָכן פראָנט. דאָ פלעגט מען באַקומען 800 גראַם ברויט אַ טאָג, דריי מאָל אין טאָג צו שיסל „בורדאַ״ (שיטערע זופּ), אַמאָל אויך אַ פּאָר לעפל הירזשענע קאַשע. און אַרבעט? — אַרבעט מען זיך נישט איבער. דאָ איז נישט קיין לאַגער. דער „פּערעקור״ איז דאָ אַן אָפּטע און גוטע זאַך. מען צעלייגט אַ פייער פון אַלטע שפּאַלעס, מען זיצט אַרום און אַרום און מען זינגט „קאַטיושאַ״. אַמאָל האָב איך פאַר אַלעמען געלייענט פון אַ צייטונג עפּעס וועגן פראָנט, אַ דערציילונג וועגן אַ העלדישן פליער, אָדער טאַנקיסט. אדרבה, פאַרוואָס נישט? עס איז זייער אינטערעסאַנט! „די אַרבעט איז קיין וואָלף נישט — זי אַנטלויפט נישט אין וואַלד אַריין!״ — אַזוי פלעגט דער בריגאַדיר אַליין זיך וויצלען און אַלע האָבן געלאַכט.

אויבן דאָ, אויפן אָרט, אין גלאַטאָווקע, פלעגט מען נאָך צו ביסלעך אַרבעטן, איז מען שפּעטער, ווען אונדזער בריגאַדע, אַרום פופציק מענער, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן ווייטער, אויף אַ קליינער סטאַנציע, צו בויען אַ „ראַזיעזד״ — אינגאַנצן געגאַנגען פּוסט און פּאַס. פאַרוואָס? ווייל מען האָט נישט צוגעשיקט קיין ברויט. אַ טאָג און נאָך אַ טאָג — קיין ברויט איז נישטאָ. האָבן זיך די אַרבעטער געלאָזט אין די אַרומיקע דערפער עפּעס צו פאַרדינען. אין די דערפער זענען קיין יונגע מענער כמעט נישט פאַראַן. בלויז פרויען „סאָלדאַטקעס״ און גאָר אַלטע ייִדעס און אינוואַלידן.

פעלן טאָקע אַרבעטס־הענט. האָדעווען די באָלעבאָסטעס צו דער זאַט, בפרט באָד, ווען זי איז יונג און דער מאַן איז ערגעץ ווייס איך ווו...

דער בריגאַדיר מיט זיינע חברים זענען געלעגן אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע אין דער באָד, מיט די בייכער אַראָפּ און געשפּילט אין קאָרטן, דערביי נישט אויפגעהערט צו שפּייען דורך די ציין און שיטן מיט קללות. ווי פון אַ זאַק. די „גייער" אין די דערפער האָבן אים באַזאָרגט מיט אַלדאָס גוטס — וואָס נאָך האָט אים געפעלט ?

צוקוקנדיק זיך צו דעם תוהו ובוהו, וואָס האָט זיך געשאַפן, איז מיר אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק אָנצושרייבן וועגן דעם קיין קוּבּישעוו, צום הויפּט־דירעקטאָר פון דער אייזנבאַן און אָרייַנוואָרפן דאָס בריוועלע אין דער דורכפאָרנדיקער באַן. אין רעזולטאַט פון דער אינפאָרמאַציע, איז אָנגעקומען אויפן דריטן טאָג אַ פאָרשטייער פון קוּבּישעוו, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען ווי הפקר עס איז די בריגאַדע אַרבעטער, וואָס איז ווי פאַרגעסן געוואָרן: ווי אומנוצלעך עס ווערן אויסגענוצט אין אַזאַ שווערער מלחמה־צייט אַרבעטער־הענט. ער איז אָוועקגעפאָרן קיין גלאָ־טאָווקע און אָנגעמאַכט אַ רעש און געפּילדער: דער פּראָראָב סמירנאָוו איז אַראָפּ פונעם בענקל און איז פאַרביטן געוואָרן דורך אַ נייעם — מאָ־לאָפּיענקאָ. פאַר אונדז האָט מען צוגעשיקט אַ מאַשין מיט ברויט. עס האָט געקלעקט צו דעקן דעם חוב פאַר זעקס הונגעריקע טעג און נאָך אויף צוויי טעג פאָרויס. די גאַנצע בריגאַדע איז צוריקגערופן געוואָרן קיין גלאָטאָווקע.

פאַרן אומקערן זיך קיין גלאָטאָווקע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ זשוואָוועַר האַנדל מיט ברויט. נישט ווייט פון אונדז האָט סטאַציאָנירט אַ פּולק זעלנער. ווי נאָר עס איז דערגאַנגען צו זיי די ידיעה, אַז מיר האָבן ברויט, האָט מען אָנגעבראַכט אָן אַ שיעור זאַכן: שטיוול, ליילעכער, סוועטערס צו פאַרבייטן אויף ברויט. דער האַנדל איז אויך דערגאַנגען צום שוואַרצן מאַרק איז אינזע, אויב נישט מיטן ברויט, איז מיט די זאַכן, וואָס מען האָט באַקומען פאַרן ברויט.

מיר זענען צוריק אַריבער צו די אויסגלייך־אַרבעטן. מען האָט געאַר־בעט בלויז מיט דער לאָפּאַטע. עס זענען אַפילו געווען טאַטשקעס, נאָר

קיינער האָט זיך מיט זיי נישט באַנוצט. מען איז געשטאַנען אין דריי פּאַראַלעלע רייען און איין ריי האָט אַריבערגעוואָרפן די ערד צו דער צווייטער און די צווייטע ריי צו דער דריטער. ווען איך האָב געפּרוּווט מאַכן פאַר זיך אַ וועג פאַרן ראָד פון דער טאַטשקע, לייגנדיק ברעטער, אַנגעפילט מיט ערד די טאַטשקע און אַריבערגעפירט זי גלייך אויפן אָרט, האָבן אַנדערע געלאַכט פון מיר און געחוזקט. איינמאָל האָב איך בשעת דעם „פּערעקור״ געוואָלט די חברים איבערצייגן, אַז מיין אַרבעט מיט דער הילף פון דער טאַטשקע איז נישט שווערער און די פּראָדוקטיוויטעט איז פיל גרעסער, איז צופעליק דורכגעגאַנגען דער בריגאַדיר פון דער פּרויען־בריגאַדע, וואָס איז באַשטאַנען פון טאַטאַרקעס און אוזבעטשקעס, און זיך צוגעהערט צו מיינע רייד. ער האָט מיך דאַן אָוועקגערופן אין אַ זייט און שאַרף־שפּיציק אַ זאָג געטאָן: „וואָס פלאַפּלסטו דאָרט, דו משוגענער קאָפּ? דיין לעבן איז דיר נמאס געוואָרן?״ — און ער איז אַוועק.

די פּאָר ווערטער פון אַ בריגאַדיר האָבן מיך איבעראַשט. איך האָב אין זיי אַריינגעטראַכט און פאַרשטאַנען זייער באַדייט. אין אָוונט האָב איך זיך געטראָפן מיטן קאָמענדאַנט יאַקוב יעזשעווסקי, מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן און שמועסן. מיט וועמען האָב איך זיך דאָ געקענט חברן, אויב נישט מיט אים? ער איז געווען אַ קלוגער ייד, אַן אויסגעפּרובירטער און אַ חברישער דערצו. אים האָב איך דערציילט וועגן די רייד פון דעם בריגאַדיר פון דער פרויען בריגאַדע.

„יאָ, ער איז אַ פאַרדעכטיקטער טיפּ, זעט אויס, ווי אַ ציגיינער. פון זיין בריגאַדע אַנטלויפן טאָג־טעגלעך איינע אָדער צוויי. זיי גיבן אַוועק די באַן־פירער זייער חודשלעכע ברויט־קאַרטע און יענע פאַרבאַהאַלטן זיי אויס אין וואַגאָן״ — אַזוי האָט יעזשעווסקי זיך אויסגעדרוקט.

יעזשעווסקי האָט מיר צוגעהאָלפן זיך איינאָרדענען אַלס סעקרעטאַר ביים פּראַראַב. עס האָבן זיך אַנגעהויבן די ווינטערדיקע טעג: קורצע און קאַלטע. אוודאי איז בעסער געווען צו זיצן אין דעם אויסגעוואַרעמטן וואַגאָן און שרייבן די קאָרעספּאָנדענץ און באַריכטן. דער פּראָראַב מאַלאַ־פּיענקאָ איז געווען אַ הויכער, דאַרער פאַרשוין, אַן אוקראַינער, וואָס האָט געציטערט פאַרן בענקל, געווען שטרענג און פּעדאַנטיש. אַממערסטנס האָט

ער געציטערט פאַרן מיליטערישן טריבונאַל. לויטן „אוקאַז" פון יאַנוער צייט, פלעגט מען מוזן די „פּראָגולשטשיקעס" (די, וואָס פאַרפעלן צייט פון אַרבעט) צושטעלן במשך פון 24 שעה צום מיליטערישן טריבונאַל. נאָך יעדן זונטיק זענען געווען עטלעכע פאַלן פון פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט אויף אַ פּאָר שעה, אַפילו אויף אַ גאַנצן טאָג. אייניקע אַרבעטער פלעגן „אויפּפרעסן" די גאַנצע חודשלעכע ברויט־קאַרטע ביזן 20־טן. פלעגן זיי אין דעם זונטיקדיקן טאָג זיך לאָזן אין דאָרף צופאָרדינען. פון זיי פלעגן אייניקע פאַרשפּעטיקן מאָנטיק צו דער אַרבעט. אויף זיי האָב איך געמוזט שיקן אָנקלאַגעס אין מיליטערישן געריכט. גאָר קורץ האָט גע־דויערט די אויספאָרשונג און זיי זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף זיבן ביז צען יאָר טורמע און אויסבעסערונגס־לאַגער. אַזוי אַרום האָבן מיר געפּטרט די בעסטע אַרבעטער.

„מיט וועמען וועלן מיר אַרבעטן, חבר פּראָראַב, אויב מיר צעטרייבן דאָס חדר?" — האָב איך אַמאָל געוואָגט אים צו פרעגן. ער האָט אויף מיר בייז אַ קוק געטאָן און אויסגעשיט: „מיין קאָפּ איז בילכער!"

פון מיין ברויט־ און פּראָדוקטן־קאַרטע פלעג איך פאַרנוצן בלויז 500 גראַם ברויט אַ טאָג, דאָס רעשט פלעג איך פאַרקויפן און קויפן פלייש פון אַ באַראַן, אַ קילאָ האָט מיר געקלעקט אויף 10 טעג. פאַר די 400 גראַם צוקער פלעג איך באַקומען ביי מיינע באַלעבאָסטעס קאַרטאָפל. אַפילו אַ 100 גראַם פּוטער פלעג איך קויפן אויפן מאַרק. די באַלעבאָסטע פלעגט אַריינשטעלן מיין טעפּל אין אויוון אַריין. פלעג איך אינדערפרי עסן אַ גע־שמאַקן טעלער קאַרטאָפל־זופּ, דאָס זעלבע צום מיטאָג, נאָר איינגעברוינט, ווי טשולענט מיט אַ פּאַרציע פלייש, און אין אָוונט — דעם איבערבלייב. די נישט־געשמאַקע אוגערקעס־זופּן פונעם אַלגעמיינעם קעסל, פלעג איך אַוועקגעבן די, וואָס האָבן קיין ברויט נישט געהאַט.

געשלאָפן בין איך אויף די פּאַלאַטעס, עס איז געווען גאָר הויך, ביים סאַמע סופיט. די אַלטע באַבע פלעגט שלאָפן אין דעם עק און שנאָרכן געשמאַק. איך פלעג אָפט נישט קענען איינשלאָפן. די וואַנט פונעם שכנות־דיקן צימער איז נישט דערגאַנגען ביזן סופיט. צו דער יונגער שיינער

שכנה אַניע האָט זיך אַריינגעקליבן אַ יונגער אָפיציר, אַן אינוואַליד, וואָס איז געווען דער אָנפירער פון דער וואַך אין מיליטערישן זאַוואָד. זייער קושן זיך און צערטלען האָט מיך נישט געלאָזט רואיק שלאָפן.

איינמאָל האָב איך וועגן דעם גערעדט מיט מיין באַלעבאָסטע.

„די בעסטיע האָט דאָך אַ מאַן, אַ פּאַדפּולקאָווניק און פירט אים אין באָד אַריין... אמת, דער איז זייער אַ וווילער, אַ געוועזענער פּאַרזיצער פון אַ קאָלווירט, איצט אַ מלחמה־אינוואַליד, נאָך אַ בחור. זי איז אים זיכער נישט ווערט".

אַזוי האָט זיך אָפּגערופן די באַלעבאָסטע און האָט מיר פאָרגעלייגט אַ פּלאַן:

„דו נעם אַריבער אַהער דיין מינען און דעם זון. זאָלן זיי וווינען ביי אונדז. אַ לערערין וועט זי קענען זיין אויך דאָ".

וועגן דעם האָב איך אָנגעשריבן צו מיין ווייב קיין באַאַראַ. זי איז אַפילו געווען נישט שלעכט באַזאָרגט מאַטעריעל, ווייל ביי איר האָט געוווינט דער אַלטער פאַרזיצער פון דאָרף־ראָט, דאָך איז זי מסכים געווען צו פאָרן קיין גלאַטאָווקע. אין די ערשטע טעג פון פעברואַר חודש פון 1943 יאָר, האָב איך באַקומען עטלעכע טעג אורלויב און אַרויסגעפאָרן אַהער־ברענגען מיין ווייב און זון.

דער וועג פון באַאַראַ קיין מאַרקס־שטאָט איז נישט געווען קיין לייכ־טער. מיר זענען געפאָרן אויף אַ שליטן, וואָס דער קאָלווירט האָט פאַר אונדז צוגעשטעלט. פון מאַרקס־שטאָט זענען מיר געפאָרן קיין סאַראַטאָוו מיט אַ דרייטאָניקער לאַסט־מאַשין. דער פראָסט האָט געברענט, ווי אַ פייער. אונדזער זון מאַרקס איז געזעסן איינגעטוליעט אין קושנס, אונדז איז אויסגעקומען עטלעכע מאָל לויפן צו פיס. אַפילו העלפן דעם שאָפער אַפרוימען דעם שניי פונעם וועג, אונטערשטופן די מאַשין. עס איז אָבער אַלץ כדאי געווען, כדי צו זיין צוזאַמען. בלויז דער געדאַנק וועגן דעם האָט אונדז דערוואַרעמט און פריילעכער געמאַכט דאָס געמיט. מיר האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן און געוואַרעמט זיך. לסוף זענען מיר אָנגעקומען קיין גלאַטאָווקע. אונדזערע אַלטיטשקע האָבן אויפגענומען

מיין מינען, ווי אַ טאָכטער, וואָס איז געקומען פון ווייט און מאַרקסן, ווי אַן אויסגעבענקט אייניקל. ווי ריכטיק איז דאָס פֿאָלקס־ווערטל: „אין ענג־שאַפט, אָבער נישט באַעוולט״...

## אויף שטילע און אויף צעברויזטע כוואַליעס

אונדזער לעבן קען מען פאַרגלייכן צו אַ זעגל־שיף, וואָס האָט זיך געלאָזט שווימען אויף ברייטע וואַסערן. אַמאָל איז דאָס וואַסער שטיל, די כוואַליעס אָטעמען קוים, אַ מילד ווינטעלע בלאָזט אין די זעגלען און טרייבט די שיף לאַנגזאַם און זיכער, עס ברומט זיך אַ גיבונדל וועגן לעבנס־לוסט, וועגן פרייד און באַפרידיקונג. ווען עס קומט אָן אַ שטורעם־ווינט, ברויזט ער אויף די כוואַליעס אין אַ ווילדן טאַנץ, די זעגלען רייסן זיך פאַרצווייפלט, די שיף ווערט געשליידערט אויף אַלע זייטן, ווי זי וואָלט באַהערשט גע־וואָרן דורך שדים, וואָס לויערן מיט דער געפאַר פון טויט. עס טרעפט אויך, ווען דער אַרום איז רואיק, די וואַסערן לויטער און די זעגל־שיף באַוועגט זיך רעגלמעסיק, לויטן אַנגעמערקטן ציל, נישט אַנענדיק, אַז ערגעץ נאָענט סטאַרטשען אונטערן וואַסער שפּיציקע פעלזן, וואָס דראָען ביי יעדער באַ־געגעניש אומברענגען די שיף...

אין דער צייט פון דער גרויזאַמער מלחמה, איז יעדער איינער פון די אויסגערעכנטע צושטאַנדן מעגלעך געווען אין אונדזער לעבן אין דער פרעמד, אויף ערטער אומבאַקאַנטע, צווישן מענטשן פאַרשידענע, מערסטנס אומגליקלעכע, דערצו ביזטו איינער פון דעם פאָלק, וואָס איז שוין דורות לאַנג געהאַסט. אפשר דערפאַר ציט אונדז, ווי דורך דער קראַפט פון אַ מאַג־נעט, איינער צו אַנדערן. נישט אומזיסט האָט דעם קאָמענדאַנט יעזשעווסקי געצויגן צו מיר און מיך צו אים, און נישט נאָר אים אַליין. וויפיל יידן עס זענען געווען אין גלאַטאָווקע, פאַרשטענדלעך, צווישן די מאָביליזירטע אין דער אַרבעט־אַרמיי, און אַזעלכע זענען געווען ווייניק, אויף די פינגער צו איבערציילן, אַלע האָבן מיך געקענט און איך זיי.

דער קרעפטיקער אַרבעטער רויטער פון בעסאַראַביע, וואָס האָט באַ־

וויזן אין זיין בריגאַדע אַ מוסטער פון דיסציפּלין און אַרבעטסזאַמקייט, יעפּים, דער יונגער בחור פון ווייסרוסלאַנד, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט אונטערנייען וואַלענע וואַלענקעס מיט דער אייגנהענטיק געמאַכטער דראָט־ווע — האָט באַזאָרגט דעם גאַנצן פּראַראַב־פּונקט מיט וואַלענקעס. אַמאָל פלעגט ער אויך אַריינכאַפּן אַ פּאָר וואַלענקעס פון פּריוואַטע פּערזאָנען, פּויערים, און פאַרדינען דערביי אַ צענדליק אייער, אַ פּאָר פלעשער פּאַרגוי־מילך, אַפילו אַ הונדערט גראַם פּריש־אויסגעקלאַפּטע פּוטער. ער איז געווען דאַר, ווי אַ שטעקן, און שטענדיק הונגעריק, כאָטש ער פלעגט די באַקומענע פּראָדוקטן אַריינפּאַקן אין אייגענעם מאָגן אַריין מיטאַמאָל, ווי נאָר ער פלעגט זיי באַקומען. בלויז וואָלף, דער הויכער בחור, מיט די שלאָפנדיקע אויגן און לאַנגע פיס — ער פלעגט פּאָר אונדז יידן זיך אַרויסזאָגן: „יאָך וועל זיי גאָין אַרבעטן?"

מיין אַראָפּברענגען דאָס ווייב און קינד האָט אַלע יידן דערפרייט. אַלע זענען געקומען זיך באַקענען. געמאַכט האָט מען עס אויפן שפּרונג, שטיי־ענדיק אין קוך.

רויטער איז גאָר געווען אַנטציקט פון מיין אויפטו. ביים אַוועקגיין האָט ער אַ זאָג געטאָן:

„ס׳איז שכל, כ׳לעבן! צוליב וואָס דאַרפן זיי, מיין פרוי און צוויי קינדער, זיך מאַטערן ערגעץ נעבן אופאַ, איך דאָ און זיי דאָרט? בעסער לאָמיר זיך שוין מאַטערן אינאיינעם".

קומענדיק פון וועג האָט מינדעלע חשק געהאַט זיך אויסבאָדן, זיך און דאָס קינד. דער אַרבעטער יישוב גלאַטאָווקע האָט אָבער פאַרמאָגט איין באָד, וואָס מען פלעגט הייצן געציילטע טעג אין דער וואָך. דערצו איז עס שטענדיק געווען פאַרנומען דורך אונדזערע אַרבעטער. יעדער בריגאַדע פלעגט זיך באָדן איינמאָל אין צוויי וואָכן. פרויען זענען געווען מערער פון מענער. האָט דער קאָמענדאַנט באַשטימט די ריי פון באָדן זיך. די ריי האָט זיך געצויגן פון שבת נאָכמיטאָג ביז צומאָרגנס פאַרנאַכט. איין ברי־גאַדע מענער, נאָך זיי צוויי בריגאַדעס פרויען. אין ערשטן צימער פלעגט מען זיך אויסטאָן, אין צווייטן — וואַשן זיך מיט שעפּעלעך וואַסער פון צוויי גרויסע טשאַנען — הייסע און קאַלטע. אין דער זייט איז געווען דאָס

פֿאַרע־צימער מיט פֿיר טרעפּ. דאָרטן פֿלעגט מען זיך שמײַסן מיט בעזעמ־לעך, אָנגעפּולטע מיט הײסער פּאַרע, וואָס פֿלעגט זיך אַרויסרײַסן פֿון די צעגליטע קרעמניעס, וועלכע מען האָט באַגאָסן מיט וואַסער. אין דעם צימער פֿלעגט מען אויך פּאַרען די בגדים, צעהענגען זײ אויף די שטריק.

נישט אײנמאָל פֿלעגן אָנקומען די טאַטאַרקעס אין באָד אַרײַן, אײדער די מענער האָבן פֿאַרענדיקט דאָס באָדן. זײ האָבן זיך אַבסאָלוט נישט קרעמ־פּירט, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די קלײדער און אין חווהס אויסזען זיך אַרײַנ־געריסן אין דעם צימער, וווּ די מענער האָבן זיך נאָך געבאָדן:

„שטערט זיך נישט, כלאָפּצי! מיר וועלן אײַך נישט שטערן!" — האָבן זײ זיך צעפּישטשעט אויף קולי־קולות.

„אויב איר ווילט, קענט איר אײַנהײצן אונדזער בעדל" — האָט זיך אָנגערופֿן די באַלעבאָסטע.

אין סאַמע סוף פֿונעם גאָרטן איז געשטאַנען אַ הילצערנע כאַטקע פֿון קלעצער געבויט — דאָס איז דאָס הײמישע באָד. אַזעלכע בעדער פֿאַרמאָגן כמעט אַלע הײַזער אין גלאַטאָוּוקע און אין די אַרומיקע יישובים. כמעט יעדן שבת נאָכמיטאָג ווערן זײ אויסגעהײצט און די גאַנצע משפּחה געניסט פֿון דער הײסער פּאַרע, פֿון דעם וואַשן און באָדן זיך. נאָכדעם וואָשט מען אויך אויס אַ ביסל וועש, מען גײט אין שטוב אַרײַן טרינקען הײסע טײ מיט וואַרעניעס פֿון מאַלינעס און מען לײגט זיך אויף די פּאַלאַטעס כאַפּן אַ דרימל און אַפֿילו אַ ביסל דורכשוויצן.

דעם פֿאַרשלאָג פֿון דער אַלטיטשקער האָב איך אָנגענומען. יעפּים האָט אויך חשק געהאַט זיך אויסבאָדן, האָט ער מיט מיר צוזאַמען געבראַכט אַ פּאָר האַלב־פֿאַרפֿוילטע שפּאַלעס, צעזויגן זײ און צעשפּאַלטן און אײַנ־געהײצט מיט דעם האָלץ דעם אויוון אין בעדל. ביז דאָס פֿײַער האָט אויסגעברענט און צערויטלט די קרעמנעס האָבן מיר אָנגעטראָגן אַ פֿולע פֿאַס מיט וואַסער. אין דרויסן האָט געהערשט אַ גרויסער פֿראָסט. אַרום דעם באָד זענען געלעגן בערג מיט שנײ, אויך דער דאַך איז געווען ווײַס, איבערגעדעקט מיט אַ גראָבער שיכט שנײ.

אין פֿאָדערהײַזל האָבן מיר זיך בײדע אויסגעטאָן און אַרײַנגעכאַפּט זיך אין דער באָד אַרײַן. דאָרט איז געווען גענוג הײס. איך האָב אַרײַנ־

געגאָסן אין הייסן אויוון אַריין אויף די צעגליטע קרעמניעס אַ פּאָר עמער וואַסער, וואָס האָט זיך גלייך פאַרוואַנדלט אין אַ הייסער פּאַרע, וואָס האָט זיך צעלייגט אַרום דעם סופיט, ווי אַ וואָלקן. יעפּים האָט דער ערשטער פאַרנומען אַן אָרט אויף דעם דריטן, העכסטן טרעפּל, געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ און געוואַרט, איך זאָל אים דורכרייבן די פּלייצע מיט דעם בעזעמל. ווען איך האָב זיך דערנעענטערט צו אים, האָב איך באַמערקט, אַז ער ליגט אומבאַוועגלעך, ווי ער וואָלט געשלאָפן. אין דעם זעלבן מאָמענט האָב איך אויך דערפילט, ווי דער קאָפּ דרייט זיך מיר. איך האָב אים אַראָפּ־געכאַפּט פון די טרעפּ, אים אַנידערגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און אַרויפ־געגאָסן אויף אים אַ שעפּעלע מיט קאַלטע וואַסער — ער האָט זיך אויפגע־כאַפּט מיט אַ דריבנעם ציטער. איך האָב אָבער געפילט, אַז אויך מיין באַוווסטזיין פאַרלאָזט מיך, האָב איך מיטן פוס אַ שטויס געטאָן די דרויסנ־דיקע טיר. אַ קאַלטער שטראָם פון פרישער לופט האָט אַריינגעבלאָזן אין באָד אַריין און די פּאַרע האָט זיך אַ ריס געטאָן אין דרויסן. איך האָב דערפילט די געפאַר און איך האָב יעפּימען אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן אויפן שניי, געריבן אים זיין לייב און די שלייפן מיט שניי. איך האָב גאָר קיין קעלט נישט געפילט, נאָר אַ מידקייט און אַנגסטן. יעפּים האָט אויפ־געלעבט און איך מיט אים צוגלייך. מיר האָבן זיך שנעל אָנגעטאָן און קוים דערשלעפּט זיך צו אונדזער שטוב. דערזעענדיק אונדז ביידע אין אַזאַ אויסטערלישן צושטאַנד, האָט מינדעלע זיך דערשראָקן. די אַלטיטשקע האָבן אָבער באַלד פאַרשטאַנען, צוליב וואָס דאָס איז געשען:

„איר האָט זיכער נישט אַרויסגעלאָזט די ערשטע פּאַרע דורכן לופט־לאָך — האָט זיך אָנגערופן די עלטערע — האָט זיך באַקומען אַ טשאַד, גאַזן אַזעלכע, פון וועלכע מען קען, חלילה, אומקומען“.

די יינגערע האָט אונדז דערלאַנגט צו פולע גלעזער „סאַמאַגאָן“ (היי־מישער בראָנפן) און באַפוילן אויסצוטרונקען מיטאַמאָל.

„צום געזונט! אַלדאָס שלעכטס איז שוין פאַרביי! פאַרביי! האָספּאָדי פּאָמילוי!“ — און ביידע האָבן זיך איבערגעצלמט.

מינדעלע האָט באַקומען אַרבעט אַלס לערערין פונעם דריטן קלאַס אין דער אָנפאַנגס־שול. ביז איצט האָט איין לערערין געמוזט פירן צוויי

קלאַסן מיטאַמאָל: דעם דריטן און פערטן, ווייל ס'האָט געפעלט אַ לערע־רין. איצט האָט מען די קלאַסן צעטיילט. מאַרקס איז די ערשטע צוויי פערטלען פון שול־יאָר געווען אַ שילער פון ערשטן קלאַס אין באַראַ, איצט האָט ער פאַרגעזעצט זיינע לימודים אין דער נייער שול.

איך בין באַשטימט געוואָרן אויף אַ נייער אַרבעט — אַנצופירן מיט די פּראָדוקטן־סקלאַדעס. איינער האָט זיך געפונען אין אַן אויסגעבראַקירטן משא־וואַגאָן, דער צווייטער — אין אַ קעלער. אין ערשטן זענען געווען די גרויפּן, האָבער, אַמאָל אויך פלייש, אין צווייטן — קאַרטאָפל, בוראַקעס, מייערן, פעסער מיט איינגעזייערטע אוגערקעס און גרינע פּאָמידאָרן.

איך האָב געפירט די קאַרטאָטעקע פון די אריינגעפלאָסענע און אַרויס־געגעבענע פּראָדוקטן. די קאָנטראָל איבער מיר האָט געפירט סעמיאָן גרושקאָ, דער בוכהאַלטער. ער איז אויך געווען פון די מאָביליזירטע, ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט זיין יידישער ווייב, וואָס האָט אים געבוירן צוויי יינגלעך. ביידע האָבן געשטאַמט פון אומאַן, אוקראַינע.

קיין גרויסע זאַפּאַסן פון פּראָדוקטן זענען קיינמאָל נישט געווען, בפרט נאָך ביים סאַמע סוף פון ווינטער, ווען קיין נייע פּראָדוקטן זענען כמעט נישט צוגעקומען און די אַלטע זענען פאַרנוצט געוואָרן.

איינמאָל פאַרנאַכט צו איז צו מיין הויז צוגעקומען אַ ציוויל־געקלייד־טער יונגערמאַן און אַרויסגערופן מיך אין דרויסן.

„קומט מיט מיר!" — האָט ער ווי באַפוילן סודותפול, דערביי האָט ער מיר באַוויזן אַ צייכן אונטער דער קלאַפּע, וואָס האָט דערציילט, וווהין ער רופט מיר.

ער איז געגאַנגען פאַרויס און איך נאָך אים. די ריכטונג — צו דער אייזנבאַן־ליניע. איך האָב זיך אַרומגעקוקט, צי עמיצער זעט, ווי איך גיי נאָך אים. ניין! מיר זענען אַריבער אויף דער צווייטער זייט פון דער באַן־ליניע. וווהין פירט ער מיר? צוליב וואָס? איך דערמאָן זיך אין דעם פּירעניש אין דער „פאַרוועטער זאָנע" און עס באַפאַלט מיך אַ שרעק. מיר טאַפּטשען טיף אין שניי, עס סקריפּעט אונטער די פיס, אָבער מיר גייען ווייטער. מיטאַמאָל שטעלט ער זיך אָפּ און רופט מיך צו צו זיך.

„שטייט דאָ און וואַרט, איך קום גלייך צוריק!" — גיט ער אַ זאָג און גייט ווייטער.

מיר פאַלט איין אַ שלעכטער געדאַנק: ער קען מיך דאָ דערשיסן און קיינער וועט נישט וויסן. אַפילו מיין ווייב ווייסט נישט, וווהין איך בין פּלוצים אַהינגעקומען. נאָר קיינער שיסט נישט. דער אומבאַקאַנטער קומט אַרויס און רופט מיך צו נעענטער. ערשט איצט באַמערק איך אַ גרויסן פּולמאַן־וואַגאָן אין מיטן פעלד. אין אַלע פענצטער איז פינצטער, בלויז פון איינעם רייסט זיך אַרויס אַ קאַרגע שיין דורך אַ שפּאַלט. איך גיי אַרויף אויף עטלעכע טרעפּלעך אין אַ לאַנגן קאָרידאָר. אין דער גאַנצער לענג ציען זיך טירן, טירן, פאַרהאַנגענע מיט פאַרהאַנגען. ביים סוף — אַ גרעסערער צימער, אַ טאַפּטשאַן צום שלאָפן, אַ שרייב־טיש און עטלעכע שטולן. ביי מיין אַריינקומען הויבט זיך אויף אַן עלטערער מענטש פון געלעגער. ער איז ריין אָפּגעגאָלט, אַפילו די האָר פון זיין קאָפּ, מען קען נישט וויסן, צי איז ער אַ ברונעט, צי אַ בלאָנדין, אָדער גאָר אַ געלער. ער דערלאַנגט מיר העפלעך זיין האַנט און ברומט דערביי עפּעס אַ נאָמען, וועלכן איך כאַפּ נישט אויף. איך שטעל זיך אויך פאָר און זעץ זיך ביים שרייב־טיש. פון אָנהויב אַ פּאָר פראַגן וועגן מיין פּערזאָן: פאַמיליע־נאָמען, נאָמען, עלטער, פאַרהייראַט א. א. שפּעטער שוין קאָנקרעט: וואָס האָט מיר געזאָגט דער בריגאַדיר פון דער פּרויען־בריגאַדע, דער ציגיינער?

„פון וואַנען ווייסט ער דאָס?" — גיב איך אַ טראַכט. עס פאַלט מיר איין — יעזשעווסקי! עס איז שוין אַ צייט אַריבער. איך האָב שוין כמעט אין דעם פאַרגעסן. איך, אָבער נישט זיי. איך דערצייל נאָכאַמאָל דאָס זעלבע, וואָס איך האָב דערציילט יעזשעווסקין. וועגן אַלץ ווייסט ער: אַפילו וועגן מיין בריוו, וואָס איך האָב געשריבן צום דירעקטאָר פון דער קוּבּישעווער אייזנבאַן, אויך וועגן מיינע פיינפולע איבערלעבונגען אין דער „פאַרוואָר־טער זאָנע".

„יאָ, — זאָגט ער אַרויס מיט אַ קרעכץ, — שונאים אויף די פראָנטן, שונאים אין הינטערלאַנד, איבערבלייבענישן פון אַמאָל און פרישע אונ־טערגעשיקטע. מיר מוזן קעמפן קעגן זיי און ראשית־כל זיי אויפדעקן, אַנטוואָפענען... די הילף פון געטרייע בירגער איז נויטיק... געדענקט אין

דעם און דאָס איז אַלץ. איר זענט פרײַ! יאָ. איך בעט אײַך אונטערשרײַבן, אַז קיינער טאָר נישט וויסן וועגן אונדזער באַגעגעניש..." אַ קלונג. דער אומבאַקאַנטער קומט אַרײַן און פירט מיך אַרויס. ער פירט מיך צו דער באַן־סטאַנציע און פאַרשווינדט טוענדיק אַ שאָקל מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געזאָגט: „צום ווידערזען!"

צום ערשטן מאָל האָב איך געמוזט שווײַגן. דער ערשטער סוד פאַר מײַן בעסטן פרײַנד. זי פילט, אַז איך האָב וואָס צו דערציילן, נאָר איך קען עס נישט טאָן. איך באַמערק אַ שטילן פאַרוואורף אין אירע אויגן, עפּעס מורמלען אירע ליפּן, נאָר איך ווייס נישט וואָס. דער סוד ליגט אויף מיר, ווי אַ שווערער שטיין, וואָס דרוקט און באַשווערט דאָס פרײַע אָטעמען...

## פרילינג־ווינטלעך

דער פרילינג אין 1943 יאָר איז אָנגעקומען נישט בלויז מיט די וואַרעמע זונען־שטראַלן, מיט די צעעפנטע קנאָספּן אויף די צווײַגן פון די ביימער, מיט די צעגרינטע גראָזן אין די גערטנער. נישט בלויז די אָנגעקומענע שוואַלבעלעך האָבן געטראָגן אין זייער שירה בשורות פון אויפלעבונג און באַנײַטער אַרבעט אויף די פעלדער, נאָר אויך די ראַדיאָ־כוואַליעס אין עטער האָבן צעטראָגן בשורות וועגן זיגן אויף די פראָנטן, וועגן באַפרײַטע שטעט און שטעטלעך און וועגן אַלץ וואַקסנדיקע מפּלות פונעם שונא — דעם פאַשיסטישן הענקער. אונדזער פּראָראַב־פּונקט האָט באַקומען פון אַ קאָלווירט, וואָס איז געלעגן 16 קילאָמעטער ווײַט פון אונדז, אַ גרויסן שטח ערד צו באַאַרבעטן פאַר די אַרבעטער פון אונדזער פּונקט, אַזוי אַרום האָט יעדער איינער באַקומען פאַר זיך פון 1/10 ביז 2/10 פון אַ העקטאַר. דער קאָלווירט איז געווען צופרידן אָפּצוטרעטן אונדז אַ גרעסערן שטח פון זײַן ערד, זײַענדיק זיכער, אַז מיט זײַן אַרבעטס־כוח און פּרימיטיווער אויסשטאַטונג וועט ער סײַ ווי נישט באַוויזן זײַן גאַנצע ערד צו באַאַרבעטן און די באַשטימטע שטײַערן מוז מען באַצאָלן פאַר יעדן העקטאַר באַזונדער. מיר האָבן פאַרמאָגט אַ זעקס פערד און וועגענער, וואָס פלעגן פירן די

שפּאָלעס פון טאַרטאַק, שטאָלענע רעלסן און פּראָדוקטן. די, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די פערד, האָט מען געקענט אויסנוצן, זיי זאָלן צעאַקערן דעם גאַנצן באָדן פון אַלע אַרבעטער. פאַר זיי וועט נאָר בלייבן צו פאַרזייען, מערסטנס קאַרטאָפל, וואָס זיי האָבן באַקומען אויסגעבאַרגט פון אונדזערע זאַפּאַסן. די זאַפּאַסן זענען אַזוי אויך געווען קליין און האַדעווען די הונ־דערטער אַרבעטער האָט מען געמוזט. צו דעם צוועק האָט מען אויך גע־קוילעט אַן אַלט פערד, וואָס דער וועטערינאַר האָט פאַרבראַקירט, און דאָס פלייש פאַרקויפט די אַרבעטער פאַר אַ ביליקן פּרייז, יעדן איינעם צו אַ קילאָגראַם, אָדער צוויי. אויך איך האָב געקויפט אַ פּאָר קילאָגראַם פערד־פלייש און מיין ווייב פלעגט שוין פּראָווען די געשמאַקע זראַזעס מיט ציבעלעס.

מיר זענען אויך געהאָלפן געוואָרן מיט אַ בעסער אָרט צום שלאָפן. מיטן אָנקומען פון די וואַרעמע טעג, איז שווער געווען צו שלאָפן איבערן אויוון, אויף די פּאַלאַטעס, עס איז געווען צו הייס און דושנע. די פרוי, די פּאָסט־אַרבעטערין, איז צופעליק אַרויסגערופן געוואָרן קיין קויבישעוו צו איר קראַנקער מוטער. איר פּיצל צימערל, אונטערן אָפּגעצוימטן פּאַנערן־ווענטל, צוויי מעטער אויף צוויי, האָבן מיר באַקומען. מיר האָבן ביי איר אָפּגעקויפט דעם ראַדיאָ־הילכער, דעם שוואַרצן קאַרטאָנענעם טע־לער, וואָס האָט געלאָזט הערן די לעצטע נייעס און אויך מוזיק פון דעם אַלגעמיינעם ראַדיאָ. זי האָט אונדז אויך איבערגעלאָזט אַ געאָגראַפישע קאַרטע פון ראַטן־פאַרבאַנד (דאָס איז אויך געווען אַ יקר המציאות). נאָך דער געהעריקער דעזינפעקציע און איבערקאַלעכן דאָס צימערל, האָבן מיר באַקומען אַ מקום מנוחה פאַר זיך און פאַרן זון. אַהער פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין די אָוונטן דאָס קליינע הייפל יידן, שטייענדיק, אָדער זיצנדיק אויפן געלעגער, פלעגן זיי הערן די וויכטיקע נייעסן פון די פראָנטן. אויסהערן און שווייגנדיק זיך צעגיין. איך פלעג שפּעטער אויסשטעלן נייע קאָלירטע פענדלעך אויף די באַפרייטע שטעט, וואָס פלעגן פרייען דאָס אויג פון די, וואָס האָבן געקוקט אויף זיי. אויך אונדזער זון האָט פאַרגעדענקט די נעמען פון די באַפרייטע שטעט, אַוועקטראַגנדיק יעדן פרימאָרגן אין שול אַריין די גוטע בשורה.

פאַרן אַריינגאַנג צו אונדז אין הויז אַריין איז געווען אַ שמאָלער דורכ־גאַנג — אַ געסעלע, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט ווילדע גראָזן, אַנגע־וואָרפן מיט שטיינער און מיסט, וואָס מען פלעגט אַהין שיטן. מיין באַלעבאָסטע האָט מיר דערלויבט אַפּצורייניקן דעם פּלאַץ, צעגראָבן און פאַרזייען פאַר זיך מיט גרינסן, וואָס זענען אַזוי נויטיק געווען צום טאָג־טעגלעכן געברויך. מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן קאַיאָר. אַרבעט און מי האָט עס געקאָסט גענוג. מיר האָבן אָבער אויך נוצן געהאָט אַ סך: די ערשטע גרינע ציבעלקעלעך, רויטע חודש־רעטעכלעך זענען געווען ביי אונדז. שפּעטער זענען אויסגעוואַקסן געלע דיניעס פונעם בעסטן סאָרט, געשמאַקע ווייסע קערעלעך און דיניע־פלייש אויף קאַשעס און געבעקסן. מיין ווייב פלעגט צוגעבן אַ פּאָר גלעזער האָבער־מעל, אַנפּילן מיט צוקער־בורעקעס, וואָס האָבן זיך געדושעט אַ פּאָר נעכט אין אויוון און ס׳האָבן זיך באַקומען זיסע, געשמאַקע קנישעס, פון וועלכע אַלע אונדזערע געסט פלעגן טועם זיין און לעקן די פינגער.

גלאַטאַווקע איז אַ געגנט מיט נאַטירלעכע רייכטימער: געדיכטע וועל־דער מיט ביימער פון אַלע סאָרטן, פּאַזיאָמקעס רויטע און זיסע לרוב און גריבעס (שוואָמען) אָן אַ שיעור. נאָך דער רעוואָלוציע, זענען אַהער אַרויס־געשיקט געוואָרן די „קולאַקעס״ — די רייכע פּויערים מיט זייערע פאַ־מיליעס. זיי האָבן אויסגעטרוקנט די בלאָטעס און פאַרטיליקט אַזוי אַרום די מאַלאַריע־מיקראָבן. דאָך זענען נאָך פאַרבליבן גענוג מאַלאַריע־טרעגער, וואָס האָבן נישט ווייניק פון די אַנגעקומענע אַוועקגעלייגט קראַנק מיט הויכער היץ. אויך אונדזער זון האָט עס געטראָפן. געהיילט האָט אים די מוטער מיט די פרישע, מחייהדיקע פּאַזיאָמקעס, זי האָט זיי טאָג־טעגלעך געזאַמלט אין וואַלד און דעם זון געהאָדעוועט. עס איז קענטלעך געווען, אַז זיין געזונט־צושטאַנד איז בעסער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. אין שול פלעגט מען אים לויבן פאַר זיין גוטער אויפפירונג, חברישער באַנעמונג און דערפאָלג אין די לימודים.

מיט דער העכערער פּערזענלעכקייט פון מ. וו. ד., מיט וועלכן כ׳האָב זיך איינמאָל געטראָפן אין וואַגאָן, האָב איך זיך מער נישט געטראָפן. דערפאַר אָבער האָט דער היגער מיטאַרבעטער, דער יונגערער, וואָס האָט

מיך געפירט צו אים, חשק געהאַט מיט מיר אָפּטער זיך צו טרעפן ביי זיך אין ביוראָ. ער האָט גערעדט מיט מיר ווי אַ פּאַן־בראַט, אַ היימישער, וואָס האָט רעכט צו מיר זיך צו ווענדן און אַפילו פאָדערן. וואָס האָט ער געוואָלט פון מיר? איך זאָל אויפמערקזאַם אָבסערווירן דעם בריגאַדיר פון דער פּרויען־בריגאַדע. לעצטנס האָט ער חתונה געהאַט מיט קאַטיושען, די פאַרקויפערין פון דעם ברויט אויף די טאַלאָנען. מען שמועסט אַפילו, אַז זי איז שוואַנגער. עס צעלויפן זיך ווייטער די טאַטאַרקעס פון זיין בריגאַדע. מען שמועסט, אַז דאָס געשעט מיט זיין וויסן. דערפאַר באַקומט ער פון זיי די ברויט־קאַרטעס. ער און זיין ווייב פאַרקויפן אַ סך ברויט אין אַ זייט און קלייבן געלט. אַזוי דערציילט ער מיר. צוליב וואָס? וואָס קען איך העלפן דערצו, ווען ער ווייסט אַליין אַלץ. פאַרוואָס איז ער נאָך אַלץ דער בריגאַדיר? אמת, אַמאָל ער אַליין, אַמאָל קאַטיושאַ, זיין ווייב, קומען צו מיר נאָך צוגאָב פּראָדוקטן. איך גיב זיי אַרויס, לויט דער פאָדערונג, וואָס זיי ברענגען מיט דער אונטערשריפט פונעם פּראָראַב און בוכהאַלטער.

כדי מיך צו פאַראינטערעסירן דערציילט ער מיר אויך, אַז „דער ציגיינער" איז געווען אַ מיטגליד אין דער רומענישער פאַשיסטישער פאַר־טיי, ער האָט צעשאָסן די יידן, וואָס האָבן געוואָלט אַריבער אויף דער סאָוויעטישער זייט, קיין טשערנאָוויץ. נישט ווילנדיק, גיב איך אַ צאַפּל ביי די רייד און אַ נקמה־געפיל דערוועקט זיך אין מיר. איך זאָג אים צו אַלץ צו דערטראַגן וועגן אים, אויב איך וועל נאָר וויסן.

אַ צווייט מאָל האָט ער מיך אַרויסגערופן גאָר וועגן אַן אַנדערן: אַלס פּורמאַן האָט ביי אונדז געאַרבעט אַ יונגער מענטש מיט אַן איידעלן אויס־זען, מיט שוואַרצע, טיפע אויגן. איך האָב געוווּסט, אַז ער איז פון פאַך אַן אַגראָנאָם. דערפאַר האָט מען אים איבערגעגעבן די השגחה איבער די צוגעטיילטע שטחים ערד אין קאָלווירט און באַפרייט אים פון דער אַרבעט, אַלס פּורמאַן. לעצטנס האָט ער געוווינט איך דאָרף, ווו די פעלדער אונדזערע האָבן זיך געפונען. מען האָט געשמועסט, אַז ס'לעבט זיך אים דאָרט נישט שלעכט. די פאַרזיצערין פונעם קאָלווירט האָט גענומען אים אונטער איר אַפּוטרופּסות און ער לעבט אַ גוטן טאָג און אַ גוטע נאַכט. איצט האָט

מיר דער פאַרשטייער פון מ. ג. ב. דערציילט וועגן אים, אַז ער שטאַמט פון עלטערן, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן דורך דער ראַטן־מאַכט פאַר אַנטיסאָוויעטישער טעטיקייט. ער, דער זון, איז דערצויגן געוואָרן אין אַ קינדער־היים, אַפילו געענדיקט אַלס אַגראָנאָם, אָבער אין דער אַרמיי האָט מען אים נישט גענומען, ווייל צו אַזעלכע האָט מען קיין צוטרוי נישט. מיט אים, לייגט ער מיר פאָר, כאַפּן אַמאָל אַ שמועס. ס'איז גאָר וויכטיק צו וויסן, מיט וועלכער לופט ער אָטעמט.

איך האָב נישט אָפּגעזאָגט און אויך נישט צוגעזאָגט. די אָרויפגעלייגטע אויף מיר מיסיעס זענען מיר נישט געווען צום האַרצן, אָבער צו באַראַטן זיך, אַפילו מיט מיין אייגן ווייב, האָב איך נישט געטאָרט...

איינמאָל, קומענדיק אינדערפרי צו דער אַרבעט, האָב איך זיך דערוווּסט אַ נייעס: דער בריגאַדיר פון די טאַטאַרקעס, דער ציגיינער, איז ערגעץ אַוועק, אַז אַ „זיי געזונט", אַפילו זיין ווייב קאַטיושאַ זוכט אים אַרום — ער איז נישט געקומען נעכטיקן. וועגן דעם האָב איך באַשלאָסן צו דערטראָגן ווי אַמשנעלסטן דעם באַפּולמעכטיקטן. ער האָט אויפגענומען די ידיעה גאָר ערנסט, זי האָט אים אַפילו דערשיטערט.

„דאָס פייגעלע איז שוין געווען אָט־אָט אין די הענט, און טיו! אויס־געראָנען!" — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. צוליב וואָס האָט ער אַזוי לאַנג געוואַרט? אַז ער איז אַ שעדיקער האָבן זיי געוווּסט, אַז ער איז פון יענע — די פאַשיסטן — אויך. צי האָבן זיי געוואַרט אויף אַ סאַבאָטאַזש־אַקט, אָדער אויף שפּיאָנאַזש? אין האַרצן בין איך געווען צופרידן, וואָס ער איז שוין נישטאָ. אפשר וועלן זיי מיך שוין לאָזן צורו?!

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער באַפּולמעכטיקטער מיר פאַרטרוילעך איבערגעגעבן, אַז מען האָט אים געפּאַקט ביי דער גרענעץ. „מער וועט ער שוין נישט לויפן" — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ צווייידייטיקן שמייכל.

אונדזערע פעלדער מיט קאַרטאָפל האָבן זיך צעבליט און צעוואַקסן ברייט און שפּעדיק. צוויי מאָל איז אונדז אויסגעקומען אויסרייניקן די ווילדע גראָזן, וואָס וואָלטן געשטערט אין זייער וווּקס. יעדן זונטיק, אין דעם פרייען טאָג, זענען מיר ביידע, איך און מיין פרוי, געפאָרן אין דאָרף אַריין און געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג אויפן פעלד. מיר האָבן דאָרט שוין

געהאַט באַקאַנטע פּויערטעס. מיר האָבן געזען, ווי שווער זיי אַרבעטן אַליין, אָן די מענער. צו 5, אָדער 6 שפּאַנען זיי זיך איין אין אַן אַקער, אָדער באַראַנע, אַנשטאָט אַ פערד און מען שלעפּט. פון קיין ברויט ווייסן זיי אַפילו נישט, בלויז פון אַ גרינס — „לעביעדאַ״ געמישט מיטן קראָכמאַל פון פאַרפרוירענע קאַרטאָפל, באַקן זיי אַ פּלעצל, די מאָגערע קו גיט קוים אַן אַנדערטהאַלבן ליטער מילך פאַר די קינדער. זיי זענען אַזוי אָרעם, אַז זיי לאָזן איבער די הייזער אָפן, נישט מורא האָבנדיק פאַר קיין גנבים. מיין באַלעבאָסטע האָט געשיט פעך און שוועבל אויף דער פאַרזיצערין פון קאָלווירט. זי האָט דערציילט, אַז איר מאַן קעמפט קעגן די פאַשיסטן און זי האָט זיך „צעזניוכעט מיט אייער אַגראַנאָם און מאַכט אַ לעבן, ער וועט זי נאָך מאַכן פאַר אויס קאָמוניסטקע״ — האָט זי צוגעגעבן.

זי האָט דערציילט וועגן דער קנאה מצד די דאָרפישע מיידלעך צו איר. „אַזאַ בחור — זאָגן זיי — וואָלט געקלעקט פאַר 10 יונגע מיידלעך און זי האָט אים ווערבירט אײַנגאַנצן״. די קנאה איז געווען די סיבה פון זיין אומגליק. מסירות אויף מסירות זענען געשריבן געוואָרן אויפן אַגראָ־נאָם. זיין אָפּשטאַם האָט אויך צוגעהאָלפן און מען האָט אים פאַרמשפּט אויף 7 יאָר טורמע און אויסבעסערונגס־לאַגער. נאָך איידער מען האָט אָראָפּגענומען דאָס גערעטעניש, זיין געליבטע, די פאַרזיצערין פון קאָלווירט אַליין, האָט אים פאַרשיט אויף דער סעסיע פונעם טריבונאַל. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין עדות פון דאָרף, וואָס האָבן באַשטעטיקט, אַז ער האָט פאַרויסגעזאָגט די מפּלה פון דער רויטער אַרמיי, אַז דער קאָלווירטישער סיסטעם פון ראַטן־פאַרבאַנד איז אַ שעדלעכער א. א. וו.

איך האָב באַקומען אַ וויכטיקע נייעס: דער הויכער סאָוויעט פון ראַטן־פאַרבאַנד האָט באַשלאָסן צו דעמאָביליזירן די לערער מיט פּעדאַגאָגישע קוואַליפיקאַציעס און איבערגעבן זיי אין רשות פון בילדונגס־מיניסטעריום. וועגן דער פראַגע בין איך געפאָרן קיין אוליאַנאָווסק אין דער קרייז־אָפּ־טיילונג פאַר בילדונג. זיי האָבן באַשטעטיקט די ידיעה און זענען גרייט געווען מיך און מיין פרוי אָוועקשיקן אין אַ דאָרף אַלס לערער. דער פּלאַן איז אונדז אָבער נישט געווען צום האַרצן. מיט מיין פּעדאַגאָגישן סטאַזש און פּראַקטיק וואָלט איך געקענט באַקומען אַרבעט אין אַ שטאָט, ווו עס

איז פאַראַן אַ פולע צען־קלאַסיקע שול. דערצו האָבן מיר בעסער געוואָלט פאָרן אין די שטעט פון דער באַפרייטער אוקראַינע. צום יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אויך באַפרייט געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע, קיעוו — אַהין האָבן מיר געוואָלט פאָרן. עס איז אָבער שווער געווען צו באַקומען אַ „פּראָפּוסק״ קיין קיעוו, בפרט נאָך מיט אַ קינד. וועגן דעם ענין האָב איך זיך געווענדעט אין נ.ק.וו.ד. פון אוליאַנאָווסק. צופעליק האָב איך דאָרט באַמערקט דעם עלטערן מאַן, מיט וועלכן איך האָב זיך באַקענט אין „וואַגאָן״. צו אים האָב איך זיך געווענדעט און דער־ציילט וועגן דער געשאַפענער לאַגע. איך האָב זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דווקא אין זיינע הענט ליגט אונדזער ווייטערדיקער גורל, אַז ער געדענקט מיך און איז גרייט מיר צו העלפן.

מיט זיין הילף האָבן מיר טאַקע באַקומען אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין אוקראַינע, קיין קיעוו.

דאָס אַרויספאָרן איז מיר נישט אַנגעקומען אַזוי לייכט: איך האָב דאָך פאַרוואָלטעט מיט מלוכהשע רייכטימער, צוויי סקלאַדעס מיט פּראָ־דוקטן. דער בוכהאַלטער האָט באַדאַרפט מאַכן דעם יערלעכן בילאַנס. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע האָט באַדאַרפט אַלץ וועגן און מעסטן, פאַרגלייכן מיט די ציפערן פונעם בילאַנס. דער חשד איז אַזוי גרויס, אַז איינער גלויבט נישט דעם צווייטן. פאַרקערט, מען איז מקפיד נאָך מער ווי שטענדיק, מען זוכט, מען קאָנטראָלירט מיטן חשק צו געפינען עפּעס, וואָס איז נישט אין אָרדענונג. כל זמן איך בין געווען דער אַרויסגעבער, האָט מען נאָך פון צייט צו צייט געשמייכלט צו מיר, אפילו געחנפט, אָבער איצט, ווען איך דאַרף באַפרייט ווערן, אין דער צייט, ווען זיי בלייבן דאָ, איז אַ מצווה צו דערגיין די יאָרן. אַזוי איז טאַקע געשען. דער אוקראַיִנישער בוכהאַלטער, וואָס האָט אַפילו געהאַט אַ יידיש ווייב, איז ווייט געווען צו זיין אַ יידן־פריינד. ער האָט זיך גענומען צו דעם רעמאַנענט מיט דער גאַנצער האַרב־קייט. אין וואַגאָן זענען געלעגן אין שכנותדיקע קאַסטנס: האָבער און הירזש. הירזש האָט געפעלט כמעט 10 קילאָגראַם. דערפאַר איז אָבער צום האָבער צוגעקומען אויך אַ 10 קילאָגראַם. ביי אַ גוטן ווילן וואָלט מען געקענט אויפקלערן דעם ענין מיט אַ צונויפמישונג. דער הירזש האָט זיך געפונען

אַן עפּענונג און איז זיך פריי געפלאָסן, ווי וואַסער, אויף דער צווייטער זייט. עס איז אָבער קיין גוטער ווילן נישט געווען. ביים איבערוועגן די פּראָדוקטן אין קעלער האָט אויך געפעלט געגוג קאַרטאָפל, מייערן, בוראַקעס און אַנדערע. עס האָט אַזוינס נישט געקענט געשען. איך בין געווען מער ווי זיכער, אַז עס מוז זיין געגוג איבעריקע פּראָדוקטן. ווייל קיין צענער־וואָג האָבן מיר נישט געהאַט און איך פלעג בלויז אָפּוועגן איין עמער און מעסטן בלויז מיט פולע עמערס. איך בין געווען זיכער, אַז די פּראָדוקטן, וואָס פעלן, געפינען זיך אונטער דער צווייטער שיטערער פּאָדלאָגע. מען מוז דעריבער אויפרייסן זי און דערווייזן. עס האָט אָבער קיינער מיר נישט געוואָלט דערצו צוהעלפן. פאַרקערט, עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אין האַרצן געוואָלט זען מיך אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר די פּראָדוקטן און גיין דערפאַר אין תפיסה. איך האָב זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן: מיט די נעגל האָב איך אויפגעריסן די פּאָדלאָגע און אַרויסבאַקומען פון דאָרט די קאַרטאָפל, מייערן און אַנדערע פּראָדוקטן. אַלץ האָט געשטימט, נאָך מיט אַן עודף. דאָך האָב איך געמוזט באַצאָלן פאַר אַנדערטהאַלבן קילאָ חזיר־פלייש, וואָס האָט געפעלט, כאָטש אַלע האָבן געוווסט, אַז איך בין נישט שולדיק. איך האָב דערלאָזט, מען זאָל איבערוועגן דאָס פלייש וואָרעמער־הייט, איידער עס איז אָפּגעקילט געוואָרן — דעריבער האָט באַלד געפעלט צו דער וואָג.

מיט אַ שווער געמיט האָב איך פאַרענדי'קט דאָס איבערגעבן די סקלאַ־דעס. דאָס האָט פאַרהאַלטן מיין אַרויספאָרן. עס איז מיר נישט געווען קיין שאָד צו פאַרלאָזן גלאַטאָווקע, מיין פּראַראַב מאַלאָפּיענקאָ, דעם בוכ־האַלטער און אַ סך אַנדערע. בלויז די יידן איז מיר געווען אַ שאָד איבער־צולאָזן. אונדזער פּיצל צימערל איז געווען פאַר זיי אַ היים, אַ וואַרעם אָרט און אַן היימישע סביבה. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט דער האָפענונג, אַז אויך זיי וועלן אינגיכן באַפרייט ווערן און פאָרן אַהיים צו די אייגענע. כאָטש ווער קען וויסן, ווו זיי זענען — די אייגענע?....

מיט דער יונגער שיינער שכנה האַניע איז אונדז אויך נישט געווען קיין שאָד זיך צו געזעגענען, כאָטש מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט געקריגט. מיר האָבן אָבער נישט געקענט זיך צוקוקן, ווי אַזוי אַ יונגע מוטער באַציט

זיך צו איר דריי־יעריק טעכטערל. אויסער דער אַרבעט אין דער מיליטע־רישער פאַבריק, פלעגט זי אויך באַטייליקן זיך, נאָך דער אַרבעט, אין זייער אַמאַטאָרישן דראַמאַטישן קרייז. זי האָט זייער שיין געזונגען און געטאַנצט, אין דער צייט, ווען דאָס קינד האָט אונטערן שלאָס שעהנווייז געוויינט און געליאַרעמט, ביז עס איז ערגעץ־ווו אויף דער פּאָדלאָגע, אין דער פינצ־טער, איינגעשלאָפן.

טרעפט אַמאָל, ווען דאָס קינד איז נאָר־וואָס איינגעשלאָפן, איז אַריינ־געקומען צו אונדז אַ יונגער מיליטערמאַן, אַ פּאָדפּולקאָווניק. האָט זיך פאָר אונדז פאָרגעשטעלט: „טשעסנאָקאָוו". עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז האָניעס אמתער מאַן, דער פּאָטער פונעם קינד, ער האָט נאָרוואָס געענדיקט אין מאָסקווע די מיליטערישע אַקאַדעמיע און קלייבט זיך אויפן פראָנט. אין דער אַקאַדעמיע האָט ער באַקומען אַן אַנאָנימען בריוו, פון וועלכן ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זיין ווייב נאַרט אים, זי האָט שוין אַן אַנדערן מאַן און אויך וועגן דעם, אַז זי איזדעקעוועט זיך איבערן קינד — דאָס איז פאַר אים נאָך ערגער פונעם פראָנט. ביי אונדז האָט ער געוואָלט זיך דערוויסן דעם אמת. ביז איצט פלעגט ער איר צושיקן זיין גאַנצן לוין, איבערגעשריבן זיך מיט איר און איצט איז ער גרייט ביי איר צונעמען דאָס קינד און עס אַוועקפירן צו זיין מוטער. מיר האָבן אים באַרואיקט, אַז דאָס קינד איז געזונט. האָניע איז נאָך יונג — טאַנצט זיך איר, בפרט נאָך — דער זיג איבערן שונא איז שוין נישט ווייט. דער יונגערמאַן, איר צווייטער מאַן, איז זייער אַ גוטער און אַ פיינער, האָט ליב דאָס קינד און דאָס מיידעלע רופט אים „פּאַפּאַ".

מיט אים, מיט סעריאָזשען, האָט דער פּאָדפּולקאָווניק זיך באַלד גע־טראָפן, ווייל ער איז געקומען דער ערשטער. אים האָט ער דער ערשטער דערלאַנגט די האַנט. יענער, וואָס איז געווען בלויז אַ לייטענאַנט, איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פאַר אים, אים פאַרבעטן צום טיש און פאַר אים אויסגעלייגט זיין אויפריכטיק האַרץ: ער האָט האָניען ליב, אויך דאָס קינד האָט ער ליב. מעגלעך, אַז זיין האַנדלונג איז נישט קיין רעכטלעכע, אָבער ער האָט אַנדערש נישט געקענט...

אינטערעסאַנט, אַז ער איז דעם פּאָדפּולקאָווניק אויך געפעלן געוואָרן,

ער האָט אים צוגעזאָגט צו באַפרייען האַניען און זאָל ער מיט איר חתונה האָבן.

ווען האַניע איז אָנגעקומען און דערזען פאַר זיך איר מאַן, איז זי פאַר אים אויף די קני געפאַלן און געבעטן: „זיי מיר מוחל! איך בין יונג. עס איז אַזוי שווער געווען. מיר האָבן דאָך בלויז געציילטע חדשים געלעבט צוזאַמען. איך האָב אים ליב!"

מיט איר האָט ער קיין צוויי ווערטער נישט פאַרביטן. עס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, איז ער פאַרבליבן ביי זיי נעכטיקן, שלאָפנדיק אויף דער האַרטער פאָדלאָגע אויפן שינעל. זיי ביידע האָט ער באַפוילן צו שלאָפן צוזאַמען, ווי ביז איצט.

צומאָרגנס זענען זיי אַלע דריי געגאַנגען אין דאָרפס־ראַט, האַניע האָט באַקומען אַ גט און באַלד טאַקע פאַרשריבן זיך מיט סיערויאָזשען. דאָס קינד, וויל ער, זאָל טראָגן זיין נאָמען און פאַר איר וועט ער שיקן זיינע געלטער אויף פולער אויסהאַלטונג. דעם זעלבן טאָג איז ער אָפּגעפאָרן, מיט אונדז האָט ער זיך זייער וואַרעם געזעגנט און אַפילו געהאָלפן ביים קויפן אין דער באַן־קאַסע צוויי מיט אַ האַלבן בילעט פון גלאָטאָוועקע קיין קיעוו, וואָרום אַפילו מיט דער דערלויבעניש איז נאָך גאָר שווער געווען צו באַקומען אַ באַן־בילעט.

מיט דער צווייטער שכנה, מיט די צוויי פרויען און דעם האַלב פּאַראַליזירטן זון, האָבן מיר זיך געזעגנט און אַפילו איבערגעלאָזט פאַר זיי אַ טייל פון אונדזערע זאַפּאַסן קאַרטאָפל. די אַלטע באָבע האָט זיך דערביי צעוויינט אויף אַ קול, זי האָט זיך מודה געווען, אַז נישט איינמאָל פלעגט זי ביי אונדז אין קעלער נעמען פון אונדזערע קאַרטאָפל און געבעטן מיין פרוי צו נעמען פון איר אַ מתנה אַ גאָלדן פינגערל מיט אַ העלן שטיין אינדערמיט.

אַמשווערסטן איז געווען דאָס געזעגענען זיך מיט אונדזערע אַלטע באַבושקעס. אַזעלכע האַרציקע און היימישע, אַזעלכע מיטפילנדיקע און פאַרשטענדלעכע. אין זייערע אַפּטע תפילות פלעגן זיי אויך פאַר אונדז בעטן. אָט זענען מיר טאַקע באַפרייט און מיר פאָרן אַלע דריי צוזאַמען

אויף דער באַפרייטער, כאָטש מיט בלוט דורכגעווייקטער, אוקראַינישער ערד...

## דער וועג קיין מאָסקווע

מיט די באַן־בילעטן אין דער ליבקער האַנט און מיט אַ קילאָ חזיר־פלייש אין דער צווייטער, זענען מיר אַלע דריי, איך, מיין פרוי און זון, געשטאַנען אין איינעם פון די ערשטע מערץ־טעג ביי דער באַן אין גלאַ־טאָווקע און מיט גרויס אומגעדולד אָפּגעוואַרט דאָס אָנקומען פון דעם צוג, וואָס גייט פון אוליאַנאָווסק קיין מאָסקווע. עס איז נאָך געווען קאַיאַר, אַ מוטנע בלויקייט האָט באַהעלט דעם אַרום, אַ קאַלט נאָכווינטערדיק ווינטל האָט געבלאָזן און ווי אָפּגערייניקט דעם וועג פאַרן אָנקומענדיקן צוג. אַרום האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש. פון ערגעץ־ווו האָט זיך דער־טראָגן דער קוקאַרעקו פון אַן אויפגעוואַכטן האָן, זיין ניגון האָט זיך באַקומען אומעטיק און פויל, אַפילו הייזעריק. ער האָט ווי אַ סקראַבע געטאָן אין דער אַזוי אויך אומרואיקער נשמה און פאַרמערט די אָנגעזאַמלטע זאָרג: צי וועט זיך די באַן אָפּשטעלן, כאָטש אויף אַ פּאָר מינוט? צי וועט דער קאָנדוקטאָר עפענען פאַר אונדז די טיר און אַריינלאָזן? באַן בילעטן האָבן מיר, אַ „מאַהאַריטש", אַ מתנה האָבן מיר אויך צוגעגרייט, דאָך זענען מיר נישט זיכער און היפש אומרואיק. מיר כאַפּן אויף מיט אַ ציטער דעם ווייטן פייף פונעם אָנקומענדיקן צוג. עס קלאַפּן די רעדער שוין פאַמעלעכער און שטילער ביז... ביז... דער צוג בלייבט שטיין.

מינדעלע מיטן זון זענען אַרויף אויף די טרעפּלעך, זי קלאַפּט אין דער שויב און בעט, מען זאָל עפענען די טיר, איך ווייז די בילעטן און די מתנה און בעט זיך: „עפנט די טיר!" דער צוג רירט פון אָרט און איך כאַפּ זיך אויך אַרויף אויפן אונטערשטן טרעפּל, כאָטש די הענט זענען ביי מיר פאַרנומען. אָבער באַלד פאַרליר איך דאָס גלייכגעוויכט און די בילעטן פאַלן מיר אַרויס פון די הענט. איך שפּרונג אַראָפּ נאָך זיי און דערפיל אַ שטאַרקן קלאַפּ אין דער האַנט. מיט מוטנע בליקן זע איך

ווי דער צוג יאָגט זיך אַלץ שנעלער. וואָס איז געשען מיט מינדעלען, מיטן קינד? די שרעק האָט גרויסע אויגן, איך וויל זיך אויפהויבן און קען נישט, איך וויל נאָכלויפן דעם צוג און בין אומבאהאָלפן. פּלוצים דערפיל איך, ווי עמיצער העלפט מיר זיך אויפהויבן פונעם אָרט, דער זעלבער רוקט מיר אין דער האַנט אַריין די באַן־בילעטן. איך דערזע פאַר זיך דעם באַ־פולמעכטיקטן פון מ.ג.ב. פון גלאַטאָווקע. ער האָט געוווּסט, אַז איך דאַרף אָפּפאָרן — איז ער געקומען מיך געהיימנישפול גזועגענען. איצט האָט ער מיר דערלאַנגט די ערשטע הילף.

„מיין ווייב און זון! — האָב איך אויסגעשריען. — צי לעבן זיי?"

שווייגנדיק האָט ער מיך געפירט אונטערן אָרעם פון מיין געזונטער האַנט אין קאַבינעט פון דעם באַן־נאַטשאַלניק. דאָרט האָט ער אַ דריי געטאָן דעם טעלעפאָן קיין אינזע, די נאָענטסטע סטאַנציע: „צי האָט מען אַריינגענומען אין וואַגאָן אַ בלאָנדע פרוי מיט אַ בחור?". „זיי זענען אין אינזע — האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן און אַליין גערעדט ווייטער: — זאָלן זיי וואַרטן אויפן וואָקזאַל אויפן מאַן און פאָטער. ער לעבט און וועט גאָר שנעל קומען צו זיי".

צו מיין גליק און דאַנקבאַרקייט איז גאָר קיין גרענעץ נישט געווען. אויף דעם ערשטן מיליטערישן משא־צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין אינזע האָט ער מיך אַרויפגעזעצט און אין אַ קורצער צייט אַרום בין איך שוין געווען אויפן אָרט צוזאַמען מיט מיין ווייב און זון. מיר אַלע זענען ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

ערשט איצט האָט מיר דער דאָקטאָר פאַרבאַנדאַזשירט די פאַרוווּנדעטע האַנט. דער באַן־קאָמענדאַנט פון אינזע האָט באַקומען אַן אָנווייזונג, ער זאָל קאָמפּאָסטירן די בילעטן און אַרויפזעצן אויפן צוג, וואָס גייט אַרום פיר בייטאָג פון קויבישעוו קיין מאָסקווע. איצט זענען מיר שוין געווען זיכער. אָבער ווען דער צוג איז אָנגעקומען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ פשוטע שיקסע, אַ קאָנדוקטאָר, פילט זיך שטאַרקער אין איר וואַגאָן פונעם באַן־קאָמענדאַנט.

„איר האָט נישט קיין רעכט געהאַט צו קאָמפּאָסטירן קיין בילעטן, ווייל איר האָט קיין ידיעות נישט באַקומען וועגן פרייע פּלעצער!" —

האָבן אַלע קאָנדוקטאָרן געשריגן אויף איין קול, ווי זיי וואָלטן זיך פון פריער אָפּגערעדט. פאַרן סאַמע אָפּגיין פון צוג האָט מען אונדז אַרויפּ־געזעצט אויפן אַדורכגאַנג צווישן צוויי וואַגאָנען, אונטער דער „גאַרמאָשקע". מיר זענען געלעגן אויפן אייזן און געטרייסלט זיך, ווי אין פיבער, צוטוליענ־דיק זיך איינער צום אַנדערן. בייטאָג איז געווען נאָך צו דערליידן, אָבער ביינאַכט האָבן קאַלטע ווינטן געבלאָזן דורך די שפּאַרונעס, מיר האָבן געציטערט פאַר קעלט נאָך מער, ווי פונעם טרייסלען פון די וואַגאָנען. אונדזער זון מאַרקס האָט אַזש געקנאַקט מיט די ציינדלעך פון קעלט, מיר ביידע האָבן אים געוואַרעמט מיט אונדזער אָטעם, ס'האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. אין דער רעכטער זייט פון אונדז איז געווען אַ וואַגאָן פאַר אָפיצירן. מיר האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן מיט כוח און געבעטן: „ראַטעוועט אַ קינד. ער ווערט פאַרפרוירן!"

ענדלעך האָט מען געעפנט די טיר. אַ הויכער אָפיציר האָט דאָך רחמנות געקריגן אויפן קינד און אים אַריינגענומען צו זיך. מיר אַליין זענען געווען שוין רואיקער. ס'איז אָבער געווען אַ שוידערלעכע קעלט. אונדזער קלאַפּן האָט אויפגעכאַפּט דער זון. ער האָט שוין אַליין געבעטן, מען זאָל אונדז אַריינלאָזן און זיי זענען אַנטקעגנגעקומען זיין ביטע. אין וואַגאָן זענען מיר נישט אַריינגעגאַנגען, נאָר געוואַלגערט זיך אַ גאַנצע נאַכט אויף דער פּאָדלאָגע, ביים אַריינגאַנג אין בית־שימוש. ערשט אין פרימאָרגן האָט איינער פון די אָפיצירן גענומען אונדזערע באַן־בילעטן און אויף איינער פון די גרעסערע באַן־סטאַנציעס האָט ער געפּועלט, מען זאָל אונדז אויסטיילן ערטער אין אַן אַנדערן וואַגאָן, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס זענען געווען אין וואַגאָן איבערגעבליבן פּוסטע ערטער...

אויסגעשטיגן פון וואַגאָן זענען מיר אין מאָסקווע אין די אָוונט־שעהן. ביים אויסשטייגן האָבן מיר זיך דערשראָקן: אַזויפיל ליכט האָט באַלויכטן דעם טונקעלן הימל, ווי מיט טויזנטער בליצן. דאָס העלע ליכט אין אַלע קאָלירן פון אַ רעגנבויגן האָט אויף איין מאָמענט באַלויכטן דעם הימל און צעפאַלן זיך ווי אומצאָליקע פאַלנדיקע מעטעאָריטן. אָבער קיין אויפ־רייסן האָבן מיר נישט געהערט. די שרעק איז שנעל פאַריבער און איר אָרט האָט פאַרנומען אַ לויכטנדיקע פרייד. דאָס איז געווען איינער פון

די סאַלוטן, מיט וועלכע מאָסקווע האָט באַהערט די זיגער, די באַפרייער פון שטעט און שטעטלעך. דאָס איז נישט געווען דער ערשטער סאַלוט, אָבער מיר האָבן אים דערזען צום ערשטן מאָל. דער זון אונדזערער האָט געטאַנצט אויפן פּערען און געשריגן: „הוראַ!" די קינדערישע פרייד איז אַריבער די ברעגעס פון דעם קינדערישן הערצעלע.

מאָסקווע — דער טרוים פון יעדן סאָוויעטישן מענטשן, דער חלום פון יעדן קינד, איז אונדז טייער, נאָענט און היימיש. אַזויפיל האָבן מיר באַקאַנטע צווישן די, וואָס האָבן מיט אונדז אין באַראַ געטיילט זיך מיטן ביסן ברויט, מיטן נאַכט־געלעגער? דעם נאָמען פון אונדזער פריינד געדענקען מיר גוט: בעניאַמין יעפימאָוויטש כאַדאַקעוויטש, זיין ווייב, קאַני־נאַ אַננאַ סעמיאָנאָוונאַ. אין טעלעפאָן־בוך געפונען מיר זייער נומער. איך קלינג אָן. אַ האַרציקן אויסגעשריי כאַפּ איך אויף אין טרייבל, ווי נאָר איך רוף אָפּ מיין נאָמען. „קיין קיעוו? ניין! פריער מוזט איר זיין ביי אונדז אין מאָסקווע, איר, מינגאַ עמאַנואילאָוונאַ און מאַרקסיק, אונדזערע בעסטע פריינד. וואַרט, מיר קומען גלייך אייך נעמען צו זיך!"

ביידע צוזאַמען זענען געקומען מיט אַ ספּעציעלער מאַשין. אַננאַ סע־מיאָנאָוונאַ האָט מיך געזען צום ערשטן מאָל, דאָך האָט זי זיך מיט מיר צעקושט, ווי גאָר אַלטע גוטע פריינד. מיט מינגען און מיט מאַרקסן — מיט טרערן אין די אויגן. איבערהויפּט איז געווען גערירט בעניאַמין יעפימאָ־וויטש. פון אויפרעגונג האָט זיך ביי אים געטרייסלט די אונטערשטע ליפּ און די אויגן האָבן אין דער נאַכטיקער פינצטערניש געגלאַנצט פון גליק.

אין דער היים האָט אונדז אויפגענומען דאָס הינטל מינקאַ, דאָס טייַ־ערסטע, וואָס ביידע פאַרמאָגן פון לעבעדיקע באַשעפענישן. מינקאַ האָט געטוליעט זיין וואַרעמע ווייס־שנייאיקע פעל און נאַסע מאָרדע צו יעדן איינעם פון אונדז, ווי ער וואָלט אויך געוווסט, וועלכע טייערע געסט זיינע באַלעבאַטים נעמען אויף, כאָטש ער איז קיינמאָל אין באַראַ נישט געווען, נאָר געבליבן מיט זיין באַלעבאַסטע אין דער באַדראָטער שטאָט.

די וווינונג — אַ גרויס צימער, אָנגעפּראָפּט מיט ביכער, פון דער פּאַדלאָגע ביזן סופיט. אַלע פיר ווענט זענען רייך מיט זעלטענע ביכער. פיר שאַפעס צוימען אָפּ בלויז אַן אָרט צו שלאָפן פאַר ביידע צוזאַמען.

פֿאַר אונדז האָט מען אויסגעבעטט דעם סיבירער שוואַרצן טולופּ אויף דער פּאָדלאָגע און צוגעדעקט מיט צוויי זומערדיקע קאָלדרעס.

מיר זענען געשלאָפֿן געשמאַק, בעסער ווי אין בעסטן האָטעל, מיט אונדזערע האַרציקע פֿרײַנט. צומאָרגנס האָבן מיר געמאַכט אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט. אַראָפּגעלאָזט זיך אונטער דער ערד, אין דער מעטראָ אויפֿן נאָמען פֿון לאַזאַר מאָיסייעוויטש קאַגאַנאָוויטש, אויף יעדער סטאַנ־ציע אויסגעשטיגן און באַוווּנדערט די באַזונדערע אַרכיטעקטור. דאָ און דאָרט זענען נאָך געשטאַנען אַנצאָליקע בעטלעך, אין וועלכע מען פֿלעגט שלאָפֿן אין די נעכט, ווען דער הימל האָט געהאַגלט מיט די דײַטשע באָמ־בעס, דער לענין־מאַוזאָליי איז נאָך געווען פֿאַרמאַכט פֿאַר באַזוכער. יעדער טאָג איז אַריבער אין באַגעגענישן מיט די מוטערס, וואָס האָבן באַגלייט זייערע קינדער קיין גאָראַ, מיט די לערער. איינמאָל האָבן מיר אויך באַזוכט די אָפּערע, געזען אַ באַלעט: „דער רויטער מאָן" און געשמועסט, געשמועסט ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט אַריין וועגן מלחמה, צווייטן פֿראָנט, וועגן נאָענטן זיג און נאָך אַזעלכע „קלייניקייטן". אַננאַ סעמיאָנאָוו־נאַ איז געווען די פֿאַרוואַלטערין פֿון דער שול־אָפּטיילונג פֿון קיעווער קרייז אין מאָסקווע. זי האָט אַפֿילו חשק געהאַט אונדז צו באַשעפֿטיקן אין איינער פֿון אירע שולן, אָדער קינדער־היימען. די דירה־פֿראַגע איז אָבער געווען גע־נוג באַשווערט אין מאָסקווע, בפֿרט, ווען נישט ווייניק הײַזער זענען צעבאָמ־באַרדירט געוואָרן און קיין נײַע האָט מען נישט געבויט.

זי האָט זיך דעריבער צונויפֿגעשמועסט מיט אירן אַ קאָלעגע, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיטן שול־וועזן פֿון די אײַזנבאַנער און געפֿועלט בײַ אים, ער זאָל מיר באַשטימען אַן אַרבעט אין דער באַפֿרײַטער הויפּט־שטאָט פֿון אוקראַינע. ער האָט מיך גערופֿן צו זיך, אַדורכגעשמועסט זיך און מיך באַשטימט צום אָרגאַניזירן די קינדער־היימען אין די באַפֿרײַטע קרײַזן פֿון אוקראַינע. ער האָט אונדז אויך באַזאָרגט מיט אַ ספּעציעלער קופּע פֿון מאָסקווע ביז קיעוו אין שלאָף־וואַגאָן.

אַ גאַנצע וואָך האָבן מיר פֿאַרבראַכט אין מאָסקווע. די מלחמה האָט זיך נאָך נישט געענדיקט. אַרבעט איז געווען גענוג, איבערגענוג. עס איז נישט געווען קיין צײַט אויף פֿאַרווײַלונגען, אויף פֿולער רו. אונדזערע פֿרײַנד

האָבן אונדז באַגלייט צו דער באַן, געזעגנט זיך מיט אונדז האַרציק, ווי אונדזערע בעסטע פריינד. איצט זענען מיר שוין געפאָרן גאָר אַנדערש, ווי פריער. אמת, קיין מאַטעראַצן און ריינע וועש האָט מען נאָך נישט באַקומען. די זאַכן זענען באַשטימט געווען פאַר די שפּיטעלער, אָבער באַקוועם איז געווען צו ליגן אויסגעצויגן אויף דער האַרטער באַנק אויף דעם אונטערגעלייגטן פּאַלטן, וואַרעם, ליכטיק, כאָטש די פּאַרמאַסקירונג פון די פענצטער איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען.

פאָרנדיק איבערן וועג, ביי דער טאָג־שיין, האָבן מיר דורכן פענצטער געזען נישט ווייניק חורבות פון באַן־סטאַנציעס און הייזער. אַ שוואַרצער אומעט האָט אַרויסגעקוקט פון אַלע לעכער. בלויז איינצעלנע מענטשן, מיט דערשראָקענע בליקן, אויסגעדאַרטע און מידע האָב איך געטראָפן. אויף דער צייטווייליקער בריק איבערן דניעפּר זענען מיר געפאָרן איינגעהאַלטן, טריט ביי טריט. שרעקלעך האָבן אויסגעזען די חורבות אין דאַרניצע, די פאַרשטאָט פון קיעוו. קיין איין גאַנצע געביידע, בלויז חורבות און חורבות.

דער קיעווער שיינער וואָקזאַל איז פאַרברענט געווען, די אייזנס האָבן געסטאַרטשעט אין דער לופטן, זיגזאַגיש־שפּיציק. בלויז שמאָלע דורכגענג זענען געווען אָפּגעריייניקט און קוים אויף אייניקע אָפּשניטן האָבן קורסירט איינצלנע טראַמווייען.

צו דער דרום־מערבדיקער אייזנבאַן־אָנפירונג האָבן מיר זיך קוים דער־שלעפּט צופוס. אמת, קיין גרויסע באַגאַזשן האָבן מיר נישט פאַרמאָגט, דאָך איז שווער געווען, איבערהויפּט פאַרן קינד, זיך צו שלעפּן באַרג אַרויף, דורך דעם באָטאַנישן גאָרטן, דורך דער לענין־גאַס צו פראַנקאָ נומער 19, אַרויפשלעפּן זיך אויפן פערטן שטאָק.

די גאַנצע שול־אָפּטיילונג האָט פאַרנומען בלויז איין גרויסן צימער. טישלעך, אָן אַ שיעור טישלעך, פון פאַרנט, ביי דער סאַמע טיר — די פאַרוואַלטערין פון דער בילדונגס־אָפּטיילונג — ניעטשיפּאָרוק זאָיע סאַ־ווויטשנע. אַ הויכע, אויסגעמאָגערטע פרוי, מיט גלייכגילטיקע טונקעלע אויגן, מיט אַ לענגלעכן שרונט אין די האָר.

מיר האָבן זיך באַקאַנט און איך האָב איר דערלאַנגט מיין באַשטימונג פון מאָסקווע. זי האָט נאָר באַוויזן אַ בליק טאָן אין דעם אינהאַלט, ווי

דער פּאָסטטרעגער האָט אַריינגעבראַכט פאַר איר אַ בריוו, אַוועקגעלייגט אויף איר טיש און שטיל פאַרלאָזט דאָס צימער. זי האָט אַ בליק געטאָן אויפן קאָנווערט און האָט באַלד פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט פון דעם בריוו. דער קאָנווערט איז, ווייזט אויס, שוין קענטיק אַ סך, אַ סך... עס איז אַן אָנזאָג, אַז עמיצער איז אויפן פראָנט העלדיש אומגעקומען אין קאַמף פאַרן זיג...

זי האָט אַ ציטער געטאָן, געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט, אַלע, אַלע האָבן איבערגעריסן די אַרבעט און אויפגעשטעלט זיך, כדי אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד דעם אומגעקומענעם. די ערשטע האָט זיך באַהערשט די סעקרעטאַרין, וואָס האָט אויפגעהערט צו שרייבן אויף דער מאַשינקע. זי האָט מיט אירע ציטערדיקע הענט געעפנט דעם בריוו און אויף אַ קול אַרויסגעלייענט: „... ווי אַ העלד געפאַלן דער קאַפּיטאַן ניעטשיפּאָרוק ניקיפאָר איוואַנאָוויטש!...״

דריטער טייל

# אין באפרייטן קיעוו

# אויפן באַטיעווער באַרג

אויף דעם ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט האָבן געקעמפט נישט נאָר זאַיִע סאָוויטשנעס מאַן, נאָר אויך איר זון. אייגנטלעך איז ער נישט געווען איר אייגענער זון, נאָר אַ זון פון איר שוועסטער, אַן אלמנה, וואָס האָט געוווינט אין אַ דאָרף און געאַרבעט אין קאָלווירט. אין די ערשטע יאָרן פון דער קאָלעקטיוויזאַציע, האָט אויך זאַיִע געאַרבעט אין קאָלווירט. זי איז געווען אַ לערערין אין דער קאָלווירטישער שול. איר מאַן האָט געשטאַמט פון די רייכע פּויערים, די „קולאַקעס״. ער האָט קיין חשק נישט געהאַט צוצושטיין פון די ערשטע צום ניי־געשאַפענעם קאָלווירט. איז זאַיִע זיך מיט אים צעגאַנגען. מיט אים האָט זי קיין קינדער נישט געהאַט. האָט זי צוגענומען ביי איר שוועסטער, די אלמנה, איר זון אַלעקסאַנדער און דערצויגן אים, ווי אַן אייגענעם זון. שפּעטער איז זי אַוועק קיין קיעוו זיך לערנען אין פּעדאַגאָגישן ראַבפאַק. פאַרענדיקט דעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, געוואָרן אַ פאַרטייערין, אַ טיכטיקע קאָמוניסטקע. דאָ, אין קיעוו, האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ פאַרוואַלטער פון אַ שול, ער איז געווען באַזאָרגט מיט אַ וווין־שטח און באַלעבאַטישקייט. מיט אים האָט זי געהאַט אַ זון, וואָלאָדיע. אויך אַלעקסאַנדער האָט געוווינט צוזאַמען מיט זיי, געלערנט זיך גוט, געווען אַ הייסער קאָמסאָמאָליעץ און ביים אויסברוך פון דער מלחמה איז ער פרייוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי. אויף דעם מאַן האָט מען מאָביליזירט אין דער אַרמיי. זאַיִע סאָוויטשנע האָט זיך עוואַקואירט פון קיעוו צוזאַמען מיט איר יונגן זון וואָלאָדיע קיין קוביבישעוו. זי האָט דאָרט געאַרבעט אַלס פאַרוואַלטערין פון אַ שול פאַר די קינדער פון די אייזנבאַן־אַרבעטער. אין באַפרייטן קיעוו איז זי שוין דערגאַנגען צו דעם

וויכטיקן פאַסטן פון אַ פאַרוואַלטערין פון דער בילדונגס־אָפּטיילונג ביי דער דרום־מערבדיקער אייזנבאַן. די ידיעה וועגן דעם העלדישן טויט פון איר מאַן, האָט זי דערשיטערט, אָבער נישט אויף לאַנג. די אַרבעט, דאָס בויען אַלץ פונדאַסניי, דאָס בויען קינדער־היימען פאַר די טויזנטער יתומים, וואָס זענען פאַרבליבן נאָך די אומגעקומענע אייזנבאַן־אַרבעטער, קינדער־גערטנער — אַלץ האָט זי פאַרשלונגען אינגאַנצן, האָט צוגענומען ביי איר דעם טאָג און אַמאָל אויך די נאַכט.

מיין ערשטע אומגעלונגענע באַגעגעניש מיט זאָיע סאַוויטשנע איז פאָרגעקומען שבת. מען האָט אונדז באַזאָרגט מיט נאַכטלעגער אין אַ קעגנ־איבערדיקן הויז אויף ליסענקאָ־גאַס — צוויי בעטן אין אַן אַלגעמיינעם שלאָפצימער. אין וועלכן עס האָבן גענעכטיקט נאָך אַנדערע אייזנבאַנער.

אין דעם שבתדיקן טאָג האָבן מיר אַרומגעשפּאַצירט איבער די גאַסן פון קיעוו. דער באַרימטער קרעשטשאַטיק איז געלעגן אין חורבות. עפּעס אַ סימן פון דער גאַס האָט מען נאָך געקענט באַמערקן ביים סאַמע סוף פון דער גאַס, אויף דער רעכטער זייט, אַן איין־און־איינציקער העכערער מויער פון דער געוועזענער פּאָסט־געביידע. אַ תוהו ובוהו, קוימענס, וואָס זענען אויס געפּערלעך לאַנג, ציען זיך אין דער הויך, ווי אויסרוף־צייכנס, ווענט איינגעפאַלענע, פאַרשרפעטע, קיין טראָטואַרן זעט מען אינגאַנצן נישט אַרויס. אַלץ איז פאַרשיט מיט פּודן ציגל, צעבראָכן גלאָז, צעבויגענע קלאַמקעס און מיט פאַרשידענעם אייזנברוך. בלויז אַ שמאָלער פּאַס פון שאָסיי איז שוין אָפּגערייניקט, מען זאָל קענען אַדורכגיין, אָדער אַדורכ־פאָרן. די לענין־גאַס זעט נישט בעסער אויס. די לינקע זייט פון פּושקין־גאַס איז איין גרויסע חורבה מיט אַ צופעליק פאַרבליבן שילדל „פּושקין־גאַס”. אַזוי אויך ווייטער: די רויט־אַרמייער־גאַס, די גרויסע בראַדסקיס שול... מענטשלעך האָב און גוטס, געבויטע און דערוואָרבענע במשך פון לאַנגע יאָרן — אַלץ איז איין מעכטיקע רואינע. ווען וועט מען דאָס אַלץ באַווייזן אָפּצורוימען? ווען וועט עס ווערן צוריק אויפגעבויט? און וויפיל טויזנ־טער קרבנות — מענער, ווייבער און קינדער זענען אומגעקומען אין די שווידערלעכסטע ליידן אונטער די חורבות?!

„און באַבי־יאַר?" — גייט מיר אַדורך אַ געדאַנק. די אַנגעשיטע דאָלי־נעס מיט צעשאָסענע, דערשלאָגענע, דערשטיקטע, און דערמאָרדעטע מיט אַלע מיתות משונות יידישע הונדערטער טויזנטער מענער, פרויען און פיצלעך קינדער? ווײ, ווײ, צו וואָס דער מענטש, וואָס טראָגט דעם צלם אלוהים אויף זיך, איז דערגאַנגען! די דייטשע חיות און זייערע געהילפן האָבן איבערגעשטיגן די ערגסטע חיות רעות מיט זייער בלוט־דורשטיקייט און לוסט צום אומברענגען און פאַרדאַרבן אַן אַ פאַרוואָס אומשולדיקע יידישע נפשות.

מאַנטיק אינדערפרי האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט דער פאַר־וואַלטערין, זאָיע סאַוויטשנע. זי האָט אויסגעזען בלאַסער אויפן געזיכט, אַן אומעט האָט אַרויסגעבליקט פון אירע אויגן, אָבער איצט האָט זי גערעדט זאַכלעך און ערנסט:

„איך האָב באַשלאָסן צו באַשטימען אייך אַלס דירעקטאָר פון דער ערשטער קינדער־היים פאַר די אייזנבאַנער אין קיעוו, און אייער ווייב אַלס דערציערין" — מיט די ווערטער האָט זי אָנגעהויבן אונדזער גע־שפרעך. איך האָב באַלד געגעבן מיין הסכמה. מיר האָבן געשמועסט וועגן אָרט פון דער קינדער־היים. פון אַלע אָנגערופענע ערטער איז באַשטימט געוואָרן דאָס פּאַסיקסטע אָרט: אויף דעם באַטיעווער באַרג, אין דער געביידע פון דער געוועזענער שול. די געביידע איז שטאַרק רואינירט. זי איז אָבער אָפּגעזונדערט פון דער שטאָט און פאַרמאָגט אַרום זיך אַ גאָרטן און בכלל אַ גרויסן שטח אויף צו פירן אַ ווירטשאַפט. פאַרן דירעקטאָר און זיין פאַמיליע איז אויך פאַראַן אַ באַזונדערע דירה. ביי אַ גוטן רעמאָנט און געוויסע צובויאונגען, קען דאָרט זיין אַ שיינע קינדער־היים. אמת, ס'איז נישט אַזוי לייכט ביי אונדזערע טראַנספּאָרט־באַדינגונגען צו פירן אויפן באַרג אַרויף בוי־מאַטעריאַלן, אינווענטאַר און פּראָדוקטן, דאָך גלויבט זי אין מיינע פעיקייטן און פּראַקטיק, אין דער גרייטקייט צו יעדער שוועריקייט און אין דעם געוווּנטשענעם דערפאָלג. די נאָמינאַציע אַלס דירעקטאָר האָב איך אָנגענומען. אָבער שמועסן וועגן איינצלהייטן פון בויען און רעסטאַורירן, האָב איך באַשלאָסן שפּעטער, נאָכדעם, ווען איך וועל זיך באַקענען מיט אַלץ אויפן אָרט.

דער באַטיעווער באַרג געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט פון דער באַן־ליניע, אין סאַמע אַנהויב פון ראַיאָן סאַלאַמענקע — לינקס. דער אַרויפגאַנג איז געווען משופּעדיק, כאָטש דער וועג ציט זיך זיגזאַגיש ווי אַ שרויף. דער וועג איז אַ שמאָלער, נישט קיין געפלאַסטערטער מיט שטיינער, אַ זאַמדיקער. ער איז שטענדיק טרוקן, ווייל די וואַסערן האַלטן זיך נישט אויף אים — זיי שטראָמען באַלד אַראָפּ אונטן, שאַפנדיק אַ ניש־קשהדיקע בלאָטע, ביים סאַמע אַרויפגאַנג.

ווינטער דאַרף דער אַרויפגאַנג זיין גליטשיק, אַפילו די שנייען האַלטן זיך נישט לאַנג און שווימען אַראָפּ, אַראָפּ. אויפן באַרג וווינט מען: מערסטנס אַרעמע לייט אין ליימיקע הייזלעך, ווי אין אַ דאָרף. אַרום הייזל — אַ גאָרטן, אַ פעלד אויף גרינס, אייניקע האָדעווען אַ פּאָר הינער, אַפילו אַ חזיר. די צאָל קינדער איז נישט קיין גרויסע. זיי האָבן זיך געלערנט אין דער ערשטער אייזנבאַן־שול אויפן באַרג, איצט גייען זיי אין שול אַריין אַ ביסל ווייטער, אויף סאַלאַמענקע, אין דער זיבעטער. די געביידע פון דער געוועזענער שול איז אַ גרויסע, אַ צווייִשטאָקיקע.

די אַלע הייזלעך אויפן באַרג האָבן ווייניק געליטן פון די באָמבאַר־דירונגען. די שול־געביידע אויך נישט. דאָך איז די שול־געביידע גע־שטאַנען אָן איין שויב, פון די פאָדלאָגעס זענען אַראָפּגעריסן געוואָרן איינ־צעלנע ברעטער, די ווענט צעקלאַפּט, אָן שטוקאַטורקע. אַלץ, וואָס די שול האָט פאַרמאָגט: פון דעם פיזישן, פון ביאָלאָגישן קאַבינעט — אַלץ האָבן די קינדער און די איינוווינער צעשלעפּט. אַפילו די זייגערס, די עלעקטריע־מעסטערס זענען אַראָפּגענומען געוואָרן. דער דאַך איז געווען דורכגע־לעכערט ווי אַ זיפּ פון די שפּליטערס. אין דעם שטיבל, וווּ די אָנגעשטעלטע אַרבעטער האָבן געוווינט, האָט זיך געפונען אַ זעניט־באַטעריע, מערסטנס יונגע מיידלעך. זיי האָבן פאַרמאָגט עטלעכע זעניט־האַרמאַטן און אַ פּראָ־זשעקטאָר, פלעגן אַדורכפירן איבונגען, פּרווו־אַליאַרמען, אַפילו שיסן. און אין די נעכט פלעגט זיי אויסקומען זייערע קענטענישן אויסצונוצן אין דער פּראַקטיק, אין קאַמף מיט די דייטשע אַנפאַלער אויף קיעוו, אַפילו אויף דאַרניצע.

די דירה, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַרן דירעקטאָר, איז געווען אינגאַנצן רואינירט. אין איר האָבן געוווינט סאָוויעטישע זעלנער, עס איז ביי זיי אַנטשטאַנען אַ שריפה, נאָר זיי האָבן אַליין אָפּגעלאָשן. די ווענט זענען געווען שוואַרץ, פאַרשרפט און אַ טייל פון דער פאָדלאָגע איז פאַרברענט געוואָרן. דאָך האָב איך און מיין פרוי באַשלאָסן זיך אַריבער־קלייבן אין איינעם פון די צימערן פון דער געביידע און פאַרמאַכן דערוויייל די פענצטער מיט דיקטן. מיר האָבן געפינען אַן אייזערן אייוועלע מיט בלעכענע רערן, וועלכע מען האָט געקענט אַרויסלאָזן דורכן פענצטער.

מיר האָבן געמוזט דאָ וווינען, כדי מען זאָל נישט דערלאָזן די געביידע ווייטער צו רואינירן. „אַ הויז מוז האָבן אַ באַלעבאָס" — אַזוי זאָגן מענטשן. דער בעסטער סימן — וואָס איז געוואָרן פון דעם הויז אָן אַ באַלעבאָס?

געטראַכט און געטאָן. אין צוויי טעג אַרום האָבן מיר שוין אַלע דריי געוווינט אין אַ פינצטערן צימער, געשלאָפן אויף צוויי אייזערנע בעטלעך מיט דיקטן אַנשטאָט מאַטראַצן, אָדער שעגניקעס. עס איז שוין געווען סוף מערץ, נאָר די נעכט זענען געווען קאַלטע, די ווינטן האָבן געוואָיעט, ווי סטייעס הונגעריקע וועלף, דורך די צעעפנטע פענצטער. איך האָב צוגענומען צו דער אַרבעט צוויי אַלטע פּויערים, אַלס היטער און אַן עלטערע פרוי, וואָס איז פריער געווען אַ רוימערין אין שול. קאַיאָר פלעגן זיי אַוועקגיין קיין סאַלאַמענקע זיך שטעלן אין דער ריי נאָך ברויט. זי פלעגט אויך מיטנעמען אונדזערע שפּייז־קאַרטן און באַזאָרגן אונדז מיט ברויט. אויך מי־טאָג פלעגט זי ברענגען פון גאָר ווייט, אַזש פון דער באַן־סטאַנציע פאַר פראַכט־לאַדונגען, אונדזערע דריי פאַרציעס שיטערע זופּ מיט אַ פּאָר פּיצ־לעך זויערע אוגערקעס, וואָס זענען אַרומגעשווומען פון אויבן. מיר זענען פון דעם אויך געווען צופרידן. די ערשטע דריי מיטאַרבעטער זענען געווען געטריי און געהאָלפן אָפּנעמען אייניקע פון די אַנגעראַבעוועטע זאַכן ביי די שכנים. איך פלעג צו זיי שרייבן בריוו אין בעטן אומצוקערן דאָס מלו־כהשע אייגנטום, וואָס געפינט זיך אין זייער רשות, היות זיי זענען נויטיק פאַר דער קינדער־היים. אייניקע האָבן גלייך אָפּגעבראַכט און פאַרענט־פערט זיך, אַז זיי האָבן עס געטאָן צוליב פּאַטריאָטישע געפילן, עס זאָל אָפּגעהיט ווערן און בלייבן גאַנץ. צו אייניקע האָב איך זיך געמוזט ווענדן

עטלעכע מאָל און ערשט נאָך דראַאונגען, האָבן זיי אומגעקערט די זאַכן. אין דעם זענען באַשטאַנען אונדזערע ערשטע אויפטוען. די וועכטער פלעגן דיזשורירן איינער נאָכן אַנדערן במשך פונעם גאַנצן מעת לעת.

די נעכט זענען געווען אומרואיקע. די דייטשע באָמבאַרדירער האָבן נישט אויפגעהערט צו באָמבאַרדירן דאַרניצע, זיי האָבן מיט ברענענדיקע לאָמפּן אויף פּאַראַשוטלעך, באַלויכטן דעם שטח. אונדזערע זעניטלעך האָבן געצילט אין די לאָמפּן און טריאומפירט, ווען זיי איז געלונגען אייניקע פון זיי אַראָפּשליידערן. די שטראָמען ליכט פון דעם פּראָזשעקטאָר פלעגן זיך אַריינרייסן דורך די אָפענע פענצטער צו אונדז אין הויז אַריין און זייען שרעק. מיר זענען כמעט נישט געשלאָפן. מינדעלע איז געשטאַנען ביים זונס בעטל, געקוקט אויף אים מיט שרעק. אונטער אונדזער וואָנט האָבן געקלאַפּט די זעניטקעס. די שיקסעס האָבן געקוויטשעט פון אויפ־רעגונג. איך בין אָפּט אַרויף אויפן דאַך און געשטאַנען גרייט מיט אַן עמער וואַסער צו לעשן, אין פאַל, ווען עס וועט אויסברעכן אַ שריפה...

איך האָב באַקומען די „סמעטע” אויפן רעמאָנט, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן שפּאַרעוודיק און קאַרג, נאָך איידער די שריפה איז געשען. דער צוגעשיקטער טעכניקער פון דער מלוכהשער בוי־אָרגאַניזאַציע איז געקומען, ער האָט זיך באַקאַנט מיט דעם צושטאַנד פון דער געביידע און מיט דער סמעטע און האָט זיך אויסגעלאַכט: „מיט אַזאַ סמעטע וועט איר, חבר דירעקטאָר, „קוקען” און וואַרטן יאָרן. קיינער וועט אייך דעם רע־מאָנט נישט מאַכן” — האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַן איראָנישן שמייכל.

„וואָס זשע טוט מען? גיט אַן עצה!” — האָב איך זיך געבעטן.

„מאַכט אַ נייע סמעטע. מיר וועלן אייך שוין אָנווייזן ווי אַזוי. גיט אַן אָלס מאָטיוו די שריפה, די פרישע רואינען. שמועסט זיך אָדורך מיט אייער אינזשיניער וועגן דעם — מיט אים קען מען זיך דערעדן...”

איך האָב פאַרשטאַנען זיינע רייד, אַפילו גוט פאַרשטאַנען...

## אין שיין פון מאָרגנשטערן / אין באַפרייטן קיעוו

# די ווייען ביים בויען

רואינירן, צעשטערן, צעברעכן, מאַכן פון אַ יש — גאָרנישט — דאָס איז איינע פון די לייכטסטע זאַכן. איין אַנגעצינדן שוועבעלע קען פאַרברענען די מי פון יאָרן אַרבעט. איין באָמבע קען אין אַ מינוט פאַרניכטן גאַנצע קוואַרטאַלן, מענטשן, מויערן, האָב און גוטס. אין דעם האָט מען זיך איבערצייגט נאָך די גרויסע פאַרניכטונגען, וואָס די מלחמה האָט געבראַכט. אַפילו אַ שול־געביידע, וואָס האָט נישט געליטן פון קיין באָמבעס, נאָר פון מענטשנס באַרבאַרישער באַהאַנדלונג אין דער צייט, ווען אַלץ איז געווען הפקר, איז ביז גאָר שיוער געווען צוריק אויפצושטעלן, באַנייען, זי זאָל קענען דינען אַלס היים פאַר איבערגעבליבענע יתומים, און ווייל דער עול און די אויפגאַבע פון דער אַרבעט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף מיר, האָב איך אַממערטנס אָפגעפילט די ווייען פון בויען, פון צוריק אויפשטעלן, באַנייען.

די נייע „סמעטע" איז דאָך מיט גרויס מי צונויפגעשטעלט געוואָרן. דער פּראָאָב פון דער בוי־אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען אַלץ, לויט זיינע גערעכטלעכע פאָדערונגען: 100% באַגלאָזונג, 90% שטוקאַטירונג, 30% נייע פּאָדלאָגעס און נאָך, און נאָך. צו דעם האָט צוגעהאָלפן דער אינזשיניער און די פאַרוואַלטערין, זאַיע סאַוויטשנע. זי האָט אַפילו אויסגעטיילט גאַנצע 5 קאַסטנס מיט גלאָז, אַ פּאָר הונדערט קילאָגראַם בלעך צו פאַרריכטן דעם דאַך און אַ 5 קוואַדראַט־מעטער ברעטער — אַלץ דעפיציט מאַטעריאַלן. דערצו האָט די נ. ח. (צושטעלונג און באַזאָרגונג אָרגאַניזאַציע) פון דער דרום־מערבדיקער אייזנבאַן באַקומען אַ צוזאָג, אַז די ערשטע וועלן אַריינגענומען ווערן אין קינדער־היים די קינדער פון זייערע מיטאַרבעטער, וואָס זענען אומגעקומען אין דער מלחמה. צומאָרגנס, נאָך דעם ווי די נייע „סמעטע" איז באַשטעטיקט געוואָרן און די מלוכה־באַנק האָט געעפנט קרעדיטן פאַרן דאָזיקן ציל, האָט די אַרבעט גערירט פון אָרט. די קאַסטנס גלאָז זענען אַנגעקומען אויפן אָרט און עטלעכע גלעזערס האָבן באַגלאָזט די נאַקעטע פענצטער מיט בלישטשענדיקע שויבן. אויך די בלעכער האָבן זיך גענומען צו פאַרריכטן דעם דאַך, דורך וועלכן עס האָט אַריינגערעגנט

און צעווייקט די ווענט. מיין גרעסטע זאָרג איז אויך געווען דאָס אויפשטעלן אַ פּאַרקן אַרום דעם הויז, ווייל אין שכנותדיקן הויז האָט זיך געפונען דער שטאָטישער שפּיטאָל פאַר קראַנקע מיט אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, ווי טיפוס, סקאַרלאַטין און אַנדערע.

דאָס קלאַפּן פון די האַמערס, דאָס זעגן מיט די זעגן, די הילכיקע געזאַנגען פון די אַרבעטער, זענען געווען אונדזער יום טוב, זיי האָבן אָפּגעהילכט אין אונדזערע אויערן, ווי דער שענסטער סימפאָנישער קאָנצערט. די אַרבעטער האָבן זיך אויך באַמיט ווי אַמשנעלסטן אויסצורעמאָנטירן אונדזער וווינונג און מיר האָבן זיך אַהין אַריינגעקליבן.

דער פראָנט האָט זיך אָפּגערוקט ווייט פון קיעוו. גאָר זעלטן פלעגן זיך שוין איבערחזרן די לופט־אָנפאַלן אויף קיעוו און דאַרניצע. אַזוי, אַז די אַנטי־אַוויאַ־באַטעריע האָט מען אָוועקגעפירט ווייטער פון אונדז. אין די אָוונטן פלעגט מען שוין מער נישט הערן זייערע הילכיקע געזאַנגען און דאָס כיכיקען פון די מיידלעך.

אין יענער צייט האָט אונדז אָפּגעוואַרט אַן אויסטערלישע אַטראַקציע אויפן קרעשטשאַטיק. אַלע זענען געגאַנגען אויפן קרעשטשאַטיק זען מיט די אייגענע אויגן ווי מען וועט אויפהענגען 11 דייטשע גענעראַלן, פּאָלקאָווניקעס און אָפיצירן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די מאַסן־מאָרדן איבער דער קיעווער באַפעלקערונג, מערסטנס יידן. מיר זענען געשטאַנען אין די צענדליקער טויזנטער, יונג און אַלט, אויף די חורבות, אויף די איינגעפאַלענע ווענט און דעכער. אַנטקעגנאיבער אונדז זענען געשטאַנען אויפגעשטעלט גרייטע תליות מיט באַמבלדיקע פאַרלייגטע שטריקלעך אין דער מיט. מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם האָבן אַלע אויפגעכאַפּט דעם אָפּהילך פון די מאַשינען, וואָס האָבן זיך דערנעענטערט פון דער קעגנאיבערדיקער זייט. פוןביידע זייטן זענען געזעסן אויף די באָרטן זעלנער מיט אויטאָמאַטן אין די הענט. דער עולם האָט זיך צעיובלט. עס האָבן זיך געהערט וויי־געשרייען און קללות, מענטשן האָבן זיך געצלמט און געוויינט. צו יעדער תליה איז צוגעפאָרן אַ מאַשין, און אָפּגעשטעלט זיך. די זעלנער האָבן, ווי לויט אַ קאָמאַנדע, אַ הויב געטאָן אין דער הויך די טריפהנע

פּרצופים פון די הענקער, מיט די היטלען אויף די קעפּ, דוכט זיך, אַפילו מיט די אייזערנע קרייצן אויף די ברוסטן, אויסגעכאַליעטע מאָרדעס פון מענטשן־חיות, אויף וועמענס העלדזער עס זענען אַרויפגעוואָרפן געוואָרן די שטריק. די מאַשינען זענען גאָר שנעל אַפּגעפאָרן. דער עולם האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען: „פאַרן אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט — אַ טויט די היטלעריסטן!"

„פאַר מיין מאַמען און טאַטן, פאַר מיין ברודער און די קליינע קינדער! פאַרשאָלטן זייט אויף אייביק!" — האָט געשריגן מיין מינדעלע. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב נישט געקענט קוקן אויף דעם בילד פון אומברענגען, כאָטש אין דער נשמה האָט דאָס נקמה־געפיל פאַרנומען דעם אויבנאָן איבער אַלע אַנדערע געפילן.

פּלוצים איז איינער פון די יונגערע, וואָס האָט זיך שטאַרק געוואָרפן און געריסן, אַראָפּגעפאַלן פון דער תליה. עמעץ פון די מיליטער־לייט האָט אים אויפגעכאַפּט, דער צווייטער האָט צוגעבונדן דעם שטריק און אַרונטערגערוקט זיין צעבלוטיקטן האַלדז אונטער דער פרישער פּעטליע. ער האָט זיך נאָך אַ פּאָר מאָל אַ שאָקל געטאָן, אַרויסגעשטעקט דעם לאַנגן צונג זייַנעם און פאַרגליווערט געוואָרן אין אומבאַוועגלעכקייט, ווי אַלע זיינע „מיטאַרבעטער".

לאַנג, לאַנג זענען די מענטשן זיך נישט צעגאַנגען. יעדער איינער האָט געוואָלט זיי אָנקוקן פון דער נאָענט. דריי טעג זענען זיי געהאָנגען, אַרויסרופנדיק ביי אַלע צושויער בלויז עקל, ווי מען פילט צו אַן עיפּושדיקן שרץ. מעגלעך, אַז נישט ווייניק זענען געווען צווישן די צושויער פון די, וואָס האָבן זיי צוגעהאָלפן אין זייער פאַרניכטונגס־אַרבעט. איצט זענען זיי געשטאַנען שטיל, ווי די לעמעלעך, מיט פּחד אין האַרצן...

די קיעווער אַרבעטער האָבן זיך גענומען באַזייטיקן די חורבות פון די גאַסן, פון די פּלעצער, מיט מער חשק, ווי פריער. יעדער אַרבעט־פּלאַץ האָט באַקומען צוגעטיילט זיין אָרט און אָביעקט, וועלכן די אַרבעטער האָבן אויף זיך גענומען אָפּצורייניקן אין דער פרייער צייט. אַלע, אַלע האָבן געאַרבעט, פונעם גרעסטן נאַטשאַלניק ביזן קלענסטן אָנגעשטעלטן. נישט

איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו טראָגן צוזאַמען מיט זאַיע סאָוויטשנע א „נאָסילקע" מיסט. מינדעלע האָט געטראָגן ציגל. מיר האָבן שוין געהאַט דערויף ספּעציעלע מלבושים. מידע, הונגעריקע, נאָר מונטערע פלעגן מיר זיך אומקערן אַהיים אויפן באַטיעווער באַרג, ווו עס האָבן אויך אונדז גע־וואָרט נישט ווייניק דאגות. זיי באַגלייטן תמיד די, וואָס שאַפן און בויען.

אומגעריכט איז צו מיר געקומען די מאַלאַריע־קרענק. איך האָב זי, ווייזט אויס, געבראַכט פון גלאַטאָווקע. דאָרט האָב איך זיך אָנגעשטעקט, נאָר נישט געקרענקט. דאָ האָט די מאַלאַריע אַרויסגעוויזן אירע שאַרפע נעגל: הויכע היץ, קאָפּ־ווייטיק און עס האָט מיר געטרייסלט אין גרויסן פיבער. איך האָב אויסגעפּרוּווט אַלע עצות: געטרונקען בראָנפן מיט פעפער, געריבן די פּלייצעס, גענומען אַספּירין און היפּש געשוויצט — עס האָט ווייניק־וואָס געהאָלפן. ליגנדיק אין בעט פלעג איך דאָך דיריגירן און געבן אָנווייזונגען. ערשט ווען איך האָב זיך געוואָנדן צום דאָקטאָר, בין איך באַלד אַרויף אויפן צעטל פון די מאַלאַריקער. די סאָוויעטישע דאָקטוירים האָבן דאָן געפירט אַ שאַרפן קאַמף מיט דער מאַלאַריע. עס האָט זיך ביי זיי אויסגעאַרבעט אַ געוויסער הייל־סיסטעם, וואָס האָט געצילט אינגאַנצן צו פאַרניכטן די קראַנקהייט. איך האָב געשלונגען געלע טאַבלעטן, ווי די האַלושקעס, יעדע פּאָר חדשים געמוזט איבערחזרן די היילונג ביז איך בין טאַקע אינגאַנצן פּטור געוואָרן פון דער דאָזיקער קראַנקהייט.

די פראַגע פון איינמעלדן זיך אין קיעוו איז נישט געווען קיין פּשוטע. מען האָט געמוזט האָבן דעם נויטיקן וויזע־שטח, אַפילו מען איז געשיקט געוואָרן אַהער אויף אַרבעט. מיר האָבן געהאַט ביידע נויטיקע תנאים: מיר זענען געשיקט געוואָרן פון מאָסקווע און מיר האָבן געהאַט אַ פּאַסנ־דיקע דירה — האָט מען אונדז טאַקע גלייך איינגעמאָלדן.

דעם זון האָבן מיר אָפּגעגעבן צו לערנען אין דער זיבעטער שול פון די אייזנבאַנער, אויף סאָלאָמענקע. ער איז אַריינגעטרעטן אין דריטן קלאַס בלויז אויף עטלעכע מאָנאַטן, מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט אויפן נייעם שול־יאָר אַריבערגיין אין פערטן קלאַס. דער צייטווייליקער דירעקטאָר פון דער שול איז געווען שלום בערנשטיין, אַ היסטאָריקער, מיט אַ סך

יאָרן פעדאַגאָגישן סטאַזש. אומקערנדיק זיך פון דער עוואַקואַציע ביים סוף פון יאָר 1943, האָט ער פאַרכאַפּט אויף סאָלאָמענקע אַ דירה פון אַ יידן, וואָס איז אַוועק קיין באַבי־יאָר. די דירה איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן אין איין לענג, דאָס ערשטע מיט אַ פענצטער, דאָס צווייטע — אָן איין פענצטער, און אַ קוך. קיין שום באַקוועמלעכקייטן זענען אין דער דירה נישט געווען. קיין שום פאַרגלייך צווישן אונדזער דירה און זיינער האָט נישט געקענט זיין, דאָך האָט ער מיר געראָטן נאָכזוכן פאַר זיך אַן אייגענע דירה, ווייל אַ דירה, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אַרבעט, איז נישט קיין זיכערע. דער דירעקטאָר האָט געהאַט אַ זון באַריאַ, וואָס איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער פון מאַרקסן און אַ שיין בלאָנד טעכטערל אין פאַרשול־עלטער. זיין פרוי ריווע האָט געאַרבעט אַלס ביבליאָטעקאַרין אין דער שול. די משפחה איז געווען די ערשטע, מיט וועלכער מיר האָבן זיך געחברט.

לויטן פּלאַן, האָב איך געדאַרפט האָבן אַ פּערסאָנאַל פון 28 אַרבעטער, פעדאַגאָגישע און טעכנישע. די קינדער־היים איז אויך געווען בכוח אויס־צוטיילן אַ געוויסע צאָל וווין־פּלעצער פאַר זיינע אַרבעטער. זאַיע סאָ־וויטשנע, די פאַרוואַלטערין פון דער שול־אָפּטיילונג, פלעגט אויסנוצן מיינע רעכט אויף איינצומעלדן אין קיעוו אייניקע לערער פון אירע באַקאַנטע, וועלכע זי האָט זיך רעזערווירט אַלס לערער פאַר די קיעווער שולן אויפן נייעם שול־יאָר. איך האָב זיי געהאָלפן אין דעם, כאָטש איך האָב זיך אין זיי נישט גענויטיקט, כל זמן די קינדער־היים איז נאָך נישט טעטיק. דערווייל איז נאָך געגאַנגען דער רעמאָנט. לויט מיין אָנגעצייכנטן פּלאַן: אין די לאַנגע קאָרידאָרן זענען אויפגעשטעלט געוואָרן ווענט, כדי אָפּ־צוטיילן איין דערציונגס־גרופּע פון דער צווייטער, די מיידלעך פון די יינגלעך. די אַרבעט־וואַרשטאַטן — באַזונדער. אַ גרויסער זאַל אויף פאַר־זאַמלונגען, פאָרוויילונגען און פאָרשטעלונגען, אַ באַזונדערער שפּייז־בלאָק אויפן אונטערשטן שטאָק: אַן עס־צימער, אַ קוך, אַ צוגרייטונגס־צימער, אַ וואַש־אָפּטיילונג פאַרן געפעס א. א.

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע איז אין לאָקאַל פון דער זיבעטער שול געווען אַן אינטערנאַט פאַר דער פּאָליציי. דעריבער האָבן די

דייטשן איינגעמאַנטירט אין קעלער־שטאָק אַ גרויסן קעסל, אַ הערמעטיש־פאַרמאַכטן, וואָס האָט געקאָכט אונטער אַ גרעסערן דרוק אויף פּאַרע. פאַרן דאָזיקן קעסל האָב איך אַוועקגעגעבן אַלע פאַרבליבענע שול־בענק און וואַנט־טאָוולען. מיט געוואַלדיקע שוועריקייטן איז מיר געלונגען דעם קעסל אַריבערפּעקלען צו אונדז און איינמאָנטירן ביי אונדז אין קוך. במשך פון געציילטע מינוטן האָבן געקענט פּאַרטיק ווערן הונדערטער פּאָרציעס זופּ און פלייש.

דערווייל איז מיר געלונגען איינצואָרדענען די ערשטע גרופּע פון 15 קינדער. אייזערנע בעטלעך האָבן זיך געוואַלגערט אַרום דעם שפּיטאָל, מיר האָבן זיי צונויפגענומען, אייגנהענטיק איבערגעפאַרבט. שענניקעס האָבן מיר אָנגעפילט מיט היי, אויך קישעלעך האָבן מיר געמאַכט, בעט־געוואַנט האָבן מיר אויסגעבאָרגט אין „נ.ח״. דערציער האָבן מיר פאַרמאָגט גענוג און מען האָט שוין געקענט אָנהויבן אַרבעטן. די שוין אַנגאַזשירטע דערציער האָב איך איינגעבעטן אויף פּראַקטיק אין די שטאָטישע קינדער־היימען. זיי זענען דאָך געווען לערער און נישט קיין דערציער — זאָלן זיי זיך לערנען דערווייל.

די אַרבעט ביים רעמאָנט און בויען אויפּסניי האָט זיך דערנעענטערט צום סוף. איך האָב אָנגעהויבן זיך באַמיען דורך דער פאַרוואַלטערין צו באַקומען אַ וואַגאָן, כדי צו פאָרן קיין מאָסקווע נאָך ווייכן אינווענטאַר: קאָלדרעס, ליילעכער, ציכלעך, קליידלעך און אָנצוגן און בכלל מאַטעריאַלן צום אויפנייען. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דער געוועזענער טראַקטאָרן־זאַוואָד אין מינסק, וואָס ווערט ערשט אויפגעשטעלט אויפסניי, אַרבעט אויס דערווייל אייזערנע בעטלעך פאַר קינדער. האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין מינסק.

דאָס פאָרן מיט דער באַן איז געווען ביז גאָר באַשווערט און האָט לאַנג געדויערט. קיין אומְמיטלבאַרע קאָמוניקאַציע איז נישט געווען, מען האָט זיך געמוזט אַ פּאָר מאָל איבערזעצן און פּטרן אַ סך צייט אין די רייען, כדי צו קאָמפּאַסטירן דעם בילעט. געקומען בין איך פאַרנאַכט־צו קיין מינסק. די שטאָט איז ווי אָפּגעשטאָרבן, די שטאָטישע קאָמוניקאַציע

אַרבעט נאָך שוואַך, די האָטעלן זענען געווען פאַרפולט מיט דעלעגירטע אויף אַרבעט. קיין דירות האָבן זיי נישט געהאַט — זענען זיי געזעסן אין די פּאָר האָטעלן.

איך בין געווען פאַרצווייפלט פונעם געדאַנק צו נעכטיקן אינדרויסן. כ׳האָב געהאַט ביי זיך אַ ביסל מלוכהשע געלטער און עס איז איינגע־שטעלט. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָב איך זיך אָוועקגעשטעלט אָן אַ זייט און אָבסערווירט די דורכגייער, אַזוי לאַנג, ביז איך האָב דערזען אַ יונגנמאַן, וועלכן איך האָב אָנגענומען פאַר אַ ייד און טאַקע קיין טעות נישט געהאַט, געבעטן אים זיך אָפּצושטעלן און דערציילט אים וועגן מיין טראַגישן מצב.

„קומט מיט מיר!״ — האָט ער זיך אָנגערופן. ער האָט מיר אַריינגעפירט צו זיך אין שטוב אַריין, מיך באַקענט מיט זיין פרוי, אויך אַ יידישע, מיט שמייכלדיקע אויגן. זי איז געווען אויסגעמאָגערט ביז גאָר און אַ געלקייט האָט באַדעקט איר פּנים, ווי זי זאָלט ערשט נישט לאַנג אויפגעשטאַנען פון אַ קרענק. ביים טיש איז געזעסן אַ מיידעלע אין שול־עלטער. מיט לויכטנ־דיקע אייגעלעך, וואָס זענען אָבער אָנגעזאָפּט געווען מיט נישט קיין קינדערישן אומעט. די באַלעבאָסטע האָט דערלאַנגט צום טיש מיטאָג און אוונט־ברויט צוזאַמען, פאַר מיר גלייך ווי פאַר אַלע. אַלע האָבן זיך גענומען צום עסן און איך האָב זיך גלייך דערפילט, ווי איך וואָלט גאָר קיין גאַסט נישט געווען, נאָר אַ משפּחה־מענטש.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זיי אַלע דריי זענען ערשט נישט לאַנג געקומען פונעם וואַלד, ווו זיי זענען געווען אין אַ קעמפערישער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג. אָפּגעקומען, געמאַטערט זיך, געהונגערט, דאָס לעבן איז געהאָנגען אויף אַ האָר, סיי מצד די דייטשן, סיי מצד די אייגענע ווייסרוסן.

געשלאָפן בין איך רואיק, אויף אַ גוט געלעגער. אינדערפרי זענען מאַן און ווייב געגאַנגען צו דער אַרבעט און דאָס מיידעלע אין שול אַריין. קיין ביכער האָט זי נישט געהאַט, בלויז אַ פּאָר צונויפגענייטע העפטן פון פאַרשידענע פּאַפּירן. איך בין אַוועק אויפן מינסקער טראַקטאָרן־זאַוואָד.

בעטן האָב איך געקענט באַשטעלן, מען מוז אָבער וואַרטן אין דער ריי, ווייל באַשטעלונגען פעלן נישט. קיין ברירה האָב איך נישט געהאַט. ווי עס זאָל נישט זיין, האָב איך ביי זיך געטראַכט, ביז איך וועל פאָרן קיין מאָסקווע און קומען צוריק — וועט שוין נישט זיין לאַנג צו וואַרטן אויף די בעטן. דערפאַר וועלן די קינדער שלאָפן אין נייע בעטן, כאָטש זיי ווערן געמאַכט פון אַלטן אייזן־ברוך.

אויפן אָוונט האָב איך געקויפט צוויי בילעטן אין דער אָפּערע. פונקט האָט מען געשפּילט אויף דער רוסישער שפּראַך „רוסאַלקאַ". דער מאַן האָט געשיקט מיט מיר זיין פרוי, אַליין איז ער פאַרבליבן מיטן קינד, כדי איר צו העלפן צוגרייטן די לעקציעס. עס איז איר גאָר שווער געווען צו לערנען זיך אַן ביכער.

קאַיאַר בין איך אויפגעשטאַנען, כ'האָב שוין געהאַט צוגעגרייט אַ ביי־לעט צו פליען מיט אַן עראָפּלאַן קיין קיעוו. די באַלעבאַטים האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען ביי מיר געלט פאַר נאַכטלעגער און עסן, איך האָב דיסקרעט אַרונטערגעלייגט אַ הונדערטער אונטערן שפּיגל, אָבער די פרוי האָט אים שנעל געפונען און דער מאַן אירער איז געלאָפן אין איין אָטעם נאָך מיר און אומגעקערט. געקומען בין איך אויפן פלי־פעלד אין די לעצטע מינוטן, אַרויף אויפן לייטער אַ פאַרסאָפּעטער און אַ שוועב געטאָן אין דער ווייסרוסישער לופט אַלץ העכער און העכער...

## אין שליחות און הויכער אַוואַנס

דער הויפּט־נאַטשאַלניק פון דער דרום־מערבדיקער אייזנבאַן האָט צוגעזאָגט מיין פאַרוואַלטערין, זאָיע סאַוויטשנע, אויסצוטיילן אין דער נאָענטסטער צייט אַ פולמאַן־וואַגאָן מיט צוויי קאָנדוקטאָרן פאַר דער קינ־דער־היים, כדי איך זאָל פאָרן קיין מאָסקווע איינצושאַפן דעם אינווענטאַר און בכלל אַלץ, וואָס עס איז נויטיק פאַר דער קינדער־היים. איך האָב שוין געהאַט אַ געהילף, אַלעקסאַנדער קאַרענקאָוו, אַ געוועזענער לערער, אַ פּראַנטאַוויק, וואָס איז שווער פאַרווונדעט געוואָרן אויפן פראָנט. איצט

איז ער געקומען פונעם שפּיטאָל אַ שוואַכער מיט אַן אולקוס-קרענק, וואָס פלעגט גאָר אָפּט אים פאַרשאַפן ווייטיקן. ער איז געווען אַ הויכער, דאַרער יונגערמאַן מיט קליינע אויגן און אַ ביסל פאַרריסן אוקראַיִניש נעזל, אַן איינגעהאַלטענער שמייכל איז נישט אַראָפּ פון זיין פּנים. געווען איז ער אַ פאַרהייראַטער, געהאַט אויך אַ מיידעלע. ווען ער איז מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי זענען זיי פאַרבליבן אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע און, ווי זיינע אייגענע האָבן אים איבערגעגעבן, האָט זיין פרוי זיך נישט אויפ־געפירט לייטיש, געווען אַפילו אין „פריינטלעכע" באַציאונגען מיט די דייטשן... איצט האָט ער צוזאַמען מיט זיין ברודער געוווינט ביי זייער מוטער, אָפּגעזונדערט פון זיין ווייב און טעכטערל.

צום פירן די ווירטשאַפט, האָב איך אויך שוין געהאַט אַ געהילף, אַן עלטערן, קרעפטיקן ייד, אַ געזונטן אוֹן ברייטלעכן, מיט אַ היפּש ביסל ביטערקייט, פעיק צו באַקומען אַלץ, וואָס איז נויטיק געווען. פון דער וואַנט, ווי מען זאָגט, האָט ער געקענט ווײַן אויסזויגן. ער האָט געהאַט אַ גרויסע באַקאַנטשאַפט. אים, יאַבלאַנאָווסקין, האָבן אויך אַלע געקענט. אייגנטלעך איז ער פאַר דער מלחמה געווען אַ מאַרק־מענטש, ער פלעגט פאַרמיטלען אין האַנדלען מיט „שטיקלעך" — בהמות, פערד, אַפילו חזירים. ער האָט געהאַט זיין הויז אויף סטאַלינקע, אַ גרויסע ווירטשאַפט, אַן אויס־געגעבענע טאָכטער, וואָס האָט אים געבראַכט אויף דער וועלט צוויי אייניקלעך. מיט אַלע זיינע פעיקייטן און אויפטוען איז ער מיר נישט געפעלן. ער אַליין האָט נישט געלייקנט, אַז ער קען נישט לעבן בלויז פון זיין שכירות, ער וויל אַרבעטן און פאַרדינען...

„גלויבט מיר, חבר דירעקטאָר — פלעגט ער מיך וועלן באַרואיקן — איר וועט אויך אָפּלעקן אַ פעט ביינדל!"...

איך האָב געציטערט פאַר אַזעלכע פאַרשוינען, נאָר איצט, פאַר מיין אָוועקפאָרן, האָב איך אים צוגענומען אויף אַ פּרווו.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין די ערשטע העלפט פון טאָג אין שטאָט, אין דער שול־אָפּטיילונג, אין דער מלוכהשער באַנק. עס איז זייער שווער געווען אַרויסצובאַקומען פון באַנק מזומנים, כאָטש אויפן חשבון פון דער קינדער־היים איז געווען אַ סך געלט. זאַיע סאַוויטשנע האָט מיך געבעטן

קויפן אַ צוויי קילאָ חזיר־שמאַלץ, אַ ביסל גרויפּן פֿאַר איר באַקאַנטער אינספּעקטאָרין ביעלאָוועץ, וואָס האָט אַ קראַנקע טאָכטער, אויף טובער־קולאָז, און נויטיקט זיך אין בעסערער דערנערונג.

„פֿאַרוואָס נישט? — האָב איך געענטפֿערט. — איך בין גרייט פֿאַרן גאַנצן געלט איינקויפֿן פּראָדוקטן פֿאַר די מיטאַרבעטער פֿון דער שול־אָפּטיילונג אין מאָסקווע. איך וועל זיי אָפּגעבן אין קרן־פּרייז, זאָלן זיי צעטיילן צווישן זיך״.

דער פּלאַן איז איר געפֿעלן. זי האָט זיך אַפֿילו באַמיט, אַז מען זאָל מיר אַרויסגעבן פֿון באַנק וואָס מער געלט במזומנים. איך האָב באַקומען אַזש זעקס טויזנט רובל. מיט דער הילף פֿון יאַבלאָנאָווסקין האָב איך איינ־געקויפֿט צוויי בידאָנען מיט צעטאָפּיעטן שמאַלץ, אַ זאַק מיט גרויפּן, אַ זאַק מיט עפּל, אַ צען קילאָ צוקער. אויפֿן קאָלווירטן־באַזאַר האָט מען אַלץ געקענט איינקויפֿן פֿאַר העכערע פּרייזן. אָבער אַפֿילו די פּרייזן זענען געווען מיט אַ סך, אַ סך ביליקער, ווי אויפֿן דאָרטיקן מאַרק. אין מיין גרויסן פּולמאַן־וואַגאָן, האָבן די פּראָדוקטן קיין סך אָרט נישט פֿאַר־נומען. געהאָט האָב איך צוויי מיטפֿאָרער: אַן עלטערן און אַ יונגערן קאָנ־דוקטאָר. זיי האָבן געהאַט אַ באַזונדער קופּע ביים אַריינגאַנג, איך בין נישט אָפּגעטרעטן פֿון דער גרעסערער קופּע, אין וועלכער עס זענען געווען די פּראָדוקטן.

פֿאַרן אָפּפֿאָרן האָט מיר אַפֿילו יאַבלאָנאָווסקי געעצהט „נישט צו זיין קיין „יאָלד״ און אָפּשטעקן אַ העלפֿט פּראָדוקטן „אין אַ זייט״. „עס וועלן אייך נישט פֿאַרשאַטן די פֿאַר טויזנטער. צוואָס אָנשטאָפּן דאָס גאַנצע פֿלייש אין איין קרעפּל?!״

איך האָב אַפֿילו נישט געוואָלט טראַכטן וועגן אַזעלכע געשעפֿטן. קומענדיק אויפֿן אָרט, האָב איך זיך געטראָפֿן מיטן פֿאָרזיצער פֿון פּראָ־פֿעסיאָנעלן פֿאַראיין, אַ באַיאָרטער מענטש מיטן נאָמען גורעוויטש, אַ ייִד, ער האָט אָנגעפֿירט מיט דער באַזאָרגונגס־אָפּטיילונג פֿאַרן שול־וועזן פֿון די אייזנבאַנער. זייער אַ סימפּאַטישער מענטש, געטראָגן אַ בלויען אַנצוג מיט בלישטשענדיקע פּאַגאָנעס פֿון אַ פּולקאָווניק. ער איז פֿאַר דער מלחמה געווען אַ פּראָפֿעסאָר אין אַ הויכשול פֿון די אייזנבאַנער, נאָר דער

צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט געהאַלטן, אַז ער קען ברענגען גרעסערע נוצן אַלס צושטעלער און באַזאָרגער, פּאַרוואַל־טער פון די סקלאַדעס, האָט ער געמוזט אַריבערגיין אויף דער אַרבעט. מיין מעלדונג וועגן די געבראַכטע פּראָדוקטן אין וואַגאָן, אויף אַ סומע פון 5 טויזנט רובל, פאַר זיינע מיטאַרבעטער, האָט אים ממש איבעראַשט. אַלע, אַלע נויטיקן זיך אין די פּראָדוקטן. נאָך היינט וועט ער זיי אַריבערפירן צו זיך אין די סקלאַדעס און זיי וועלן צעטיילט ווערן. דאָס געלט וועל איך באַקומען אויפן אַנדערן טאָג, מיט אַ גרויסן דאַנק דערצו.

ער האָט מיר פאַרבעטן אויף אָוונט־ברויט צו זיך אַהיים. אַ וואַרעמע יידישע שטוב, נישט רייך, אָבער מיט געשמאַק מעבלירט. זיין ווייב — אַ צאַרט־מאַט פּנים, אַ קאָפּ שוואַרצע האָר מיט אַ דורכשפּריץ פון גרויע. צו דער טיי האָט זי דערלאַנגט ברויט מיט פּאַווידלע, קישעלעך, אַנגעפּילטע מיט פּאַווידלע, אַנשטאָט צוקער. פולע פּאַליצעס מיט ביכער, אפילו אונדזערע יידישע קלאַסיקער: מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ האָבן נישט געפעלט. מיר האָבן געשמועסט פון אַלץ, אָבער נישט פון פּאָליטיק. אויך די יידן־פראַגע איז כמעט נישט באַריירט געוואָרן. נאָר פאַרן אַוועקגיין, האָט ער פאָרט נישט איינגעהאַלטן זיך און אַ זאָג געטאָן:

„אַ גוטע זאַך האָט איר געטאָן, חבר פּערעל, פאַר דער קיעווער שול־אָפּטיילונג, פאַר דער קינדער־היים, כאָטש, לויט מיר נאָך, האָט איר עס נישט באַדאַרפט טאָן. אַ ייד באַדאַרף זיין מער פּאַרזיכטיק. מלוכה־געלטער זענען הייליק און קענען פאַרנוצט ווערן נאָר אויף וואָס זיי זענען באַשטימט געוואָרן. איין שוואַלב קען קיין זומער נישט ברענגען, איר פאַרשטייט ?"

„דאָס איז געווען דער פּלאַן פון מיין פּאַרוואַלטערין, ניעטשיפּאָרוק. איך האָב אים בלויז אויסגעפירט". — האָב איך זיך פאַרענטפערט.

„איך פאַרשטיי, אַז אָן איר הילף וואָלט איר קיין געלט פון באַנק נישט באַקומען, אפשר קיין וואַגאָן אויך נישט, אָבער ווי זאָגט מען עס: „דאָס אייגענע העמד איז נעענטער צום לייב. געדענקט מיינע רייד אויף שפּעטער !"

איך האָב געפילט אַלעמענס דאַנקבאַרע בליקן. איך האָב באַקומען

פאַר דער קינדער־היים אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט: אַנצוגן, קליידלעך, סחורה אויף ליילעכער, קאָפּעס, ציכלעך, שוכוואַרג, ווינטערדיקע, וואַטענע קאָלדרעס, וויפיל עס איז נאָר געווען אויפן סקלאַד, הונדערטער מעטער קאָלירטע, באַבלימלטע לייוונט אויף צודעקן צו די בעטן, זומערדיקע ביי־קענע קאָלדרעס און נאָך, און נאָך...

ביים סוף האָט מיך חבר גורעוויטש פאַרגעשטעלט דעם גענעראַל־דירעקטאָר און באַצייכנט, אַז דער רואינירטער לאָקאַל פון דער קינדער־היים אין קיעוו איז אויפגעבויט געוואָרן במשך פון געציילטע חדשים (ווען די פּראָדוקטן איז נישט דערמאָנט געוואָרן). דער גענעראַל האָט באַפוילן אָנצושרייבן אַ באַפעל, אין וועלכן עס איז באַצייכנט געוואָרן מיין וויכטיקע פּאַטריאָטישע טאָט פאַר די קינדער פון די אומגעקומענע אייזנבאַן־אַרבע־טער און דערפאַר ווער איך נאָמינירט אַלס אינזשיניער־לייטענאַנט און באַקום אומזיסט אַ פולע אויסשטאַטונג, לויט מיין ראַנג.

אַהיימגעפאָרן בין איך אַ צופרידענער, אין אַ בלויען מונדיר, בלויז פּאַגאָנעס האָבן מיר געפעלט. דער וואַגאָן איז פול געווען מיט סחורות. די נסיעה איז מיר פולקאָם געלונגען, אָבער די קלוגע פּאַטערלעכע רייד פון חבר גורעוויטשן האָבן מיך באַוויגן מער צו טראַכטן, צו זיין פאַר־זיכטיקער...

דער וועג קיין קיעוו האָט לאַנג נישט געדויערט, דאָך האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די באַן קריכט און שלעפּט זיך ווי אַ פּגר, אַזוי גרויס איז געווען מיין פאַרלאַנג זיך צו טיילן מיט מיינדעלען מיט אַלץ, מיט אַלץ...

## באַגעגענישן

מיין צוריקקומען קיין קיעוו האָט קיינעם אַזוי נישט דערפרייט, ווי דעם הויפּט־אינזשיניער פון דער בוי־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דורכגעפירט דעם רעמאָנט פון דער קינדער־היים. אויב איך האָב אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער קינדער־היים פון דער מאַטעריעלער זייט, האָב איך געהאַט מער סאַטיספאַקציע פון דער מאָראַלישער, אָדער ריכטיקער געזאָגט, פון דער

נשמה־זייט. פאַרן אַוועקפאָרן האָב איך זיך געטראָפן מיטן אינזשיניער אין זיין ביוראָ. ער האָט צווישן אַנדערן זיך פאַרקלאָגט פאַר מיר, אַז בשעת דער מלחמה האָט ער פאַרלוירן זיין יונגערן ברודער. פאַרן מאָביליזירן אים אין דער אַרמיי, האָט ער געוווינט אין מאָסקווע, אויף דער און דער גאַס און געאַרבעט אין דעם און דעם זאַוואָד. ער איז אַוועק און האָט פאַרלוירן יעדן שפּור פון אים. ער ווייסט נישט, צי איז ער אַריינגעפאַלן אין דער דייטשער געפענגעניש, צי איז ער אומגעקומען אויפן פראָנט? אַלע פון זיין משפּחה זענען אומגעקומען אין קיעוו, אין באַבי־יאַר. איך האָב פאַר־שריבן ביי זיך אין ביכעלע אַלע פּרטים וועגן אים און צוגעזאָגט אים צו זוכן. יעדע פרייע מינוט, וואָס איך האָב געהאַט אין מאָסקווע, האָב איך אַוועקגעגעבן אויף צו זוכן זיין ברודער. ענדלעך בין איך געפאַלן אויף אַ שפּור, וואָס האָט מיך געפירט נענטער צום ציל, ביז איך האָב אים געפונען. אַן איינזאַמער, אַ קאָנטוזירטער, איז ער געלעגן ערגעץ אויף אַ פינפטן שטאָק. גאָר אַן אַלטע פרוי, אינגאַנצן אַ פרעמדע, וואָס האָט פאַרלוירן אירע זין אין דער מלחמה, האָט אים אַריינגענומען צו זיך און אַרומגעגאַנגען אַרום אים, ווי אַ מוטער. ער איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר, פון זיין קליינער אינוואַלידן־פּענסיע, האָבן זיי ביידע געלעבט. ער האָט זיך זייער געפרייט מיט דער ידיעה, אַז זיין עלטערער ברודער לעבט.

„זאָל ער מיך נעמען צו זיך — האָט ער זיך געבעטן — אָבער צוזאַמען מיט מיין אַלטער מוטער... נאָר אַ דאַנק איר לעב איך".

ווי נאָר איך האָב אים איבערגעגעבן דעם גרוס פון ברודער, האָט ער מיט טרערן אין די אויגן מיך געקושט און געדאַנקט.

„איך בין אויך איינער אַליין, איך וועל אים ברענגען קיין קיעוו צו־זאַמען מיט דער אַלטיטשקער. און פאַר אייך, חבר דירעקטאָר, וועל איך טאָן אַלץ, וואָס איר וועט נאָר פאַרלאַנגען".

„בלויז אַ בינע, אַ בינע פון ברעטער פאַר די קינדער־פאָרשטעלונגען" — איז געווען מיין באַגער.

„איר וועט האָבן אַ שיינע בינע" — האָט ער מיר צוגעזאָגט.

אין קיעוו איז געווען אַ „יעוו־באַז" (יידישער באַזאַר). אמאָל האָבן דאָ

געהאַנדלט מערסטנס יידן, געפירט געשעפטן און געמאַכט פּרנסה. די גרעסטע טראַנזאַקציעס און אויך מנחם־מענדל׳שע געשעפטן פלעגן דאָ געשלאָסן ווערן, אַפילו שידוכים. איצט איז געבליבן בלויז דער אַלטער נאָמען: „יעוו־באַז״. די יידן זענען אַוועק זייער לעצטן וועג קיין באַבי־יאַר. אַרום דעם מאַרק זענען געשטאַנען קאַפע־הייזער, ביליקע רעסטאָ־ראַנען, אַהין פלעג איך אַמאָל אַריינקומען עפּעס איבערכאַפּן, זייענדיק אין שטאָט. דאָס מאָל האָב איך ביי אַ דערנעבנדיק טיש באַמערקט צוויי יונגע פּרויען מיט אַ יידישן אויסזען, גאָר שיין געקליידט. זייערע פּנימער זענען מיר קענטיק געווען. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז זייענדיק פאַראַיאָרן אין פּענזע, אין שליחות פון פּראַראַב־פּונקט אין גלאַטאָווקע, האָב איך זיי געזען צווישן די אַרטיסטקעס, אויפן קאָנצערט פון אַנסאַמבל פון ליד און טאַנץ, ביי די וואַלינער. אין אַנסאַמבל, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון לויצק אַ פּאָר טעג פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, איז אויך געווען מיין קוזין אָשר מאַנדעלמאַן, דער חבר חיים לייבעל, אהרן וויינשטיין, שפּיצמאַנס טאָכטער און אַנדערע. עס איז געווען אַ פריילעכע פאַרשטעלונג, רייפע קולות, אויסגעשולטע. זיי האָבן געזונגען בלויז רוסישע און אוקראַינישע לידער און געטאַנצט האָפּאַקן, קאַזאַטשאָקן. נאָך דער פאַרשטעלונג האָב איך זיך מיט אַלעמען געטראָפן אין זייער פּולמאַן־וואַגאָן און געטיילט זיך מיט דעריינערונגען פון לויצקער און די לאַנדסלייט. זיי האָבן אַ סך געטראָפן אויף זייערע טורנעען, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער גאַנץ ראַטן־פאַרבאַנד. אָשר מאַנדעלמאַנס מוטער און מיינע זענען געווען לייבלעכע שוועסטער. ער איז געווען מיט אַ סך יאָרן יונגער פון מיר, דאָך האָב איך אים גוט געדענקט און איך בין געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט אים. ער האָט מיר באַקענט מיט זיין „חברטע״, גאָר אַ יונג מיידל, איינע פון די פעיקסטע סאָליסטינס אינעם טאַנץ־אַנסאַמבל.

איצט האָבן די צוויי יונגע פרויען מיך אין דעם דערמאָנט. איך האָב זיך דערנעענטערט צו זייער טיש און אַ פרעג געטאָן:

„איר זייט נישט פונעם וואָלינער אַנסאַמבל?״

„יאָ, — האָבן ביידע מיטאַמאָל געענטפערט — און איר זענט מאַנ־דעלמאַנס אַן אייגענער, אמת?״

זיי האָבן מיר דערציילט, אַז ער איז אויך דאָ. ער האָט געפונען אין קיעוו זיין יונגערע שוועסטער כיינע. זי וווינט אויף סאַקסאַגאַנסקע גאַס, נומער 5. זי האָט אַ מאַן און אַ קינד.

איך האָב זיי האַרציק געדאַנקט פאַר די גוטע בשורות און וואָס שנעלער אַוועק, כדי זיך צו טרעפן מיט מיינע אייגענע.

אויף סאַקסאַגאַנסקע־גאַס איז מיר אַנטקעגנגעגאַנגען אַ יונגע פרוי, מיט אַ געעלטערט פּנים, די פּלייצע איינגעהויקערט, איר אָנטאָן — אַלט און אָפּגעבליאַקט. שקראַבעס אויף די באָרוועסע פיס, בלויז די גרויסע שוואַרצע אויגן, שמייכלענדיקע, פול מיט טרערן, האָבן דערציילט וועגן איר פריערדיקער שיינקייט. דאָס פּיצל יונגעלע אין בעטל האָט זיך צע־ליאַרעמט, די מוטער איז צוגעלאָפן צו אים מיט טרייסט־רייד:

„וואָס שרייסטו, זונעלע, דיין פעטער איז דאָך געקומען. דער פעטער יואליק. אַבי מען זעט זיך! בלויז מיין אָשר, דו, יואליק — זענען פאַרבליבן".

זי האָט דערציילט, אַז אָשר וועט אַרבעטן אין אָפּערע־כאָר. ער וווינט אויף דער פּושקין־גאַס, אין הויז פון דער אָפּערע. איר מאַן דאַרף באַלד אַריינקומען.

איך האָב זיך אויף אים דערוואַרט. אַ מענטש פון מיטלען וווקס, שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן, זעט אויס צו זיין אַ גוטער. ער וואָלט געקענט אָנגיין אַלס אַ ייִד, כאָטש ער איז גאָר אַ בולגאַר. אַ דאַנק אים איז כיינע, איצט רופט מען זי אַניע, ניצול געוואָרן פון טויט. עס איז אַ טראַגישע געשיכטע פון אַ יידישער פרוי, וועגן וועלכער איך האָב זיך דערוווסט, ווען מיין קוזינקע איז געקומען צו אונדז. איך וועל זי איבער־געבן אין קורצן:

צוויי שוועסטער, ביידע שיינהייטן, האָבן פאַרלאָזט לויצק און חתונה געהאַט קיין ראָוונע. די עלטערע, סימע, הויך און שיין, ווי אַ צעוואַקסענע רויז, האָט געהאַט גאָלדענע הענט, געניייט פרויען־קליידער פון די נייעס־טע מאָדעס, כיינע האָט גענומען אַ מאַן אַ זון פון רייכע עלטערן, אַ בן יחיד. ער איז געווען אַן עלעקטראָטעכניקער, פאַרדינט שיין און זי האָט נישט געדאַרפט אַרבעטן. בלויז אַ האַלב יאָר האָט געדויערט זייער גליקלעך צוזאַמענלעבן. די סאָוויעטן האָבן אים באַשולדיקט אין ספּעקולאַציעס

און פאַרמשפּט אויף עטלעכע יאָר אויסבעסערונגס־לאַגער, ערגעץ ווייט. זי פלעגט אָפט פאָרן קיין לויצק צו די עלטערן, אָבער מערסטנס פלעגט זי זיין מיט דער שוויגער. איר פאָטער איז געשטאָרבן, נאָך איידער עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, די מוטער האָט אויך נישט דערלעבט דאָס געטאָ. די פאַרניכטונגס־אַקציע איז אין ראָוונע פאַרגע־קומען פריער, פאַר לויצק. גרויסע פּראָזשעקטאָרן האָבן באַלויכטן דאָס געטאָ. ס׳איז געווען דער סימן, אַז דאָס אומגליק הויבט זיך אָן. זי, צוזאַ־מען מיט איר שוויגער, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ זייטיקן אַלקער און די טיר פאַרשטעלט מיט אַ שאַפע. מער ווי עלף טעג האָבן זיי אָבער נישט געקענט דאָרט בלייבן אָן לופט, אָן וואַסער — זענען זיי ביינאַכט אַרויס דורכן פענצטער און אַנטלאָפן. מען האָט נאָך זיי געשאָסן און דערהרגעט די שוויגער, זי איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ יונגן אוקראַאינער, אַן אינזשיניער, איינער פון דער אונטערערד, און ער האָט זי אויסבאַהאַלטן, ביז די דייטשן האָבן אים געכאַפּט און אויפגעהאַנגען. איר איז דאַן געלונגען צו אַנטלויפן קיין קיעוו מיט אַ פאַלשער פּאַסיר־שיין, אויפן נאָמען האַננע, אַן אוקראַאינערין. זי איז געזעסן אַ צעבראָכענע און מידע אין אַ רעסטאָראַן, ביז מען האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרמאַכן. צוזאַמען מיט איינעם פון די קעלנער, איז זי אויך אַרויסגעגאַנגען און געבעטן זיך ביי אים, ער זאָל זי נעמען צו זיך, ווייל זי האָט נישט וווהין צו גיין. דער דאָזיקער קעלנער איז עס דער טאַטע פון איר קינד. איצט האָט ער קיין אַרבעט נישט, נאָר זי האַנדלט צו ביסלעך אויפן „יעוובאַז״ מיט הינער, אייער, וואָס זי קויפט ביי די פויערים. דאָס לעבן איז זייער שווער. איצט, ווען זי האָט געפונען אַשרן, איר ברודער, האָפט זי, אַז ס׳וועט ווערן בעסער. דער מאַן אירער איז נישט קיין שלעכטער, ער באַוואַוסט זי נישט, אָבער קיין פאַרדינער איז ער נישט. אַמאָל איז ער געווען אַ נאַכט־רעדאַקטאָר אין „רויטן שטערן״. איצט איז ער פאַר זיי טרייף.

נאָך איין באַגעגעניש האָב איך געהאַט אויף דער גאַס, אַנטקעגן דער אָפּערע. ליסענקאָס געהילף פון וואָלינער „אַבלאָנאַ״ (קרייז־בילדונגס־אָפּטיילונג), מאַידאַנעק, געווען אַ הויכגעוווקסיקער און פעסטער יאַט, אַ פליער. איצט פאַרמאָגט ער בלויז איין פוס, דעם צווייטן פאַרבייט דער־

ווייל אַ הילצערנער דראָנג. מיר האָבן זיך ביידע דערקענט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער וואַרט אויף זיין געוועזענעם שעף, ליסענקאָ. מיר איז אויך אינטערעסאַנט געווען זיך צו טרעפן מיט אים. געלייענט האָב איך וועגן זיין העלדישער פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט ביים גענעראַל קאָוופּאַק.

ער איז צוגעקומען צוזאַמען מיט זיינעם אַ חבר, ביידע פולבלוטיקע, קיילעכדיקע פּנימער, רירעוודיקע, אין מיליטערישע אוניפאָרמען מיט אַ סך מעדאַלן און אָרדנס. ליסענקאָ האָט מיך דערקענט און בפירוש געפרייט זיך, וואָס ער האָט זיך מיט מיר געטראָפן.

„דו אַרבעטסט דאָ אין קיעוו? — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר אויף „דו" — ווייט פון דאַנען?"

„אויף דעם באַטיעווער באַרג. אויב איר דאַרפט, קענט איר ביי מיר איבערנעכטיקן, איך האָב דאָרט מיין פרוי און זון".

„דאַוואַי! גייען מיר אַלע דריי. וועלן מיר ביי דיר אַ הוליע טאָן!"

„פאַר מיר איז שווער צו גיין באַרג אַרויף מיט מיין „דרינדע" — האָט זיך אָנגערופן מאַידאַנעק, אָנווייזנדיק אויפן הילצערנעם פוס.

בלויז מיר דריי, איך, ליסענקאָ און זיין חבר, זענען געגאַנגען, מאַי־דאַנעק האָט אונדז נאָכגעקוקט מיט קנאה און געפאָכעט מיט דער האַנט.

מיר זענען געגאַנגען מיט אַ זעלנערישן טראַט, ליסענקאָ האָט ווילע־ריש צוגעפייפט אַ מאַרש. גאָר שנעל זענען מיר געווען אויפן אָרט. איך האָב געהאַט אַ קילאָ ווורשט, וואָס איך האָב געבראַכט פון מאָסקווע, אַ האַלבן ליטער בראָנפן, ברויט האָט אויך נישט געפעלט. זיי ביידע האָבן אויסגעטרונקען דעם האַלבן ליטער און פאַרביסן מיט ווורשט. מיין ווייב האָט אויך דערלאַנגט טיי, קושעלעך מיט פּאָווידלע צו פאַרבייסן און צו־געגרייט צוויי געלעגערס. אין דער פרי האָבן זיי באַטראַכט די קינדער־היים און ס'איז זיי געפעלן. בלויז מיט מיין כיבוד זענען זיי, ווייזט אויס, נישט געווען צופרידן.

„אַ האַלבער ליטער, ווי פאַר קינדער — האָט אַריינגעוואָרפן ליסענקאָ ביים געזעגענען — אַט קום צו מיר קיין כערסאָן. איך וועל דאָרט זיין דער פּאַרוואַלטער פון „אַבלאָנאָ", וועל איך דיך אָנשיכורן אויף טויט!

דערווייל ביזטו נאָך קיין גוטער דירעקטאָר נישט! נישט אַזוי נעמט מען אויף אַלטע גוטע פריינט, העלדן פון ראַטן־פאַרבאַנד".

אַרויסגייענדיק איינמאָל פון דער שול־אָפּטיילונג, פון דער זייט צו דער קיִעווער אָפּערע, האָב איך צופעליק זיך באַגעגנט מיט מיינעם אַ חבר פון דער יידישער גימנאַזיע אין לויצק, טעפּער. מיטלוווקסיק, מיט אַ ברייט קיילעכדיק פּנים, אָפּט פאַרשוויצטן שטערן און נאָז. אַ דיקלעכער. אויך איצט האָט ער, ווי שטענדיק, געטראָגן אונטערן אָרעם זיין פידעלע, מיט וועלכן עס האָט זיך קיינמאָל נישט צעשיידט. איצט האָט ער נאָר פאַר־מאָגט לענגלעכע וואָנסן, וואָס האָבן אַ ביסל פאַרענדערט זיין יידישן אויסזען.

געקומען איז ער פון קאָוועל און געלערנט זיך אין לויצק. אין גימ־נאַזיע איז ער געווען אין זעקסטן קלאַס, אין דער צייט, ווען איך בין שוין געווען אין אַכטן.

דאָך איז ער געווען באַרימט מיט זיין שפּילן אויפן פידל. ער האָט געשפּילט די ערשטע פידל אין אָרקעסטער פון די סטרונע־אינסטרומענטן פון פּראָפעסאָר טאַלער. זיין פידעלע, אָדער ריכטיקער, זיין שפּיל אויפן פידעלע, האָט אים דערהויבן אין אונדזערע אויגן. איך האָב דאָך געשפּילט אויף אַ קלאַרנעט אין בלאָז־אָרקעסטער, האָבן מיר זיך געחברט.

דעריבער איז אונדזער פלוצימדיקע באַגעגעניש געווען אַזוי רירנדיק און האָט אַפילו ביי אונדז ביידע אויף אַ ווייל צוגענומען דאָס לשון.

ער, טעפּער, האָט זיך נאָך מיט עפּעס דערפרייט: איצט וועט ער שוין האָבן אַן עדות פאַרן פרידנס־געריכט, אַז ער איז ווירקלעך אַ ייד און זיין נאָמען איז טעפּער, נישט קיין פּאָליאַק מיטן נאָמען מיעטשיסלאַוו טשעטשיק. דעם נאָמען האָט ער געפּאַקט ביים אַנטלויפן פון וואַרשע ביי איינעם, וואָס איז געלעגן אַ טויטער פון דער דייטשער באָמבאַרדירונג, אויפן וועג. דער דאָקומענט איז אים צונויץ געקומען שפּעטער, בעת דער דייט־שער אָקופּאַציע, אונטער דעם נאָמען שפּילט ער נאָך עד היום אין דער קיִעווער אָפּערע אין אָרקעסטער די ערשטע פידל. אונטער דעם נאָמען האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין און האָט אויך אַ טאָכטער.

דערזעענדיק מיר, זיין שול־חבר, זיין בעסטן עדות, האָט ער באַשלאָסן צו פאָדערן דורכן געריכט, מען זאָל אים צוריקקערן זיין נאָמען, זיין נאַציאָנאַליטעט, ווייל קיינמאָל איז אים דער נאָמען ייִד נישט אַזוי טייער געווען, ווי איצט, נאָך דעם, וואָס ער האָט צוגעזען און אָפּגעפּילט אין די גורלדיקע שעהן פון זיין פאָלק.

בלויז זיין בעסטן פריינד, זיין פידעלע, פלעגט ער, אונטער אַ סורדינקע, אין דער סודותפולער שטילקייט, איבערגעבן זיין וויי־געשריי איז ווייטיקלעכע טענער, בלויז דאָס פידעלע האָט אים נישט פאַראַטן און געוויינט מיט אים צוזאַמען...

דאָס געריכט איז פאָרגעקומען. סיי איך, סיי מיין פרוי האָבן עדות געזאָגט. דאָך האָט דער ריכטער נישט געוואָלט אים אומגעקערט צו זיין שטאַם און דער נאָמען זיינער אויף ווייטער איז פאַרט פאַרבליבן טעפּערטשעטשיק.

# שטיינער אונטער די פיס

דער רעמאָנט אין דער קינדער־היים איז שוין געווען פאַרענדיקט. די הויכע שלאָפצימערן פון די קינדער, געפאַרבטע אין פאַרשידענע קאָלירן: בלוי, ראָז, גרין און אַנדערע, האָבן געפרייט דאָס אויג מיט זייער העלקייט און נייקייט. די נייע קינדערישע בעטן, מיט דעקן, לויט דער קאָליר פון די ווענט, דער גרויסער קלוב־זאַל מיט דער פריש־געפאַרבטער בינע, מיט דער ערשטער דעקאָראַציע — אַ וואַלד מיט גרינע ביימער, דער עס־צימער מיט די קליינלעכדיקע טישן, אַרום וועלכע עס קענען זיך אויסזעצן אַרום צען קינדער, דער רויט־געפאַרבטער קעסל אין דער קוך, דער פאַרקן אַרום הויז, די צעבליטע פרוכטן־ביימער אין גאָרטן, די פאַרזייטע פעלדער מיט יונגע ציבעלעס, רעטעכלעך, פּאָמידאָרן — אַלץ האָט געוועקט די אויפמערקזאַמקייט און ביי מיר און מיין מיטגלידער אַרויסגערופן שטאָלץ און פרייד. עס זענען בלויז אַריבער 6 חדשים און שוין האָבן מיר באַוויזן אַזויפיל אויפצוטאָן. דער פאַרוואַלטער פון דער

ווירטשאַפט, יאַבלאָנאָווסקי, האָט נישט ווייניק צוגעהאָלפן צו אַלעמען. ער האָט שוין אַרויסבאַקומען פון אַ סאָוויעטישער ווירטשאַפט („סאָווכאָז"), וואָס האָט געהערט צו דער מזרח־דרומדיקער אייזנבאַן, צוויי ראַסאָווע בהמות, פון די געבראַכטע טראַפּעען און אַ גרויסבייכיקן חזיר, וואָס איז געלעגן צעלייגט, אָנגעפּרעסן און געקליבן זיך צו געבוירן.

אין אונדזערע צוגעגרייטע וואַרשטאַטן זענען שוין געשטאַנען אַ צען געניצטע סטאָלער־וואַרשטאַטן, העבלען און העמערס, זעגן און זעגלעך, צוואַנגען און צווענגלעך. מיר איז אויך געלונגען אָפּצוקויפן ביי אַן אַלטן איינבינדער זיין גאַנצע איינבינדעריי מיט די פּשוטע, פּרימיטיווע מכשירים. מיר האָבן אויך שוין געהאַט צוויי ניי־מאַשינען. בלויז איין שניידערין האָב איך צוגענומען צו דער אַרבעט און אַלע האָבן געאַרבעט אונטער איר אָנפירונג: די טעכנישע אַרבעטער, די דערציער. אַלע האָבן גענייט די דעקן אויף די בעטן, אונטערגעזוימט ליילעכער און אויפגענייט קאָפּעס צו די קאָלדרעס. יאַבלאָנאָווסקי האָט ערגעץ באַקומען צוויי גרויסע טיוקן מיט וואַטע — האָבן מיר אַליין גענייט ווינטערדיקע קאָלדרעס. אַפילו די שווערע פראַגע פון טראַנספּאָרט האָט יאַבלאָנאָווסקי געלייזט. ווי אַזוי? צוויי באַלעגאַלעס, וואָס האָבן פאַרמאָגט אייגענע קליאַטשעס און וואָגנס פלעגן אין די פּרימאַרגן־שעהן ברענגען פון שטאָט אַרויף אויפן באַרג די פּראָדוקטן, איינגעקויפטע כלים און אַלץ, וואָס עס איז נויטיק געווען פאַר דער קינדער־היים, נישט באַקומענדיק אַפילו קיין פּרוטה, דערפאַר האָבן זיי דעם גאַנצן טאָג געקענט אומגעשטערט פירן פאַר פּריוואַטע פּערזאָנען און שיין פאַרדינען, כיטרע, אָבער אומגעזעצלעך. אויף אַזעלכע טראַנזאַקציעס איז פעיק געווען יאַבלאָנאָווסקי.

אַלע האָבן געאַרבעט פלייסיק, געטריי. איך און מינדעלע מער פון אַלע. בלויז צוויי פון די צוגעשיקטע דערציערינס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין די אַלע אויפטוען און האָבן דערפאַר אַרויסגערופן אַלעמענס פאַרדרוס. זיי האָבן געטענהט: „מיר זענען דערציערינס, אָבער נישט קיין נייטאָרינס". איך האָב זיי פאַרגעלייגט אַרויסצופאָרן אין די שטעטלעך און באַן־סטאַנציעס פון דער דרום־מערבדיקער אייזנבאַן און

צונויפנעמען די יתומים, וואָס נויטיקן זיך אין אַ היים און ברענגען אַהער, אָבער אויך פון דעם האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט. זיי האָט בכלל פאַרדראָסן, הלמאי איך, אַן אומפּאַרטייאישער, און אַ ייִד דערצו, זאָל זיי, מיטגלי־דערינס פון דער פּאַרטיי, דיקטירן וואָס צו טאָן. איך האָב פאַרשוויגן, מיינענדיק, אַז צום נייעם שול־יאָר, וועלן זיי סיי־ווי אַריבערגיין אַרבעטן אין אַ שול. זיי האָבן אָבער נישט געשוויגן, האָבן פאַרשפּרייט קלאַנגען אין די פּאַרטייאישע קרייזן, אַז איך עקספּלאָאַטיר סאָוועטישע מענטשן, אַז די בעסטע אויסטערלישע מאכלים טראָגט מען צו מיר אין שטוב אַריין און נאָך, און נאָך.

אין דער שול־אָפּטיילונג איז אָנגעקומען אַ פרוי — אַ פאַרטרעטערין פון זאַיע סאָוויטשנען. יעווגעניע סילוועסטראָווגע איז געווען איר נאָמען. זי האָט געהאַט אַן אַלטע מוטער און אַ מאַן אַ מיליטער־מאַן. זיי האָבן געוווינט ווייט פון דער שטאָט, אין מיליטערישן שטעטל. אַ הוכע, פולע רוסישע פרוי, מיט צעפּלאָשעטע קודלעס האָר און קלוגע שוואַרצע אויגן. דער שמייכל איז קיינמאָל נישט פאַרשווינדן פון איר פולבלוטיק פּנים. געשמועסט האָט מען, אַז זי איז זיך צעגאַנגען מיטן מאַן און זי האָט געזוכט ערגעץ אַ מקום מקלט פאַר זיך און פאַר איר מוטער — איז זי אָנגעקומען אין דער שול־אָפּטיילונג, אַלס געהילפין פון זאַיע סאָוויטשנע. ווען זי האָט באַזוכט די קינדער־היים, האָט זי אַרויסגעוויזן גרויס התפּעלות מיט אַלץ, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן. דאָך האָבן די צוויי לערערינס געפונען אין איר פּערזאָן אַ גוטע צוהערערין צו זייערע מסירות אויף מיר און אויף מיין פאַרטרעטער, אַלעקסאַנדער קאָרענקאָוו.

צו אונדז איז אָנגעקומען אַלס דערציערין אַ יונגע חנעוודיקע פרוי, וואָס איר מאַן איז אומגעקומען אין דער מלחמה און זי איז פאַרבליבן מיט צוויי יינגלעך אין שול־עלטער. זי האָט פאַרכאַפּט אין קיעוו אַ דירה, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו אַ ייִדן, איך האָב איר געהאָלפן זיך איינמעלדן. מיט קאָרענקאָוון האָט זי זיך געחברט פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט אָן. מעגלעך, אַז זיי האָבן באַלד געהאַט ערנסטע פּלענער וועגן חתונה האָבן. זיי פלעגן שפּאַצירן צוזאַמען, ער פלעגט זי אָפּפירן אַהיים, נאָך דער אַרבעט. אויך וועגן זיי ביידע, האָבן די צוויי לערערינס, באַזונדערס די

שטשערבאַטע, וואָס איז פאַרבליבן אַן עלטערע מויד, און ביי יעדער גע־לעגנהייט געשמועסט מיט יעווגעניע סילוועסטראָוונע. ביז איינמאָל איז געשען אַן אומגליק: אַלעקסאַנדער איז נישט געקומען צו דער אַרבעט. ווען איך בין אין דעם טאָג אַריינגעקומען אין דער שול־אָפּטיילונג, האָט מיך יעווגעניע סילוועסטראָוונע אויפגענומען מיט אַן איראָנישן שמייכל: „ס'אַן אַנטיקל ער איז, אייער זאַוווטש קאַרענקאָוו, אַ פּשוטער גזלן, אַנגעפּאַלן אינמיטן טאָג אויף אַן עלטערער פרוי און צוגערויבט איר בייטל. ער זיצט שוין פעסט" — האָט זי פאַרענדיקט מיט טריומף. די ידיעה האָט מיך דערשטוינט. און נאָך מער — דאָס צינישע דערציילן און גלויבן פון דער פרוי.

„ניין, — האָב איך אַרויסגעזאָגט מיט איבערצייגונג — נישט אַזוי גרינג ווערט אַ פּעדאַגאָג אַ בייטל־רייסער. איך גלויב נישט אין דעם".

די דערציערין, זיין באַקאַנטע, האָט מיר דערציילט איינצלהייטן: ער איז געזעסן ביי זיין מוטער אין שטוב. צוזאַמען מיט זיין ברודער, איז אַריינ־געקומען איינער פון דער מיליץ, וואָס האָט אים „געפּאַקט" אויפן „יעוו־באַז" ביים פאַרקויפן שיך. אין שטוב האָט ער אַדורכגענישטערט אומעטום און גאָרנישט געפונען.

„און ווער זענט איר?" — האָט ער אַ פרעג געטאָן אַלעקסאַנדערן און אים מיטגענומען אויף דער מיליץ, אויף פראַנקאָ נומער 19, צו דער אייזנבאַן־נ.וו.ד. דאָרט האָט מען אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער זאָל האָבן אַנגעפאַלן אויף אַ פרוי, מיט אַ טיכעלע פאַרשטעלט דאָס פּנים און צוגע־רויבט ביי איר דעם בייטל. דאָס טיכעלע האָט זי ביי אים אַרונטערגעריסן. דער אויסגעצייטער איניציאַל: ק. א. איז אַ באַווייז, אַז דאָס האָט ער געטאָן. אויך יענער האָט געטראָגן אַ מיליטערישן שינעל אַן פּאַגאָנעס, ווי ער. דער עיקר: אויף דער קאָנפראָנטאַציע האָט אים די פרוי „דער־קענט".

נישט איך, נישט מינדעלע, נישט זיין חברטע, האָבן געגלויבט, אַז ער, אַלעקסאַנדער, איז מסוגל געווען אַזוי צו האַנדלען. מיר זענען געווען זיכער, אַז עס איז אַ מיספאַרשטענדעניש, וואָס מוז זיך אויפקלערן. און געהאָלפן דערצו האָט זי, זי איז געגאַנגען אין נ.ק.וו.ד. צו אים אויף

אַ זעאונג, אַלס זיין ווייב, געדונגען אַן אַדוואָקאַט און נאָך צוויי מאָנאַטן איז ער באַפרייט געוואָרן. ער איז געווען בלאַס, ווי שניי, מיט פאַרלאָשענע אויגן, דער „אולקוס" האָט אים שטאַרק געמאַטערט. ער האָט באַקומען אַ בריוו, אַז ער איז אומשולדיק און באַפרייט געוואָרן, אַז מען דאַרף אים אויסצאָלן געהאַלט פאַר די צוויי חדשים.

נאָך דער באַפרייאונג איז ער שוין אָפיציעל געווען דער דערציערינס מאַן. יעווגעניע סילוועסטראָוונע און אַנדערע מיטאַרבעטער האָבן ווייטער צווישן זיך געשושקעט, אַז ווען נישט זי, וואָלט ער פאַרפוילט געוואָרן אין טורמע און מיט רעכט. צוליב דעם האָבן זייביידע פאַרלאָזט קיעוו און אַוועקגעפאָרן אין איר פריערדיק וווין־אָרט. אויך דאָרט האָט מען זיך געגוויטיקט אין לערער...

די קינדער־היים איז שנעל פאַרפולט געוואָרן מיט קינדער. די שלאָף־צימערן, די וואַרשטאַטן, דער עס־צימער, דער גאָרטן — אַלץ האָט אויפ־געלעבט מיטן קינדערישן געלעכטער, מיט קינדערישן שפּיל און געזאַנג. ווי די פּילקאַלירטע פלאַטערלעך, האָבן זיי אַרומגעשוועבט לוסטיקע, פריי־לעכע אין זייערע נייע אַנצוגלעך און קליידעלעך, זאַטע און צופרידענע. מערסטנס צייט האָבן זיי פאַרבראַכט אינדרויסן, אין גאָרטן, אַפילו אין אַכט און צוואַנציק פיצלעך חזירימלעך. אויך אַ קו האָט זיך געקעלבט — שטאַל, ווו די מוטער־חזירטע האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אויף דער וועלט אַ קעלבעלע אַ ווייסעס מיט שוואַרצע פלעקן.

די זומער־פעריען האָבן שוין געהאַלטן ביים ענדיקן זיך. מיר האָבן אַלע קינדער שוין פאַרשריבן אין דער זיבעטער שול. אונדזער מאַרקס איז שוין אַריבער אין פערטן קלאַס. פאַרטפעלן, ביכער און העפטן זענען שוין געווען צוגעגרייט פאַר אַלע. אַפילו פאַר דער שילערין פון דעם פאַרטיזאַנער־פאַר אין מינסק, האָב איך צוגעגרייט אַוועקצושיקן אַ פולן קאָמפּלעט לערן־ביכער און אַ 20 העפטן.

די קאָמפּן אויף אַלע פראָנטן זענען געגאַנגען באַרג אַרויף: די גאַנצע סאָוויעטישע טעריטאָריע איז שוין באַפרייט געוואָרן, אַפילו די באַלטישע לענדער. דער צווייטער פראָנט פון אונדזערע פאַרבינדעטע, האָט אויך

מאַרשירט פאַרויס. דער פולער נצחון איז שוין געווען נאָענט. כמעט יעדן אָוונט האָט אויף אונדז געוואַרט די גלענצנדיקע אַטראַקציע פון סאַלוטירן לכבוד די זיגער. ווי קען מען זיך נישט פילן גליקלעך ?!

# די צעשטערער

נישט וועגן די פאַשיסטישע צעשטערער וויל איך איצט דערציילן. צעשטערער זענען אויך פאַראַן צווישן די, וואָס העלפן ביים בויען, און שעפּן נחת פונעם אויפגעבויטן, נאָר לייגן אויך צו זייערע אייגענע הענט צום צעשטערן דאָס אויפגעבויטע. נישט שטענדיק טוען זיי עס מיט בייזע כוונות, פון אייגענעם ווילן, אָפט צווינגען זיי דערצו די געשאַפענע אומשטענדן, די העכערע אָנפירונג. ס'איז ווייטיקלעך, אָבער אַזוי איז עס.

די קינדער־היים איז אויסגעבויט געוואָרן אין אַ צייט, ווען אַרבעטסהענט זענען געווען טייער, ווען די בוי־מאַטעריאַלן זענען אָנגעקומען גאָר שווער, ווען די מעגלעכקייטן פון טראַנספּאָרט זענען געווען באַגרענעצטע. די בוי־אַרבעט איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג: עס איז געשאַפן געוואָרן אַ היים פאַר הונדערטער יתומים, מען האָט אָבער פאַרגעסן, אַז דאָ איז פריער געווען אַ שול, אָנגעפולטע מיט קינדער, פאַר וועלכע עס איז נישט לייכט זיך אַראָפּצולאָזן פון באַרג און אַרויפקלעטערן אויף אים; אַז די שול נומער 7 אויף סאָלאָמענקע קען נישט אַריינגעמען קיין שילער אָן אַ גרענעץ, בפרט נאָך, אַז סאָלאָמענקע אַליין וואַקסט פון טאָג צו טאָג און ס'פעלן שולן פאַר די צוגעקומענע קינדער. דעריבער האָט דער ראַיאָנער פאַרטיי־קאָמיטעט באַשלאָסן אומצוקערן די שול־געביידע פאַר דער שול און די קינדער־היים אַריבערפירן אין אַן אַנדער געביידע אויף סאָלאָמענקע, וווּ עס איז געווען פאַר דער מלחמה אַ קינדער־גאָרטן פון דער דרום־מערבדיקער אייזנבאַן און איצט האָט דעם בנין פאַרכאַפּט אַ שטאָטישער קינדער־גאָרטן. וועט טאַקע דער קינדער־גאָרטן מוזן אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר דער קינדער־היים. ווייסנדיק, אַז איך וועל זיך אַנטקעגנשטעלן דעם פּלאַן און אַפילו זיך ווענדן וועגן דעם קיין מאָסקווע, האָט

מיך די פאַרוואַלטערין זאָיע סאָוויטשנע אַרויסגערופן צו זיך און פאַרפירט מיט מיר אַ דיפּלאָמאַטישן שמועס:

„איר זענט געשיקט געוואָרן צו אָרגאַניזירן קינדער־היימען אויף דער באַפרייטער טעריטאָריע. דאָ האָט איר מיט גרויס דערפאָלג אייער אַרבעט פאַרענדיקט. איצט לייג איך אייך פאָר אַרויספאָרן בויען אַנדערע קינדער־היימען, אָדער פאַרבלייבן אין אונדזער אָפּטיילונג אַלס פּלאַנירער, צי אינ־ספּעקטאָר פאַר באַזאָרגן אַלץ, אין וואָס עס נויטיקט זיך אונדזער שול־וועזן. די אַרבעט איז איצט, אין דער צייט פון מלחמה, און נאָך דער מלחמה, ביז גאָר נויטיק. מען מוז צוריק אויפשטעלן שולן, בויען נייע קינדער־היימען און קינדער־גערטנער. איר זייט פעיק דערצו, דעריבער מוזט איר נעמען אויף זיך די פליכט".

איך האָב געמוזט אָננעמען איר פאָרשלאָג, כאָטש איך האָב גענוג געוווייטיקט. הלמאי איך מוז פאַרלאָזן די קינדער־היים, מיין אוממיטלבאַרע פּעדאַגאָגישע אַרבעט. איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם פּראָפעסאָר גורע־וויטש פון מאָסקווע. וואָס האָט אויך געמוזט אָננעמען אַן ענלעכע אַרבעט, נאָך אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב. איך האָב אויך נישט געהאַט קיין חשק צו פאַרלאָזן קיעוו און איך האָב דעם פאָרשלאָג אָנגענומען. אויך די דירה האָב איך געמוזט פאַרלאָזן. איך האָב באַקומען אַן אַנדערע פון צוויי צימערן, ביי דער ד. ט. ס. (קינדערשער טעכנישער סטאַנציע), אויף סאָלאָ־מענקע. מיין ווייב איז נאָך פאַרבליבן דערווייל אַרבעטן אין קינדער־היים, אַלס דערציערין.

מיט באַדויערן און ווייטיק פלעגט זי צוקוקן ווי מען צענעמט די וועגט אין די קאָרידאָרן, ווי מען שליידערט דעם וווּנדערלעכן קעסל פון קיך אַרויס אויף דער גאַס, ווי די ווירטשאַפט ווערט רואינירט. די ניי־באַ־שטימטע דירעקטאָרין, יעווגעניע סילוועסטראָוונעס אַ חברטע, האָט נישט געבויט און נישט געוווייטיקט ביים צעשטערן. מיין דירה האָט פאַרנומען יעווגעניע סילוועסטראָוונע אַליין מיט איר מוטער. אויך יאַבלאָנאָווסקי איז אָפּגעזאָגט און פאַרביטן געוואָרן מיט אַן אַנדערן, אַ רוס. אמת, פאַר די שילער פון דעם באַטיעווער באַרג איז די לאַגע פאַרבעסערט געוואָרן, אויך אין דער זיבעטער שול איז געוואָרן גערוימער, אָבער איך און מיין

פרוי האָבן נישט וויניק געליטן פון דעם, וואָס אָזויפיל מי און אַרבעט אונדזערע, מלוכהשע געלטער זענען געגאַנגען לאיבוד, ווייל עמעצן האָט זיך נישט געגלוסט צו טראַכטן און פּאָרויסזען...

אין מיין נייער אַרבעט, האָב איך זיך אויך אַריינגעוואָרפן מיט אימפּעט און איבערגעגעבנקייט. צענדליקער נאַריאַדן אויף גלאָז, ציגל, בויגעהילץ, עלעקטרישע מאַטעריאַלן און אַנדערע, האָב איך באַקומען. טויזנטער לערן־ביכער, הונדערטער טויזנטער העפטן, אַפילו מיט קוילן און האָלץ צו באַהייצן אויף ווינטער, האָב איך באַזאָרגט די שולן. גאָר נישט לייכט איז אָנגעקומען דאָס אַלץ צו באַקומען, צו ברענגען, ביי די באַגרענעצטע טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן און אַלץ נישט במזומנים, נאָר דורך דער מלוכהשער באַנק. זאַיע סאָוויטשנע האָט טריומפירט:

„אַהאַ! איך האָב נישט געגרייזט. איר זענט אַ פּעיקער פּלאַנירער און צושטעלער, נישט נאָר פאַר איין קינדער־היים, נאָר פאַר 50 שולן, צענדליקער קינדער־גערטנער און קינדער־היימען" — פּלעגט זי מיך נישט איינמאָל לויבן.

אין מיין אַרבעט פּלעגט מיר אויסקומען צו האָבן צו טאָן מיט אַזעלכע, וואָס האָבן אַליין אויך געוואָלט אָפּלעקן אַ ביינדל, אויך מיר פּלעגט מען געבן אָנצוהערן, אַז עס וועט קלעקן פאַר אַלעמען, אַז פון דער באַגרענעצטער שכירות איז גאָר שווער צו לעבן. די רייד פּלעגן מיך ערגערן, אָבער איך האָב זיך נישט געלאָזט אויף קיין גליטשיקע, געפערלעכע וועגן.

עס איז געווען אַ פאַל, ווען איך בין כמעט ווי געשטרויכלט געוואָרן: זאַיע סאָוויטשנע האָט מיך געבעטן צו שאַפן אַ 50 ק"ג פּאַפּיר צום דרוקן די פראַגן פון די מאַטורע־עקזאַמענס. געדרוקט האָט זיי „אַבלאָנאַ" (קרייזלעכע אָפּטיילונג פון פאָלקס־בילדונג), נאָר זיי האָבן געפאָדערט פּאַפּיר. איך האָב געזוכט און געזוכט און נישט געפונען. דאַן האָב איך זיך געוואַנדן צו איינעם, ביי וועמען איך פּלעג באַקומען די העפטן, צוגעטיילטע פאַר די שולן. ער האָט מיר צוגעזאָגט צוצושטעלן פּאַפּיר, וויפיל מען באַדאַרף, אָנשטאָט אַ געוויסע צאָל העפטן. מיין פאַרוואַלטערין איז איינגעגאַנגען דערויף, זי האָט מיר צוגעשטעלט אַ קבלה פון אַ געוויסער שול, אַז זיי האָבן באַקומען פינף טויזנט העפטן, אָנשטאָט 100 טויזנט, האָב איך

באַקומען 95 טויזנט און דאָס נויטיקע פּאַפּיר צום דרוקן. געוויס האָב איך אַזוי אַרום צוגעהאָלפן צושטעלן דעם שוואַרצן מאַרק העפטן צו פאַרקויפן.

אויפן זעלבן פּערטן שטאָק, ווו איך האָב געאַרבעט, פלעגט אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך זיך צונויפקומען דער ליניען־געריכט פון דער דרום־מערבדיקער אייזנבאַן (זיי האָבן געהאַט באַזונדערע געריכטן אויך) און משפטן אייזנבאַנער פאַר ווירטשאַפטלעכע פאַרברעכנס, פאַר נעמען שוחד און אַנדערע. אייניקע פון די, וואָס מען פלעגט משפטן, האָבן אויסגעזען ווי האַלבע מתים, בלאַסע פּנימער, פאַרשעמטע, אויסגעלאָשענע אויגן, אַ גלאַטער קאָפּ אָן האָר און מיט הענט אַרונטער, אויף דער פּלייצע. די אונטערגעשטעלטע עדות האָבן בלויז געשיט און פאַרשיט, דער פּראָקוראָר האָט געפאָדערט גאָר האַרבע שטראָפן, אויף 5 און 10 יאָר טורמע און אויסבעסערונגס־לאַגער, דער פאַרטיידיקער האָט נישט פאַרטיידיקט, נאָר געבעטן מילדערע אומשטענדן. די אָנגעקלאָגטע פלעגט מען ברענגען פון דער אויספאָרשונגס־טורמע, וואָס האָט זיך געפונען אין די קעלערן פון דעם זעלבן הויז.

איך בין זיך מודה, אַז די געריכטן האָבן מיך געוואָרנט און געפאָדערט, איך זאָל זיין געהיט פון מיסברויכן, בפרט נאָך, אַז מיין אַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיט מאַטעריעלע רייכטימער, וואָס האָבן געהערט צו דער מלוכה.

איך בין געווען אַ לערער, אַ דערציער, אַ פּעדאַגאָג און אַלע מיינע שטרעבונגען זענען געווען געוואָנדן אין דער ריכטונג. איך האָב וועגן דעם נישט איינמאָל געשמועסט מיט מיין פּאַרוואַלטערין און זי האָט מיר צוגעזאָגט צו באַשעפטיקן אָלס לערער אויף די אָוונט־קורסן פאַר אַרבע־טער און שפּעטער, ווען דער אויפבוי־פּעריאָד נאָך דער מלחמה וועט זיך פאַרענדיקן, אויך אַריבערפירן אויף פּעדאַגאָגישער אַרבעט אין שול.

דערווייל האָט זי מיר געהאָלפן אַרויסבאַקומען אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין לויצק, אויף קבר־אבות, אויף אַ קורצער צייט. עס איז שוין אַריבער מער ווי אַ יאָר, זינט לויצק איז באַפרייט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי, גרוסן און בריוו פון דאָרט פלעג איך באַקומען פון

פרעמדע מענטשן, ווייל קיין איינער פון מיינע ברידער און שוועסטער, אַפּילו קרובים זענען נישט פאַרבליבן...

## אויף קבר־אבות

אין די פרימאָרגן־שעהן בין איך אָנגעקומען קיין לויצק. פון דער באַן־סטאַנציע בין איך געגאַנגען צופוס איבער דער לאַנגער יאַגעליאָנער־גאַס, אָדער ווי מען פלעגט זי שפּעטער רופן: סטאַלין־גאַס. די מויערן זענען כמעט אַלע געשטאַנען גאַנץ, דאָ און דאָרט האָבן געפעלט אייניקע, ווי איינצלנע ציין אין אַ יונגן מויל. די חורבות זענען אָפּגערייניקט געוואָרן און די פּלעצער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גערטנדלעך פאַר קינדער. אין שטאָט איז שאַ־שטיל. גאָר אַ קליינע באַוועגונג אויף די גאַסן. אויך קיין פּוסגייער זעט מען כמעט נישט. איך קוק אַריין אין די פּנימער און זע נישט קיין איין היימיש פּנים, קיין איין יידיש געזיכט. די גאַס איז ריין, אויפגערוימט, מערסטנס געוועלבער זענען פאַרמאַכט. פּלוצים האָב איך דערזען פאַר זיך אַ יונגן בחור, שמואל ליבערמאַנס אַ יונגערן ברודער — יאַשען. איך האָב אים דערקענט, באַגרוסט און פאַטערלעך אַ קוש געטאָן. פון אים האָב איך אָפּגענומען דעם ערשטן גרוס פון לויצק. ער האָט מיך געפירט צו זיך אַהיים. אויפן וועג האָט ער מיר איבערגעגעבן, אַז שמואליק איז אומגעקומען, אים האָט אויסבאַהאַלטן זיין יונגע ניאַניע, די דייטשקע, זי איז איצט זיין ווייב און זי האָט אים געבוירן אַ טאָכטער.

מאַריע איז געווען אַ געזונטע, בלאָנדע פרוי, מיט בלויע אויגן, אַ הויכע און אַ שלאַנקע. זי האָט מיך דערקענט און אויפגענומען זייער וואַרעם, גערעדט מיט מיר אויף אַ שפּראַך, וואָס איז מער געווען יידיש, ווי דייטש. איר פאַרשטאָרבענע מוטער און דערנאָך זי — זענען געווען די פּלעגערינס פון ליבערמאַנס קינדער. דער יונגערער יאַשע איז געווען אַ גוטער פּיאַניסט און דער עלטערער איז אַלע זיינע יאָרן געזעסן אין טורמע, שפּעטער אין לאַגער קאַרטוז־בערעזאַ. זי האָט געקענט מיין מוטער, מיינע שוועסטער און ברידער. אַלע, אַלע זענען פאַרטריבן געוואָרן

קיין פּאַלאַנקע און געפונען זייער רו אין דעם מאַסן־קבר. מיין מוטער איז פאַרבליבן אין שטוב, זי האָבן די אוקראַיִנישע מערדער אומגעבראַכט.

לאַנג האָב איך נישט געקענט זיך פאַרהאַלטן ביי זיי. עס איז פּשוט שווער געווען צו זיין אין איין שטוב מיט אַ דייטשקע און אָטעמען מיט דער זעלבער לופט. נישט לאָגיש, אפשר נאַריש, אָבער אַזוי איז עס געווען. אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך זיך געפונען.

די גאַסן, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען דאָס געטאָ, זענען פולקאָם רואינירט געווען. ציגל, בערג מיט ברוך, ברעקלעך פון גלאָז האָבן זיך געוואַלגערט אין אַלע גאַסן. בלויז די וואָנגעלישע קירכע, וואָס איר שפּיץ מיטן צלם האָט זיך געצויגן צום הימל; דער פאַקראָווער פּראַוואָסלאַוונער קלויסטער מיט די פאַרקיילעכדיקטע קופּאָלן און צלמס, איז געשטאַנען גאַנץ. בלויז די יידישע הייזער האָבן ווי נישט אויפגעהערט צו קלאָגן נאָך זייערע אומגעקומענע באַלעבאַטים. אויך מיין טאַטנס געמויערטע שטוב איז געלעגן אין חורבות. די הילצערנע דירות פון מיין עלטערן ברודער בן־ציון און די שוועסטער פריידע און רייזל, וואָס זענען געווען אָפּגעצוימט מיט אַ בראַנד־וואַנט פון מיין פאָטערס הויז, זענען פאַרבליבן און זענען געווען באַוווינט דורך אוקראַינער. אַ פאַרגליווערטער, מיט אַ פאַרנעפּלטן בליק, בין איך שטיין געבליבן ביי די חורבות פון די פאַרלאָשענע לעבנס פון אַלע מיינע טייערסטע, פּיצלעך אָפּגעהאַקטע בילד־לעך זענען געשטאַנען פאַר מיינע אויגן אָן געדאַנקען, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ בין איך געשטאַנען אויף איין אָרט און נישט געקענט זיך רירן.

ערשט אין אָונט האָב איך געפונען אין אַ שטוב, נישט ווייט פון דער געוועזענער ישיבה, אַ מנין יידן, וואָס האָבן געדאַוונט. לכבוד דעם יום טוב פּסח זענען זיי זיך צונויפגעקומען, איינער פון אָן אומגעקומענער משפּחה. געראַטעוועטע על פּי נס, ברענט אונטער זיי די ערד, אויף וועלכער זיי זענען געבוירן געוואָרן. יעדער איינער טראַכט וועגן אַנטלויפן, די לופט שטיקט דאָ, נישטאָ קיין פּרנסה, קיין מעגלעכקייט צו לעבן. שטום האָט יעדער איינער פון זיי מיר דערלאַנגט זיין האַנט. אַ יונגער בחור, אַ געוועזענער שכן אונדזערער, האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אַהיים צום סדר. ער האָט געבעטן אין נאָמען פון זיין מוטער און שוועסטער. נאָכן

דאַווענען, זענען מיר ביידע געגאַנגען צו אים אַהיים. ער האָט מיר דער־ציילט, אַז דער פאָטער איז אומגעקומען, אים, זיינע צוויי שוועסטער און די מוטער האָט אַ טשעך אויסבאַהאַלטן.

אין שטוב איז אַלץ געווען גרייט צום פסחדיקן סדר. די עלטערע פרוי גאַטמאַן און אירע טעכטער האָבן מיר אויפגענומען מיט פרייד און טרערן אין די אויגן. דעם סדר האָב איך געפּראַוועט, פּונקט ווי מיין פאָטער ע״ה. איך האָב אין זיך דערפילט אַ נשמה יתרה, מיט אַלע מיינע געפילן בין איך אַריבער אין דער אַטמאָספער פון מיין טאַטנס סדרים און איך האָב געצויגן ווייטער די גאָלדענע קייט פון יידישקייט, פון יידישער טראַדיציע און נגינה. אַלץ איז פאַר מיר געווען הייליק און טייער. איך האָב זיך געפרייט, ווי אַ קינד, זעענדיק, ווי מיין סדר־פּראַוועון האָט אויך אויפגעהעלט די אויגן, דערפרייט די געמיטער פון די, וואָס האָבן יאָרן געקעמפט אין שרעק פאַר זייער זיין אויף דער וועלט, פאַר קענען בלייבן יידן און קענען פּראַוועון אַ יידישן סדר.

„ווי אליהו הנביא זענט איר צו אונדז געשיקט געוואָרן" — האָט מיר געדאַנקט די פרוי גאַטמאַן.

צומאָרגנס האָבן זיי מיר געראַטן אָפּצונעמען די ירושה, וואָס איז פאַרבליבן נאָך מיינע אומגעקומענע שוועסטער און ברידער. זיי האָבן צוגעזאָגט זייער הילף אַלס עדות און ראַטגעבער.

אַלע זענען זיי געווען פאַרשפּאַרט אין געטאָ. ווען די קלאַנגען, אַז די דייטשן ליקווידירן די יידן פון די געטאָס זענען דערגאַנגען צו זיי, האָבן זיי באַשלאָסן צו אַנטלויפן און אַלע אין דער ריכטונג פונעם דאָרף קניאַזינקע, וווּ עס האָבן געוווינט זייערע היימישע טשעכן, נישט אַלע מיטאַמאָל, נאָר אין קלענערע גרופּן, צו צוויי צו דריי. דער פאָטער און דער איידעם זענען נישט דערגאַנגען. מען האָט זיי דערשאָסן אויפן וועג. די מוטער, איר זון די צוויי טעכטער און דאָס פּריש־געבוירענע עופעלע איז געלונגען צו דערגיין, נאָר דער טשעך האָט דאָס קינד נישט געוואָלט אַריינעמען. מען האָט דאָס „פּיצל" אַרויסגעלייגט אין דער זייט פון וועג, אין די קוסטעס. געפונען האָט עס אַן אוקראַינישער פּאָליציימאַן, וואָס האָט קיין קינדער נישט געהאַט. ער האָט דאָס קינד גענומען צו זיך. זיין ווייב

איז געווען צופרידן און עס דערצויגן, אַרויסלאָזנדיק אַ קלאַנג אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן. דעם קלאַנג האָט דער טשעך דערטראָגן צו זיי אין באַהעלטעניש.

צוזאַמען מיט די דייטשן איז אויך אַנטלאָפן דער פּאָליציימאַן. דערביי האָט ער געשאָסן צום ווייב, ווען זי האָט געהאַלטן דאָס קינד אויף די הענט, ווייל זי האָט נישט געוואָלט מיטפאָרן. געטראָפן האָט ער אין איר לינקער האַנט. מען האָט זי פאַרנומען אין שפּיטאָל אַריין און אָפּגעשניטן די האַנט. דאָס קינד איז אַריבער צו איר שוועסטער. ביי איר האָט די אמתע מוטער געפונען איר קינד, זי האָט שוין געהאַט געוויסע סימנים אויף איר קערפּערל, דערצו איז זי געראָטן געווען אין טאַטן. פאַר געלט און חפצים האָט זי אויסגעקויפט דאָס קינד און נישט אויפגעהערט זיי צו העלפן די גאַנצע צייט.

די פרוי סאָניע, די מוטער פון דעם קינד, האָט מיט אַ ברייטער האַנט צוגעהאָלפן די צוויי פּויערטעס, די אוקראַינערינס, נישט נאָר מאַטעריעל. אָפט פלעגן די סאָוויעטן אַרויסשיקן די איבערגעבליבענע פאַמיליעס פון די פאָליציי-לייט, וואָס זענען אַנטלאָפן צוזאַמען מיט די דייטשן. דאָס זעלבע האָט אויך געדראָט די פּויערטעס, אָבער סאָניע האָט איינגעריסן ווענטן, ביזן קרייז-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז זי דערגאַנגען און געפועלט, מען זאָל זיי נישט אַרויסשיקן. מיט מיינע אויגן האָב איך געזען די באַגעגעניש פון דעם אָפּגעראַטעוועטן מיידעלע מיט אַלע דריי „מאַמעס". אַלע האָבן אַנגעקוואָלן פון אירע חכמות און געשעפּט פון איר נחת און זי האָט אירע געפילן אַרויסגעוויזן צו אַלע דריי, יעדע איינע באַזונדער אַפילו גערופן „מאַמולקאַ", און גערעדט פליסיק אוקראַיניש. פאַרבליבן איז זי פאַרט מיט איר יידישער מאַמען. דאָס איז געווען די טרייסט סיי פון די מוטער, סיי פון דער באָבען.

די מוטער האָט אָבער נישט געוואָלט זיין איינע פון דריי. דאָס קינד איז אירס, בלויז אירס, אין די שווידערלעכע געטאָ-מויערן, אין ווייטיקן און ליידן, האָט זי איר קינד אויף דער וועלט געבראַכט. איצט וויל זי איר טאָכטער האָבן בלויז פאַר זיך. דאָס האָט זי געטריבן ווי אַמשנעלסטן צו פאַרלאָזן לויצק און אַרויספאָרן קיין פּוילן. זיי, די רעטערינס, האָט

זי שוין באַלוינט און וועט זיי נישט ווייניק איבערלאָזן, זיי זאָלן צו איר קיין טענות נישט קענען האָבן.

מיר איז אויך שווער געווען צו פאַרבלייבן לענגער אין דער שטאָט. איצט איז מיר מיין געבורטס־שטאָט געווען ווייטיקלעך־פרעמד. בעסער וואָלט די גאַנצע שטאָט חרוב געוואָרן און נישט נאָר די גאַסן פון יידישן געטאָ. אויך דאָ, אויף די הויפט־גאַסן, האָבן געוווינט מיינע שוועסטער און ברידער, דאָ זענען געווען זייערע געשעפטן, נאָך ביים לעבן, האָט מען אַלץ ביי זיי צוגענומען. פרעמדע, נישט יידן, האָבן זיך צעבאַלעבאַטעוועט, רואינירט. אבלדיק און דערשלאָגן בין איך געגאַנגען דורך די גאַסן, דורך וועלכע זיי זענען אַדורך אין זייער לעצטן וועג, אהין קיין גירקאָ־פאָלאַנקאָ, אַ פּאָר קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, צו די אָפענע גריבער, וואָס האָבן במשך פון געציילטע עטלעכע טעג איינגעשלונגען די טאַטעס און מאַמעס צוזאַמען מיט זייערע קינדער, יונג און אַלט.

אַ וועלדל. אָפּגערוקט פון אַ מענטשלעכן ישוב. אַרום און אַרום איז געבליבן דער וואַלד, די יונגעביימער האָבן געבליט און צעצווייגט זיך. בלויז אין דער מיט זענען פריער אויסגעהאַקט געוואָרן און פאַרשניטן געוואָרן זייערס גלייכן. זיי האָט מען געצווינגען אָפּצוטרעטן זייער אָרט פאַר דער אַכצן־טויזנטדיקער עדה יידן: קינדער, פרויען און מענער, וועלכע מען האָט געבראַכט אַהער. פאַריאושטע און גלייכגילטיקע, האָבן זיי זיך אויסגעלייגט אין גלייכע רייען, אין דער לענג און ברייט, אויף דער ערשטער צעשאָסענער ריי, די צווייטע, אויף דער צווייטער — די דריטע. דער לעצטער פינטל מיט די אויגן, דער לעצטער אָטעם און גע־בליבן ליגן פאַרגליווערט מיט דער לעצטער האָפנונג, אַז זיי — די מער־דער — וועט נישט געשענקט ווערן, אַז די נקמה וועט קומען...

איצט איז אַרום און אַרום שטיל. אַ לייכט ווינטל שאָקלט די ביימער אַרום דעם גרויסן מאַסן־קבר. זיי, די איינציקע עדות פון דער יידישער טראַגעדיע, שאָקלען זיך, ווי זיי וואָלטן מתפלל געווען נאָך די הייליקע נשמות פון די קדושים. עס שטייען נאָך אַלץ אין אַ זייט די פולע פעסער מיט שוואַרצער סמאָלע, וואָס די מערדערס פלעגן אויפזידן און באַגיסן די האַלב לעבן־געבליבענע און די קינדער, וואָס האָבן נישט געוואָלט

שטאַרבן אין סאַמע בלי. מעגלעך, אַז די דייטשע רוצחים האָבן געוואָלט מיט די אויסגעהאַקטעביימלעך און סמאָלע פאַרברענען די קרבנות, נישט איבערלאָזן פון זיי קיין שריד ופליט, נאָר אין גרויס איילעניש אַנטלאָפן און נישט באַוויזן. אַ פריש־אָנגעשיטער באַרג מיט ערד, ברייט און הויך — דאָס האָבן אָנגעשיט די ערשטע געקומענע נקמה־נעמער, די איינציקע פאַריתומטע ברידער און שוועסטער. זיי זענען געקומען פון דער רויטער אַרמיי, פון די פּאַרטיזאַנער, פון די אַנטלאָפענע קיין ראַטן־פאַרבאַנד. זאָל דער אָנגעשיטער באַרג זיין אַ מצבה נאָך די טייערסטע און אויף אייביק נישט פאַרגעסענע. צוויי הויכע שטאָלענע רעלסן, אויף זיי אַ גראָבע בלעך, שוואַרץ געפאַרבטע מיט אויפשריפטן אויף לשון קודש און רוסיש, מיט אַ „מגן דוד" אין דער הויך: „שמונה עשר אלף איש עבריים יושבי עיר לוצק שנרצחו בידי רוצחי היטלר" — אַכצן טויזנט! צווישן זיי מיין מאַמע, מיינע פיר ברידער און דריי שוועסטער, מינדעלעס מוטער און פאָטער, איינציקער ברידער, זיין פרוי און קינדער! נישט אויסצו־רעכענען די צאָל קרובים, פריינט און באַקאַנטע. אַלע, אַלע...

## דאָס יידישע האַרץ

אַ דערשלאָגענער, אַן אָפּגעפּרעמדטער, אַדורכגעגליטער פון נקמה־געפילן, האָב איך געשפּאַנט צוריק אין שטאָט אַריין אין דער ריכטונג פון מיין חרובער היים. אַריבערגייענדיק די באַזיליאַנער בריק, האָב איך באַמערקט ביים קלויסטערל עטלעכע קריסטלעכע פּאַרקויפערינס, וואָס האָבן צעלייגט אויף די שטעלן זייערע סחורות. צווישן זיי אַלע — איינע גאָר אַ באַקאַנטע: אַ שלאַנקע פרוי מיט אַ מאַטאָוון פּנים, מיט טיפע, שוואַרצע אויגן אָן שום אויסדרוק, נישט קיין אומעטיקע, נישט קיין פריי־לעכע — גלייכגילטיקע, מיט דינע ברעמען און געדיכטע וויעס, שוואַרצע האָר, דורכגעוועבטע מיט אַ ברייטן פּאַס גרויע, כמעט ווייסע.

איך האָב זיך געוואָלט דערמאָנען, ווער איז זי? ווו האָב איך זי געזען? זי האָט, ווייזט אויס, באַמערקט, ווי איך קוק אויף איר, האָט זי

זיך ווי אַ ריס געטאָן אין מיין ריכטונג, נאָר זיך דערמאָנט אין עפּעס און זיך צוריקגעהאַלטן, אַראָפּלאָזנדיק שעמעוודיק די וויעס. נאָר איך האָב זיך שוין דערמאָנט ווער זי איז. בין איך צוגעגאַנגען צו איר נאָענט און גענומען באַטראַכטן די אַרויסגעשטעלטע זאַכן, דערביי שטיל געשעפּטשעט:

„איר האָט מיך נישט דערקענט, באַסקע ?"

„דערקענט" — האָט זי נאָך שטילער געענטפערט, נאָר באַמערקנדיק, ווי אַנדערע פּאַרקויפערינס קוקן זיך נייגעריק איבער, האָט זי אויסגעלאָזט:

„איר קענט אַרויפקומען צו אונדז אין אָוונט... איך וווין..." — זי האָט אָנגעגעבן איר אַדרעס.

די באַגעגעניש מיט דער פרוי האָט אַרויסגערופן אין מיין זכרון אַן אַ שיעור דערינערונגען וועגן איר און וועגן אירע שוועסטער.

„באַסקע די משומדת" — האָט מען זי גערופן. איך געדענק זי נאָך פֿאַר אַט אַזאַ אַ, אַ חנעוודיק מיידעלע מיט לאַנגע צעפּעלעך. פינף שוועסטער זענען זיי געווען — די קרישטאַלקעס. צוויי בלאָנדע און דריי שוואַרצע. מיט דער עלטסטער שוועסטער חנה, מיט בלאָנדע לאַנגע צעפּ און בלויע אויגן, סטאַטנע פיגור און הויך געוווקסיק, פלעגן מיר זיך חברן, זי איז געווען איינע פון אונדזער „קאָמפּאַניע". אַלע שוועסטער פלעגן שפּילן אויף מאַנדאָלינעס און גיטאַרעס. ביי זיי איז שטענדיק פול געווען די שטוב מיט יונגוואַרג, ווי אין אַ קלוב. איין עלטערן ברודער האָבן זיי געהאַט, יחיאל, אַ שוואַרצער, מיט גראָבע ליפּן, מיט אַ האַרטן באַסאָווען קול. ער האָט געזונגען אין דער גרויסער שול ביים חזן ראַזומאַרין. באַסיע איז די יונגסטע געווען. אויף איר האָבן די ייִנגלעך גאָר קיין אַכט נישט געלייגט — זי איז נאָך אָנגעגאַנגען אַלס אַ קינד. אָבער אומבאַמערקט איז זי אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ שיין, רייף מיידל, אַ שילערין פונעם זיבעטן קלאַס פון דער אַלגעמיינער שול. מען פלעגט שעפּטשען, אַז זי שפּאַצירט אַרום ביים ליובאַרט-שלאָס מיט קריסטלעכע ייִנגלעך.

זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ פּוילישן בחור, אַ מוזיקער, וואָס האָט געשפּילט אויף אַ סאַקסאָפאָן. אירע עלטערן האָבן געמאַכט פּרוּוון זי צו

באַװירקן, זי זאָל איבעררײַסן מיטן „שגץ" און נישט פֿאַרשעמען די משפּחה. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפֿן. דער טאַטע פֿלעגט זי זידלען, האָט געפּרוּװט זי שלאָגן אויך. די שטוב איז געוואָרן פֿאַר באַסקען ווי אַ גיהנום. איינמאָל איז זי נישט געקומען אַהיים נעכטיקן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מאַנאַשקעס פֿון מאַנאַסטיר באַהאַלטן זי אויס און גרייטן זי צום שמד. מען לערנט זי קאַטוילישע תּפֿילות, זי גייט מיט זיי אין קאָשטשאָל און „מאָדליעט זיך".

די עלטערע שוועסטער האָבן געפֿירט ליבעס מיט יידישע בחורים, האָבן זיי זיך צוגעאײַלט חתונה צו האָבן. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן זיך געזעצט שבֿעה נאָך דער פֿאַר זיי פֿאַרשטאָרבענער טאָכטער. אין שטוב איז געווען שטרענג פֿאַרווערט צו דערמאָנען איר נאָמען.

אַזוי טראַכטנדיק וועגן באַסקעס געשיכטע, בין איך צוגעקומען צו דער גאַס קאַראַימסקע 11, צו מײַן אַלטער, חרובֿער היים. אומגעריכט דער־זע איך אַ ניי בילד: די בראַנד־וואַנט איז נישטאָ, זי איז אײַנגעפֿאַלן און די דרײַ קיכן פֿון מײַנע שוועסטערס פֿריידע און רייזל, אויך פֿון מײַן ברודער בן־ציון, שטייען אָפֿן, אָן דער הינטערשטער וואַנט. ווען איז דאָס געשען? פֿריִער מיט צוויי טעג האָב איך, דוכט זיך, נישט באַמערקט עס. צי בין איך געווען אַזוי צעחושט און צעטומלט, אַז כ'האָב דעם „העלפֿאַנט" נישט דערזען?

איך האָב באַשלאָסן אַרײַנגיין צו די שכנים און פֿרעגן. מײַן אַרײַנ־קומען האָט זיי איבעראַשט אינגאַנצן. זיי האָבן מיך דערקענט, אַז איך בין איינער פֿון דער משפּחה פּערעל. ווי צעטומלטע האָבן זיי מיר דער־ציילט, אַז אינמיטן דער נאַכט האָבן זיי דערהערט אַ טראַך, ווי פֿון אַ באָמבע, און די גאַנצע וואַנט איז אײַנגעפֿאַלן... אין די הײַזער האָב איך דערזען דאָס מעבל פֿון מײַנע אייגענע. די טעפּיכער, די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. אַלץ ווי געווען, אויף די זעלבע ערטער.

„נישט געזייעט, נאָר אַראָפּגענומען די געוועטעניש" — גיב איך אַ טראַכט. און באַמי זיך וואָס גיכער צו פֿאַרלאָזן די דושנע לופֿט פֿונעם אָרום. איך קען נישט צוזען זייערע בליקן, וואָס דריקן אויס פֿאַרדרוס און פּחד. פֿאַרדרוס — הלמאי ס'איז נאָך איינער פֿאַרבליבן לעבן. פּחד —

טאַמער פּרעטענדירט ער אויף ירושה... פּרעטענדירט האָב איך טאַקע אויף ירושה, אויפן הויז, וואָס איז פאַרבליבן, אויף מיין שוועסטערס הויז, אָבער נישט אויף די זאַכן, וואָס וואָלטן מיר בלויז עגמת־נפש פאַרשאַפן. די פאַמיליע גאָטמאַן, אויך דער אינזשיניער שלמה גאָלדבערג, וועלכן איך האָב צופעליק געטראָפן, האָבן מיר געראָטן זיך באַמיען די ירושה צו באַקומען.

„די זעלבע ריכטערין, וואָס איז געווען פאַר דער מלחמה אין ערשטן מאַי־ראַיאָן, אַרבעט דאָרט אויך איצט" — האָט שלמה מיר דערטראָגן.

פאַר דער מלחמה בין איך געווען אַן אויסגעוויילטער בייזיץ־ריכטער אין דעם ראַיאָן. נישט איינמאָל פלעגט מיר אויסקומען צו אַמפּערן זיך מיט דער יונגער ריכטערין פאַרן אַרויסגעבן דעם פאָרמעלן אורטייל איבער אַ באַשולדיקטן, וועלכן איך האָב געהאַלטן פאַר אומשולדיק.

„אייער צוגאַנג איז פון אַן אינטעליגענט, אָבער נישט קיין סאָוויעטישער" — פלעגט זי מיט מיר טענהן. דאָך פלעגט זי זיין צופרידן מיט מיין אַקטיווקייט ביים פאָרשן און זוכן דעם אמת, נישט אַזוי, ווי מערסטנס פאַסיווע און נאָכגיביקע בייזיצערס. זי האָט מיך טאַקע דערקענט, אויסגעפרעגט וועגן זיך און פאַמיליע און אויך מיטגעהאָלפן צו געווינען די ירושה...

אין איינעם פון די אָוונטן בין איך אַוועק צו באַסקען, לויטן אָנגעגעבענעם אַדרעס. איך האָב פאַרזיכטיק אָנגעקלונגען, עס האָבן זיך דערהערט אייליקע טריט. ס'האָט געעפנט אַ יונגערמאַן, אַ בלאָנדער מיט העלע קעצישע אויגן, אַ דאַרער, אין די דרייסיקער יאָרן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז באַסקעס מאַן.

באַסיע האָט זיך אויפגעשטעלט, אָוועקגעלייגט דאָס לעפעלע, מיט וועלכן זי האָט געהאָדעוועט איר טעכטערל, געמאַכט אַ פאָר טריט מיר אַנטקעגן און אויסגעשטרעקט די האַנט. זי האָט אַ ביסל לענגער געהאַלטן איר האַנט אין מיינער, ווי זי וואָלט מיט דעם געוואָלט אויסדרוקן איר היימישקייט און פריינדלעכע באַציונג צו מיר. איך האָב באַמערקט: זי איז געננוג בלאַס געווען, די אויגן פול מיט טרויער, די באַוועגונגען געמאָסטענע, פאַמעלעכע.

„זייט באַקאַנט מיט מיין מאַן און טעכטערל״ — האָט זי אַ זאָג געטאָן אויף פויליש.

„ווי רופט מען דיך, מיידעלע?״ — האָב איך גערעדט צום העל־בלאָנדן קינד מיט די בלויע אייגעלעך און פאַרריסן פוילישן נעזל, וואָס איז שטאַרק געראָטן געווען אין טאַטן.

„זאָסיענקאַ, זאָסיענקאַ שטשערבינסקאַ״ — האָט זי געענטפערט מיט אַ האַרציקן, קינדערשן שמייכל.

„ווי הייסט דיין טאַטע?״

„וולאַדיסלאַוו און די מאַמע בראָניסלאַווא״ — האָט זי געענטפערט מיט שטאָלץ, וואָס זי האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

„וולאַדיסלאַוו, זיי אַזוי גוט און לייג דאָס קינד שלאָפן, שוין צייט״.

אויף „דאָבראַנאַץ״ האָט דאָס מיידעלע זיך געזעגנט און אַ שטאַרקן קוש געטאָן דער מאַמען. דער מאַן איז אַרויס מיטן קינד אין צווייטן צימער, ער האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען, אַז דאָס ווייב וויל בלייבן מיט מיר אַליין.

„הייסט איר גאָר בראָניסלאַווא?״...

„נישט דער נאָמען האָט מיך געראַטעוועט, נישט דאָס, וואָס איך בין אַ פּאָלקע, נאָר מיין שוועסטער הענע.״

אויף מיין פאַרוווּנדערונג האָט זי אָנגעהויבן שטיל צו דערציילן:

„ס׳קלינגט אומגלויבלעך, אָבער אַזוי איז עס געשען. אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, האָב איך מיט מיין מאַן און טעכטערל געוווינט אויסערן געטאָ, ווי קריסטן. „געלעבט״, אויב מען קען דאָס אָנרופן לעבן. מיין מאַן פלעגט פאַרוויילן מיט זיין שפּילן די שכורע דייטשע אָפיצירן אין רעסטאָראַנען און קלובן, האָט פאַרדינט און צוגעשטעלט אַלץ, וואָס מען באַדאַרף צום עסן. ס׳איז מיר אָבער גאָרנישט אָנגעגאַנגען. אַ גרויס בענ־קעניש נאָך מיינע עלטערן, שוועסטער און ברודער, נאָך אַלע יידן, וואָס האָבן זיך געמאַטערט הינטער די ווענט פון געטאָ, האָט גענאָגט מיין האַרץ ווי אַ פּיאַווקע און נישט געלאָזט רוען. די גאַנצע זעקס יאָר, זייט איך בין אַוועק פון די מייניקע, האָב איך כמעט נאָך זיי נישט געבענקט. מיין מאַן, מיין קינד האָבן אויסגעפילט מיין לעבן. איך האָב געהאַט אַן אַנדערע

סביבה, כ׳בין געוואָרן אַ הייסע קאַטאָליטשקע, פון אָנהייב געצוווּנגענערהייט, דערנאָך מיטן גאַנצן האַרצן. אין מיינע תּפילות פלעג איך גאָט בעטן אויך פאַר זיי, ער זאָל זיי מוחל זיין, וואָס זיי האָבן מיך פאַרטריבן. מילא, עס האָבן זיך פון מיר אויך דערווייטערט אַלע מיינע באַקאַנטע און קרובים. יעדער מענטש האָט זיין שטאָלץ. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז נישט נאָר איך בין געשטאָרבן פאַר זיי, נאָר אויך זיי — פאַר מיר. נישטאָ שוין קיין וועג צוריק צום פאַרגאַנגענעם...

ווען די סאָוויעטן זענען געקומען און די געמישטע חתונות זענען געוואָרן אַן אָפּטע דערשיינונג, האָב איך געהאָפט, אַז מיינע עלטערן וועלן מיר מוחל זיין און אונדז צוריקקערן צו זיך. ליידער, איז דאָס נישט געשען.

אָבער איצט, ווען זיי ליידן אַזוי שווער און אויסזיכטלאָז, האָב איך נאָך זיי געבענקט. פאַרלוירן מיין רו, נישט געקענט שלאָפן, נישט עסן. כ׳פלעג אַלע טאָג גיין אין קאָשטשאָל בעטן גאָט פאַר אַלע יידן, נאָר אויך מיינע תּפילות האָבן מיר נישט גרינגער געמאַכט. איך האָב געזען, ווי די מערדער פירן אַלע טאָג אַרויס פון געטאָ פול־געפּאַקטע מאַשינען מיט יידן — האַלבע סקעליעטן, מיט גלעזערנע אויגן און אויסגעצערטע גופים, ערגעץ ווייט, צום פאַרניכטן, און מיין האַרץ האָט שיעור געפּלאַצט פאַר ווייטיק.

איינמאָל, נאָך אַ גאַנצער נאַכט מאַטערן זיך און איבערטראַכטן, האָב איך פאַרלאָזט מיין היים, מאַן און קינד און... אַוועק אין געטאָ, צו מיינע עלטערן. אויב אומקומען — איז מיט זיי צוזאַמען...

די עלטערן האָבן מיך אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, ווי איך וואָלט געקומען פון ערגעץ ווייט און פּונקט אין דער צייט... נאָר די שוועסטער זענען געוועזן ברוגז, הלמאי, כ׳האָב פאַרלאָזט מיין מאַן און קינד.

„וואָלט כאָטש אַ זכר פאַרבליבן, אַ זכר!״ — האָבן זיי געזאָגט.

אונדזער ריי איז געקומען. מיט די לעצטע כּוחות העלפן איינע די אַנדערע, אַרויפצוקלעטערן אויף דער מאַשין. מען קייטלט זיך איינער אין צווייטן. בלויז איך און מיין שוועסטער העני זענען געוועזן די לעצטע, נישט געוועזן שוין קיין אָרט. מיר האָבן באַוויזן זיך אויסצובאַהאַלטן אויפן בוידעם. דריי טעג און דריי נעכט געפּלאָגט זיך אָן ברויט, אָן אַ טראָפּן וואַסער, כאָטש דער טייך איז גאָר נאָענט.

אויפן פערטן טאָג האָבן אונדז געכאַפּט די אוקראַאינישע פּאָליציסטן, אונדז פאַרשלאָסן אין אַ געוועלב, צוזאַמען מיט נאָך געכאַפּטע יידן. שפּע־טער האָט מען אונדז אַוועקגעפירט קיין גירקע־פּאַלאַנקע אויפן קבר פון די קדושים. מען האָט באַפוילן זיך אויסטאָן נאַקעט און אַרויפלייגן זיך אויף די הרוגים, וועלכע זענען קוים, קוים פאַרשיט געווען.

איך בין געלעגן נעבן מיין שוועסטער אַ האַלב טויטע, אַ גלייכגילטיקע און דורשטיקע נאָכן טויט, וואָס האָט צו לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן.

פּלוצים האָט זיך מיין הענט אַ הויב געטאָן און ווי בישט מיט איר קול אַ געשריי געטאָן:

„ווען וועמען ווילט איר אומברענגען? דאָ ליגט אַ פּאָלקע, אַ מאַמע, אַ קאַטאָליטשקע. ס׳איז געשען אַ טעות! פאַרוואָס קומט איר אומצו־ברענגען?״

אויף איר געשריי האָבן די מערדער אָפּגעענטפערט מיט אַ שיכורן געלעכטער:

„נו, אַרויס, דו פּאָלקע, מיט דיר וועלן מיר זיך באַזונדער אַ שפּיל טאָן״...

איך האָב נישט געוואָלט זיך רירן פונעם אָרט. נאָר הענע האָט מיך מיט אירע לעצטע כוחות אַרויסגעשטופּט פון קבר... באַלד האָב איך, ווי אין חלום, דערהערט אַ הילכיקן שאָס... מער האָב איך שוין גאָרנישט גע־הערט און געזען...

זיי האָבן מיך דערמינטערט, מען האָט מיר דערלאַנגט אַ קליידל אָנ־צוטאָן. איך האָב מעכאַניש געענטפערט אויף פראַגן, ווער איז מיין מאַן און וווּ ער וווינט. ווי לאַנג עס האָט געדויערט, געדענק איך נישט. איך האָב פאַרלוירן דאָס געפיל פון אָרט און צייט. ווען מיין מאַן מיטן קינד זענען געקומען צו לויפן, האָב איך געקוקט אויף זיי, ווי אויף פרעמדע, רעזיגנירט און גלייכגילטיק. עס זענען שוין אַריבער יאָרן פון דעמאָלט אָן. איך לעב, עס און טרינק, נאָר... איך האָב פאַרלוירן דעם חשק צו לעבן, פאַרלוירן דעם מענטשלעכן שמייכל... כ׳האָב פאַרלוירן מיין גלויבן...״

פאַרזונקען אין די מחשבות בין איך געגאַנגען צו די גאַטמאַנס.

הימל און ערד האָבן געשוואוירן, קיין זאַך זאָל נישט ווערן פאַרלוירן. אַפילו פונעם קבר אַרויס קומען עדות צו דערציילן וועגן דער גרויסקייט

פון דער יידישער נשמה, וועגן העלדנטאַטן פון האלב־טויטע, וועגן יידיש בלוט, וואָס פליסט און וועט אייביק פליסן אין די אָדערן פון די, וואָס דער גורל האָט באַשטימט, אַז זיי זאָלן זיין יידן....

# גבורה

מיט יעדן טאָג פון מיין זיין אין לוציק, בין איך רייכער געוואָרן מיט איינדרוקן, מיט ממש אויפטרייסלענדיקע דערציילונגען, ווי אַזוי עס האָבן געלעבט אין געטאָ מיינע אייגענע, חברים און פריינד, במשך דער צייט, וואָס האָט זיך געצויגן אַ יאָר מיט עטלעכע חדשים, אַ דערנער־וועג פון ליידן, דערנידערונגען, מאַטעריעלער נויט, וואָס האָבן ווי פאַרצענפאַכיקט די צייט פון דאָ־זיין ביז זייער לעצטן וועג קיין גירקע־פּאָלאַנקע.

בלויז איינצעלנע זענען לעבן געבליבן על פי ניסים. מיט אייניקע פון זיי פלעג איך זיך טרעפן. זיי זענען דאָך איבערגעבליבן, כדי צו דער־ציילן — האָבן זיי דערציילט, ווי אַרויסגעלייענט פון ביכער, וועגן אַלץ, וואָס זיי האָבן איינגעקריצט אין זכרון, ווי ווייטיקלעך און פיינלעך עס איז געווען פאַר זיי דאָס דערציילן.

נישט קיין גבית־עדות אויפצונעמען איז געווען מיין ציל. קיינער האָט מיך דערויף נישט באַפולמעכטיקט. איך האָב געוואָלט זיך דערוויסן וועגן מיין מוטער, שוועסטער און ברידער, חברים און פריינד. דערצו האָב איך געקוקט אויף די איבערגעבליבענע, ווי אויף שטאַרקע, וואָס האָבן ריזיקירט און נישט פאַרלאָזט זיך בלויז אויפן גורל.

איך האָב זיך געטראָפן מיט יחזקאל גאַק, אַן אויסגעמאַטערטער, מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן און מיט אַ חוש פון אַ שפּיר־הונט. ער האָט אַ סך דערציילט וועגן לוציקער געטאָ, אָנגערופן נעמען און אַפילו דאַטעס. ער איז געווען איינער פון די „ספּעציאַליסטן"־פאַכמענער, וואָס האָבן צוגע־גרייט די קברים אין גירקאַ־פּאָלאַנקאַ. נאָכן אַלגעמיינעם אומקום איז ער געווען צוזאַמען מיט נאָך 500 פאַכמענער אין אַ ספּעציעלן לאַגער, אין בנין פון דער געוועזענער יידישער גימנאַזיע. דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיט

מיין עלטערן ברודער בן־ציון. צו זיין אומגליק, איז ער געווען איינער פון די, וואָס האָבן געמאַכט אַן אָרדנונג אין די מאַגאַזינען פון די אָנגעראַבע־וועטע קליידער און שיך — דער זכר פון די אומגעקומענע יידן. מיט אַ דערשלאָגן געמיט, האָט ער אויטאָמאַטיש אויסגעפירט זיין אַרבעט און אַלץ געזוכט, אפשר וועט ער טרעפן, צווישן אַלע קליידעלעך, אויך דאָס ראָזע קליידעלע פון זיין איינציק טעכטערל אסתרל. ער אַליין האָט אים פאַרגעלייגט נאָך אין סעפּטעמבער חודש פונעם 1942 יאָר, אונטערצונדן די סקלאַדעס און אין אַלגעמיינעם גערויש און פּאַניק, צוזאַמען מיט אים און אַנדערע, אַנטלויפן...

„איך וויל נישט אַנטלויפן... איך וויל נישט בלייבן לעבן"... — האָט געטענהט מיין עלטערער ברודער. ער, גאָק, צוזאַמען מיט אַ דרייסטער חברה, זענען דאָך אַנטלאָפן, מערסטנס זענען אומגעקומען, אָבער ער און נאָך אייניקע פון זיינע לוויצקער חברים, זענען געבליבן לעבן...

די לעצטע מאַהיקאַנער, די פּאַכמענער פון דעם לאַגער, איז די דייטשן נישט לייכט אָנגעקומען צו ליקווידירן. דעם 12־טן דעצעמבער 1942, האָבן זיי געשטעלט אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד. עס איז געווען אַ קאַמף נישט אויף לעבן, נאָר אויף טויט. איינצעלנע ביקסן, רעוואָלווערן, פּרעסלעך, אייזערנע שטעקנס קעגן טאַנקעטקעס, אויטאָמאַטן, אַפילו באָמבעס פון דער לופטן. אַלץ האָט געברענט מיט אַ העליש פייער: די סקלאַדעס, די וואַר־שטאַטן, די אויף טויט פאַרמשפּטע, די, וואָס האָבן זיך אַליין אויפגעהאַנגען אין דער לעצטער מינוט — מיט קללות אויף די ליפן, מיט ברענענדיקן האַס אין די אויגן, מיטן גלויבן, אַז די מערדער וועט נישט געשענקט ווערן...

איך האָב זיך געטראָפן מיט שמואל וואַרקאַוויצקי, מיט זיין פרוי און טאָכטער. זיין פאָטער איז געווען דער איינציקער יידישער בירגערמייסטער אין לוויצק. אין די הייסע טעג, זענען זיי אַנטלאָפן פון געטאָ, יעדער איינער אויף אַן אַנדערן וועג, מיט דער האָפענונג, אַז מען וועט זיך נאָך טרעפן אין זייער געבורט־שטאָט. בלויז איין טאָכטער איז נישט געקומען. אַלע דריי האָבן זיך געראַטעוועט, יעדער אויף אַן אַנדערן אופן: ער — אַ באַוואַקסענער, אין אַ פּויערישער סיערמיעגע, האָט געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף, מיט פּענדזל און פאַרבן אין די הענט און געמאָלן פאַר די פּויערים

איקאָנעס, דעם פּאָרטרעט פון שעווטשענקאָ, אָדער גאָר פּאָרגרעסערט אַ פאַמיליע־בילד. דערפאַר באַקומען עסן און נאַכטלעגער, דערצו נאָך אַ „מאַגאַריטש״: עטלעכע אייער, אַ פלאַש מילך, אַמאָל אויך אַ ברויט. אַזוי פלעגט ער אַריבערגיין פון האַנט צו האַנט. פאַרענדיקט די אַרבעט אין איין דאָרף — אַריבער אין אַ צווייטן, אין דריטן. נישט אומעטום איז געגאַנגען גלאַטיק. אין איין דאָרף האָט אים אַ פאַליאַק חושד געווען, אַז ער איז נישט קיין קריסט.

„עפּעס ביזטו מיר פאַרדעכטיקט, צי ביזטו נישט קיין „זשיד״ ?„

„ניין, פּאַניטשו, מיין פאָטער איז געווען אַ פאַליאַק און די מוטער אַן אוקראַינקע״.

„טאָ זאָג מיר, וואָס באַדייט דאָס וואָרט „זשוּלוּו״ ? די „זשידעס״ קענען נישט דאָס וואָרט״.

„זשוּלוּו״ איז אַ טשערעפּאַכע, פּאַניטשו, כי.. כי...

„ביזטו טאַקע נישט קיין „זשיד״ ! איך וואָלט דיר דער געסטאַפּאָ איבער־געגעבן״.

אין אַ צווייט דאָרף האָט נאָך איינער געוואָרפן אויף אים אַן אויג, אַפילו געדראָט מיט מסרן דער געסטאַפּאָ. זאָלן זיי זיך פונאַנדערקלויבן. דער טייוול ווייסט דיך, ווער דו ביזט. ער האָט זיך אויך אין דעם פאַל נישט פאַרלוירן, איז אַוועק אין קאַשטשאַל און זיך מתודה געווען פאַרן קשאַנדז. ער האָט אים דערציילט דעם אמת. אַז ער איז אַ ייד, געבליבן עלנט, אָן ווייב און קינדער. ביז איצט איז ער ניצול געוואָרן, איצט וויל אים דער און דער מסרן דער געסטאַפּאָ. דער קשאַנדז האָט אים טאַקע געהאָלפן. ער האָט צו זיך גערופן דעם מסור און אים געמוסרט מיט גיהנום פאַר אַזאַ פאַרברעכן און שמואלן געשענקט אַ צלמל, אין זיין אַנוועזנהייט.

„ער איז אַן אונדזעריקער, דו פאַרשטייסט ?״

„איך פאַרשטיי, פּאַטערל, איך פאַרשטיי״ — האָט יענער געמורלמט און אַ קוש געטאָן זיין האַנט.

דאָס ווייב האָט שווער געאַרבעט אַלס באַטראַטשקע ביי פּויערים פאַרן פיצל ברויט און פאַר אַ קאַרטאָפל, געשלאָפן אין שטאַלן מיט די בהמות. איינמאָל געאַרבעט אַלס רוימערין און געהילפין אין אַן אַפּטייק. די באַלע־

באַטים זענען אויך געווען פאַרשטעלטע יידן, אָבער קיינער האָט וועגן דעם נישט געוווּסט. אייניקאָל זענען אָנגעפאַלן אויף זיי אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, צוגענומען די מעדיקאַמענטן און די באַלעבאַטים דערהרגעט.

„שווייגן זאָלסטו, הערסט!" — האָבן זיי צו איר געשריגן, אָבער נישט געטשעפּעט.

די יונגע טאָכטער האָט באַדינט אַ טובערקוליאָז־קראַנקע פרוי, סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט. זי איז געווען איינזאַם און קראַנק. דער גאַנצער עול פון דער שטוב און פון דער געפערלעך־קראַנקער איז געפאַלן אויף דעם יונגן מיידל. זי האָט אַלץ איבערגעטראָגן און נישט געטראַכט, אַז זי קען זיך אָנשטעקן מיט דער געפערלעכער קרענק.

אַנטלאָפן בין איך, צוזאַמען מיט מיין זון, פון לויצק, בשעת מיין יונגסטע שוועסטער, רייזל, איז געגאַנגען צו קינד. דאָס אומאויפהערלעכע באָמבאַרדירן פון דער שטאָט האָט אַרויסגערופן ביי איר דאָס פריצייטיק געבוירן. קיין דאָקטאָר, קיין אַקושערין זענען דערביי נישט געווען, בלויז אונדזער אַלטע מוטער, צוזאַמען מיט מיין שוועסטער פריידע און מאַניע, מיין ברודער טוליעס ווייב, זענען געווען אירע געהילפן. איצט האָב איך שטאַרק געוואָלט וויסן וועגן דעם ווייטערדיקן גורל פון מיין יונגסטער שוועסטער און פון דעם קינד. איך האָב געהאַלטן, אַז בלויז די דייטשקע, יאַשקעס ווייב, קען מיר דעם סוד אַנטפּלעקן. וועגן דעם בין איך צו איר נאָכאַמאָל געגאַנגען. יאָ, זי האָט אַ סך געוווּסט און נישט וויניק מיר דער־ציילט: דאָס קינד איז געקומען אויף דער וועלט, אַ בחור. ווי אויף צו להכעיס איז ער געווען אַ געזונטער, אַן ענערגישער. געזויגן זיין מוטערס מילך מיט אימפּעט און לעבנסלוסט, אויב ס'איז נאָר געווען וואָס צו זויגן. די פּיין פון געטאָ לעבן, הונגער, קרענק, האָבן אויך אים נישט אויסגעמיטן. „ער זעט גאָרנישט אויס, ווי קיין ייד" — פלעגן מענטשן טרייסטן דער מוטער. רייזל איז אויך געווען אַ בלאָנדע מיט העל־בלויע אויגן, מיט אַ ביסל אַ פּאַריסן נעזל. מיין מוטער האָט זי געבוירן, ווען זי איז אַלט געווען שוין 48 יאָר — די מיזינקע. נאָכן אָוועקפירן אַלע יידן צו פאַרניכטן קיין גירקע־פּאָלאַנקע, האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן מיטן קינד ביים „זשע־ליאַזניק" בערעגאָוואָי אויפן בוידעם, צוזאַמען מיט נאָך אַ צענדליק יידן.

אַלע, אַלע האָבן געקוקט אויפן פּיצל קינד, ווי אויפן מלאך המות זייערן. ער איז געווען הונגעריק — האָט ער געשריגן, ער איז געווען ברודיק, שמוציק, אפשר קראַנק — האָט ער געוויינט. די דייטשן און זייערע קאַלעגן, די אוקראַינער, נישטערן אומעטום און זוכן יידן. זיין קול קען זיי אויסגעבן. „מאַך אים שטילער, רייזל" — פלעגן זיי מיט פחדימדיקע אויגן זיך בעטן ביי רייזלען. יעדער איינער פון זיי איז אים גרייט געווען צו דערשטיקן. און געטאָן האָט עס זי אַליין — די מוטער. ווען די מערדערס זענען שוין געווען אויפן הויף, ווען מען האָט שוין געהערט זייערע קולות, זי האָט דאָס קינד בלויז צוגעדעקט מיטן קישעלע דאָס מויל....

דאָס קינד האָט מער נישט געאָטעמט. די פאַרצווייפלטע מוטער האָט דאַן פאַרלאָזט דאָס באַהעלטעניש צוזאַמען מיט איר טויטן בן־יחיד. מיט די אייגענע הענט באַגראָבן. גלייכער אַזוי, זאָל ער זיך נישט מאַטערן...

אַליין לעבן פאַרבליבן. געדינט אַלס דינסט ביי פּאָליאַקן, אַנגעגאַנגען פאַר אַ פּוילישע, זעלטן ווען זי פלעגט זיך ווייזן אין גאַס. שוין אָט, אָט פאַר דער גאולה, פאַרן אַנקומען פון דער רויטער אַרמיי, האָט מען זי געשיקט אין מאַרק אַריין עפּעס קויפן. צוריק איז זי שוין נישט געקומען. אַן אוקראַינישער פאַליציאַנט האָט זי דערקענט און דערשאָסן...

שוידערלעכע דערציילונגען האָב איך זיך אָנגעהערט וועגן קינדער: די דאָקטוירים פון יידישן שפּיטאָל האָבן מיט די אייגענע הענט אָפּגעסמט זייערע אייגענע ווייבער און קינדער, אַ ברודער — אַ שוועסטער און איר פּיר־יאָריק טעכטערל. דערנאָך זיך אַליין. דאָס מיידעלע האָט נישט געקענט שטאַרבן. צו ווייניק סם איז אויסגעפאַלן אויף איר חלק. אַ רוסישער דאָקטאָר האָט זי אַרויסגעפירט אונטער דער שטאָט און געלאָזט אַליין אויף גאָטס באַראָט.

מיט מיר צוזאַמען איז געקומען צו פאָרן פון לעמבערג אַ באַקאַנטער אייזנבאַן־אַרבעטער אויף קבר־אבות און צופעליק זיך געטראָפן מיט דער גאָר אַלטער ניאַניע פון זיין טעכטערל. זי האָט אים דערציילט און אַפילו פאַרזיכערט, אַז זיין טעכטערל איז לעבן געבליבן, אָבער ווו?

ער האָט געהאַט ביי זיך די איינציקע פאַמיליע־פאָטאָגראַפיע: ער, זיין פרוי, דאָס טעכטערל צוזאַמען מיט דער ניאַניען. מיט דער פאָטאָגראַפיע

אין דער האַנט, האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין, איבער די דערפער, אויף אַ ראַווער.

„צי האָט עמיצער נישט באַגעגנט אַזאַ מיידעלע, אַן ענלעכע צו דער, נאָר אַ 10־יעריקע?״

יאָ, עמעץ האָט באַגעגענט אויפן יאַריד אַ בלינדן פויער מיט אַ קאָבזע. אים האָט אַרומגעפירט אַ מיידעלע. אפשר איז זי?

ער האָט געפונען דאָס דאָרף, ווו דער בלינדער בעטלער געפינט זיך, דערוואַרט זיך אויף אים. געטראָפן זיך מיט זיין טעכטערל, אָבער זי איז פון אים מיט גרויס שרעק אַנטלאָפן. אין זיינע בגדים פון אַן אייזנבאַנער, האָט זי אים אָנגענומען פאַר אַ דייטש.

„ניין! — האָט זי געצאַפּלט, — איך בין נישט קיין „זשידיווקע״, איך בין אַן אוקראַינערין!״ — האָט זי געשריגן מיט טרערן אין די אויגן. אויף דער פאָטאָגראַפיע האָט זי דערקענט בלויז די ניאַניע און דאָס האָט זי אַ ביסל באַרויקט. דעם בעטלער האָט ער אָוועקגעגעבן אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט ביי זיך און, אויסנוצנדיק אַ פּאַסנדיקן מאָמענט — האָט ער אַרויפגעכאַפּט דאָס מיידעלע אויפן ראַווער און בליץ־שנעל אַנטלאָפן מיט איר קיין לויצק, צו די וואַרקאָוויצקעס. דאָרט האָב איך זיי געטראָפן. די געבראַכטע מתנות, קליידעלעך, שיכעלעך, אַפילו אַ גרויסע ליאַלקע האָבן צו ביסלעך איינגעשטילט דאָס מיידעלע. זי איז געווען אויסגעדאַרט, בלייך און אויסגעזען ווי אַ זיבן־יעריקע, נישט מער. גערעדט האָט זי אויף כאָכ־לאַצקע לשון און אַלץ געצאַפּלט:

„גאָט אין הימל, וואָס וועט זיין מיטן זיידן, ווער וועט אים אַרומפירן?״

איר גורל איז אַלץ בעסער געווען פונעם גורל פון דעם יינגעלע, וואָס דער דייטש האָט אַרויסגעכאַפּט פון זיין מוטערס שויס און אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין שוואַך קערפּערל אין דערבייַיקן פּאַרקן, דערלאַנגענדיק בלויז אַ טייל פון זיין קערפּערל זיין פאַרחלשטער מוטער, אָנווייזנדיק איר:

„דעם קאָפּ קענסטו נעמען — אָט ליגט ער דאָרטן, אויף דער צווייטער זייט פּאַרקן״...

יואל פערעל

# אַדיע! מיין לויצק!

דער באַשלוס פון פאָלקס־געריכט וועגן מיין ירושה האָט געדאַרפט אַריין אין קראַפט ערשט אין צען טעג אַרום. בין איך דערוויַיל אָפּגעפאָרן אַהיים קיין קיעוו. באַזאָרגנדיק זיך מיט אַן אַרויסרוף־צעטל פונעם געריכט. די גאַטמאַנס האָבן מיר צוגעזאָגט במשך פון דער צייט אויסזוכן קונים, כדי איך זאָל קענען וואָס שנעלער פּטור ווערן פון דער ירושה. דערביי האָבן זיי מיך געבעטן איבערצוגעבן זייערס אַ פּעקל איינעם אַ לויצקער, וואָס וווינט אין קיעוו. אַדרבה, פאַרוואָס נישט? מענטשן זענען צו מיר אַזוי גוט געווען, ווי אייגענע.

וואָס אין דעם פּעקל געפינט זיך האָט מיך נישט אינטערעסירט. קיין אייגענע זאַכן האָב איך כמעט נישט געהאַט. די רייזע קיין קיעוו איז געווען אַ פריילעכע, אין דער געזעלשאַפט פון יונגע סאָוויעטישע אָפיצירן. זיי האָבן געשפּילט אין קאָרטן, געזונגען אויף אַ קול אין כאָר. איך האָב מיט זיי מיטגעזונגען. זיי האָבן געמאַכט אַ „לחיים" — איך אויך מיט זיי. דאָס פּעקל איז געלעגן פאַררוקט אויף דער אויבערשטער פּאָלקע, ווי אַ זאַך, וואָס אינטערעסירט מיר נישט. אָנקומענדיק צו די טויערן פון דער אוקראַי־נישער הויפּט־שטאָט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עמעצן פון די אָפיצירן האָט מען באַגנבעט. די אָפיצירן האָבן באַשלאָסן צו רעווידירן אַלע פּאַסאַזשירן פון וואַגאָן, כדי צו אַנטפּלעקן די גנבה. פון די ערשטע בין איך צוגעגאַנגען און געלאָזט זיך באַזוכן. מען האָט געזוכט אין די קעשענעס, אין היטל, אין די שיך.

„דאָרט האָב איך אויך אַ פּעקל!" — האָב איך זיך אָנגערופן. כאָטש אין דער ערשטער מינוט איז מיר אַדורך אַ געדאַנק בכלל זיך נישט צו אָנערקענען אַלס באַלעבאָס פונעם פּעקל, ווייל איך ווייס דאָך נישט וואָס אין דעם געפינט זיך. אפשר עפּעס פאַרדעכטיקס?

„פּאַפּאַשע — האָט אויסגערופן איינער פון די קאָנטראָלערן — מען דאַרף נישט צעפּאַקן, מיר גלויבן דיר, פּאַפּאַשע!"

קומענדיק אַהיים האָב איך דאָך געוואָלט וויסן, וואָס געפינט זיך אין

דעם פעקל. ווען איינער פון די לויצקער איז געקומען עס אָפּנעמען, האָב איך אים וועגן דעם געפרעגט.

„געלט!" — איז געווען זיין תשובה, זי האָט אָפּגעשיקט אַ חוב. דאָך איז געווען אַ גליק, וואָס די קאָנטראָלערן האָבן דאָס פעקל נישט געעפנט.

ער איז געווען איינער פון די לויצקער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט מיין קוזין אָשר מאַנדעלמאַן געזונגען אין כאָר פון דער קיעווער אָפּערע. פון אים האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זיי ווילן רעפּאַטריאירן קיין פּוילן, זיי זענען אַפילו געפאָרן וועגן דעם צום פּוילישן קאָמיטעט קיין מאָסקווע, צו דוד ספאָרד...

„דוד ספאָרד? — האָב איך איבערגעפרעגט — ער לעבט?"

„ער פאַרנעמט אַפילו אַן אָנגעזעענעם פּאָסטן אין פּוילישן קאָמיטעט, דער צווייטער נאָך וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ".

איך האָב מיטגעגעבן אַ גרוס פון מיר און מיין ווייב און זון. זיי האָב איך אָפּגעדאַנקט דערמיט, וואָס איך האָב אין 10 טעג אַרום אָפּגעפירט קיין לויצק גאָר אַ קליין פעקל, וואָס איז אַריין אין קעשענע.

דורך זיי האָט זיך דוד ספאָרד דערוווּסט וועגן אונדז, געלאָזט וועגן זיך הערן און אַפילו פאַרבעטן צו זיך קיין מאָסקווע.

מיין נאָענטער ציל איז געווען: לויצק, פאַרקויפן די ירושה. שפּעטער — פאָרן קיין מאָסקווע, צו דודן...

קיין שוועריקייטן צו פאָרן קיין לויצק האָב איך דאָס מאָל נישט געהאַט. דער אַרויסרוף פון פאָלקס־געריכט האָט געהאָלפן. דאָך בין איך געפאָרן מיט אַ שווער געמיט. מיט טויזנטער אומזעבאַרע פעדעם בין איך געבונדן מיט מיין געבורט־שטאָט. זאָל איצט זיין פאַר מיר די שטאָט ווי אַ בית־הקברות. דאָרט אין גירקע־פּאָלאָנקע שלאָפן זייער אייביקן שלאָף 18 טויזנט ישראלס זין און טעכטער, צווישן זיי אויך מיין מוטער, פיר ברידער און דריי שוועסטער. בלויז מיין פאָטער איז נקבר געוואָרן אויפן בית־עולם, אויף ווולקע. איך — דער איינציקער, וואָס איז לעבן געבליבן, פאַר אַוועק פונדאַנען. ווער וועט זייער קבר באַזוכן?

קומענדיק קיין לויצק בין איך טאַקע געגאַנגען אויפן קבר פון מיין

פאָטער. פאַרוואָרלאָזט און הפקר איז געבליבן דער גרויסער ייִדישער בית־עלמין. נישטאָ דער גדר, דער געבויטער פון שטיינער, נישטאָ קיין מצבות מיט די שרייענדיקע פּ. נ. און מגן־דודל פון אויבן. פון די רייכע מאַרמאָרנע מצבות — איז שוין אָפּגערעדט. מיט די פּראָסטע שטיינער פון די מצבות האָבן זיי אויסגעברוקירט דעם זאַוואָד פון סוואָבאָדען אויף קראַסנע. פונעם אַלעבאַסטער און מאַרמאָר האָט מען געמאַכט צירונג און שפּילצייג. מיט גרויס מי און מאַטערניש האָב איך דאָך געפונען דעם האַלב קיילעכדיקן שטיין אויף מיין פאָטערס קבר. ער איז געווען האַלב פאַרשיט מיט ערד. מיט די פינגער האָב איך זיך דערקליבן צו די אויסגערינצלטע אותיות: פּ. נ. מרדכי בן שמואל פערעל, י׳ כסליו...״

אים, מיין פאָטער, איז באַשערט געווען צו שטאַרבן אין 1934 יאָר, מקבר צו ווערן דורך קינדער און אייניקלעך און פריינד מיט כבוד, נישט ווי מיין מוטער...

דעם פּסק־דין פון פאָלקס־געריכט האָב איך אַרויסבאַקומען. אויך אַ בעלן צו קויפן מיין שוועסטערס גיטלס און שוואָגער אהרן פראַנקס דירה האָט זיך געפונען. ער האָט געסילוקט 50 טויזנט רובל, פון זיי האָב איך באַדאַרפט אומקערן אין באַנק אַריין די חובות, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן פון דער הלואה, וואָס מיין שוועסטער האָט באַקומען ביים בויען די דירה, אויך די אַנגעזאַמלטע שטייערן. די שטוב פון מיין ברודער און שוועסטער האָב איך געמוזט פאַרקויפן די שכנים, די אוקראַאינער, וואָס האָבן דאָרט געוווינט, שפּאָט־ביליק, צו ניין טויזנט פאַר אַ דירה. דערצו האָב איך אַרויסבאַקומען פונעם נאָטאַריוס אַ דאָקומענט, אַז דאָס געלט, וואָס איך פאַרמאָג, האָב איך באַקומען פון דעם פאַרקויף פון דער ירושה, וואָס דאָס לויצקער פאָלקס־געריכט האָט מיר צוגעפּסקנט, אַלס דעם איינציקן יורש. דאָס גאַנצע געלט האָב איך גלייך אַריינגעלייגט אין דער מלוכהשער באַנק, אַלץ באַוואָרנט, עס זאָל זיין כשר וישר, קיינער זאָל אויף מיר קיין חשד נישט וואַרפן.

ביי דעם אַלעמען האָב איך גאָר ווייניק אַליין אויפגעטאָן. אין אַלעם האָב איך זיך פאַרלאָזט אויף די גאַטמאַנעס. איך וואָלט זיכער געקענט אַ סך מער געלט באַקומען, אָבער איך האָב געוואָלט וואָס שנעלער דאָס

אַלץ פטור ווערן, כדי זיך אומצוקערן קיין קיעוו צו מיין ווייב און קינד, צו דער אַרבעט.

אַדיע לויצק! מיין שטאָט פון געבוירן, פון וואַקסן און בליען, פון געזעלשאַפטלעכן אויסלעבן זיך און לערנען, פון אַלע, וואָס זענען אַזוי טיף איינגעקריצט אין מיין האַרץ און זכרון...

דורך דיינע גאַסן, לויצק, זענען מיינע טייערע געגאַנגען זייער לעצטן גאַנג, זייערע לעצטע טרערן האָבן באַנעצט דיינע וועגן, דו האָסט דערהערט זייער לעצטן קרעכץ — ווי קען איך אין דיך פאַרגעסן?!

אַדיע, סטיר — דער רחבותדיקער טייך פון מיינע שומרישע יאָרן, אויף דיר פלעגן אונדזערע שיפן שווימען און מיר פלעגן לאָזן הערן איבער דיינע רחבותן אונדזערע מוטיקע לידער און געזאַנגען וועגן ליבע און בענקשאַפט נאָך ציון.

אַדיע, לויצק! דו ביסט נישט שולדיק: נישט דיין ערד, נישט דיינע הימלען, נישט דיין טייך, וואָס די מערדערס האָבן זיי פאַרשעמט מיט זייערע רציחות איבער אומשולדיקע קינדער, מוטערס און פאָטערס, ווען דו וואָלסט וויינען געקענט — וואָלסטו נאָך זיי אַלע געקלאָגט, ווי אַ מאַמע נאָך אירע קינדער.

אַדיע, לויצק, אַדיע, מיין שטעטעלע!...

## געלט

איך האָב אַמאָל געלייענט אַ הומאָרעסקע פון נאַדירן: „דו זעסט, זאָגט ער, מיינע נייע גלאַנצנדיקע לאַקירענע שיך — דאָס זענען טרערן אויף דעם קבר פון מיין קינד...״ — דער טייטש איז פשוט: ער האָט אָפּגעדרוקט אַן עלעגיע נאָכן טויט פון זיין קינד, באַקומען האָנאָראַר און געקויפט די נייע שיך.

מיין געלט, וואָס איז געלעגן אין באַנק, איז מיר געקומען פון מיינע אומגעקומענע ברידער און שוועסטער. ווי שווער איז זיי אָנגעקומען דאָס שאַפן פאַר זיך אַ היים, אַ דירה — זאָרג, הלוואות, צאָלן פּראָצענטער. אַלץ

איז פאַרפרעמדט געוואָרן. מעגלעך, אַז די נייע באַזיצער האָבן אַפילו צוגעהאָלפן די פאַרשאָלטענע דייטשן אומצובריינגען זיי און מיר איז אָנגעקומען גאָר נישט שווער, מיט דער הילף פונעם סאָוויעטישן קאָדעקס, צו באַקומען אַ ביסל געלט פאַר זייער האָב און גוטס.

געלט איז אַ מיטל צום אויסבעסערן דאָס מאַטעריעלע לעבן, איינצושאַפן זיך רייכטימער, שיינע קליידער, מעבל און אַלץ, וואָס דיין האַרץ גלוסט. אַזוי איז טאַקע אומעטום, אָבער נישט אין ראַטן־פאַרבאַנד. פון די, וואָס באַזיצן אַ סך געלט און קענען נישט באַווייזן פון וואַנען זיי האָבן עס באַקומען, איז אָפּגערעדט. יעדער אויסערלעכער גלאַנץ, יעדעס פאַרגעניגן, וואָס זיי ווילן פאַרשאַפן זיך — קען זיי אויספאַלן „באַקאַם״. די נ.ק.וו.ד. איז וואַך און עס פעלן איר נישט קיין צוטראָגערס און דו זיי אַ בריה און פאַרענטפער זיך און באַווייז, אַז דאָס געלט איז צו דיר געקומען דורך רעכטלעכע און ערלעכע דרכים. אין דעם הינזיכט איז מיין לאַגע געווען אַן אויסטערלישע: דער באַשלוס פון געריכט וועגן דער ירושה, די באַשטעטיקונג פון נאָטאַריוס האָבן מיך ריינגעוואַשן. כאָטש מיר האָבן אונדזער אַרט לעבן נישט געביטן, געאַרבעט, ווי פריער, געגעסן, ווי פריער, אויך אונדזערע מלבושים זענען פאַרבליבן די זעלבע. דאָך האָט אונדזער געלט נישט געלאָזט אַנדערע רוען.

מיין פאַרוואַלטערין זאָיע סאָוויטשנע האָט געראָטן ווי אַמשנעלסטן צו פאַרלאָזן מיין דירה אויף סאַלאַמענקע, ווייל זי איז נויטיק פאַר אַ קינדער־גאָרטן. מיר האָט זי פאַרגעלייגט צוריקאויפשטעלן דאָס חרובע הייזל, אין הויף פון דער מיידל־שול, נומער 3, אויף סטאַלינקע.

„איר וועט אַריינלייגן געלט, וועט איר האָבן אַן אייגענע דירה, איר וועט אויך אויסטיילן צוויי צימערן פאַר צוויי משפחות־לערער. איך וועל אייך צוהעלפן באַקומען בוי־מאַטעריאַלן״.

עס איז נישט געווען קיין צייט אויף איבערטראַכטן. מיר זענען מסכים געווען. איינער פון די לערער־משפחות, וואָס האָט באַדאַרפט באַקומען אַ צימער, איז געווען אַ ייִד, אַראָן סאַמאַילאָוויטש גרופין, זיין ווייב — אַ קריסטין, די צווייטע משפחה — אויך אַ ייִדישע, די ראַבינס: אַן אַלטע מוטער מיט דריי עלטערע טעכטער.

אַראָן סאַמאָילאָוויטש האָט זיך אונטערגענומען אַכטונג צו געבן אויף די אַרבעטער, אויף די מאַטעריאַלן און בכלל אויף דער אַרבעט. אין יענע צייטן איז אַלץ אָנגעקומען גאָר שווער צו באַקומען, נאָר ווייל איך בין געווען דער צושטעלער פאַר אַלע שולן, כ'האָב געצאָלט מיט מזומן געלט — האָב איך שנעלער באַקומען אַרבעטס-הענט און מאַטעריאַלן. יעדער קניה, יעדער אַרבעט איז אַדורכגעפירט געוואָרן רעכטלעך און אויף אַלץ האָב איך באַקומען די געהעריקע דאָקומענטן. אויך דער אָפּמאַך צווישן מיר און דער שול-אָפּטיילונג איז אַדורכגעפירט געוואָרן מיט דער הילף פון אַן אַדוואָקאַטן-ביוראָ און געחתמעט געוואָרן דורך זאָיע סאַוויטשנע און מיר. עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז איך האָב אַריינגעלייגט 32 טויזנט רובל, פאַרנעם בלויז 2 צימערן מיט אַ קוכל און די אַנדערע 2 צימערן פאַרנעמען די ראַבינס און וואָסקרעסענסקאַיאַ (אַראָן סאַמאָילאָוויטש'ס פרוי). פון דער סומע ווערט אַראָפּגערעכט 54 רובל דירה-געלט יעדן חודש. איך האָב רעכט מיין דירה אָפּטרעטן אַן אַנדערן, אָדער די שול-אָפּטיילונג דאַרף מיר אַרויסצאָלן די אַריינגעלייגטע סומע, מינוס דאָס דירה געלט פאַר דער אָפּגעוווינטער צייט.

ערשט ווען מיר האָבן זיך אַריינגעקליבן אין דער דירה, האָב איך דערזען ווי פאַלש און שלעכט דער אינערלעכער רעמאָנט איז אַדורכגעפירט געוואָרן: די פּאָדלאָגע אין ערשטן צימער איז נישט געלייגט געוואָרן גלייך, די טאַפּעטן אויף די ווענט זענען אויפגעבלאָזן געוואָרן. צי האָב איך זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז דער „אויפזעער" גרופּין, וועט אַליין גנבענען ברעטער און פאַרקויפן, אַז דאָס מעל, וואָס איך האָב צוגעשטעלט צו מאַכן קלייסטער צום קלעפּן די טאַפּעטן, איז גאָר אַוועק אויף לאַטקעס? אין אַ צייט אַרום האָט ער זיך אין דעם אַליין מודה געווען, ווען ער איז געווען שיכור. קיין גוטן פריינד האָב איך אין מיין שכן נישט געהאַט. זאָל אים דאָס געשען, וואָס ער האָט אונדז געווונטשן און זאָלן אים אָנטקעגנקומען די מעשים, וואָס ער האָט מיר שפּעטער אָפּגעטאָן...

איינמאָל, קאַיאַר, ווי נאָר מיר זענען אויפגעשטאַנען, איז צו אונדז אַריינגעקומען זאָיע סאַוויטשנעס סעקרעטאַרקע, וויעראַ וואַסיליעוונאַ, אַ סימפּאַטישע יונגע פרוי, אַ בלאָנדע, מיט מילדע שמייכלדיקע אויגן.

דאָס מאָל זענען אירע אויגן געווען אומעטיק און פאַרטרערט. מיך האָט אַפילו דערשראָקן דער אומגעריכטער גאַסט אַזוי פרי. מיט טרערן אין די אויגן, האָט זי מיר דערציילט, אַז זאַיע סאָוויטשנעס יונגער זון וואָלאָדיע איז פאַרביי. אין דער נאַכט האָט ער געהאַט, נישט צום ערשטן מאָל, אַן אַטאַק פון דער בלינדער קישקע. מען האָט אים גענומען אין שפּיטאָל, מען מוז אים אָפּערירן, נאָר די כירורגן האַלטן, אַז בלויז קאַנאַדער פּעני־צילין קען אים ראַטעווען. ביז 9 אין דער פרי מוז מען דעם פּעניצילין באַקומען. און ווער קען עס טאָן, אויב נישט איך? איך האָב באַקאַנט־שאַפטן און געלט — דערום איז זי געקומען צו מיר.

מיט אַ „ספּעישל״ בין איך אַרומגעפאָרן אַ שעה צייט, פון איינעם צום אַנדערן, דער קאַנאַדער פּעניצילין איז געווען אַ טריפהנער אַרטיקל. אַפילו רעדן אין דער הויך וועגן דאָזיקן אַרטיקל האָט מען מורא געהאַט. דורך וועלכע וועגן מען פלעגט אים אַריינבאַקומען קיין ראַטן־פאַרבאַנד, אַ פרישן און אַ ווירקזאַמען, איז געווען אַ סוד. און איך האָב אים באַקומען. איך האָב טויזנטערס נישט געזשאַלעוועט און געבראַכט אים צו זאַיע סאָ־וויטשנע אַהיים אין דער צייט. זי האָט שוין באַקלאָגט איר בן־יחיד, ווי ער וואָלט שוין נישט געלעבט. מיט איר צוזאַמען האָבן מיר זיך געיאָגט אין שפּיטאָל אַריין. די אָפּעראַציע איז געלונגען, איר זון איז אַדורך די סכנה און לעבן פאַרבליבן. ווי זינגט מען אין ליד: „געלט — איז די וועלט!״ אין דעם פאַל איז דאָס אמת!...

...צו מיר איז אַמאָל געקומען אַ באַקאַנטער ייד, אַט דער, וואָס האָט אונדז צוגעשטעלט פּאַפּיר און באַקומען אָפּגעצאָלט מיט העפטן און מיר פאַרגעלייגט אַ „געשעפט״: ער פאַרמאָגט געלט, אַ סך געלט, ער וואָלט אַ בעלן געווען צו קויפן אַ ווילע אין בויערקע פאַר זיך און פאַר זיין עלטערן פאָטער. האָט ער מורא. אַזוי ווי איך פאַרמאָג געלט אין דער מלוכהשער באַנק, זאָל איך עס אַרויסנעמען און באַהאַלטן, די ווילע זאָל איך קויפן פאַר זיין געלט, אויף מיין נאָמען. זי וועט זיין אַ בשותפותדיקע. ער גלויבט מיר אויף נאמנות. אין דער ווילע וועט וווינען זיין פאָטער. דוכט זיך, אַ גוט געשעפט — האָבן אַ האַלבע ווילע אומזיסט, בלויז דער־פאַר, וואָס מיין געלט איז כשר...

איך און מיין פרוי האָבן דאָך באַשלאָסן אים אָפּצוזאָגן.

„מיר ווילן נישט רייך ווערן" — האָבן מיר געטענהט.

די וויליע האָט ער דאָך געקויפט, ווי אַזוי, ווייס איך נישט. נאָר זי איז קאָנפיסקירט געוואָרן און ער האָט נאָך באַקומען 10 יאָר אויסבעסערונג־לאַגער.

דאָס געלט האָבן מיר דאָך פון באַנק אַרויסגענומען און געקויפט די „גאָלדענע מלוכה־הלואה". די אָבליגאַציעס האָט מען געקענט קויפן און פאַרקויפן און זיי זענען געווען גאַראַנטירט מיט גאָלד.

נאָך ווייניקער ווי אין אַ יאָר אַרום זענען מיר פאַרבליבן קבצנים, ווי פריער. אין 1947 יאָר איז פאָרגעקומען אַ דעוואַלואַציע פונעם סאָוויע־טישן רובל: 10 רובל פאַר איינעם. מיט די אָבליגאַציעס פון דער „גאָל־דענער הלואה" איז די לאַגע בעסער געווען — מען האָט פאַרביטן און געגעבן 1 רובל פאַר 5 רובל. דער טערמין פון בייטן דאָס געלט איז געווען גאָר אַ באַגרענעצטער. טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ סך געלט, האָבן אַפּילו מורא געהאַט צו קומען אויף די בייט־ערטער. זיי האָבן פשוט אונטערגעהייצט מיט די אָסיגנאַציעס די אויוונס. איך און מיין פרוי זענען געשטאַנען אין דער ריי אין דער באַנק פון „פאַסט־רעסטאָראַנט" אויף קרעש־טשאַטיק טאָג־איין, טאָג־אויס און נישט באַוויזן צו פאַרבייטן ביזן לעצטן טאָג. די פיס זענען געשוואָלן געוואָרן שטייענדיק, מען האָט געלעבט מיט פילן קעגן קאַפּ־ווייטיק און פון טרוקענע מאכלים, ביז מיר איז געלונגען אין דער לעצטער שעה, מיט דער הילף פון די באַנק אַנגעשטעלטע, צו בייטן די אָבליגאַציעס, פאַרלירנדיק דער ביי נאָר 10%, וואָס איך האָב אַוועק־געגעבן פאַרן בייטן. נישט אומזיסט שטעלט פעסט דאָס פאָלקס־ווערטל: „מען דאַרף זיך נאָך גוט אָנמאַטערן, ביז מען פטרט דעם נדן און דאָס ירושה־געלט".

פון נדן־געלט האָב איך נישט געדאַרפט פטור ווערן — איך האָב עס נישט באַקומען. קיין סוחר, ווי מיינע ברידער, בין איך נישט געווען און נישט געוואָלט זיין. איך האָב ליב געהאַט מיין פּעדאַגאָגישע אַרבעט. אויך איצט איז מיר מיין אַרבעט נישט געווען צום האַרצן. צו יעדער אַרבעט, מיט וועלכער מען פאַרנעמט זיך מיט אינטערעס און מען אַרבעט אָרנטלעך,

געוווינט מען זיך צו און מען ברענגט נוצן. די פּאָר אָונטן, וואָס איך פלעג אַרבעטן אַלס לערער פון דערוואַקסענע אַרבעטער, זענען געווען פּאָר מיר ווייניק. איך האָב געוואָלט אויסנוצן מיינע כוחות און פעיקייטן אַלס פּעדאַגאָג פאַר קינדער. איך האָב געשטרעבט צו פאַרלאָזן מיין אַרבעט אין דער שול-אָפּטיילונג און אַריבער אַרבעטן אַלס לערער פון מאַטעמאַטיק און דערציער.

אין דעם האָט מיר געקענט העלפן מיין פאַרוואַלטערין, זאָיע סאַוויטשנע. זי האָט עס מיר צוגעזאָגט. דאָס געלט, וואָס איך האָב באַצאָלט פאַרן קאָנאָדער פעניצילין, האָט זי מיר אומגעקערט. ווי נאָר דער סאָוויעטישער ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן דעם מלוכהשן „אוקאַז" וועגן דער דעוואַלואַציע, האָט זי מיר אָפּגעבראַכט דעם חוב... אלא, איך האָב פאַר מיין אויסגעלייגטן געלט באַקומען 10 מאָל ווייניקער — צי איז זי דען שולדיק אין דעם, ס'איז דאָך אַ צרות רבים און געוויס נישט צוליב איר שולד...

## נאָך דער מלחמה

מיט פרײלעכע הערצער, מיט שיינענדיקע בליקן, מיט פרייען אָפּאָטעמען האָבן די מענטשן אויפגענומען דעם נצחון איבער דער ווילדער חיה — דעם פאַשיזם. די גאַסן האָבן גערוישט מיט יובלען און געזאַנג, מיט הילכיקע מאַרשן און פענער, אין די נעכט זענען די הימלען באַלויכטן געוואָרן מיט פילפאַרביקע בליצן און שיינען פון ראַקעטן, די שאָסן פון די האַרמאַטן האָבן געדונערט אין דער לופט, זיי האָבן אָבער געפרייט, נישט געשראָקן. די העלדן, די רויט-אַרמייער, וואָס זענען צוריקגעקומען מיט נצחון, זענען געווען באַפּוצט מיט פּאַגאָנעס אויף די אַקסלען, מיט מעדאַלן און אָרדנס אויף די ברוסטן, האָבן אַרויסגערופן שטאָלץ און אָפּשיי ביי די צושויער. אפילו די חורבות זענען צוגערוימט געוואָרן, ערגעץ ווו איז שוין אַפילו צוריקגעשטעלט געוואָרן אַ הויז, אַ גאָרטן, אַ גאַס, געוועקט האָפענונג, אַז אַלץ וועט צוריקגעשטעלט ווערן, אָדער אויפגעבויט ווערן אויפסניי, נאָך שענער און פראַכטפולער, ווי עס איז געווען.

דאָ און דאָרט, אין דער שטיל, האָבן די מאַמעס געקלאָגט נאָך זייערע אומגעקומענע קינדער און מענער. די מאַטעריעלע נויט איז נאָך געווען גרויס: נאָך נישט געווען קיין ברויט צו דער זעט, קיין מילך פאַר די קינדער, קיין פּיצל צוקער, אָבער ביי יעדן איינעם האָט געטליעט אַ טרייסט: מאָרגן וועט בעסער זיין און איבערמאָרגן וועט זיכער שוין גוט זיין...

אומגעקומען זענען אַ סך, עס איז כמעט נישט געווען קיין שטוב, ווו עס איז קיין מענטשן־פאַרלוסטן נישט געווען, אָבער עמעצער איז פאַרבליבן. ביי יידן זענען פאַרבליבן בלויז איינצלנע. מערסטע יידישע משפחות האָבן אַפילו קיין זכר נאָך זיך נישט איבערגעלאָזט. אויך אויף די איינצעלנע פאַרבליבענע האָבן די אַנדערע פעלקער געקוקט ווי אויף איבעריקע, נישט קיין געוווּנטשענע. זיי זענען דאָך געוואָרן די נייע באַלעבאַ־טים פון די יידישע הייזער, פון יידישן האָב און גוטס. די סאָוויעטישע מאַכט האָט אויך געמאַכט שוועריקייטן די יידן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים קיין קיעוו, וועגן צוריק באַקומען די אייגענע דירה — איז שוין אָפּגערעדט. בלויז געציילטע יידן, וואָס זענען געקומען פון די פראָנטן, מיט אויסצייכענונגען אַלס העלדן פון דער מלחמה, איז מען אַנטקעגנ־געקומען. איינעם, אַ מיטאַרבעטער פון מ.וו.ד. (מיניסטעריום פון אינער־לעכע ענינים), האָט זיך פאַרגלוסט אַמאָל אַריבערטרעטן די שוועל פון זיין פריערדיקער היים. ער האָט זיך גראָד אין זיין דירה נישט געגעויטיקט. אַריינקומענדיק, האָט ער דאָרט געטראָפן צוויי יונגע אוקראַינער, וואָס האָבן אים טיף באַליידיקט, שרייענדיק צו אים: „זשיד, די מעדאַלן און אָרדנס האָסטו געקויפט אין טאַשקענט אויפן שוואַרצן מאַרק. אַ שאָד, וואָס היטלער האָט אייך אַלעמען ביז איינעם נישט אויסגעקוילעט". זיי האָבן זיך געוואָרפן אים שלאָגן מיט געווער אין די הענט... אָבער דערשאָסן האָט ער זיי פריער. אַליין האָט ער זיך געמאָלדן אין דער נאָענטער מיליץ און זיך איבערגעגעבן אין זייערע הענט.

דאָס געשעעניש איז געווען ווי אַ פונק אין אַ פאַס מיט אויפרייס־מאַטעריאַלן. די טליענדיקע שנאה צו די יידן האָט אויפגעפלאַקערט. היט־לערישע כאַלאַפּעס, מיטהעלפער האָבן נישט געפעלט, די מלאכה פון פּאָ־גראָמירן יידן איז זיי געווען באַקאַנט. בפרט נאָך, אַז דער הערשער פון

אוקראַינע איז דאַן געווען ניקיטאַ סערגייעוויטש כרושטשאָוו. ער אַליין האָט באַערט די לוויה מיט זיין אַנוועזנהייט. דאָס אַליין האָט צעוואָרעמט די צעיושעטע געמיטער.

מיין זון מאַרקס איז אין יענע טעג געקומען אַ צערודערטער פון דער שול מיט דער פראַגע: „וואָס איז אַזוינס „זשיד"?" אַלע שקצים רופן די יידן „זשיד" זיי שלאָגן און זידלען. פאַרוואָס?"

דער יידישער דירעקטאָר סעלים בערנשטיין איז שוין אַראָפּ, אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן אַן אוקראַינער פּאַכאַלטשענקאָ, אַ דעמאָבילי־זירטער אָפיציר פון דער אַרמיי. ער איז צוריקגעקומען קיין קיעוו און זיך געטראָפן מיט זיין ווייב און צוויי קינדער. דאָס ווייב איז געווען אַ לערערין, עוואַקואירט זיך מיט אַ זון און אַ טאָכטער קיין קאַזאַכסטאַן, שווער גע־האָרעוועט, כדי אויסצוהאַלטן און דערציען די קינדער. אין קיעוו האָט זי געאַרבעט אין אַ שול אויף פּעטשערסק. איר מאַנס צוריקקומען אַ גאַנצער פון דער מלחמה האָט גליקלעך געמאַכט סיי זיין ווייב, סיי די קינדער. ער איז טאַקע געווען אַ קרעפּטיקער מאַן, אין די פערציקער, מיט אַ קיילעכיק, רויטלעך פּנים (מעגלעך, פון צופיל טרינקען אַלקאָהאָל) און כיטרע קעצישע אויגן. דאָס גליק זייערס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. ווי נאָר ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין דער זיבעטער אייזנבאַן־שול, אַלס דירעקטאָר, איז אָנגעקומען אַ יונגע פרוי, פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, אַ שאַטינקע מיט חוצפּה־פולע אויגן און אַ פּיצל קינד אויף די הענט. וואָס איז געווען איינ־געוויקלט אין אַ שאַל. זי איז גלייך אַריין צום דירעקטאָר אין קאַבינעט און אָוועקגעלייגט דאָס פּיצל קינד אויפן שרייב־טיש. „דו ביזט דער טאַטע פון דעם קינד און מיין מאַן!" — האָט זי געשריגן אויף אַ קול, אַלע זאָלן הערן.

ער האָט זי געפּרוווט באַרואיקן, צוזאָגן, פאַרענטפערט זיך, אַז ער האָט אַ ווייב און צוויי דערוואַקסענע קינדער, אַז ער האָט אַפילו נישט קיין דירה, אַז די מלחמה איז די סיבה פון אַלע אומגאַרמאַלקייטן א.א.וו.

זי איז אָבער געווען טויב צו אַלע זיינע רייד.

„געקעמפט האָבן מיר ביידע צוזאַמען — האָט זי געשריגן — אויך

איך האָב מעדאַלן באַקומען. אויך דעם טאַטן פונעם קינד וועל איך אויס־קעמפן!..."

זי האָט געקעמפט מיט יונג בלוט, מיט פלאַמענדיקער תאווה, מיט דער געוואַגטקייט פון אַ זעלנערין — די ערשטע אמתע פרוי האָט געמוזט פאַר־שפּילן, ווייל זי איז געווען עלטער, אינטעליגענט, שטאָלץ און האָט פאַר־מאָגט דאָס געפיל פון אייגנליבע. דאָס איז געווען איינע פון די טויזנטער טראַגעדיעס, וואָס זענען געווען דער פועל־יוצא פון דער מלחמה.

אין דער זיבעטער שול האָט זיך אויך געפינען אין די קעלער־צימערן דער סקלאַד פון די ביכער און העפטן, קלענערע בוי־מאַטעריאַלן פאַר די שולן. דער צושטעלער פון דעם אַלעם בין איך געווען. די אַרויסגעבערין איז געווען איינע פון די לערערינס פון דער זעקסטער שול, וואָס פלעגט אין די נאָכמיטאָג־שעהן אַרויסגעבן פאַר די שולן, לויט די אויסטייל־בויגנס, וואָס איך האָב צונויפגעשטעלט. יעדעס לערן־בוך, יעדער העפט איז געווען מיט גאָלד גלייך. פאַר אַ פּשוטן העפט, וואָס זיין פּרייז איז געווען בלויז 12 גראָשנס, פלעגט מען צאָלן אויפן „שוואַרצן מאַרק" 8, אַפילו 10 רובל. אַן אַלטער נאַכט־וועכטער מיט זיין ווייב האָבן געוווינט נעבן דעם סקלאַד און אָפּגעהיט אים. איינמאָל זענען אָנגעפאַלן אינמיטן דער נאַכט גנבים, וואָס האָבן געוואָלט באַראַבעווען דעם סקלאַד. דער וועכ־טער מיט זיין פרוי האָבן דערהערט אַ גערויש און זענען אַרויס, געשטערט די גנבים אין זייער אַרבעט. זיי האָבן באַוויזן צוצונעמען בלויז אַ פּאָר פּעקלעך העפטן, און באַצאָלט האָבן די ביידע אַלטע לייט מיט זייערע לעבנס. מיט אַ פּשוטער האַק האָט מען זיי צעשפּאָלטן די קעפּ.

פון דאַן אָן האָט די לערערין שוין נישט געוואָלט זיין קיין צעטיילערין פון די לערן־ביכער און העפטן. מיין פאַרוואַלטערין האָט מיך געבעטן צייטווייליק אַרויסגעבן פאַר די שולן די ביכער און העפטן, בלויז אַ צוויי מאָל אין דער וואָך, ביז מען וועט אויסזוכן אַ פאַרטרוילעכן פערזאָן צו דער אַרבעט און אַ נאַכט־וועכטער. דעם סקלאַד האָט מען אַריבערגעפירט אין דער קעלער־געביידע פון דער ד.ט.ס. (קינדער־טעכנישער סטאַנציע), וווּ איך האָב געוווינט. איך האָב אָנגענומען אויף דערווייל, קעגן מיין אייגענעם ווילן, פאַדערנדיק, אַז מען זאָל צונעמען אַ נאַכט־וועכטער, אַנ־

דערש וואַרף איך אַראָפּ פון זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. גאָר אָפּט פּלעג איך שרייבן וועגן מיין פאָדערונג אַן אָפיציעלן בריוו, אָבער אָן דערפאָלג. ערגער איז געוואָרן די לאַגע, ווען איך האָב זיך אַריבערגעקליבן אין מיין נייער דירה, אויף סטאַלינקע. איך בין געוואָרן זייער אומרואיק און אַפילו געהאַט אַ פאַרגעפיל, אַז ס׳וועט געשען אַן אומגליק, אַ שריפה אָדער אַ גנבה. מיין פאַרגעפיל האָט מיר נישט פאַרפירט: קומענדיק מאָנטיק, נאָך מיין פרייען טאָג, אין סקלאַד אַריין, האָב איך געטראָפן די הונטערשטע טיר אָפן. איך האָב באַלד אַלאַרמירט מיין פאַרוואַלטערין און די מיליץ.

די קאָנטראָליאָרין פון דער שול־אָפּטיילונג איז געקומען און אַדורכ־געפירט די אינוועטאַריזאַציע. צום גליק איז די גנבה נישט געווען קיין גרויסע: פון הונדערט טויזנט העפטן האָבן געפעלט בלויז עטלעכע טויזנט, אייניקע לערן־ביכער און 3 ליטער פאַרסמטער ספּירט, וואָס מיר האָבן באַקומען פאַר די כעמישע לאַבאָראַטאָריעס פון די שולן. דערשנאַפּנדיק דעם ספּירט, האָבן די גנבים שוין אין אַלץ פאַרגעסן. געשמועסט האָט מען אין די מיליץ־קרייזן, אַז אין דער נאַכט פון דער גנבה, האָט מען געפונען אין גאַס אַ מענטש אַ טויטן, וואָס איז ווייזט אויס, פאַרסמט געוואָרן פון דעם ספּירט.

די קליינע גנבה האָט מיר פאַרשאַפט גענוג בייז בלוט און שמערצן. דער יידישער בוכהאַלטער רעכטמאַן און די פאַרוואַלטערין האָבן געפאָדערט, אַז איך זאָל פון מיינע געלטער דעקן דעם שאָדן פון דער גנבה, אַנדערש וועט דער ענין איבערגיין צו געריכטס־באַהאַנדלונגען. מיר איז נישט קיין שאָד געווען דאָס געלט, נאָר מיך האָט געאַרט די אומגערעכטיקייט. איך האָב דאָך אַזויפיל בריוו געשריבן און געוואָרנט. מיך פערזענלעך האָט מען נישט חושד געווען — פאַרוואָס זשע דאַרף איך באַצאָלן?

דער פאַל האָט מיך אָבער געמאַכט האַרטנעקיקער און כ׳האָב מער נישט געוואָלט זיך פאַרנעמען מיט מאַטעריעלע גיטער, דערצו מלוכהשע.

איך האָב באַקומען אַ צוזאָג פון זאַיע סאַוויטשנע, אַז צום נייעם שול־יאָר וועל איך אַריבערגיין אַרבעטן אין דער צווייטער אייזנבאַן־שול אויף סטאַלינקע, אַלס לערער פון מאַטעמאַטיק. דערווייל האָב איך געבעטן דעם אורלויב, וואָס איז מיר געקומען. איך האָב געוואָלט פאָרן קיין מאַסקווע

זיך טרעפן מיט דוד ספּאַרד און מיט אַנדערע חברים. איך האָב זיך אויך געוואָלט באַמיען צו באַקומען אַ „פּוטיאָווקע" אויף אַ קוראָרט אין קאַווקאַז, אויב נישט דורך דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, איז פאַר אייגן געלט.

איך האָב געוווּסט, אַז דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין טיילט אויס „פּוטיאָווקעס" אויף קורערטער בלויז פאַר פּאַרטיי־לייט, הויכע באַאַמטע, אָדער מלחמה־אינוואַלידן. אַרבעטער און באַאַמטע מוזן זיך באַפרידיקן מיט צוויי וואָכן אָפּרו־הויז, אָדער פאַר די קינדער אין אַ „פּיאָנערן־לאַגער". אמת, אויך פאַר געלט איז שווער געווען צו קויפן אַ „פּוטיאָווקע" אויף אַ גוטן קוראָרט. מיר איז אָבער געלונגען אין ביוראָ פון די קורערטער, צופעליק, אָפּצוקויפן ביי אַן אָפיציר פון דער מיליץ, וואָס האָט זי באַקומען אומזיסט, פאַר 1.200 רובל קיין סאָטשי, אויף קאַווקאַז, אין דער „קאַווקאַזער ריוויערע".

איידער די באַשטימטע דאַטע איז אָנגעקומען, האָב איך נאָך באַוויזן צו פאָרן קיין מאָסקווע...

## באַגעגעניש מיט פריינד

ווי נאָר מיין איינציקער יוגנט־חבר דוד האָט זיך דערוווּסט, אַז איך, מיין פרוי און זון זענען לעבן געבליבן און געפינען זיך אין קיעוו, האָט ער שטאַרק געוואָלט מיט אונדז זיך זען. זיינע ווי אויך מיינע מעגלעכקייטן דערצו זענען געווען באַגרענעצטע. די אַרבעט האָט אונדז ביידע אָבסאָרבירט אינגאַנצן, די קאָמוניקאַציע־מיטלען זענען געווען באַשטימט כמעט בלויז פאַר די דעלעגירטע אין פאַרשידענע שליחותן. אין די לעצטע טעג פון מיין אַרבעט אין דער שול־אָפּטיילונג, אַלס אינספּעקטאָר פון באַזאָרגונג, האָט מיין פאַרוואַלטערין מיר דערמעגלעכט צו פאָרן קיין מאָסקווע, מיטן באַדינג, אַז איך וועל אויסנוצן מיינע באַקאַנשאַפטן אין דער צענטראַלע פון שול־וועזן ביים באַן־מיניסטעריום און באַקומען אינווענטאַר פאַר די קינדער־היימען און קינדער־גערטנער.

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט דודן איז פאָרגעקומען אין די פאַרנאַכט־שעהן אין דעם גרויסן, פּילשטאָקיקן האָטעל „מאָסקווע", ערגעץ אויף

איינעם פון די לעצטע שטאָקן. דאָרטן האָט ער פאַרנומען צוזאַמען מיט זיין פרוי אַ פּרעכטיקן צימער, ווי עס האָבן געוווינט בלויז העכערע פּערזענ־לעכקייטן. אין קאָמיטעט פון די געוועזענע פּוילישע בירגער האָט דוד פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט.

דודס איידראַפּעישער אויסזען, אויסגעפּוצט אין אַן עלעגאַנטן אָנצוג, גלאַט אויסגעראַזירט פּנים מיט זיין בלאָנד־געלבלעכער פריזור — אַלץ האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן ביים אַריינקומען צו אים אומגעריכט, אָבער דער וואַרעמער, חברישער בליק זיינער, זיין אָפענע פרייד, זיין גרייטקייט צו האַלדזן זיך מיט מיר און קושן — אַלץ האָט געאָטעמט מיט דער פריערדיקער חברישקייט און נאָענטקייט. ער האָט מיך באַקאַנט מיט זיין פרוי, ריווע, אַן עלעגאַנטע שאַטינקע, מיט קלוגע יידישע אויגן, וואָס האָבן וואַרעם געשמייכלט.

איך ווייס נישט צי דוד האָט באַמערקט מיין איבעראַשונג, אַ פּלוצימ־דיקע און אַ האַרץ־קלעמענדיקע. זי האָט אָבער געדויערט בלויז מינוטן. פּאָר מיינע פאַרנעפּלטע אויגן איז אויפגעשטאַנען תחית המתים אַן אַנדערע פרוי, זיסעלע, מיט איר פאַרלאָשענעם בליק, ווי זי וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ תהום און פאַרשוווּנדן.

וועגן אַלע און אַלץ האָבן מיר געשמועסט, אָבער בלויז וועגן די פאַרבליבענע. וועגן לייבל אַליצקין מיט זיין יונגערער פרוי, וועגן מאַרקן, וואָס זאַמלט מאַטעריאַלן וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וועגן דעם פּאָעט סוצקעווער פון ווילנע, וועגן רובינשטיינען און אַנדערע.

„אפשר נויטיקסטו זיך אין עפּעס, יואל? אין מלבושים, פּאָר זיך, פּאָר מינדעלען?" — האָט דוד וועגן אַלץ געוואָלט וויסן און אויך פאַרגע־לייגט זיין גרייטקייט צו העלפן.

אויפן אַנדערן טאָג בין איך געקומען אין דעם פּוילישן קאָמיטעט. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט אייניקע באַקאַנטע פון וואַרשע. אַלע האָבן זיך געקליבן צו פאָרן קיין פּוילן, לויטן רעפּאַטריאַציע־אָפּמאַך צווישן דער סאָ־וויעטישער רעגירונג און דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק. נישט אומזיסט איז דוד געווען אַזוי שטאַרק פאַרנומען, אַ סך אינטערעסאַנטן האָבן זיך געריסן צו אים. אויך פון אַנדערע קאַנטן אין ראַטן־פאַרבאַנד זענען געקומען

אָן אַ שיעור מענטשן וועגן דעם ענין. אַ סך האָבן געשריבן בריוו און ביטעס. הינטער די קוליסן האָב איך זיך אויך דערוווּסט וועגן אַ בריוו, וואָס איז אָנגעקומען פֿון אַ ווײַטן אַרבעט־לאַגער פֿון דזשיגאַן־שומאַכער, וועלכע האָבן געבעטן העלפֿן זיי באַפֿרײַען און רעפּאַטריאירן. דערבײַ האָט מען זיך געווויצלט אויף זייער חשבון און דערציילט, אַז בײדע שפּילן טעאַטער אין לאַגער, אַז מען האָט זיי באַזאָרגט מיט אַ לערער, וואָס האָט זיי געלערנט די רוסישע שפּראַך. אָבער אין רעזולטאַט האָט זיך דער לערער אויסגעלערנט בײַ זיי ייִדיש...

אין דעם טאָג האָב איך באַזוכט דעם קינסטלערישן ייִדישן טעאַטער. מען האָט געשפּילט בראַדערזאָנס אַ נײַע פּיעסע: „ערב יום טוב". דער זאַל איז געווען אויף דער העלפֿט ליידיק. איך האָב זיך דאָרט געטראָפֿן מיט דעם פּאָעט רובינשטיינען. מיר האָבן זיך בײדע באמת דערפֿרייט. ער האָט מיר פֿאָרגעלייגט צו פֿאַרבלײַבן נאָך דער פֿאָרשטעלונג, עס וועט פֿאָרקומען אַן אַזכּרה־אָוונט נאָך אסתּר־רחל קאַמינסקאַ. ער האָט מיך באַקענט מיט בערגעלסאָנען. איך האָב אים געקענט פֿון די בילדער אין זײַנע ווערק. אין דער ווירקלעכקייט האָט ער שוין אויסגעזען אַ סך עלטער, מיט מידע האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן, ער איז געווען גאָר פּשוט אין דער באַנעמונג, מיט אַ שפּאָר ביסל הומאָר.

„אַ לויצקער? אָט האָט איר אײַערן אַ בן־עיר. זײַט באַקאַנט!"

דעם „בן־עיר", דאָברושין, האָב איך אויך געקענט פֿון זײַנע שאַפֿונגען. דער בעסטער סימן, אַז ער איז ווירקלעך מײַן בן־עיר, איז געווען זײַן פֿראַגע: „וואָס מאַכט די שטאָט־משוגענע, דושקע? זינגט נאָך אַלץ שמחה דער בלינדער דאָס לידל „דירה־געלט"?

פּרץ מאַרקיש האָט גערעדט פֿאַרן עולם וועגן אסתּר־רחל קאַמינסקאַ, גערעדט מיט פּאַטאָס, און נישט אויפֿגעהערט זיך צו באַוועגן. איך האָב זיך דערמאָנט אין מאַרקישן פֿון די סוף צוואַנציקער יאָרן אין וואַרשע, זײַן שוואַרצע פּעלערינע מיטן רויטן אונטערשלאַג, זײַן שטאָלצער גאַנג איבער די גאַסן, די הויכע שעוועליורע אויפֿן ווינט. עפּעס איז נאָך אים פֿאַרבליבן פֿון דעם פֿריערדיקן מאַרקישן, אָבער גאָר ווייניק.

אויף דער אַזכּרה זענען געווען כמעט בלויז אַרטיסטן, שרייבער, אָבער פון די אמתע פאַרערער אירע ביים לעבן, זענען גאַר ווייניק געווען.

געגעכטיקט האָב איך אין יענער נאַכט ביי מיין חבר משה זאַגער. ער האָט זיך באַזעצט אין מאָסקווע. בשעת זיינע וואַנדערונגען איבער ראַטן־פאַרבאַנד, האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ יונגער אלמנה, וואָס האָט געוווינט פאַר דער מלחמה אין מאָסקווע. איר מאַן איז אַוועק אויפן פראָנט. זי איז פאַרבליבן איינע אַליין מיט אַ קליין מיידעלע, עוואַקוירט זיך פון מאָסקווע. איר מאַן איז געפאַלן ערגעץ אין ווייסרוסלאַנד. זי איז געווען יונג, מיט אַ חוש פאַר פּראַקטישקייט, ענערגיש און ווייט נישט אָפּגעלאָזט. משה איז נאָך געווען אַ בחור מיט אַ גאָלדענעם פאַך אין דער האַנט: ציינטעכניקעריי. ער איז געווען הויך מיט אַן ערנסט פּנים און פאַרטראַכטע אויגן, אָנגעזאַפּט מיט יידישער קולטור. אין עמען האָט ער געזען אַ פרוי מיט טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער, וואָס טויג זיך אויס צום לעבן אין די סאָוויעטישע באַדינגונגען. זי איז אַ געטרייע מוטער צו איר טאָכטער, אַ גוטע באַלעבאָסטע. דערצו פאַרמאָגט זי אַ דאַך איבערן קאָפּ, אין סאַמע מאָסקווע. ווערמען האָט דאָן נישט געלאָקט מאָסקווע? אין די ערשטע טעג פון דער סאָוויעטיש־דייטשער מלחמה, האָבן מיר זיך געטראָפן מיט משהן און חיים טייטל אויף די וועגן קיין נאָוואָגראַד־וואָלינסק. איצט, זיצנדיק ביי אים אין שטוב ביי אַ גלעזל טיי, האָבן מיר זיך דערמאָנט וועגן אונדזער באַגעגעניש. יעדער פון אונדז האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן דעם אַדורכגעלעבטן אין די מלחמה יאָרן, נאָר די שפּעטע צייט, די ענגע, אייג־צימערדיקע דירה, וואָס זיי האָבן פאַרנומען, דאָס שלאָפנדיקע מיידעלע. דער עיקר — די צוויי קריסטלעכע שכנים, וואָס האָבן אויך פאַרנומען צו איינצלנע צימערן — אַלץ האָט געטריבן דערצו, מיר זאָלן אָפּלייגן אונ־דזערע שמועסן אויף מאָרגן. דאָס בידנע, שמאָלע געלעגער איז געווען פאַר מיר גרייט. אין דער פינצטער האָבן מיר זיך אויסגעטאָן און געווונטשן איינער דעם צווייטן: „אַ גוטע נאַכט!”

צומאָרגנס האָבן מיר געשמועסט, איך מיט משהן, וועגן דער פראַגע: רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן. ווער ווייסט, צי אַזאַ געלעגנהייט וועט זיך טרעפן נאָכאַמאָל.

„קיין פוילן ציט מיך נישט — האָט משה געטענהט — צו די פּאָליאַקן האָב איך קיין צוטרוי נישט. דערצו מוז איך זיך רעכענען מיט דער מיינונג פון מיין פרוי. זי איז פאַרליבט אין מאָסקווע".

„אויך ביי אונדז איז קיעוו דער אָפּהאַלט, אונדזער נייע דירה, מיין פּעדאַגאָגישע אַרבעט. אונדזער זון לערנט זיך אין שול, איז צופרידן" — האָב איך אונטערגעהאַלטן.

די פראַגע פון פאַרן ווייטער, קיין ארץ ישראל, איז נאָך דאַן געווען אַ פראַגע פון גאָר ווייטער פּערספּעקטיוו.

ראַטן־פאַרבאַנד איז אַרויס די זיגערין פון דער אַכזריותדיקער מלחמה. עס זענען געווען נישט ווייניק שוועריקייטן אין דער פראַגע פון אַפּראָווי־זאַציע, שעהן לאַנגע זענען מענטשן געשטאַנען אין די רייען נאָך ברויט, נאָך טיולקעס, נאָך קראַליקעס־פלייש. אויסערגעוויינלעך שווער איז אָנגע־קומען דאָס איינמעלדן זיך אין די גרויסע שטעט, איבערהויפּט פאַר יידן, די אייגענע דירות פון פאַר דער מלחמה, האָבן פאַרנומען אַנדערע. געבליבן איז בלויז די האָפענונג, אַז דער מאָרגן וועט בעסער זיין פונעם היינט.

איך האָב זיך געטראָפן מיט אונדזערע רוסישע פריינד פון דער עוואַ־קואַציע־צייט, אין באַראַ, בעניאַמין יעפימאָוויטש. אונדזער באַגעגעניש איז געווען ממש אַ רירנדיקע. מיט טיפן טרויער האָט מיר דער אַלטער געמאָלדן וועגן טויט פון זייער טייערן מינקע, דאָס אויסטערלישע הינטל, וואָס האָט צוזאַמען מיט אַנגע סעמיאָנאָווגע אַדורכגעמאַכט די שווערע צייט אין דער באַלאַגערטער הויפּט־שטאָט, ווען איר מאַן איז געווען מיט אונדז אין באַראַ צוזאַמען מיט די מאָסקווער קינדער. מיר איז אַפילו נישט לייכט געווען מיטצופילן זיי אין זייער טרויער, אין דער צייט, ווען מיר האָבן געהאַט גרעסערע אבדות, מיליאָנען ברידער און שוועסטער. צי האָבן זיי נישט געהאַט קיין גרעסערע פאַרלוסטן, ווי זייער געטריי הינטל מינקע, וואָס זיי טרויערן אַזוי נאָך אים? וועגן דעם האָב איך בלויז געטראַכט, נאָר אַרויסזאָגן עס, האָב איך נישט געוואָגט. זיי ביידע האָבן מיך אָפּגע־רעדט פון פאָרן קיין פוילן. ערשטנס איז פוילן אויך קאָמוניסטיש, אויפן חסד פון ראַטן־פאַרבאַנד. די פּאָליאַקן זענען פון שטענדיק אַן אַנטיסעמיטן, עס ליגט ביי זיי אין בלוט. אונדז איז געלונגען צו בלייבן אין קיעוו,

א שיינע און קולטורעלע שטאָט, די אַלע איבערבלייבענישן פון דער היט־לעריסטישער אָקופּאַציע וועלן פאַרשווונדן און מיר וועלן לעבן צופרידן.

אַזוי האָבן זיי געטענהט מיט האַרץ און פריינדשאַפט. איך מוז מודה זיין, אַז זייערע רייד האָבן מיך נישט ווייניק באַווירקט. ביים געזעגענען זיך מיט מיין פריינד דוד ספּאַרד, האָב איך אים איבערדערציילט אָט די מיינונ־גען. דוד האָט זיי נישט געפּרווווט אָפּלייקענען. ער האָט נאָך צוגעגעבן דערצו:

„וואָלט איך נישט געווען אַזוי ענג פאַרבונדן מיטן קאָמיטעט, מיט די רעפּאַטריאַנטן, מיט די שליחותן פון דער פּאַרטיי — ווער ווייסט, צי איך וואָלט זיך געריכט פונעם אָרט״.

# אין סאָטשי

קאַווקאַז. שפּאַצירן איבער נישט גאָר הויכע, גרין־באַוואַקסענע בערג, דער שוואַרצער ים, וואָס טראָגט בלויז אַזאַ נאָמען, איז אָבער נישט תמיד שוואַרץ, פּאַרקערט, זיינע וואַסערן זענען בלוי, אָדער גאָר טונקל גרין, שימערירן אין דער שיין פון דער זון מיט פינקלדיקע אַלמאַזן און ברי־ליאַנטן, זיינע ברעגעס זענען פון קליינע, קליינע שטיינדעלעך, וואָס גליען זיך אָן אין דער זון. דער אַריינגאַנג אין וואַסער איז אַ בהדרגהדיקער, אָן פּלוצימדיקע תהומען, דאָס וואַסער געזאַלצן, אָבער וואַרעם און אויפמונ־טערנדיק. די געוויקסן נידעריק־צעצווייגטע, טראָפּישע, פּילפּאַרביקע, בלו־מען אויף די ביימער, די ריינע לופט אָטעמט זיך לייכט. דאָס מאָל איז דאָס אַלץ שוין נישט געווען בלויז אין טרוים, ווי תמיד. איצט איז דער טרוים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווירקלעכקייט. מיט מיין „פּוטיאָווקע״ אין טאַש, בין איך געפאָרן מיט דעם עקספּרעס־צוג קיין סאָטשי, אין איינעם פון די שענסטע קאַווקאַזער קורערטער, ביים שוואַרצן ים, אין דער באַרימ־טער „ריוויערע״. דער וועג — נעבן אַזאָוו־ים, ביי די סאַמע ברעגעס פון שוואַרצן ים, דורך אונטערערדישע טונעלן, וואָס אָטעמען אָפּט מיט געדיכטן רויך פון די דאַמף־לאָקאָמאָטיוון, מיט געדיכטער נאַכט־פינצטערניש אין

מיטן העלן טאָג. אין אונדזער עקסטראַ־וואַגאָן פאָרן בלויז קוראָרטניקעס אויף שלאָף־פּלעצער, אייניקע פון זיי האַלב קראַנקע, שטיקט זיי דער רויך און רופט אַרויס הוסטן און נישט רעגולערן אָטעמען. דאָס פאָרן אין די טונעלן דויערט נישט לאַנג. אָט באַווייזט זיך אויפסנייַ דער ים, דער בלויער הימל און באַלד ווערט צוריק נאַכט אויף אַ קורצער צייט.

אומזיסט זוך איך באַקאַנטע פּנימער צווישן די מיטפאָרער. נאָך עמעץ זוכט דאָס זעלבע, מיר באַגעגענען זיך מיט די בליקן, מיט די שמייכלען, וואָס באַדייטן: אויך אַ ייד... די באַקאַנטשאַפט קומט שוין פאַר אַן פאַר־מאַליטעטן. צופעליק פאָרט מיין פרישער באַקאַנטער אויך אין דער „ריוויע־רע״ און נישט צום ערשטן מאָל. ער פאָרט זיך היילן זיינעביידע פיס, וואָס בענקען נאָך די אָפּגעשניטענע פינגער, זענען פאַרשוואַרצט און טוען וויי. אויך אין דער לינקער האַנט פאַרמאָגט ער, אַנשטאָט דעם ביין אַ מעטאַלן רערל.

דערווייל באַקומט ער אַ „פּוטיאָווקע״ אומזיסט. איך שעם זיך אים צו דערציילן, אַז איך פאָר גאָר אויף אַן אַנדער אופן...

ער הייסט מאַטוויי באַריסאָוויטש. אַ מיטלוואוקסיקער, יונגער פון פערציק, אַ מאָגערער בלאָנדין, מיט שמייכלדיקע אויגן. ער ווייזט מיר די פאָטאָגראַפיעס פון זיין פרוי און טעכטערל. דאָס זעלבע טו איך אויך.

דער ווייטערדיקער וועג לויפט שוין שנעלער אַריבער. מאַטוויי דער־ציילט אַ סך וועגן סאָטשי, וועגן די אויסערגעוויינלעכע שוועבל־וואַסערשטאָף בעדער, וואָס מען באַקומט און וואָס שטעלן אינוואַלידן אויף די פיס.

מיר קומען אָן קיין סאָטשי. פון „קאַווקאַזקאַיאַ ריוויעראַ״ האָט אונדז שוין אָפּגעוואָרט אַ קליין אויטאָבוסל, מען האָט אונדז פאַרבעטן צו פאָרן און די וואַליזעס אויפן דאַך אַרויפגעלייגט. די פראַגע פון באַקומען אַ באַ־זונדער צימער פאַר אונדז ביידע האָט מאַטוויי גענומען אויף זיך. דער וועג איז געווען אַ שמאָלער, אויף ביידע זייטן פון וועג האָבן געבליט אויף הויכע קוסטעס פיאָלעטע בלומען, ברייטע פאַלמעס און הויכע נאַקעטע עקאַליפּטוסן ציען זיך צום הימל, אַ פאָנטאַן שפּריצט אין דער הויך זיינע וואַסערן און שפּיגלט אָפּ אין די וואַסער־טראָפּן די זונען שטראַלן, ווי אַ רעגנבויגן. אַלץ

פרייט מיך, אַלץ איז ניי פאַר מיר, אַלץ זאָגט מיר צו, אַז דער חודש וועט זיין אַ געלונגענער.

אין דמיון פּרוּוו איך פאַרגלייכן סאָטשי מיט די צוויי קורערטער, אין וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין מיין לעבן: טשעכאָטשינעק און דרוזקעניקי. ביידע נוצלעכע קורערטער, מיט שוועבל־וואַסערשטאָף וואַנעס, עס איז אָבער דאָרט קיין ים נישט געווען, אויך נישט קיין בערג.

גאָר שטאַרק איז מיר געפעלן דאָס גרויסע צימער, שיין מעבלירט, מיט אַ באַלקאָן, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום אָפענעם ים, אַ באַזונדער באָד־צימער, דאָס צימער איז רעזערווירט פאַר אויסערגעוויינלעכע געסט. מען האָט עס אונדז געגעבן מיטן באַדינג אָפּצוטרעטן, ווי נאָר אַזעלכע וועלן אָנקומען.

דאָס עס־צימער אין דער „ריוויערע" איז גאָר געווען אַן אויסטערלי־שער: אַ הויכער האַלב־קיילעכדיקער סופיט, די ווענט געמאָלן מיט אַ סך יאָרן צוריק דורך באַרימטע אויסלענדישע קינסטלער, וואָס האָבן זיך באַ־נוצט מיט טייערע פאַרבן, זיי קענען אויסהאַלטן הונדערטער יאָרן. אַ ברייטער, בלויער ים, מיט שוימיקע כוואַליעס, ביי די ברעגעס שווימען און רוען נימפן און די בעלי־תאווה, סאַטירן, מיט שפּיציקע גלעט בערד און באַוואַקסענע קערפּערס יאָגן זיך אַרום נאָך די פרויען. עס ברויזט אַן אויסטערליש לעבן. און דאָך ווירקט דער אַרום אויף יעדן איינעם אַנדערש. וויפיל מאָל מיר האָבן באַזוכט דאָס עס־צימער, האָבן מיר אַלץ נאָך געקוקט אויף דעם אַרום מיט פאַרחידושטע בליקן און אומאויפהערלעכן אינטערעס.

אין די נאַכט־שעהן פלעגט זיך דער ים צעברויזן און שליידערן זיינע הויכע כוואַליעס מיט געוואַי און געריש אויפן ברעג. אין די מינוטן וואָלטן מיר זיך אָפּגעזאָגט פון דעם, אַז אונדזערע פענצטער זאָלן אַרויסקוקן צום ים.

כמעט יעדן טאָג צו דער באַשטימטער שעה, פלעגט מען אונדז פירן אויף דעם קליינעם אויטאָבוסל צו די בעדער. אויפן וועג האָבן מיר געזען פון דער ווייטנס די שטרענג־אַרומגעצוימטע ווילע פאַר דעם „פאָטער פון אַלע פעלקער". קיין לעבעדיק באַשעפעניש האָבן מיר דאָרט נישט געזען. גראָבע רערן פירן צו אַהין די שוועבל־וואַסערן פון די קוואַלן.

די צייט פון די קור־בעדער איז געווען געגנוי באַשטימט און נישט געדויערט לאַנג. נאָכן באָדן זיך האָט מען געגרוט ביז די מאַשין איז אָנגעקומען מיט פרישע און אונדז אָפּגעפירט אין דער סאַנאַטאָריע. אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך האָבן מיר אַדורכגעמאַכט ספּעציעלע גימנאַסטיק אונטער דער אָנפירונג פון אַ יונגער פרוי.

דער צוזאַמענשטעל פון די קוראָרטניקעס איז געווען אַ פאַרשידענער: מענער און פרויען אין פאַרשידענעם עלטער, אַפילו אַ יונגל, אין עלטער פון 13 יאָר, איז אויך געווען. קיין שום קולטור־אַרבעט איז נישט געפירט געוואָרן אין דער סאַנאַטאָריע. מען האָט געשפּילט אין קאָרטן, איינמאָל איז פאַרגעקומען אַ קולטור־פּאָכאָד אין טעאַטער און די, וואָס האָבן פאַרמאָגט פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן האָבן אויך אָנטייל־גענומען אין עטלעכע אויס־פלוגן: אין דער סאַנאַטאָריע אויפן נאָמען פון וואָראָשילאָוון, קיין גאַגרע, אין אַדלער־פּאַרק פון די מזרח־קולטורן.

מיר איז געלונגען זיך צו חברן מיט זייער אַ סימפּאַטישן יידישן גע־לערנטן, וואָס האָט זיך געגנויטיקט אין מיר, נישט ווייניקער, ווי איך אין אים. אַ מיטעלער וווקס, אַ פולבייכיקער, מיט אַ געקרייזלטער, בלאָנדער טשופּרינע און אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל אויף די ליפּן. ער וווינט צו־זאַמען מיט זיין פאַמיליע אין מאָסקווע. ביי יעדער געלעגנהייט גייט ער אַריבער פון רוסיש אויף יידיש, ער רעדט אַ רייכן און אַ שיינעם יידיש. במשך פון אונדזערע שמועסן בשעת די אָוונט־שפּאַצירן, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער שטאַמט פון די קרימער יידישע קאָלכאָזניקעס, וואָס האָבן געפלעגט וויינטרויבן און אויסגעפּאַרטיקט ווייַן, און זענען פאַררעכנט געווען אַלס „מיליאָנערן", צוליב די גרויסע רווחים פון זייער קאָלווירט. איצט איז ער גאָר אַ „שטערנזוכער", פאָרשט דעם הימל און די שטערן אין דער מאָסקווער אָבסערוואַטאָריע. גראָד אויף דעם געביט האָט ער נישט קיין חשק געהאַט צו רעדן און איך וואָלט אים סיי ווי נישט פאַרשטאַנען. אַ געמיינזאַמען אינטערעס האָבן מיר געהאַט אין די שמועסן וועגן דער יידישער ליטעראַטור, וועגן די קלאַסיקער און אויך וועגן די סאָוויעטישע שרייבער. מאַטווייען האָבן אונדזערע שמועסן ווייניק אינטערעסירט, פלעגט ער טאַקע איבערבלייבן „כאַפּן אַ קערטל".

סיי מאַטוויי באַריסאָוויטש, סיי נאַאום זינאָוויעוויטש, האָבן אָנטיילגענומען אין דער גרויסער וועלט־מלחמה. ביידע זענען געווען מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מאַטוויי האָט מער געליטן פון נאַאומען, נאָר מער אויפגעטון האָט ער — נאַאום זינאָוויעוויטש. לויט זיין פּאַרויסזאָגן דעם וועטער־פּראָגנאָז, פלעגן די סאָוויעטישע באָמבאַרדירער זיך לאָזן אין וועג אַריין, סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט. ער איז געווען אַ מאַיאָר, פאַרמאָגט נישט ווייניק אָרדנס און מעדאַלן, אָבער קיינער האָט וועגן דעם נישט געוווּסט. ער איז געווען ביי זיך פּשוט, יידישלעך און האָט פאַרמאָגט געניגטאַקט און עניוות.

די טעאַטער־פאָרשטעלונג, וועלכע מיר האָבן באַזוכט, איז געווען אַ פריילעכע אָפּערעטקע אויף דער רוסישער שפּראַך, אויסגעפירט דורך אַ פּראָווינציאַנעלער וואַנדער־טרופּע, וואָס פלעגט אַרומפאָרן איבער די קור־ערטער. דער טעאַטער אַליין איז געווען זייער אַ שיינער, אויסערלעך אַ סך שענער, ווי אינעווייניק: נישט קיין הויכע געביידע, וואָס איז געבויט אויף צענדליקער קאָלאָנעס, אַרום און אַרום, אַ שיינער אַריינגאַנג אין פראָנט. די בינע — נישט קיין גרויסע, אויך דער זאַל פאַרן פּובליקום מיט אַ באַגרענעצטע צאָל ערטער.

די אָפּערעטקע אַליין איז געווען אַ מאַכערייקע פונעם ערגערן סאָרט מיט אַ קליינער צאָל אַנטיילנעמער. דער אינהאַלט — אַ סאָוויעטישער: צוויי נאָענטע שכנים אַ דיקער קאָזאַק, אַ בינען ציכטלער, אַן אַלמן מיט אַ שיינער טאָכטער מיט לאַנגע צעפּ. אַנטקעגנאיבער — אַן עלטער יידיש פּאָרפאָלק, וואָס הערן נישט אויף זיך צו ליבן. דער אַלטער איז אַ מיטשורינעץ: ער דערפינדעט אַלץ נייע סאָרטן פּאָמידאָרן. זייער בן־יחיד איז אַ טראַקטאָריסט אין קאָלווירט און איז פאַרליבט ביז איבער די אויערן אין דעם קאָזאַקס טאָכטער. אַלץ גייט ווי „אויף פּוטער". נאָכן אָראָפּנעמען דעם גרויסן „אוראַזשאַי" פּראַוועט מען די חתונה אין קאָלווירט מיט גרויס שמחה. אַלע פרייען זיך מיטן נייעם „אינטערנאַציאָנאַל". סיי מיר, סיי נאַאומען האָבן שאָקירט די אַריינגעפּלאָנטענע יידישע מעלאָדיעס, פאָלקס־מעלאָדיעס און פון גאָלדפאַדענס אָפּערעטקעס, וואָס זענען אפשר דעם עולם געפעלן געוואָרן, נאָר אונדז ביידע, ווי „נזם זהב באף חזיר", , ווי אַ גאָלד־

באַנד אין די נאַזלעכער פון אַ חזיר. מיר האָבן אַפילו געפונען אַ זכות אין דעם, וואָס יידישע אַרטיסטן און רעזשיסערן ווילן אַזוי אָרום נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס איז זיי בשמהדיק און טייער. נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט צו שפּילן יידיש טעאַטער.

מער הנאה האָבן מיר געהאַט פון די אויספלוגן איבער די שמאָלע סערפּענטין־וועגן אין די בערג. די אויסגעשוליטע שאָפערן פאָרן איבער די זיגזאַגישע וועגן, ביים סאַמע אָפּגרונט, פירנדיק מיט אַ זיכערער האַנט די מאַשין. עס שווינדלט אין קאָפּ, ווען מען פרוווט אַראָפּקוקן דורכן פענצטער. אָט איז גאַגרע. פון דער ווייטנס זעען מיר גאָר הויכע בערג מיט אייביקע שנייען אויף די שפּיצן. מיר דערנעענטערן זיך צום הויז, וווּ עס איז פיל־מירט געוואָרן „די פריילעכע יאַטן". מיר זענען אַ גרופּע פון 15 מענטשן, צווישן אונדז 6 פרויען, אָבער בלויז אויף דער פאָטאָגראַפיע זענען מיר צוזאַמען, פאַקטיש זענען מיר נישט ווייניקער, ווי 6 — 7 באַזונדערע גרופּקעס. יעדער גרופּע איז מיט זיך און פאַר זיך. צי איז נישטאָ קיין צוטרוי אויך דאָ, אין דער צייט פון דעם אָפּרו־חודש?

אַלע ווייסן, אַז צווישן אונדז געפינען זיך סעקרעטאַרן פון דער פּאַרטיי, מיטאַרבעטער פון מ.וו.ד., וואָס האָבן אין זיך טיף איינגעקנעלט די תורה וועגן דעם „אינטערעס פון דער מלוכה, וואָס איז איבער אַלע אַנדערע אינטערעסן".

אמת, אַז מענער און פרויען האָבן אַן שום מורא געפונען אַ געמיינ־זאַמען אינטערעס: פלירט. די לופט איז דאָ פול מיט פלירט־מיקראָבן, דער ריטם פונעם בלוט איז דאָ האַסטיקער ווי אין דער היים, לאַקערנדיקע באַ־העלטעענישן פעלן נישט. אַפילו דער סאַמע עלטסטער פון מ.וו.ד. איז דאָ אויך נישט געפערלעך. דערצו זענען די געזאַנגען פון די פייגעלעך אַזוי פאַרפירעריש און די ברייט־פליגלדיקע פלעדערמייז טרעטן אָפּ די ערטער, ווען עמעצער באַווייזט זיך נאָר...

צוריק אַהיים האָבן מיר געמוזט פאָרן מיט אַ סך אַ לענגערן וועג. עס איז פאַרשיט געוואָרן אַ טייל פון דעם באַן־טונעל. מיר האָבן געמוזט פאָרן דורך באַקו און מינעראַלניע־וואָדי — אַ מהלך פון טויזנטער איבע־

ריקע קילאָמעטער. אייניקע זענען פאַרבליבן אָן מיטלען צום לעבן. כאָטש מיר זענען אַדורכגעפאָרן זייער שיינע ערטער פון גרוזיע און אַזערביידזשאַן, נאָר די שטימונג איז געווען גאָר נישט קיין געהויבענע. אויף די דעכער האָבן זיך געוואַלגערט הונדערטער פויערים און פויערטעס, וואָס זענען אַנגעלאָפן אַהער פון זאַפּאָראָזשע, ווו עס האָט געהערשט אַ הונגער. דאָ האָט מען נאָך באַקומען אַ ביסל קאָרן, אָדער קוקורוזע מעל. אויך אין אונדזער וואַגאָן האָבן ספּעקוליאַנטן בשותפות מיט די באַן־קאָנדוקטאָרן אַנגעפילט די קאַסטנס, ווו עס ליגן די מאַטראַצן און קושעלעך, מיט זעקע־לעך מעל. צווישן אונדז איז געפאָרן דער סעקרעטאַר פון זשיטאָמירער פּאַרטיי־קאָמיטעט. ער האָט נישט געקענט צוזען די „געשעפטן" פון די ספּעקוליאַנטן און אויף יעדער גרעסערער סטאַנציע, האָט ער דערטראָגן אויף זיי דער באַן־מיליץ. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן, ווייל אויך זיי האָבן אָפּגעלעקט אַ ביינדל פון די עסקים און פאַרשוויגן. איינער פון די ספּעקוליאַנטן, אַ שוואַרצפּנימדיקער, מיט אַ האַרביקל אויף דער נאָז און כיטרע ממזרישע אויגן, האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף אויך די הונגעריקע פּאַסאַזשירן באַרויקן. האָט ער אַריינגעשיקט אַ גוטן פרישטיק פאַר אַלעמען אויף זיין חשבון. זיין „אויפטו" האָט באמת באַרויקט די געמיטער, אַפילו פון דעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר.

אויף יעדער גרעסערער און קלענערער סטאַנציע האָבן שוין אָפּ־געוואַרט קונים. מען האָט ממש געריסן די זעקלעך מעל פון די הענט דורך די פענצטער. מען האָט געצאָלט, וויפיל מען האָט נאָר געפאָדערט. מעגלעך, אַז צווישן זיי זענען אויך געווען איבערקויפער, וואָס האָבן שפּע־טער אַליין פאַרקויפט דאָס מעל פאַר מער געזאַלצענע פרייזן. דער הונגער־מאַרש האָט צוגערויבט ביי אונדז אַלעמען אַ גרויסן טייל פון דעם פאַרגע־ניגן, וואָס דער קוראָרט־חודש האָט אונדז געגעבן...

### אין שיין פון מאָרגנשטערן / אין באַפרייטן קיעוו

# צוריק אין שול־וועזן

נישט איינמאָל פלעגט מען זיך וווּנדערן: אין ראַטן־פאַרבאַנד פירט אַלץ צו קאָנצענטראַציע. די אויטאָנאָמע רעפּובליקן — אין רעפּובליקאַנישע, די רעפּובליקאַנישע — אין אַלפאַרבאַנדישע, אַזוי איז אין די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און פּראָפעסיאָנעלע אינסטיטוציעס. בלויז דאָס באַן־וועזן פאַרמאָגט באַזונדערע פּריווילעגיעס: באַזונדערע געריכטן, באַזונדערע מ. וו. דיסטן, און אויך אַ באַזונדער שול־וועזן. די פּריווילעגיעס זענען דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז בשעת דער גרויסער וועלט־מלחמה זענען די, וואָס האָבן געאַרבעט אין באַן־וועזן, געווען באַזאָרגט מיט „בראָן", ד. ה. מען האָט זיי נישט מאָביליזירט אין דער אַרמיי. געשמועסט האָט מען, אַז דאָס איז געווען דער אויפטו פון קאַגאַנאָוויטשן, וואָס איז געווען דער ממונה איבערן באַן־וועזן.

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָב איך געאַרבעט אין דער שול־אָפּטיילונג, וואָס האָט פאַרמאָגט בסך הכל איבער פופציק שולן, אַ צוויי צענדליק קינדער־גערטנער און בלויז אַ קליינע צאָל קינדער־היימען. צוליב דעם האָט מען אויסגעהאַלטן אַ שטאָט מיט אינספּעקטאָרן, בוכהאַלטערן, קאָנטראָליאָרן, באַזאָרגערס, אַדמיניסטראַציע־אַרבעטער, אַפילו אַ באַזונדערן מעטאָדישן קאַבינעט. סיי די שולן, סיי די שול־פּראָגראַמען זענען געווען די זעלבע, ווי אין די אַלגעמיינע מלוכהשע שולן, אויך די שילער זענען געווען נישט בלויז פון די אייזנבאַנער, נאָר אַלע, וואָס האָבן געוווינט אין ראַיאָן פון דער אָדער יענער שול. צוליב וואָס זשע האָט מען געדאַרפט די צעטיילונג און אָפּגעזונדערטקייט? מילא, צי נאָר די איינציקע קשיא איז דאָ צו פרעגן אין דעם גרויסן ראַטן־פאַרבאַנד? בפרט נאָך, ווען פרעגן רופט אַרויס פאַרדאַכט, אַז ס'פעלט צוטרוי צו דער פּאַרטיי און אירע מעשים און דאָס איז געפערלעך.

צי האָט מיר דען געהאָלפן מיין פרעגן, הלמאי מען האָט באַשטימט מיך — אַ לערער און דערציער, אַ דירעקטאָר פון אַ קינדער־היים — פאַר אַן אינספּעקטאָר פון פאַרזאָרגונג, פאַר אַן אָנפירער פון אַ סקלאַד מיט מאַטעריאַלן, ביכער און העפטן?

איצט בין איך פון דעם שוין פטור געוואָרן. איצט האָב איך באַקומען פעדאַגאָגישע אַרבעט נישט נאָר אין אַן אָוונט־שול פאַר אַרבעטער־יוגנט, נאָר אויך אין אַ גרויסער פרימאַרגן־שול, אַלס לערער פון מאַטעמאַטיק און אַלס קלאַסן־דערציער פון אַ פינפטן קלאַס.

די שול האָט זיך געפונען אויף „סטאַלינקע", אין סאַמע סוף פון דער באַלשאַיאַ־קיטאַיעווסקאַ גאַס, אויף וועלכער איך האָב געוווינט.

די שול־געביידע איז געווען אַ גיגאַנטישע, אַ פירשטאַקיקע, אַ ספּעציעל געבויטע, מיט ברייטע טרעפּ און לאַנגע קאָרידאָרן און אַ סך, אַ סך פענצטער. די קלאַסן גערוימע, די שול־מעבל ווייט נישט קיין מאָדערנע, שמאָלע צוויי־אָרטיקע בענק, געל פּאָלירט, בלויז דאָס שרייב־ברעט איז געווען לאַקירט אויף שוואַרץ.

קיין רעקרעאַציע־זאַל איז נישט געווען, אין די איבעררייסן צווישן די לימודים פלעגן די שילער אַרומלויפן איבער די קאָרידאָרן, אָדער זיך שפּילן אין דרויסן. די שול־געביידע פלעגט אויסגענוצט ווערן פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט: די שול האָט געאַרבעט אין צוויי שיכטן (סמענעס) און אין די אָוונטן פלעגן דאָרט פאָרקומען פאַרשידענע קורסן: פאַר גיכער הילף, פאַר קראַנקן־שוועסטער, פאַר בוכהאַלטערן און אַנדערע.

בלויז דער דירעקטאָר און זיין געהילף, דער פעדאַגאָגישער אונטער־דירעקטאָר, האָבן געהאַט באַזונדערע קליינע קאַבינעטן, אויך די לערער האָבן געהאַט אַ לערער־צימער אויפן צווייטן שטאָק. לערער זענען געווען זייער אַ סך, איז דער צימער געווען קליין און תמיד האָט אין אים גערוישט, ווי אין אַ בינשטאָק.

אַפילו די לערער, וואָס האָבן געאַרבעט בלויז פינף שעה אין טאָג האָבן געמוזט אַרבעטן סיי אינדערפרי, סיי בייטאָג, פּטרנדיק אַזוי אַרום דעם גאַנצן טאָג אין שול. קיינער האָט נישט געזאָרגט פאַר די באַקוועמלעכקייטן פונעם לערער, פאַרקערט, ווי איז געווען צו דעם, וואָס האָט זיך געקלאָגט. די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע, איר אַנגעוואָרפענער פאָרזיצער, דער פּאַרטיי־מאַן, דער לערער פון כעמיע, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרנעמען מיט אַזעלכע „קליינקייטן".

מען האָט פאַר אים מורא געהאַט, ווייל אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער איז מער פאַרשטייער פון מ. וו . ד. און פון די פּאַרטיי־אינסטאַנצן, ווי פון די לערער. כאָטש די וואַלן פלעגן פּאַרקומען געהיימע, אָבער חוץ אים איז קיין אַנדער קאַנדידאַט נישט אַרויסגעשטעלט געוואָרן, דערצו האָבן אַלע געוווּסט, אַז ס'וועט נישט העלפן...

יאָר איין, יאָר אויס פלעגן אַלע לערער באַזוכן דעם קורס צו דער־לערנען סטאַלינס געשיכטע פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. בלויז אַ קליינע צאָל לערער האָט שוין שטודירט די געשיכטע לויט די ערשטע מקורות, אַ ביסל מער זעלבסטשטענדיק. אויפן ערשטן קורס, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט דער פאַרזיצער פון פּראָפאַריין אַליין, פלעגט מען באַווייזן אויס־צולערנען בלויז ביז דעם פערטן קאַפּיטל. דאָ פלעגט מען שוין אַ ביסל „צעברעכן די ציין", לאַנג שטיין אויף איין אָרט, ביז... ביז... דאָס שול־יאָר האָט זיך פאַרענדיקט.

קיין חבריש צוזאַמענלעבן איז צווישן די לערער כמעט נישט געווען. בלויז איינמאָל אָדער צוויי מאָל אין יאָר האָט דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, אונדזער געהילפס־דירעקטאָר סאַפּאָזשניקאָוו, צו־זאַמענגערופן די לערער און געהאַלטן פאַר זיי אַ רעפעראַט וועגן דער וויכטיקייט פון יום־טוב, לייענענדיק אים פון פּאַפּיר. ס'איז נישט שווער געווען צו דערקענען דעם אינהאַלט און אַפילו גאַנצע זאַצן פון דעם אַזוי פּאָפּולערן „וועג־ווייזער פאַרן אַגיטאַטאָר" („ספּוטניק אַגיטאַטאָראַ").

כמעט אַלע לערער האָבן געהערט צום קרייז פון די אַגיטאַטאָרן. יעדער איינער האָט געהאַט אַ פליכט אַדורכצופירן אין זיין באַשטימטן ראַיאָן, אין אַ פּריוואַטער שטוב, אַ פּאָליטישע מאַסן־אַרבעט, נישט ווייניקער ווי איין מאָל אין דער וואָך. די צוהערער זענען געווען עלטערע פרויען, שטוב־באַלעבאַסטעס, אָדער קלענערע שטוב־אויסאַרבעטערינס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו געהערן צו אַ קרייז אויפן אָרט פון זייער אַרבעט. סיי די טעמאַטיק, סיי דאָס מאַטעריאַל האָט אָנגעגעבן דער „אַגי־טאַטאָר־באַגלייטער", וואָס פלעגט דערשיינען סיי אין דער רוסישער, סיי אין דער אוקראַאינישער שפּראַך. די בעסערע און יונגערע אַגיטאַטאָרן זענען

געווען ענגער פֿאַרבונדן מיט זייער קרייז צוהערער, אַרויסגעהאָלפֿן זיי מיט אַן עצה אַפֿילו באַמיט זיך פֿאַר זיי אין די געהעריקע אינסטאַנצן. בעת די וואַלן צו די „סאָוויעטן" איז די אַרבעט פֿאַרטאָפּלט געוואָרן און דער אַגי־טאַטאָר האָט געזאָרגט דערפֿאַר, אַז זיין „קליענט" זאָל זיך באַטייליקן אין די וואַלן און זיין פֿון די ערשטע. פֿאַר וועמען צו שטימען, איז סיי ווי קיין אויסוואַל נישט געווען, ווייל מען האָט נאָר געקענט שטימען אויף איין קאַנדידאַט. ביז דער ווײַלער האָט נישט אויסגעפּילט זיין בירגערלעכן פֿליכט, און דאָס האָט באַדאַרפֿט געשען ביז 9 אַזייגער אינדערפֿרי, פֿלעגט דער אַגיטאַטאָר אים וועקן און רופֿן, בעטן און פּירן, אַפֿילו באַזאָרגן, מען זאָל צו אים אַהיימברענגען די וואַל־אורנע, אויב ער האָט זיך געפֿילט „נישט מיט אַלעמען". מען האָט געמוזט אָנערקענען, כאָטש עס איז נישט לייכט געווען, אַז אַזעלכע וואַלן זענען די פֿרייסטע און די דעמאָקראַטישסטע אין דער גאַנצער וועלט...

צו די לעקציעס האָבן די לערער זיך געמוזט גרייטן, אין אַ שריפֿט־לעכער פֿאָרם, לויט אַ געוויסן אָנגענומענעם סטאַנדאַרט. די יונגערע האָבן אויך געמוזט שרייבן ברייטע קאָנספּעקטן פֿון יעדער לעקציע באַזונדער און דערלאַנגען דעם „זאַוווטש" צו באַשטעטיקן זיי פֿאַר די לעקציעס. די לערער האָבן אויסגענוצט די צייט פֿון די „פּענצטערלעך" און אויך די פֿרייע צייט נאָך דער אַרבעט, צוצוגרייטן די פּלענער און קאָנספּעקטן. אַפֿילו די פֿראַגן, וואָס דער לערער האָט געדאַרפֿט פֿרעגן די שילער (אויך אָנגעבן דעם נאָמען פֿון דעם שילער) — אַלץ האָט געפֿונען אַן אָרט אין די קאָנ־ספּעקטן. יעדער קלאַסן־דערציער איז געווען פֿאַרפּליכטעט צו באַזוכן זיינע שילער אין זייערע היימען, פֿון צייט צו צייט, און די שילער, וואָס האָבן פֿאַרפֿעלט אַ טאָג, אָדער צוויי, האָט דער דערציער געמוזט פּערזענלעך אויפֿקלערן די סיבות ביי די עלטערן אין דער היים. ביי מיר אין קלאַס, ווי אויך אין אַנדערע קלאַסן, האָבן די שילער נישט געהאַט קיין פֿאַטערס, העכער אַ העלפֿט האָבן געהאַט בלויז מוטערס און זיי האָבן געטראָגן זייער נאָמען. די מוטערס זענען געווען די איינציקע פֿאַרדינערינס. זענען טאַקע די קינדער געווען הפקר, אַן שום אויפֿזיכט.

„מיט וואָס קען איך העלפֿן, לערער, ווען איך בין קיינמאָל אין דער

היים נישטאָ. מיין זון איז שוין נישט קיין קינד. ער איז שוין שטאַרקער פון מיר" — האָבן די מוטערס זיך פאַרענטפערט.

אַמאָל האָב איך געטראָפן דעם פאָטער אין אַ פריילעכער חברה. מען האָט געטרונקען בראָנפן און צוגעביסן מיט שטיקלעך חזיר־פלייש. מיך האָט מען אויפגענומען גאָר היימישלעך, חבריש און כמעט געצוווּנגען אויסצוטרינקען מיט זיי צוזאַמען.

„וואָס, מיין זון פירט זיך נישט אויף גוט ? איר זעט דעם קאַנטשיק, לערער ? מיט אים וועל איך אים קאַטעווען ביז בלוט, דעם ממזר !"

„אדרבה, אייער זון איז גאָר אַ ווילער. פאַר דער שריפטלעכער אַרבעט האָט ער באַקומען אַ 4. פאַרוואָס קומט אים צו שלאָגן ? בכלל דאַרפט איר קיין קינדער נישט שלאָגן. שוין אַוועק די צייטן" — האָב איך זיך געמוזט בעטן ביי אים.

אין ערנסטע פאַלן האָט דער דערציער געדאַרפט זיך ווענדן אין דער ראַיאָנער מיליץ. דאָרט איז געווען אַן אינספּעקטאָר אַ פרוי, וואָס האָט געדאַרפט צוהעלפן די דערציער אין ערנסטע פאַלן. די אינספּעקטאָרין האָט געהאַט רעכט שטרענגער צו באַציען זיך צו די קינדער, וואָס שטערן אָפּט אין דער שול־אַרבעט. זי פלעגט זיי דראָען מיט אַוועקשיקן אין אַ שטראָף־קאָלאָניע, מיט איזאָלאַציע, אַרויסבאַקומען ביי זיי פאַרפליכטונגען, אַמאָל האָט עס טאַקע געהאָלפן, אָבער נישט אויף לאַנג. דער שילער פלעגט נקמה נעמען אין אַנדערע, שוואַכערע פון אים, איבערהויפּט אין מיידלעך.

לגבי אַזעלכע איז אָפט דער לערער אָדער דערציער געווען אומבאַ־האָלפן. איך דערמאָן זיך אַ פאַל, ווען די מיליץ האָט געבראַכט צו מיר אין קלאַס אַריין אַ שילער, וואָס האָט אָפט פאַרפעלט די לעקציעס. איך האָב דערקלערט עפּעס נייעס פון אַלגעברע. ער האָט אַראָפּגענומען די וואַלענקע פונעם פוס און אַריינגערוקט די נאָז אינעווייניק און געשמעקט דעם שוויי־סיקן ריח. איך וויל נישט איבעררייסן מיין דערקלערונג און איך ווונק צו אים, ער זאָל נישט שטערן. ער ווידער שטופּט זיין וואַלענקע זיין שכן אין נאָז אַריין. איך נעם אַרויס די וואַלענקע פון זיינע הענט און שטעל זי אַרויס אונטער דער טיר. אויף דעם האָט ער געוואָרט.

„וואָס ? שלאָגן וועט איר מיך ? — האָט ער זיך צעשריגן. — אין אַ סאָ־וויעטישער שול טאָר מען נישט שלאָגן. איר וועט באַקומען טורמע דערפאַר, טורמע״...

אויף זיין געשריי איז אַנגעלאָפן דער דירעקטאָר. ער האָט איבערגעריסן זיין לעקציע אין אַ נאָענטן קלאַס און איז אַנגעלאָפן. ער האָט אים אַרויס־געפירט פון קלאַס צו זיך אין קאַבינעט אַריין. שפּעטער איז מיר נאָך אויסגעקומען זיך צו פאַרענטפערן.

אַזעלכע שילער פלעגן שטערן אין דער אַרבעט און אַראָפּנידעריקן דעם ניוואָ פון קלאַס. דער צוזאַמענשטעל פון די שילער איז געווען ווייט נישט קיין גלייכער: עס זענען געווען גאָר פעיקע, פיין־דערצויגענע שילער, ווי אַקאָפּאָוו — דער אַרמענער, וואָס זיין פאָטער איז געווען אַ פּולקאָווניק אין דער רויטער אַרמיי, גריגאָריוק — אַ זון פון אַן עלטערן מיליציאָנער, וואָס האָט אַרויסגעטריבן זיין ווייב און ער, דער בשותפותדיקער זון, וואָנ־דערט אַריבער פון פאָטער צו דער מוטער און איז פּאַקטיש היימלאָז. די דריי־פיר יידישע קינדער חברן זיך ווייניק מיט די נישט־יידישע חברים, זיי זענען מער פלייסיק און אפשר אויך מער פעיק. קיין שלעכטע באַציונג צו זיי, אַלס יידן, באַמערק איך נישט. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס איך, דער קלאַסן־דערציער, בין אַ ייד ?

כמעט אַלע שילער פון מיין קלאַס זענען פּיאָנערן. די פּיאָנער־וואָזשאַטי (אָנפירערין) איז אַ שילערין פונעם זיבעטן קלאַס. איינמאָל אין וואָך דאַרף זי אַדורכפירן איר אַרבעט, אין דער לעצטער שעה פאַרן פרייען טאָג. איך באַמי זיך איר צוהעלפן סיי אין דער צוגרייטונג, סיי אין דער דיסציפּלין פון קלאַס. עס טרעפט אויך, זי קומט נישט צו גיין, דאַן מוז איך אַליין אַדורכפירן אין מיין קלאַס די פּיאָנערן־אַרבעט, בכלל, ווייזט זיך מיר אויס, אַז די אַרבעט באַגייסטערט נישט די שילער, זעלטן ווען עמעצער פון זיי טרעט אַרויס מיט זיין אייגענער מיינונג. די פּאָליטישע שמועסן, דאָס לייענען די צייטונג „פּיאָנערסקאַיאַ פּראַוודאַ״ אינטערעסירט זיי ווייניק, ווייל יעדער איינער לייענעט אַליין אין דער היים די צייטונג. גאָר אַנדערש האָבן די שילער פון מיין קלאַס און אַפילו די קאָמסאָמאָלצעס פון די הע־כערע קלאַסן אויפגענומען דעם פאָרשלאָג וועגן אַן אייגענער טעגלעכער

וואנט-צייטונג. די לערער ווידער האָבן זיך דערשראָקן פאַר אַזאַ פּאַראַנט-וואָרטלעכער זאַך, ווי אַן אייגענע טאָג-פּרעסע. מען איז גרייט געווען אַפילו צו מאַכן שוועריקייטן און נישט דערלאָזן דערצו. וואָס קען דערפירן ווער ווייסט צו וועלכע רעזולטאַטן...

## אין דער סאָוויעטישער שול

די סאָוויעטישע שול איז געווען אַן איינאַרטיקע — פון 1 ביז 10 קלאַסן. בלויז אין געוויסע שולן, ווי אין דער זעקסטער מיידל-שול פון די אייזנבאַנער אויף סאָלאָמענקע אין קיעוו, איז אויך געווען אַן עלפטער קלאַס — אַ פּעדאַגאָגישער. דאָרט פלעגן אַ טייל שילערינס, וואָס האָבן באַקומען די מאַטורע, זיך גרייטן צו ווערן לערערינס אין די 1 — 4 קלאַסן פון די דאָרפישע, אָדער אָנפאַנגס-שולן. אייגצייטיק פלעגן זיי זיך לערנען דריי יאָר אין לערער-אינסטיטוט, אויף אַן עקסטערנעם אופן. נאָכן פאַרענדיקן פלעגן זיי קענען אַרבעטן אַלס לערער פון אַ געוויסן קעגנשטאַנד אין די 5 — 7 קלאַסן און ווייטער שטודירן אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, וואָס פלעגט זיי געבן אַקאַדעמישע, פּעדאַגאָגישע בילדונג און רעכט צו אַרבעטן אין די 8 — 10 קלאַסן.

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז דער ניוואָ פון די לערער, וואָס האָבן געלערנט אויף אַ סטאַציאָנאַרן אופן אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט במשך פון 5 יאָר, איז געווען העכער פון די, וואָס האָבן זיך געלערנט אויף אַן עקסטערנעם אופן, כאָטש זיי האָבן שוין פאַרמאָגט אַ גענוגנדיקן לערער-סטאַזש.

אין די דערפער, אויף די באַן-סטאַנציעס זענען נאָר געווען פיר-קלאַסיקע שולן. אַלע שילער האָבן זיך געלערנט צוזאַמען אין איינעם, אָדער צוויי קאָמפּלעטן, אָפט מאָל בלויז ביי איין לערער, ווייל די צאָל שילער פון אַלע קלאַסן איז נישט איבערגעשטיגן פערציק.

פון אַזעלכע זענען באַשטאַנען, מערסטנס, די שילער פון די אונטער-שולן פאַר אַרבעטער. זיי האָבן שפּעטער געאַרבעט אין די שטעט. די אַרבעט

האָט געפּאָדערט העכער וויסן, דערצו האָבן זיי די קאָמסאָמאָל־אָרגאַניזאַציעס געשיקט זיך לערנען, פאַרשטענדלעך אויפן מלוכה־חשבון. די אַרבעטער פון די יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך געלערנט, זענען באַפרייט געוואָרן מיט אַ שעה פריער פון דער אַרבעט און אויף אַ גאַנצן מאָנאַט פאַר די לעצטע מאַטורע־עקזאַמענס, באַקומענדיק דערצו זייער פולן לוין.

אונדזער זון מאַרקס, האָט זיך בלויז אין די ערשטע מלחמה־יאָרן געלערנט אין אָנפאַנגס־שולן, אין באַאַראַ, אין גלאַטאָוקע. אין קיעוו האָט ער איז 1945־טן שול־יאָר פאַרענדיקט אין דער אייזנבאַן־שול נומער 7, די ערשטע פיר קלאַסן, די ווייטערדיקע 5 — 10 קלאַסן האָט ער אַדורכגעמאַכט אין דער שטאָטישער שול, נומער 110, אויף סטאַלינקע. ער איז געווען אַ מוסטערהאַפטער שילער, סיי אין די לימודים, סיי אין דער אויפפירונג. אין זיין טאָג־זשורנאַל פלעגן די לערער פאַרשרייבן די מיינונגען, וואָס ער פלעגט באַקומען, דער קלאַסן־דערציער האָט סוף וואָך צוגעשריבן וועגן זיין אויפפירונג. ער פלעגט אויך אָנגעבן די צאָל טעג, וואָס ער האָט פאַרפעלט, אָדער די שעהן, וואָס ער האָט פאַרשפעטיקט.

זיין קלאַסן־דערציער איז ביי אונדז קיין איין מאָל אין שטוב נישט געווען. פּשוט דערפאַר, ווייל איין מאָל אין חודש פלעג איך אָדער מיין פרוי אומגעבעטענערהייט קומען צו אים און אויך צו אַנדערע לערער זיך אַדורכשמועסן וועגן זון.

יעדעס פערטל יאָר האָט דער זון געבראַנגט אַ טאַבעל מיט מיינונגען פון אַלע קענגשטאַנדן און אויך וועגן זיין אויפפירונג. ביים סוף פון שול־יאָר, האָט ער געבראַנגט אַ „לויב־גראַמאָטע" פאַרן אויסגעצייכנטן לערנען זיך במשך פונעם גאַנצן יאָר און פאַר דער מוסטערהאַפטער אויפפירונג. נאָך ביזן היינטיקן טאָג באַהאַלט איך אויס ביי זיך די אַלע 10 טאַבעלן און לויב־גראַמאָטעס פון מיין זון פונעם 1־טן ביזן לעצטן קלאַס.

מיר איז געפעלן דער איינגעפירטער שטייגער אין דער סאָוויעטישער שול, אַז דער דערציער האָט ביים סוף פון שול־יאָר צוגעגעבן צום טאַבעל אויך אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק פונעם שילער. איך פאַרשטיי, אַז די אַרבעט איז נישט קיין לייכטע פאַרן דערציער, אָבער זי איז גאָר וויכטיק סיי פאַר

די נייע לערער, וואָס ווילן זיך נעענטער באַקענען מיטן שילער, סיי פאַר די עלטערן און אויך פאַרן שילער אַליין.

אַט וועל איך באַקענען מיט דער לעצטער כאַראַקטעריסטיק פון אַ מוסטערהאַפטן שילער, וואָס זיין קלאַסן־דערציער נאַומענקאָ האָט געשריבן:

„די כאַראַקטעריסטיק פונעם שילער פון 10־טן קלאַס „א״ פון דער 110־ער מיטל־שול (אַנגעגעבן זיין נאָמען).

געבוירן אין 1935 יאָר, לויט דער נאַציאָנאַליטעט אַ ייד, אַ מיטגליד פון וו.ל.ק.ס.מ. (קאָמסאָמאָל).

לערנט זיך אין דער 110־טער שול פון 1946 יאָר. ער איז אַ הויך־דיסציפּלינירטער שילער, באַציט זיך ערנסט צו דער לערע, אויף אַלע קעגנשטאַנדן באַווייזט ער זיך בלויז אויף „5״. פון יאָר צו יאָר איז ער אַריבערגעגאַנגען פון קלאַס צו קלאַס מיט לויב־גראַמאָטעס. ער שטודירט טיף דעם מאַ־טעריאַל פון פּראָגראַם, לייענט אַ סך צוגאָב־ליטעראַטור און קינסטלערישע ליטעראַטור. ער איז זייער פעסט אין זיינע מיינונגען, זיכער אין זיך, דאָך זייער עניותדיק. אינטערע־סירט זיך מיט מאַטעמאַטיק, מיט פיזיק. האָט אַליין אויסגע־לערנט זיך סטענאָגראַפיע. ער איז אַ מיטגליד פון דעם פיזישן און פון מאַטעמאַטישן קרייז. ער נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין קלאַסן און שול־לעבן, איז אויך אַ מיטגליד פון רעד־קאָלעגיע. ער האָט ליב זיין קאָלעקטיוו, העלפט זיינע חברים און ווערט געאַכט דורך זיי. ער האָט געאַרבעט אַלס אַן אַגי־טאַטאָר און איז אַ גוטער פּאָליט־אינפאָרמאַטאָר. ער אינטע־רעסירט זיך מיט אַלץ, וואָס קומט פאָר ביי אונדז אין לאַנד און אויך מיט אַלץ, וואָס קומט פאָר אויסער אונדזער לאַנד.

דער דירעקטאָר: (טקאַטשענקאָ).

איך האָב איבערגעגעבן די פולע כאַראַקטעריסטיק, כדי צו ווייזן וויפיל מי און אויפמערקזאַמקייט דער דערציער שענקט אַוועק דעם שילער, וועלכן ער באַמיט זיך במשך פון דער צייט. וואָס ער דערציט אים צו דערקענען פולקאָם זיינע אייגנשאַפטן און פעיקייטן און איז בכוח גאַנץ אָפט טרעפלעך אָנצוווייזן פאַר אים דעם ריכטיקן וועג אין זיין ווייטערדיקן לעבן.

זייענדיק געצוווּנגען במשך פון עטלעכע יאָר זיך צו פאַרנעמען מיט דער אַרבעט, וואָס איז ווייט געווען פון ריינער פעדאַגאָגיק, האָט מיין זון, זיינע חברים, זיין שול און דערציער מיך געטריבן צוריק אין שול אַריין.

מיין שטרעבונג איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. איך בין צוריק אַ לערער און דערציער פון פערציק שילער און שילערינס. זיי זענען גאָר יונגע, נאָרוואָס פאַרענדיקט די אָנפאַנגס־שול, 4 קלאַסן. אָבער וויפיל זענען צווישן זיי פאַראַן אַזעלכע ווי מיין זון? אויף די פינגער צו ציילן, און דאָס גאָר פון איין האַנט. איך האָב זיך באַקענט מיט זייערע לעצטע כאַראַקטעריס־טיקעס. איך זוך נישט צווישן זיי קיין גאונים, קיין סטאַטיקעס, קיין מוס־טערהאַפטע אויפפירונג. איך וואָלט נאָר געוואָלט, אַז יעדעס קינד זאָל האָבן אַ טאַטן מיט אַ מאַמען, וואָס זאָלן אויך זיין פאַראינטערעסירט, ווי איך, אין דער דערציִונג פון זייער קינד. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז 50% קינדער האָבן בכלל קיין טאַטעס נישט, אַז זייערע מוטערס זענען פון די „איינזאַמע מאַמעס", וואָס האָבן געהאַט בלויז צופעליקע מענער. דעריבער טראָגן די קינדער זייער מוטערס פאַמיליע־נאָמען און די מוטער איז די איינציקע פרנסה־געבערין און ווען זי איז ביי דער אַרבעט, איז דאָס קינד הפקר, נישט באַזאָרגט און אָן אָן אויפזיכט.

צו די קינדער גיי איך אָפטער אַהיים, זעלטן ווען איך טרעף עמעצן אין שטוב, אַפילו דעם שילער אויך נישט. קום איך שפעט אין די אָוונטן, די מוטער איז מיד און דענערווירט. דאָס האַרץ איז איר איבערפולט מיט זאָרג און קלעמעניש. פאַר וועמען זאָל זי זיך באַקלאָגן אויף איר ביטערן גורל, אויב נישט פאַרן לערער?

„וואָלט ער כאָטש וואַסער אַריינגעטראָגן? וואָלט ער כאָטש געגאַנגען

אין דער ריי נאָך ברויט, נאָך קעראָסין ? ! נישט באַצאָלט פאַר דער עלעקטרי צו דער צייט — האָט מען זי אויסגעשלאָסן"...

## נאָך נישט קיין סאָוויעטישער

נאָך זייענדיק אין לויצק, אונטער דער מאַכט פון די סאָוויעטישע באַפרייער, איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון דער ריכטערין פונעם שטאָטישן געריכט, ווען איך בין געווען איר בייזיצער:

„אייך קען מען נאָך אַזוינס מוחל זיין, איר האָט נישט קיין ריין סאָוויעטישן צוגאַנג. אייך ווייזט זיך אַלץ אויס, אַז מיר פאַרמשפּטן אומשולדיקע מענטשן און איר פאַרטיידיקט זיי. ביי אונדז איז וויכטיק דער אינטערעס פונעם כלל, פון דער פאַרטיי, אָבער נישט פון דעם איינצעלנעם מענטשן".

אויך איצט איז מיר אויסגעקומען צו הערן ענלעכע רייד מצד חברים לערער, ווען איך האָב געוואָלט עפּעס אויפטאָן, עפּעס פּרווון אויפן דערציערישן געביט.

אין דעם הייל-פּעדאַגאָגישן אַנשטאַלט „צענטאָס" אין אָטוואָצק, האָב איך געקענט אַרויסגעבן במשך פון זעקס יאָר אַ טאָג-טעגלעכע וואַנטצייטונג, ביי דער מיטהילף פון די, אַזוי גערופענע, „דעפּעקטיווע קינדער" פאַרוואָס זשע זאָל דאָס מיר נישט געלונגען אין אַ נאָרמאַלער שול, ווו עס זענען פאַראַן פּיאָנערן און קאָמסאָמאָלצעס ?

איך בין געווען זיכער, אַז אַ פּעריאָדישע וואַנט-צייטונג, וואָס אָטעמט מיטן טאָג-טעגלעכן לעבן, וועט זיין דער בעסטער דערציערישער פאַקטאָר אין אונדזער שול-אַרבעט; אַז עס וועט העלפן אַנטדעקן טאַלאַנטן צווישן די שילער, עס וועט וועקן דעם געזעלשאַפטלעכן אינטערעס זייערן. אָט די געדאַנקען האָבן מיך געטריבן פאַרצולייגן דעם פּעדאַגאָגישן ראַט פון דער שול זיך אַרויסזאָגן וועגן אַרויסגעבן אַ טעגלעכע וואַנט-צייטונג אין שול, ביי דער מיטהילף פון די לערער און פון דער קאָמסאָמאָל-אָרגאַניזאַציע.

זען איך וואָלט געוווסט, אַז מיין פאָרשלאָג וועט זיך אָנטרעפן אויף אַזאַ קעגנערשאַפט, וועט אויפרודערן די געמיטער כמעט פון אַלע לערער און דערציער — וואָלט איך זיך אפשר צוריקגעצויגן. ס׳איז אָבער געווען צו שפּעט. דווקא דער דירעקטאָר, זיין פאַרטרעטער — דער סעקרעטאַר פון דער לערערישער פּאַרטיי־גופע, האָבן דעם געדאַנק אויפגעכאַפּט און אונטערגעהאַלטן:

„אדרבא, זאָל חבר פּערעל פּרוּוון".

און איך האָב נישט נאָר געפּרוּווט. נאָר טאַקע אָרגאַניזירט דאָס אַרויס־געבן די טעגלעכע וואַנט־צייטונג „סיגנאַל". די קאָמסאָמאָל־אָרגאַניזאַציע האָט אויסגעטיילט אירע בעסטע און אינטעליגענטסטע מיטגלידער אַלס מיטרעדאַקטאָרן און קאָרעספּאָנדענטן. יעדער קלאַס האָט געהאַט אַ באַזונ־דערן קאָרעספּאָנדענט, וואָס האָט במשך פונעם טאָג פאַרשריבן אין זיין טאָג־ביכל אין קורצן וועגן אַלץ, וואָס איז געשען ביי אים אין קלאַס; די ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענטן האָבן דערטראָגן וועגן די ספּאָרט־פאַרמעסטן, וואָס פלעגן פאָרקומען אין שול, די מער באַגאַבטע האָבן געשריבן לידער, פעליעטאָנען. מאַטעריאַל האָט קיינמאָל נישט געפעלט. נישט שטענדיק פלעג איך שטעלן אויף זיך. גאָר אָפט פלעג איך צווייפלהאַפטע מאַטעריאַלן צושטעלן דעם סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און געבעטן זיין שריפטלעכע באַשטעטיקונג.

פיר העפט־זייטלעך זענען געווען פול יעדן טאָג. זיי זענען אָרייב־געשטעלט געוואָרן אין פענצטערלעך פון אַ ספּעציעלער ראָם. אויפן אַנדערן טאָג פלעגן די פיר זייטלעך אַראָפּגערוקט ווערן נידעריקער און דעם אויבנ־אָן האָבן פאַרנומען די נייע פיר זייטלעך.

דער אינטערעס צו דער טאָג־צייטונג איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, הן מצד די שילער, הן מצד די לערער. איר ווירקונג אין דער דערציערישער אַרבעט האָט דאָמינירט איבער אַלע אַנדערע. מיט אומגעדולד פלעגן די שילער וואַרטן אויף דעם לענגערן איבעררייס, ווייל דאַן פלעגט דערשיינען דער נייער נומער. צוליב דעם גרויסן געדראַנג, האָט איינער געמוזט לייענען אויף אַ קול פאַר אַלע.

עס האָבן זיך שוין אָפּגערופן לערער, וואָס האָבן חשק געהאַט מיך צו פאַרטרעטן אין דער רעדאַקציע־אַרבעט.

דאָך האָבן אייניקע פון מיינע נאָענטסטע חברים, יידן, נישט אויפֿגעהערט מיר פאַרצוואַרפֿן:

„דו ביזט נאָך אַלץ נישט קיין סאָוויעטישער. די השפּעה פון די פריערדיקע פוילישע צייטן איז נאָך גרויס אין דיר. הלוואַי עס זאָל דיר דיין דערפאַלג נישט באַנג טאָן".

אין מיין דערציערישער אַרבעט, איז מיר נויטיק געווען אַן ענגערער קאָנטאַקט מיט די עלטערן. מיר טוען דאָך אַ בשותפותדיקע אַרבעט, מוזן מיר העלפֿן איינער דעם צווייטן — וועט דער דערפאַלג זיין אַ גרעסערער. קיין עלטערן, ווי מיר פאַרשטייען, אַ טאַטן מיט אַ מאַמען, האָבן, ליידער, מערסטנס פון מיינע שילער נישט געהאַט. העכער אַ העלפֿט האָבן געהאַט בלויז אַ מאַמען. וועגן זייער טאַטן האָט נאָר געוווּסט די מאַמע זייערע, און מעגלעך, אַז זי אויך נישט... די מוראדיקע וועלט־מלחמה האָט אומגעבראַכט די טאַטעס און פון די צוריקגעקומענע האָט נישט געקלעקט קיין מענער פאַר אַלע פרויען. האָבן זיי זיך געמוזט באַגנוגענען מיט קורצערע ליבעס. די ראַטן־מאַכט האָט קיין שטערונגען נישט געמאַכט. פאַרקערט, אַט די מוטערס־פאַראיינזאַמטע האָבן געגאָסן פון ספּעציעלע פּריווילעגיעס ביים איינאָרדענען די קינדער אין די יאַסלעס אָדער קינדער־גערטנער. די קינדער־היימען זענען פול געווען מיט אַזעלכע האַלבע יתומים.

די מוטערס פון די קינדער זענען געווען פאַרנומען מיט שאַפֿן פאַר זיך און איר קינד מיטלען צום לעבן. נאָך דער שווערער אַרבעט האָט זי נאָך געדאַרפט אויסשטיין אין די לאַנגע רייען, כדי צו באַקומען ברויט, צוקער, אַ געפרוירענעם קראַליק, אַנשטאָט פלייש.

גאָר אָפט פלעג איך קיינעם נישט טרעפֿן אין שטוב, ווי שפּעט אין אָוונט איך זאָל נישט קומען.

איז פאַרשטענדלעך, הלמאי איך האָב איינגעפירט ספּעציעלע קאָרעספּאָנדענץ־ביכעלעך צווישן מיר און די עלטערן. וועגן יעדער זאַך, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיטן קינד, פלעג איך אָנשרייבן אַ פּאָר שורות צו די עלטערן. נישט תמיד פלעג איך זיך קלאָגן אויף עפּעס, פאַרקערט, גאָר

אָפּט, פלעג איך מעלדן וועגן דער גוטער אויפפירונג, וועגן אויספּילן די פּליכטן, וועגן אַ שיינער נאַטיץ פונעם קינד, וואָס האָט זיך באַוויזן אין צייטונג. אָבער אויך וועגן נישט קיין אָנגענעמע זאַכן איז מיר אויסגעקומען צו מעלדן: די לעקציעס זענען נישט געמאַכט געוואָרן, ער האָט דערלאַנגט אַ חברטע, אַ ריס געטאָן ביים צאָפּ און באַשטראָפט געוואָרן...

די עלטערן פלעגן זיך אונטערשרייבן, אַז זיי האָבן געלייענט די מעלדונג. אייניקע פלעגן צושרייבן וועגן דעם קינדס אויפפירונג אין שטוב, וועגן דער הילף, וואָס ער גיט דער מוטער, נעמענדיק אויף זיך די פּליכט צו קויפן ברויט א.א.וו.

סיי איך, סיי די עלטערן זענען געווען צופרידן פון די איינגעפירטע קאָרעספּאָנדענץ־ביכעלעך. אָבער דער פּאַרזיצער פונעם פּראָפּאַריין האָט געהאַלטן, אַז עס איז אַן איבעריקע אַרבעט דאָס איבערשרייבן זיך. עס פאַרנעמט צופיל צייט ביים לערער און ביי די עלטערן. און נאָך מער: די „ביכעלעך" פאַרמינערן דעם ווערט פון דעם מלוכהשן פאַרבינדונגס־מיטל — דעם שילערישן טאָג־בוך.

„אייך ליגט נאָך אַלץ אין קאָפּ דאָס אַמאָליקע, דאָס נישט סאָוויעטישע" — האָט ער מיר אַמאָל אַריינגעזאָגט.

אויב דאָס איז נישט סאָוויעטיש, וואָס זשע איז סאָוויעטיש? — האָב איך ביי זיך געטראַכט.

איך דערמאָן זיך אַ פאַל: דאָס איז געווען ערב דער פייערונג פון דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די שילער פון פינף פּאַראַלעלע זעקסטע קלאַסן זענען זיך צונויפגעקומען צוזאַמען מיט זייערע דערציער, כדי אויסצוהערן אַ רעפעראַט פון דער געשיכטע־לערערין דאָראַ איסאַקאָוונאַ אויף דער טעמע „די גרויסע קאָמוניסטישע אָקטאָבער רעוואָלוציע". מיר האָבן געוואַרט און נישט דערוואַרט זיך אויף דער פּרעלעגענטין. עס איז אָנגעלאָפן אירע אַ שכנה און געמאָלדן, אַז די לערערין קען נישט קומען, ווייל איר זון האָט באַקומען הויכע היץ. איך בין געגאַנגען צו סאַפּאָזשניקאָוון, אונדזער הילפס־פאַרוואַלטער און סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און אָנגעפרעגט וואָס צו טאָן. ער האָט געראַטן, אַז דער צווייטער לערער פון היסטאָריע, חבר בערנשטיין, זאָל זי פאַרטרעטן. יענער האָט זיך קאַטע־

גאָריש אָפּגעזאָגט, טענהנדיק, אַז ער האָט זיך נישט צוגעגרייט, ער האָט נישט דעם רעפעראַט אין אַ שריפטלעכער פאָרם און קען דעריבער נישט אַרויסטרעטן. דאַן האָט ער זיך געוואָנדן צו מיר:

„מען קען דאָך נישט די שילער, וואָס וואַרטן אַזוי לאַנג, פאַרפירן. איך בעט אייך, חבר פּערעל, זאָגט איר זיי אַ פּאָר ווערטער וועגן דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע".

איך האָב מסכים געווען, נישט טראַכטנדיק אַפילו. וואָס? אַ לערער קען נישט זאָגן אַ פּאָר ווערטער זיינע שילער וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע?

מיין אומגעריכטע אַרויסטרעטונג איז געלונגען. די שילער האָבן הייס אַפּלאָדירט. אויך די דערציער האָבן מיך געלויבט פאַר מיין געוואָגטקייט און דרייסטקייט.

בלויז פון מיין חבר בערנשטיין, האָב איך אַריינגעכאַפּט:

„ס'קומט דיר, יואל, אַ קוש אין קעפּעלע פאַר דיין אימפּראָוויזירטן רעפעראַט און דיין אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג. איך מוז דיר אָבער זאָגן, אַז נישט אַזוי פירן זיך סאָוועטישע מענטשן. אפשר וועט דיר דאָס מאָל אָפּגיין גלאַטיק, נאָר מער זאָלסטו אַזוינס נישט טאָן. אויף אַ פּאָליטישער טעמע טאָר מען נישט אַרויסטרעטן אָן אַ גוטער צוגרייטונג, אַלץ מוז זיין אָנגעשריבן אויף פּאַפּיר און באַשטעטיקט ווערן דורך די געהעריקע פּאַרטיי־אינסטאַנצן. לייענען דאַרפסטו פונעם פּאַפּיר וואָרט ביי וואָרט, כדי זאָלסט קענען אָפּלייקענען, אויב מען וועט דיר פאַרוואָרפן עפּעס טרייף־פּסולס".

די לערע פון מיין מער דערפאַרענעם חבר, האָב איך אויסגעהערט און אַפילו ביי זיך געהאַלטן, אַז ער איז גערעכט, דאָך איז מיר נישט אַלע מאָל געלונגען צו האַלטן זיך ביי דער ליניע. דער דראַנג אויפצוטון עטוואָס נייעס האָט געוואַרצלט אין מיר טיף און האָט מיך געטריבן צום אויסלאָדן זיך, צום שאַפן.

איך האָב, למשל, צוגעגרייט אַן אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל פאַר אַ „פּיאָנערן־צוזאַמענפאַל" אויף אַ היימישער טעמע: „קיסעלעוו — דער גרויסער מאַטעמאַטיקער". נאָך פאַר דער רעוואָלוציע האָט מען אין די מיטל־שולן געלערנט זיינע ביכער וועגן דער טעאָריע פון מאַטעמאַטיק,

אויך נאָך דער רעוואָלוציע זענען ווייטער פאַרבליבן זיינע ביכער. פאַרוואָס זשע זאָלן אונדזערע שילער אים נישט דערקענען נעענטער, זיין ביאָגראַפיע, זיין שאַפן און זיינע דערגרייכונגען? עס האָט אויסגעזען ווי אַ פּיעסע, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך זייער אַ סך מיט קלענערע רעפּליקעס, מיט שיינע אויפגאַבן, אויך מיט אַ קאָמישן אינהאַלט, מיט רעבוסן, למשל: אַווטולימעט איז געבוירן אין 223־טן יאָר און געשטאָרבן נאָך אַפּלעבן 84 יאָר. אַ העלפט פון זיין לעבן איז ער אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט. אַ דריטל האָט ער געפּטרט אויף פאַרגעניגנס. וויפיל האָט דעמאָלט געקאָסט אַ קילאָ טשוועקעס און צי איז ער געווען אַ באַווייבטער? (טשעכאָוו).

אַפילו אָט דעם מאַטעריאַל האָב איך געדאַרפט צושטעלן צו אַ קאָנטראָל און באַשטעטיקן אים. דער פּיאָנערן־צוזאַמענפלי האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, סיי ביי די לערער, סיי ביי די שילער. דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט מיר פאַרגעלייגט אַנצושרייבן מאַטעריאַלן פאַרן נייעם צוזאַמענפלי וועגן לענינען און שפּעטער וועגן סטאַלינען. איך האָב די מאַטעריאַלן צוגעשטעלט. זיי זענען באַשטאַנען פון שוין געדרוקטע לידער און אַרויסזאָגן זיך פון באַרימטע, אַנערקענטע קינסטלער. מיין אויפ־גאַבע איז באַשטאַנען אין צונויפבינדן זיי אין איין גאַנצעס. אַפילו די מוזיק איז געווען אַ באַקאַנטע פון די באַוווסטע קאָמפּאָזיטאָרן. דאָך זענען די מאַטעריאַלן אַדורכגעגאַנגען אַ שטרענגע קאָנטראָל נישט בלויז פון אונדזער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, נאָר אויך פון די העכערע אינסטאַנצן, איידער זיי זענען אויסגעפירט געוואָרן דורך די פּיאָנערן.

מיינע יידישע חברים האָבן געקריצט מיט די ציין און אַפילו מורא געהאַט מיר פאַרצוואָרפן, הלמאי איך פּלי, ווי די לעגענדאַרע ער׳שטע פּליער, דעדאַל און איקאַר, צו הויך. און געטראַכט זיכער דערביי: הלוואי זאָלן די הייסע זון־שטראַלן נישט צעשמעלצן אויך זיינע מיט וואַקס באַ־האַפטענע פליגל...

# מעדאַלן און אָרדנס

פאַר דער גרויסער וועלט־מלחמה איז דער אויסערלעכער אויסזען פון די סאָוויעטישע מענטשן געווען ביז גאָר אַ באַשיידענער. מעגלעך, אַז די באַשיידנקייט איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון מאַנגל אין אַלץ: סיי אין בעסערע שפּייזן, סיי אין שטאָפן, סיי אין קוואַליפיצירטע מייסטערס. מעג־לעך, אַז ס'איז געווען אַ רעאַקציע קעגן דעם פריערדיקן לוקסוס פון די רייכע קלאַסן, אָדער פון די איצטיקע קאַפּיטאַליסטן אין אויסלאַנד. דער אָפיציר אין דער רויטער אַרמיי האָט זיך גאָר ווייניק אויסגעטיילט פונעם פּשוטן זעלנער, דער אַנגעזועענסטער מלוכה־מאַן האָט געטראָגן אַ לעדערן רעקל, אַ פּאָר גאַליפע־הויזן און שטיוול. אַפילו די „סטאַלינוווקע" איז באַשטאַנען פון אַן איינפאַכן פאַרמאַכטן פּידזשאַק, מיט פיר קעשענעס פון פאָרנט, גאַליפע־הויזן און שטיוול.

אויף די שפּיצן פון די קעלנער האָבן די מיליטער־לייט געטראָגן: „דרייעקן", „קוואַדראַטן", „שפּאַלעס" און „ראָמבן", וואָס האָבן באַצייכנט זייער ראַנג.

ערשט אין גאַנג פון דער מלחמה, זענען איינגעפירט געוואָרן „אויף אַ נאָווינע" די פּאַגאָנעס אויף די אַקסלען. אַנשטאָט „קאָמיסאָרן" זענען אויפגעשטאַנען תחית המתים די „פּאָרוטשיקעס", „קאַפּיטאַנען", „מאַיאָרן" און „גענערעלער", אַפילו „מאַרשאַלן".

סטאַלין אַליין האָט זיך געקרוינט אַלס דער ערשטער מאַרשאַל. דערצו זענען אויפגעקומען אויסצייכענונגס־מעדאַלן „פאַר העלדישקייט", „פאַר סעוואַסטאָפּאָל" א. א.

נאָך שפּעטער זענען אַרויסגערוקט געוואָרן די אָרדנס: „פון סוואָ־ראָוון", פון „קוטוזאָוון", פון „מינין און פּאָזשאַרסקי" און אויך דער העכ־סטער אָרדן, דער „לענין־אָרדן", פון ריינעם גאָלד געמאַכט, מיט לענינס בילד. דעם אָרדן האָט מען געגעבן די „העלדן פון ראַטן־פאַרבאַנד", אָדער די גרויסע פירער און סטראַטעגן. יעדער אָרדן האָט געבראַכט כבוד און אויך מאַטעריעלע באַלוינונג.

נאָך דער מלחמה פלעגן די בעסטע אַרבעטער אויסגעצייכנט ווערן מיטן אָרדן: „דער העלד פון סאָציאַליסטישער אַרבעט". בכלל זענען די מעדאַלן „פאַרן אָנטייל אין דער גרויסער וועלט־מלחמה" געטיילט געוואָרן אַלע, אַפילו די מוטערס, וואָס האָבן געבוירן אַ גרויסע צאָל קינדער האָבן באַ־קומען אָרדנס „די מוטער־העלדין" א. א.

אויך לערער, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט אין זייער פּעדאַגאָגישער אַרבעט במשך פון דרייסיק יאָר, פלעגן באַקומען דעם „לענין־אָרדן".

צווישן אונדזערע לערער האָבן באַקומען דעם גאָלדענעם „לענין־אָרדן" דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע סאַפּאָזשניקאָוו און זיין פרוי. ער — אַ לערער פון געשיכטע, זי — אַ לערערין פון מאַטעמאַטיק. זיי האָבן געהאַט צוויי זין, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער מלחמה לעבעדיק און גאַנץ. דער עלטערער האָט אַפילו געבראַכט דעם „לענין־אָרדן". ביידע זין האָט מען צוגענומען אויפן יורידישן פאַקולטעט, אין דער אָפּטיילונג פאַר סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטן. דער משפחה איז צוגעטיילט געוואָרן אַ פּלאַץ אויפן שטח פון דער שול און זיי האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט אויפצובויען פאַר זיך אַן אייגענע שטוב מיט אַ גאָרטן אַרום דער שטוב.

איך דערמאָן זיך, ווי דער מלוכהשער ראַדיאָ־קאָמיטעט אין קיעוו האָט אָפּגעמערקט דעם גרויסן יום־טוב פון די צוויי לערער אָרדן־טרעגער. קודם כל האָט מען זיי צוגעשטעלט אַ געניטעם סצענאַר א. נ. „ביי אַ גלעזל טיי אין דער משפחה פון לענין־אָרדן־טרעגער". יעדער איינער האָט געדאַרפט אויסלערנען זיין ראָל, אַפילו די אַלטע מוטער האָט געוווּסט גענוי ווען זי דאַרף אַ לאַך טאָן, אַ קוש טאָן די שנור און זון און וואָס זי האָט דערביי צו זאָגן. די ראַטן־מאַכט פאַרלאָזט זיך נישט אויף ניסים. אַלץ מוז קלאַפּן ווי אויף דער סצענע, דערצו אַן אַ סופליאָר. אין צוויי וואָכן אַרום, אין אַ זונטיק, אַרום 9 אין דער פרי האָט מען די גאַנצע פאַמיליע פאַרנומען אין דער אַטעליע פון ראַדיאָ־צענטער און פּינקטלעך 10 אין דער פרי, האָבן מיר אַלע געהערט דורכן ראַדיאָ־פּונקט, ביי זיך אין שטוב, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי אַ גלעזל טיי אין דער משפחה סאַפּאָזשניקאָוו. אַפילו דער קוש פון דער אַלטער מוטער איז געווען אַ פלאַמיקער, הויך אויפן קול.

מילא, איך האָב געלייענט דעם סצענאַר און געוווּסט פריער, וואָס

ס'וועט שפּעטער פאָרקומען, אָבער אויך אַנדערע האָבן אָפּגעפילט די גע־קינצלטקייט און אומנאַטירלעכקייט פון דעם „פריילעכן גלעזל טיי״.

אַזוי געקינצלט ווערן אין ראַטן־פאַרבאַנד געשאַפן די גרויסע באַוועגונגען, וואָס האָבן דעם ציל צו הויבן די פּראָדוקציע, די קוואַליטעט, די סטאַכאַנאָוו־באַוועגונג, די קריוואָנאָסאָוו־באַוועגונג א. א. פּאָר איינצעלנע ווערן געשאַפן אויסטערלישע גוטע באַדינגונגען פון אַרבעט, כדי זיי זאָלן באַקומען אַ העכערע פּראָדוקטיוויטעט. וועגן זיי צעפּויקט מען אין די צייטונגען, ראַדיאָ, טעלעוויזיע, אויף די מאַסן־פאַרזאַמלונגען. מען רופט נאָכטאָן זייער ביישפּיל. אַנדערש קענסטו געשטעמפּלט ווערן אַלס פוילער, אָדער גאָר סאַבאָטאַזשניק. מען שטרענגט זיך אָן, מען אַרבעט איבער די כוחות, מען הויבט אויף די נאָרמעס, די קוואַליטעט, אָבער צו סטאַכאַנאָוון דערגייט מען נישט. די מענטשלעכע ענערגיע האָט אַ גרענעץ. דאָס נישט ראַציאָנעלע פאַרנוצן זי שעפּט זי שנעל אויס. דאָס איז די סיבה, וואָס די קינסטלעכע מיטלען פאַלן סוף כל סוף אַדורך און מען מוז אָנקומען צו נייע.

איך דערמאָן זיך דעם פאַל, ווען די אַרבעטער פון פּוטילאָווער זאַוואָד אין לענינגראַד, האָבן אויף איינער פון זייערע פאַרזאַמלונגען באַשלאָסן ווענדן זיך צו דער רעגירונג און צענטראַל קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי מיט אַ פאָרשלאָג: היות די מלוכה־געלטער, וואָס ווערן אויסגעצאָלט די באַזיצערס פון אָרדנס זענען אומגעהויער גרויס, לייגן זיי פאָר: דאָס באַזיצן פון דעם אָרדן איז אַ גענוגנדיקער מאָראַלישער פאַקטאָר, וואָס דערהויבט דעם באַזיצער און דערפאַר איז נישט בויטיק די מאַטעריעלע באַלוינונג. זיי זאָגן זיך אָפּ פון איר און רופן אַלע אָרדן־טרעגער נאָכצוטון זייער ביישפּיל. דער רוף איז געווען גענוג, אַז הונדערטער טויזנטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט „פונעם אייגענעם ווילן״. די מלוכה־קאַסע איז באַרייכערט גע־וואָרן מיט מיליאָנען. דערפאַר אָבער זענען די אָרדן־טרעגער, די אומגליקלעכע אינוואַלידן, געצווונגען געוואָרן זיך אַרויסלאָזן אין די גאַסן בעטלען ביי די דורכגייער אויף ברויט און אויף בראַנפן, וואָס האָט געדאַרפט שטילן זייער בושה און געוויסן. די נישטיקע פּענסיע, וואָס זיי פלעגן באַקומען פון דער מלוכה האָט נישט געקלעקט אויף די מינימאַלסטע באַדערפענישן.

אין צושטאַנד פון שיכרות, האָבן די אָן־פּיסיקע, אָדער אָן־העגטיקע אינוואַלידן נישט געבעטלט, נאָר געפאָדערט, ממש געריסן די דורכגייער ביי די פּאָלעס: „בירגער, חבר, פאַר דיר האָב איך געקעמפּט, פאַרלוירן די הענט און פיס. דאָס געזונט. דיין חוב איז מיר צו געבן!"

די חוצפּה האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אין אַ צייט אַרום זענען די אַלע שיכורע בעטלער פאַרשוווּנדן פון די גרויסע שטעט. וווּהין מען האָט זיי פאַרנומען האָבן גאָר ווייניק מענטשן געוווּסט. אָבער פאַרשטאַנען האָבן אַלע, אַז מיט דער ראַטן־מאַכט טאָר מען זיך נישט שפּילן. מען טאָר אַפילו נישט ריזיקירן...

צי האָבן אויך יידן באַקומען אָרדנס און מעדאַלן?

לויט דער אינפאָרמאַציע פון דער „איזוועסטיאַ", דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון העכסטן מלוכהשן ראַט, האָבן די יידן, פּראָפּאָרציאָנעל צו זייער צאָל אין ראַטן־פאַרבאַנד, באַקומען דאָס צווייטע אָרט נאָך די רוסן די אָרדנס „העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד". אַלע האָבן געוווּסט, אַז דווקא די יידן האָבן אין די רייען פון דער סאָוויעטישער אַרמיי געקעמפט מיט גרויס העלדיש־קייט. דאָך פלעגט מען נישט זעלטן הערן אויפן אַדרעס פון די יידישע אָרדן־טרעגער:

„זיי האָבן זייערע אָרדנס געקויפט אין טאַשקענט ביי די אינוואַלידן".

פאַר די יידן, וואָס זענען געקומען פון פּוילן, האָט מען געקאַרגט די אָרדנס, אַפילו די מעדאַלן. צו די „פּוילישע" האָט מען קיין צוטרוי נישט געהאַט. פאַר מיר איז זיכער שוין געווען צוגעגרייט אַ מעדאַל, ווי עס האָט מיר אַפילו געמאָלדן די פאַרוואַלטערין פון דער שול־אָפּטיילונג, זאָיע סאָ־וויטשנע ניעטשיפּאָרוק, אָבער באַקומען האָב איך אים נישט.

אויך מיין זון מאַרקס האָט פאַרענדיקט די שול מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. ער און נאָך איינער, אַן אוקראַאינער. דער צווייטער איז באַלד אַריינגעטרעטן אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע אין מאָסקווע. מיין זון ווידער האָט געמוזט, פון „אייגענעם ווילן", מסכים זיין אויף אַ זילבערנעם מעדאַל, כדי צו דערמעגלעכן זיינע זעקס חברים, נישט יידן, צו באַקומען זילבערנע מעדאַלן. אויך מיט אַ זילבערנעם מעדאַל האָט מען צוגענומען אין דער הויך־שול אָן שום איינטריטס־עקזאַמענס. אין דער קיעווער פּאָלי־

טעכניק האָט מען אַריינגענומען נישט ווייניק פון זיינע חברים, אוקראַינער און רוסן, אַפילו אָן מעדאַלן, אים האָט מען אַזוי לאַנג אָפּגעלייגט, ביז עס איז געקומען דער לעצטער טערמין. דאָן האָט ער געמוזט רעזיגנירן פון דער פּאָליטעכניק, צו וועלכער ער האָט אַזוי שטאַרק געשטרעבט.

## פּ אַ מ י ל י ע ן - ג ל י ק

ווו ס'הערשט אין דער פּאַמיליע
שלווה און רו —
גליק ביי די מענטשן
און שלום דערצו...

אַזוי האָט דער אוקראַינישער פאָלקס-פּאָעט שעווטשענקאָ, באַזונגען אין זיין ליד דאָס פּאַמיליען-לעבן.

אין ראַטן-פּאַרבאַנד, איבערהויפּט נאָך דער מלחמה, האָבן בלויז גע-ציילטע מענטשן געגאָסן פון אַ גליקלעך פּאַמיליען-לעבן. אין אַ לאַנד, ווו די צאָל פרויען שטייגט אַ סך איבער די צאָל מענער, איז תמיד דאָס פּאַמיליען-לעבן באַדראָט מצד אַ דריטן פּאַראינטערעסירטן צד. אין דאָרף, אין די קאָלכאָזן, זענען פאַרבליבן בלויז געציילטע מענער, מערסטנס אינ-וואַלידן, אָדער זקנים. אויך פאַר זיי האָבן די יונגע פרויען געקעמפּט צווישן זיך מיט עקשנות און כיטרעקייט.

די יונגערע מענער, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער מלחמה, האָבן נישט געוואָלט זיך צוריקקערן אין קאָלכאָז אַריין. זיי זענען פאַרבליבן אין די שטעט, ווו עס איז געווען אַ מאַנגל אין אַרבעטס-הענט ביים צוריק אויפבויען די רואינירטע ווירטשאַפט. קיין וווינונגען פאַר די משפחות זענען נישט געווען, האָבן זיי געוווינט אין אַלגעמיינע וווינונגען.

די מלחמה האָט נישט נאָר אומגעבראַכט אָן אַ שיעור מענטשלעכע לעבנס, נאָר אויך חרוב געמאַכט מענטשלעכע ווערטן, פאַרקריפּלט מוחות און נאַטירלעכע געפילן.

די גאָר קליינע צאָל מענער יידן, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט אין

זייערע פריערדיקע היימען, האָבן דאָרט געטראָפן בלויז חורבות. זייערע ווייבער און קינדער, אייגענע און נאָענטע האָבן פאַרפולט די ברידער־קברים אין באַבי־יאַר און אַנדערע ערטער. יעדע אַנגעטראָפענע פרוי, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ דירה, האָט דעם מאַן לייכט געפאַנגען אין אירע נעצן. דער „זאַגס" (מלוכהשע רעגיסטראַציע־אָפּטיילונג), האָט נישט געמאַכט קיין שטערונגען ביים רעגיסטרירן דאָס נייע פּאָרל.

די קינדער, די פילבאָרע און צאַרטע, זענען אָפט געווען עדות פון זייערע מוטערס אוממאָראַלישע טאָטן, פון דעם נייעם „טאַטנס" נישט שיינע מעשים. בכלל זענען זיי אין די סאַמע יונגסטע יאָרן שוין געוואָרן באַוווסטזיניק און רייף. דער לערער אין שול איז נישט בכוח געווען אַנטקעגנ־ווירקן די נעגאַטיווע איינפלוסן פון דער אַרומיקער סביבה אויפן קינד. דער שילער איז נייגעריק געווען צו דערוויסן זיך, וואָס מער וועגן דעם אינ־טימען לעבן אויך פון זיין לערער און לערערין. נישט זעלטן פלעגן זיי שמועסן צווישן זיך וועגן יעדן לערער באַזונדער. אויך פון דער זייט האָבן זיי נישט געהאַט פון וועמען זיך אָפּצולערנען עפּעס דערהויבנס און שיינס.

די לערערין פון מאַטעמאַטיק האָט אַ זון מיט אַ טאָכטער. זי הינקט אונטער אויף איין פוס. איר מאַן אַרבעט אין פּאַרטיי־קאָמיטעט פון קאַגאַ־נאָוויטשעס ראַיאָן, נאָר מיט זיין פאַמיליע וווינט ער נישט. עס פּאַסט אים נישט צו האָבן אַ ווייב, וואָס איז פאַרבליבן אויף דער אָקופּירטער טערי־טאָריע. ער אַליין איז אַנטלאָפן און נישט געוואָרגט וועגן זיין ווייב און קינדער. צוריקגעקערט האָט ער זיך שוין מיט אַן אַנדערער, וואָס האָט שוין אַפילו אַ זון אים געבוירן.

די לערערין פון געשיכטע, אַ מיטגלידערין פון דער פאַרטיי, אַ יידישע, האָט אַ פּיצל קינד. דער פאָטער פונעם קינד איז אַ היסטאָריקער. אויך אַ לערער, פון אַן אַנדערער שול, ער, אַן אוקראַינער, איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה אַן אינוואַליד, האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגער פרוי און וויל מער פון דער פריערדיקער נישט וויסן, אַפילו צום קינד קומט ער קיינמאָל נישט.

דער דירעקטאָר פון דער שול האָט זיך צוריקגעקערט פון דער מלחמה מיט אַ יידישער יונגער פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ טאָכטער. זי איז געווען

אַ קראַנקנשוועסטער אין שפּיטאָל, ווו ער איז געלעגן אַ פאַרוואונדעטער. זי איז געווען פון די פּליטים פון פּוילן. צי זי האָט אָפיציעל מיט אים חתונה געהאַט, צי נישט — האָט קיינער נישט געוווּסט. זי האָט אויך אין שול ביי אונדז געאַרבעט אַלס קראַנקנשוועסטער. שפּעטער האָט דער דירעקטאָר אַראָפּגעבראַכט זיין מוטער פון דאָרף צו זיך. אָט די אַלטע פּויערטע האָט נישט געקענט אויסקומען מיט איר יונגער שנור. בכלל האָט זי געהאַלטן, אַז דער שידוך איז נישט קיין צוגעפּאַסטער. ער איז אַ דירעקטאָר און זי — אַ יידישע פרוי פון פּוילן, וואָס האָט אים דערצו נאָך אין נדן געגעבן אַ טאָכטער. לסוף האָט, ווייזט אויס, דער דירעקטאָר מסכים געווען מיט זיין מוטער. מיט דער ערשטער פּאַרטיע רעפּאַטריאַנטן איז די קראַנקנשוועסטער צוזאַמען מיט איר טאָכטער צוריקגעפאָרן קיין פּוילן.

די שול־אינספּעקטאָרין, די אַנפירערין פונעם מעטאָד־קאַבינעט, איז פאַרבליבן אַן עלטערע מויד. זי האָט אַפילו געהאַט אַ דירה ביי דער דריטער שול. האָט זי אָבער געהאַט אַן אַלטע, קראַנקע מוטער. דער בעסטער פריינד אירער, האָבן די לערער צווישן זיך געחוזקט, איז די ווייסע אַנגאָרע־קאַץ. זי איז איר ליבלינג...

די לערער, וואָס האָבן געוווינט אין מיין אויפגעבויטער שטוב, אַראָן סאַמאָילאָוויטש און נינע וואַסיליעוונאַ, זענען געווען גאָר פאַרשידענע. ער אַ ייד, זי אַ רוסישע. ער האָט שוין געהאַט אין באַבי־יאַר זיין יידישע פרוי און טעכטערל. זי — האָט ערשט נישט לאַנג געבוירן אַ טאָכטער. זי איז אינטעליגענט, רייך מיט וויסן פון דער רוסישער ליטעראַטור, אַ באַ־גאַבטע לערערין און אַ כלל־טוערין; ער — אַ באַגרענעצטער לערער פון געאָגראַפיע, אַ געלער, מיט שאַרפע שטריכן און האַלב־בלינדע אויגן, דערצו גראָב אין דער באַנעמונג און אַ הייסער ליבהאָבער פונעם שאַרפן טראָפּן. זי איז מערסטנס אויסער דער שטוב, ער אַרבעט בלויז אין די אָוונטן אין אַן אַרבעטער־שול, פאַרנעמט ער זיך מיט דער גאַנצער ווירטשאַפט. אויף איר, זאָגט מען, אַז זי דולדעט אים בלויז צוליב באַקוועמלעכקייט און ווייל ער באַדינט זי, ווי אַ קנעכט. די דירה האָט זי באַקומען, נישט ער. גאָר אָפט ליאַרעמט ער, אַמפּערט זיך, אין דער אַנוועזנהייט פונעם קינד, אָבער גיט זיך סוף כל סוף אונטער. אוןביידע זענען לערער...

נישט בעסער איז די לאַגע פון אַ צווייט געמישט־פּאָרל, אונדזערע באַקאַנטע. ער אַ ייִד, געהילף דירעקטאָר פון אייזנבאַן־טעכניקום, אַ פּאַרטיי־מאַן, געהאַט אַ „בראַן" בעת דער מלחמה. זי האָט, אין דער צייט פון דער מלחמה, אַ דאַנק זיין מאַטעריעלער הילף, געענדיקט אַלס אַרכיטעקטין. ער האָט זי אויך איינגעאָרדנט אין קיעוו, אויף דער מזרח־דרומדיקער אייזנבאַן. זיי האָבן אַ זון מיט אַ טאָכטער.

באַלד נאָכן אומקערן זיך קיין קיעוו, האָבן זיי געוווינט צוזאַמען מיט זיינע עלטערן. דער בשותפותדיקער פּאַדערהויז, די קוך זענען געווען די קאַמפּס־פּלעצער צווישן דיביידע משפּחות. די אייניקלעך זענען געווען די צושויער פון אַלע קריגערייען, ביז עס איז געלונגען צו בייטן די בשות־פּותדיקע דירה אויף צוויי קלענערע. מילא, די מוטער האָט נישט דערלאָזט די אייניקלעך זיך צו טרעפן מיטן זיידן, מיט דער באַבען, אָבער אויך דעם איינציקן זון האָט זי „אַנטוויינט" פון זיינע עלטערן. אָן זיין פרויס וויסן, פלעגט ער דאָך אַמאָל אין אַ יובל באַזוכן זיינע אַלטע, קראַנקע על־טערן. די מוטער איז געשטאָרבן און דער אַלטער פאָטער פלעגט אַרויסקוקן אויפן זון לאַנגע חדשים. די פרוי האָט איר אַלטע, קראַנקע מוטער געבראַכט פון דאָרף און ער, איר מאַן, האָט געמוזט זאָרגן פאַר פינף פון זיין משפּחה און מער פון אַלע פאַר דער קראַנקער שוויגער.

ווען דער אייזנבאַן־טעכניקום איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַוויאַ־ציע־טעכניקום, האָט ער פאַרלוירן די אַרבעט. אַ פּאָר וואָכן איז ער אַרום־געגאַנגען זוכן אַרבעט. דאַן האָט אים זיין קריסטלעכע פרוי פאַרגעוואָרפן:

„נישט דערויף האָב איך חתונה געהאַט פאַר אַ ייִדן, איך זאָל דאַרפן אים אויסהאַלטן"...

עס וואָלט מיר נישט שווער אָנגעקומען צו פאַרצייכענען ווענן נאָך און נאָך משפּחות, און דווקא פון לערערס, וואָס זייער צוזאַמענלעבן האָט נישט געקענט דינען פאַר אַ מוסטער אפילו פאַר זייערע אייגענע קינדער, בפרט נאָך פאַר זייערע שילער. און דווקא דער מאָמענט, מיין איך, איז ביז גאָר אַ וויכטיקער און ווירקזאַמער אין דער דערציונג פונעם יונגן דור. אַ גוטער מוסטער געפעלט און דערציט, שלעכטע — פאַרקריפּלען און פירן אַראָפּ פון וועג.

„ווי דיין פירער פירט זיך — אַזוי וועסטו זיך פירן" — דאָס איז אַ פאַקט.

דאָס פריוואַטע פאַמיליען־לעבן פון די פירער פון ראַטן־פאַרבאַנד, איז געווען „טאַבו". אַ פאַרווערטע זאַך, וועגן וועלכער עס איז גלייכער געווען נישט צו רעדן. קיינמאָל האָבן זיי זיך נישט באַוויזן אין דער עפנטלעכקייט מיט זייערע פרויען, קיינער האָט נישט געשריבן וועגן זייערע פאַמיליע־אַנגעלעגנהייטן. בלויז בסודי־סודות פלעגט זיך אַמאָל דערטראָגן, אַז סטאַלין האָט זיין פרוי געבראַכט צו זעלבסטמאָרד און נישט נאָר וועגן דעם פירער אַליין האָט מען זיך געשושקעט.

אמתע, פשוטע, מענטשלעכע ליבע איז גאָר זעלטן געווען די טעמע פון די באַרימטע ליטעראַרישע ווערק, אויך די פילמען האָבן אָפט אויס־געמיטן די ראָמאַנטישקייט פון אַמאָל, זיי האָבן עס באַצייכנט אַלס קליינ־בירגערלעכקייט. ליב האָבן מוז מען בלויז די פאַרטיי, אירע פירער, דאָס היימלאַנד. אָט דער יאָט מאָראָזאָוו איז אַ העלד: ער האָט זיין אייגענעם טאַטן אויסגעגעבן, ווייל ער איז געווען אַ „קולאַק" — אַ קעגנער פון דער ראַטן־מאַכט... ער איז פאַרבליבן אַלס „העלד פון ראַטן־פאַרבאַנד", ווייל די קולאַקעס האָבן אים דערמאָרדעט.

פראָבלעמען נאָך פראָבלעמען, וואָס האָבן זיך ביז גאָר געגנויטיקט אין אַ לייזונג.

## צו שפעט זיך אַרומגעקוקט

די אויפלעבונג פון דער אויסגעבענקטער יידישער מדינה האָט דער־וועקט אין מיר, ווי ביי אַ סך יידן, די נאָסטאַלגיע, די בענקשאַפט צו אַ יידישער היים, צו דער יידישער קולטור, צו דער יידישער טראַדיציע. דערצו האָב איך זיך דערוווסט, אַז מיין עלטערע שוועסטער מירל מיט איר מאַן משה, זון און טאָכטער זענען פון בראַזיליע אַריבערגעפאָרן קיין ישראל. לייענענדיק וועגן דער וואָרעמער רעדע פון דער סאָוויעטישער פאַרשטייערשאַפט אין דער „אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס"

וועגן דעם פיל־געפרוווטן יידישן פאָלק און דער אונטערשטיצע פון ראַטן־פאַרבאַנד אין דער פראַגע פון דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מלוכה אין ישראל, בין איך, אַלס אַגיטאַטאָר, גרייט געווען וואָס שנעלער זיך צו טיילן מיט דער שמחה מיט די מיטגלידער פון מיין הויז־קרייז. דער סעקרעטאָר פון דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט אָבער באַוויזן אָפּצוקילן מיין קוראַזש, וואָרנענדיק, אַז מען דאַרף צוּוואַרטן אויף אַן אָפיציעלער שטעלונג אין דער פראַגע דאָ, אין לאַנד. „די שטעלונג פון דיפּלאָמאַטן האָט אַ שייכות מיט דער אויסערלעכער וועלט, אָבער נישט מיט אונדז" — האָט ער געזאָגט.

אויף מיין שוועסטערס בריוו פון ישראל האָב איך געענטפערט מיט אַ היימישן גרוס פון זיך, פון מיין ווייב און זון. מיינע חברים, די יידן, האָבן מיר געראַטן נישט שרייבן מער קיין בריוו קיין ישראל.

„ישראל איז אויסלאַנד, און אויסלאַנד איז טרייף". דערביי האָט איינער דערמאָנט דעם אומגעקומענעם אויף אַ מיסטעריעזן אופן מיכאָעלסן, דעם אַקטיאָר, רעזשיסער און פאָרזיצער פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט.

גאָר אומגעריכט האָב איך אויפגעהערט צו באַקומען פון מאָסקווע די איינציקע יידישע צייטונג „איניקייט", כאָטש איך האָב געהאַט שוין אָפּגעצאָלט ביזן סוף יאָר. אין קיעוו האָט מען אין די יידישע קרייזן גערעדט וועגן אַרעסט פון דעם סאָוויעטישן יידישן פּאָעט דוד האָפשטיין, איינער פון די גרונטלייגער פון דער ייִדיש־סאָוויעטישער פּאָעזיע.

כמעט אַלע סאָוויעטישע צייטונגען זענען פול געווען אין יענער צייט מיט אַרטיקלען, וואָס האָבן געטאַדלט אַנגעזעענע שרייבער, קינסטלער און וויכטיקע טוער, מערסטנס יידן, אַלס קאָסמאָפּאָליטן. אַמשטאַרקסטן האָט אַנגעגריפן די אוקראַיִנישע צייטונג „וויעטשערני קיעוו".

פון אַ שטילן דערציילן, פון אַ שושקעריי איז מען אַריבערגאַנגען צו עפנטלעכע שמועסן וועגן ספּעקוליאַנטן, וועגן „אומזיסטיקע פרעסערס", וואָס זויגן אויס דאָס בלוט פון דער סאָוויעטישער מלוכה, אָנרופנדיק דערביי מערסטנס יידישע נעמען.

דער באַוווסטער יידישער פּראָפעסאָר און פּעדאַגאָג אויף אוקראַיִנע, רעזניק, איז אויך אַריינגערעכנט געוואָרן צו די קאָסמאָפּאָליטן. שוין צופיל

שרייבט ער און רעדט וועגן אויסלענדישע געלערנטע און פּעדאַגאָגן, ווי פּעסטאַלאָצי, פרויד א. א.

די איבערלעבונגען האָבן דעם פּראָפעסאָר דערפירט צו אַ האַרץ־אַטאַק. דערצו איז זיין טאָכטער, וואָס האָט געאַרבעט אַלס אַסיסטענטין אין אוני־ווערסיטעט, אַרעסטירט און פאַרמשפּט געוואָרן אויף זיבן יאָר אַרבעטס־לאַגערן. געשמועסט האָט מען, אַז איר חברטע, אונדזער פּראָפּאַרייניש פאַרזיצערס טאָכטער, האָט צוגעלייגט דערצו אַ קנייטל. זי זאָל האָבן געפונען אין אַ בוך, וואָס זי האָט אויסגעבאָרגט ביי דער באַשולדיקטער, אַ נאַציאָנאַליסטיש ליד פון פרוגן און דערטראָגן וועגן דעם.

אין יאָר 1947 איז מיר געלונגען אָפּצוקויפן ביי אַ קריסט ביכער, וואָס ער האָט צוגענומען ביי אַן אינטעליגענטן יידישן פריינד, בשעת דער היטלער־אָקופּאַציע, ווען מען האָט אים אָוועקגעפירט „לויטן אוקאַז" קיין „באַבי יאַר" און אומגעבראַכט. די ביכער זענען: „די גייעסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק", אין 14 בענדער, פון די פּראָפעסאָרן גרעץ און פיליפּסאָן און „די יידישע ענציקלאָפּעדיע" אין דער רוסישער שפּראַך אין 16 בענדער. פאַר די ביכער האָב איך באַצאָלט דריי טויזנט רובל, פון מיינע ירושה־געלטער. די ביכער האָב איך אריינגעשטעלט אין אַ באַזונדערער שאַנק, אונטער גלאָז און דערביי באַצייכנט, אַז זיי זאָלן דינען אַלס מצבה נאָך מיינע אומגעקומענע מוטער, שוועסטער און ברידער, אָנגעבנדיק די נעמען פון די אומגעקומענע.

קיינעם וואָלט איך נישט געגעבן די ביכער, מורא האָבנדיק, זיי זאָלן נישט פאַרפאַלן ווערן. איך האָב אָבער געגלויבט, אַז מיין זון וועט זיך פאַראינטערעסירן מיט זיי און באַרייכערן אַזוי אַרום זיין נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין.

עס איז מערקווירדיק, אַז געליטן אַלס ייד האָב איך דווקא מצד יידן. דער מעטאָד־קאַבינעט האָט נישט פאַרמאָגט קיין גרויסע מעגלעכקייטן אַרומצופאָרן, כדי צו באַזוכן די שולן אויסער קיעוו. פלעגן זיי, די מעטאָ־דיסטן, טאַקע גאָר אָפּט באַזוכן די צען קיעווער שולן. צו מיר אויף די לעק־ציעס פלעגט קומען וויזיטירן די פאַרוואַלטערין פון מעטאָד־קאַבינעט, די מאַטעמאַטיק־פיזיקערין. זי, די מעטאָדיסטין וואָסער האָט געוווינט מיט מיר

אין איין הויף און אונדזערע באַציונגען זענען געווען נישט קיין שלעכטע. דאָך פֿלעגט זי אין אירע באַריכטן, מיך קריטיקירן, אָפֿט גאַנץ שאַרף. ווען איך האָב איר אַמאָל אויפֿמערקזאַם געמאַכט דערויף, האָט זי מיך מכלומרשט באַרויִקט, אַז דאָס מוז זי אַזוי טאָן, ווייל מיר ביידע זענען יידן, מען זאָל זי נישט חושד זיין אין סוביעקטיוויקייט און אַפֿילו געבעטן, איך זאָל פֿאַרשטיין איר לאַגע...

אייניקע פֿון מיינע באַקאַנטע יידן האָבן געהאַט בלויז אַ ראַדיאָ־הילכער און נישט קיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט, מען זאָל זיי נישט חושד זיין, אַז זיי הערן אויסלענדישע אודיציעס, דער עיקר, „קול ישראל". איך ווידער האָב גע־האַלטן, אַז די מורא איז איבערגעטריבן און איינגעקויפֿט פֿאַר ביליק געלט אַ געניצטן אויסלענדישן ראַדיאָ־אַפּאַראַט. גאַר זעלטן פֿלעג איך הערן „קול ישראל", דערצו גאַר שטיל, בלויז אין דער אַנוועזנהייט פֿון מיינע אייגענע.

פֿון מיינע מיטאַרבעטער, די לערער, פֿלעגן בלויז די יידישע חברים גאַר זעלטן קומען צו מיר און איך צו זיי. דער שכן פֿון דער צווייטער זייט וואַנט, אַראָן סאַמאָילאָוויטש, פֿלעגט גאַר אָפֿט קומען אומגעבעטן, כאָטש מיין פֿרוי איז נישט געווען צופֿרידן. זיין קריכערישקייט און חניפֿה־טאָן איז איר געווען דערווידער. נישט איינמאָל פֿלעגט זי אים געבן אָנצוהערן, אַז זי איז נישט צופֿרידן מיט זיין צו אָפֿטן קומען, אָבער צו אים איז דאָס ווי נישט דערגאַנגען. ער האָט נאָך אַריינגעפֿירט צו אונדז אַן עלטערן ייד, אַ פּענסיאָנער, וואָס פֿלעגט צוהאַנדלען מיט דעפֿיציטע מעטאַדישע ביכער פֿאַר אַ געזאַלצענעם פּרייז. צוליב זיין נעבעכדיקן אויסזען, האַלב בלינדע אויגן, האָט אים אַפֿילו מיין פֿרוי אַ פּאָר מאָל געגעבן הלוואות, ווייל ער האָט זיך שטאַרק גענויטיקט. ער האָט פֿאַרמאָגט יידיש און וועלטלעך וויסן, אָבער אין קיין לענגערע שמועסן, איבערהויפּט וועגן פּאָליטיק, האָב איך זיך נישט געלאָזט אַריינשלעפּן, געדענקענדיק, אַז איך בין אַ לערער פֿון אַ סאָוויעטישער שול.

צו אונדז פֿלעגט פֿון צייט צו צייט קומען צו פֿאָרן אונדזער פֿריינד און קרוב, דער מעדיצין־מאַיאָר יוסף וויסאָצקי. אין 1941 יאָר, ביים אויס־ברוך פֿון דער מלחמה, איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי

אַלס דאָקטאָר־מעדיצין. אַליין אַן אינערן־דאָקטאָר, געענדיקט אין פּראָג, איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כירורג. אַדורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס, פאַרלוירן זיין ווייב און צוויי זין אין לוויצק, איצט פלעגט ער אַרומפליען אין זיין צוויי־פּערזאָניקן „קוקורוזניק"־עראָפּלאַן און אינסטרוּאירן יונגע דאָקטוירים, איבערגעבנדיק זיי די דערפאַרונג פון זיין גרויסער פּראַקטיק און וויסן.

ער איז נאָך אַלץ פאַרבליבן דער לעבנסלוסטיקער יידישער לערער, געשפּילט אויפן פידעלע און צוגעטאַנצט צום טאַקט, כאָטש די האָר זענען שוין ביי אים גרוי געוואָרן, די פּלייצעס אַ ביסל איינגעהויקערט. ווי ער וואָלט געטראָגן אויף זיך די משא פון די שווערע מלחמה־יאָרן און טראַגישן גורל פון זיינע אייגענע.

ער האָט ליב געהאַט און געקענט דערציילן אַנעקדאָטן, אָבער נישט קיין פּאָליטישע. אויך מיך פלעגט ער לערנען פאָרזיכטיקייט.

„איך צווייפל, צי דו האָסט באַדאַרפט איינקויפן אַט די ביכער" — האָט ער אַמאָל אַ זאָג געטאָן, אַנווייזנדיק אויף דער יידישער געשיכטע און יידישער ענציקלאָפּעדיע.

אמת, ער האָט געוווּסט מער פון מיר, אַפילו וועגן דער ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור, ליטעראַטור און טעאַטער, אויך וועגן די אַרעסטן פון די אַנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן, ווי בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש א. א. האָט ער געוווּסט, אָבער גערעדט האָט ער גאָר ווייניק, באַצויגן זיך מיט חשד צו יעדן איינעם, וואָס איז געווען ביי אונדז.

גערעדט האָט ער מער וועגן מינדעלעס ברודערס זון, וואָס איז אויך זיין שוועסטערס זון, בומען, וועגן זיין ווייב און קינדער.

בומען האָבן מיר געפונען נאָך אין 1946 יאָר. איך האָב אים געהאָלפן זיך באַפרייען פון מאַכאַטש־קאַלאַ, וווּ ער איז געווען מאָביליזירט און האָט געאַרבעט אַלס טרעגער אין פּאָרט. איך האָב אים געוואָלט איינאָרדענען אין קיעוו, נאָר יוסף האָט געהאַלטן, אַז ער איז גענוג איינזאַם און דערצו פאַרמעגלעך, דעריבער דאַרפן זיי פאָרן צו אים קיין טשערנאָוויץ. אמת, זיין ווייב ראַזע, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט נאָך דער מלחמה און זי האָט מיטגעאַרבעט מיט אים אַלס קראַנקן־שוועסטער ביי די אָפּעראַ־

ציעס, (קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט), האָט נישט חשק געהאַט צו וווינען צוזאַמען, אָבער קעגן יוספס ווילן איז זי נישט אַרויסגעטרעטן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז געווען גערעכט. בומעס ווייב איז געווינט געווען צו ספּעקולאַטיווע געשעפטן און נישט באַגנוגנט זיך מיט איר איינעם מאַן. דער סוף איז געווען, אַז זי האָט אים פאַרלאָזט און אַוועק מיט איר קוואַרטיראַנט, איר געליבטן, מיטגענומען זייער בשותפותדיק טעכטערל, איבערלאָזנדיק איר מאַן אַליין מיטן זון.

פון די אַלע פאַרדרוסלעכע ענינים, וואָס האָבן געווירקט אויף מיין געמיט, איז צום ערגסטן געווען די סענסאַציאָנעלע נייעס וועגן אַרעסט פון די יידישע פּראָפעסאָרן און דאָקטוירים אין מאָסקווער קרעמל, דאָס אומדערהערטע רעאַגירן פון דער פּרעסע, ראַדיאָ, נאָך איידער די אויספאָרשונג איז פאַרענדיקט געוואָרן, דאָס באַווירקן, אַז די סאָוויעטישע מאַסן זאָלן אַרויסטראָגן זייער טויט־אורטייל אויף די „אימפּעריאַליסטישע שפּיאָנען״, אויפן „דזשאָינט״, איידער דער משפט וועט פאָרקומען.

אַ פּאַנישע שטימונג האָט באַהערשט די יידן. מען האָט מורא געקריגן צו שטיין אין די רייען נאָך ברויט, נאָך צוקער, נאָך געזאַלצענע טיולקעס. דער דעלעגירטער פּולקאַווניק פונעם קרייז־פּאַרטיי־קאָמיטעט, וואָס איז געקומען צו אונדז אין שול אַריין, האָט געפאָדערט פון אַלע אַגיטאַטאָרן, אונטערשטרייכנדיק באַזונדערס די יידישע, זיי זאָלן גיין אויף די אַגיטפּונקטן און רעדן וועגן פאַרזיכטיקייט, וועגן היימישע שונאים אין לאַנד. אָנווייזנדיק אויף די „מערדער פון קרעמל״, אויף די שפּיאָנען אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אונטערן פילאַנטראָפּישן נאָמען; וועגן שלמה מיכאָעלס און פעפערן, וואָס זענען געווען די פאַרמיטלער און פאַרבינדלער מיט די אויסלענדישע שפּיאָנאַזש־באַנדעס א. א. וו.

איך האָב דערפילט, ווי איך וואָלט זיך געפונען אין אַ בלאָטיקן באָדן, ווו יעדער ווייטערדיקער טריט איז ענלעך צו זינקען אין אַ תהום.

„פאַרוואָס בין איך נישט אַרויסגעפאָרן צוזאַמען מיט אַלע, געוועזענע פּוילישע בירגער קיין פּוילן? פון דאָרט זענען דאָך זייער אַ סך געפאָרן צו זיך אַהיים קיין ישראל. פאַרוואָס בין איך דאָ פאַרבליבן?״

איך האָב זיך אָבער צו שפּעט אַרומגעקוקט. צו שפּעט...

אין שיין פון מאָרגנשטערן / אין באַפרייטן קיעוו

# די ימים טובים

איך דערמאָן זיך דאָס מעשהלע וועגן „יוסף מוקיר שבת", ווי דער אָרעמער יוסף פלעגט צוהונגערן אַ גאַנצע וואָך און שפּאָרן אויף די פיש, אויף שבת. איז ער טאַקע געהאָלפן געוואָרן מיט אַן אוצר, וואָס ער האָט געפונען אין דעם געקויפטן פיש. עונג שבת און עונג יום־טוב זענען אייגן געווען די יידן אין אַלע צייטן, ווו זיי זאָלן זיך נישט געפונען. וויפיל שיינע ימים טובים האָבן באַשיינט דאָס לעבן פון די יידן אין דער גאַנצער וועלט! יעדער יום־טוב מיט זיינע טראַדיציעס, מיט זיינע געזאַנגען, מיט די אויסטערלישע מאכלים. די קינדער האָבן גאָר אויפגעלעבט, געפרייט זיך, געשפּילט און געלאַכט נישט נאָר דערפאַר, ווייל „דאָקטוירים הייסן לאַכן".

גאָר ווייניק האָבן מיר אין ראַטן־פאַרבאַנד געהאַט אַזעלכע יום־טובדיקע טעג. דער ערשטער מאַי, דער יום טוב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — און שוין. אַזעלכע רוישיקע טעג מיט מאַסן־דעמאָנסטראַציעס, מיט שעהדיקן וואַרטן, קילאָמעטרדיקן גאַנג, מיט געלויפן, כדי נישט אָפּצושטיין פון אַנדערע, דערצו אויסהערן רעדעס, הורא־געשרייען און הילכיקע מאַרשן־מוזיק.

דער ערשטער טאָג פונעם נייעם יאָר איז געווען דער טאָג פון אויסניכטערן זיך נאָכן שכרות פון דער סילוועסטער־נאַכט, דער 8־טער מערץ — דער אינטערנאַציאָנאַלער טאָג פון דער פרוי, — איז געווען אַן אַרבעטס־טאָג. אויב די פרוי איז אַפילו באַפרייט געוואָרן, נישט אָפיציעל, נאָך דער ערשטער העלפט פון אַרבעטס־טאָג, האָט זי געמוזט אויסשטיין אין די רייען, כדי איינצוקויפן און צוגרייטן פאַר די מענער צו דער סעודה. צי האָט די פרוי געקענט אָפּפילן די פרייד פון איר יום־טוב?

אין די זונטיקדיקע רו־טעג פלעגן אייניקע גרעסערע פאַבריק־קאָמיטעטן אָרגאַניזירן אין די זומער־חדשים אַן „**אַרויספאָר אונטער דער שטאָט**".

אויף צענדליקער מאַשינען, מיט אַ הילכיקן בלאָז־אָרקעסטער, מיט אַ „מאַסאָוויק", פאָרן זיי, די אַרבעטער, אויסער דער שטאָט. דער אייגענער בופעט פירט מיט זיך משקאות פון אַלע מינים: „זובראָווקע", „מאָסקאָוו־

סקאַ", „פּיערצאָווקאַ", מיט אַ פלעשל מילך פאַר יעדן שאָפער באַזונדער.
— זיי טאָרן דאָך קיין בראָנפן נישט טרונקען.

בום, בום, בום... ליאַרעמט דער אָרקעסטער און דער „לחיים" איז אין פולן גאַנג. דערביי קושט מען זיך אין די פּיסקעס „דו ביזט מיין פריינד!"

די וויקטאָרינעס מיט די פּרעמיעס דערעסן שנעל, זיי קריכן גאָר נישט אין שיכורן מוח אַריין. מיטן ענדיקן זיך פון דער „פּיערצאָווקע", פאַרענדיקט זיך אויך די „מאַסאָווקע".

מיט די ווערטער: „קיין זאַך ספּאַיעווּעט נישט (ספּאַיעווּעט — הייסט סיי אַנשיכורן זיך, סיי צונויפשמעלצן) אַזוי דעם עולם, ווי אַזאַ מאַסן־אַרויספאָר אונטער דער שטאָט", מיט די ווערטער פאַרענדיקט זיך דער הומאָריסטיש־סאַטירישער רעפּאָרטאַזש אויף דער פּלאַטע.

יעדער אַרבעטער באַקומט צוויי וואָכן אורלויב אין יאָר. דער פּראָפ־פאַריין באַזאָרגט אים, פאַר נישט קיין גרויסן אָפּצאָל, מיט אַ „פּוטיאָווקע" אין אַ רו־הויז. אויך דאָ איז די אַטמאָספער ווייט נישט צום רוען. דער פאַר־שידנאַרטיקער עולם, די איינטאָניקייט פון דער שפּייזן־קאַרטע, די ענגשאַפט אין די שלאָף־צימערן — דאָס פאַרטרייבט אָפט די געסט פאַר דער צייט.

פאַר די שילער־פּיאָנערן זענען פאַראַן „פּיאָנערן־לאַגערן" אין די געביידעס פון די דאָרפישע שולן, אָדער אין לייוונטענע געצעלטן. איך דערמאָן זיך אין דער פרייד פון מיין זון, ווען ער איז שוין אַריבער דעם פּיאָנערן־עלטער. איצט וועט מען אים שוין נישט שיקן אין קיין פּיאָנערן־לאַגער, מיט די „ליניעיקעס" און מושטרע, מיט די קרויט־באַרשטן און פּיסטנע קאַרטאָפל־פּיורע, געזאַלצענע קאָטלעטן, וואָס פאַרמאָגן מער אַלט־געבאַקן ברויט, ווי פליישׂ.

אמת, אין קרים איז געווען אַ מוסטער פּיאָנערן־לאַגער „אַרטעק", פון אים פלעגן אָבער געניסן בלויז אויסדערוויילטע און אויסלענדישע געסט, ווי די געראַטעוועטע קינדער פון שפּאַניע, פון די בעסטע פּיאָנערן אין פראַנקרייך, קיין געוויינלעכער בשר־ודם, האָט אַהין קיין צוטריט נישט געהאַט.

סיי איך, סיי מיין פרוי, האָבן געאַרבעט אין די לערן־אַנשטאַלטן פון

דער דרום־מערבדיקער אייזנבאַן — פלעגן מיר יעדעס יאָר, אין דער צייט פון אונדזער אורלויב, באַקומען אומזיסטע באַן־בילעטן, וואָס זענען גילטיק געווען אויך דער גאַנצער צייט פון אורלויב, אויף יעדער שטרעקע, אַהין און צוריק. איך האָב רעכט געהאַט מיטצונעמען מיט זיך מיין זון. דאָס האָט אונדז ביידע געגעבן אַ מעגלעכקייט צו וואַנדערן איבערן גרויסן ראַטן־פאַרבאַנד. מיט גרויס פרייד און אינטערעס פלעגט מיין זון זיך לאָזן צוזאַמען מיט מיר אין וועג אַריין, מיט די רוקזעק אויף די פלייצעס, מיט אַ דורכגעטראַכטן פּלאַן.

„נאָר וואָס לענגער צו זיין און וואָס מער צו זען" — צו דעם האָבן מיר ביידע געשטרעבט. דווקא זומער צייט האָט מיין פרוי נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו פאָרן. זומער־צייט האָט מען איז די קינדער־גערטנער געאַרבעט מער, ווי אַ גאַנץ יאָר.

אין יאָר 1951 זענען מיר געפאָרן אויף קאַווקאַז. אונדזער מאַרשרוט איז געווען: מינעראַלניע־וואָדי, באַקו, טיפליס, גאַרי, סאָטשי. מיר האָבן גענעכטיקט ווו עס האָט זיך נאָר געפונען פאַר אונדז אַ נאַכטלעגער, מערסטנס זענען מיר געפאָרן אין די נעכט, געגעסן ווייט נישט צו דער זאַט, דערפאַר אָבער זייער אַ סך באַזוכט און פאָטאָגראַפירט. פאָרן אַרויפ־קלעטערן אויף די העכסטע בערג און פאָטאָגראַפירן דעם אָרום, דעם אייביקן שניי און היילן פון אייז. האָט מיין זון באַקומען די אָפּצייכענונג „טוריסט פון ראַטנפאַרבאַנד".

אין יאָר 1952 זענען מיר געוואָרן לויט אַ נייעם מאַרשרוט: מאָסקווע, לענינגראַד, עסטאָניע.

אין מאָסקווע האָבן מיר זיך געטראָפן מיטן אַלטן פריינד בעניאָמין יעפימאָוויטש. מאַרקס איז דאָך געווען זיין ליבלינג אין באַארע. איצט האָט ער זיך גאָר געפריינט מיט אונדז. אינטערעסאַנט, וואָס ער האָט געראָטן נישט צו פאָטאָגראַפירן קיין שום אָביעקט אין מאָסקווע. אפילו דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט מיט זיך נישט מיטנעמען. ער האָט נישט געוואָלט מיר זאָלן האָבן עגמת נפש.

אונטער מאָסקווע, אין דער באַרימטער אָבסערוואַטאָריע, האָבן מיר זיך געטראָפן מיט נאַאום זינאָוויטשן, מיין פריינד פון סאָטשי. מיר האָבן

פארבראכט ביי אים א פאר טעג. זיין פרוי און די צוויי טעכטער זיינע האבן אונדז גארווארעם אויפגענומען. אין אן אינטימען שמועס מיט מיר האט ער אויסגעדרוקט זיין ווייטיק און צער מיטן אומדערווארטעטן אומגליק, וואס איז געשען מיט דער יידישער ליטעראטור, טעאטער און קונסט און געווייטיקט איבערן גורל פון די יידישע שרייבער און קינסטלער. מעגלעך, ער האט געפילט, אז אויך אים, דעם יידישן פראפעסאר, דערווארט אזא גורל.

אין לענינגראד האבן מיר זיך געטראפן מיט יעזשעווסקין, דעם געוועזענעם קאמענדאנט אין גלאטאוווקע. ער האט זיך געוווּנדערט, אלמאי איך האב נישט אויסגענוצט מיינע רעכט פון רעפאטריאציע קיין פוילן.

ער האט אונדז ארומגעפירט איבער לענינגראד, פאטאגראפירט זיך מיט אונדז צוזאמען, ער האט אבער אויך געווארנט נישט צו פאטאגראפירן דאס, וואס איז פארווערט.

אין טאללין (עסטאניע) האבן מיר געזען די פעסטונגען פון מיטל-אלטער. די איינוווינער — סאלידע, רואיקע, אבער ווייט נישט קיין פריינד-לעכע צו די אנגעקומענע פון ראטן-פארבאנד. צי פארשטייען זיי נישט די רוסישע שפראך, אדער זיי באוויליקן נישט צו ענטפערן, ווען מען פרעגט זיי?

אין דער היים פלעגט מארקס אליין ארויסרופן און אויספארטיקן די הונדערטער פאטאגראפיעס, וואס מיר האבן מיט זיך געבראכט. די ארבעט פלעגט אים פארשלונגען אין די אוונטן און אין די נעכט.

אין די זונטיק-טעג פלעגן מיר אלע דריי גיין אין טעאטער, אויף די פרימארגן-פארשטעלונגען. איך פלעג צוגרייטן באצייטנס בילעטן: אין דער אפערע, אין רוסישן, אדער אין אוקראינישן „פראנקא"-טעאטער.

פארשטעלונגען פון גאסטראלירנדיקן יידישן טעאטער פלעגן גאר זעלטן פארקומען. מיר פלעגן זיי נישט פארפעלן. „איך לעבּ", „טרייבט ארויס דעם טייוול", „דער אויפשטאנד אין געטא" — דאס פארגינען און גענוס איז געווען גרויס. וואס קומט אבער ארויס, אז דווקא דער דערפאלג פון יידישן טעאטער האט צוגעאיילט זיין ליקווידאציע.

ערב פסח פלעגט מען ערגעץ ווייט, אויף פאדאל, באקן און פארקויפן

צו פּעקלעך מצות. גאַנצע נעכט פלעגן עלטערע יידן אויסשטיין אין די רייען, כדי אין סאַמע פרימאָרגן באַקומען אַ פּעקל מצות. די אינוואַלידן, מיט די קוליעס פלעגן שאַפן אַ באַזונדערע ריי. זיי האָט מען געגעבן פריער פון אַלע. צווישן זיי זענען געווען מער קריסטן, ווי יידן. זייער ריי פלעגט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן, ווייל די מצות פלעגן זיי שנעל פאַרקויפן פאַר ספּעקוליאַטיווע פרייזן ערגעץ אין די פינצטערע קאָרידאָרן און זיך ווייטער שטעלן אין דער ריי.

מיר פלעגן אין דער היים אַליין באַקן אַ פּאָר מצות. פון דעם 8־טן מערץ זענען פאַרבליבן אַ פּאָר קילאָ מעל, פלעגן מיר, איך און מיין זון, פאַרקנעטן דאָס טייג, אויסוואַלגערן גאָר דינינקע מצהלעך און באַקן אויפן דאַשאָווער גאַז.

„זאָל ער, מיין זון, כאָטש וויסן וועגן מצות אויף פּסח!"

קיין ברית־מילה, קיין בר־מצוה, קיין חתונה פלעגט מען אין אונדזערע קרייזן נישט פּראַוועז. און אויב מען האָט געפּראַוועט, פלעגט מען עס מאַכן דיסקרעט, שטיל, אין קרייז פון גאָר, גאָר היימישע קרובים. איז דאָס געווען אַ סוד, ווייל מען האָט געציטערט פאַר אַ „גוט אויג".

עס פלעגט קורסירן אַן אַנעקדאָט, אַז איינער אַ פּאַרוואַלטער פון אַ מלוכהשן געשעפט האָט זיך געגרייט צו פּראַוועז אַ חתונה פון זיין בת־יחידקעלע. געוואָלט האָט ער בלויז מאַכן אַן אָרעמען מאָלצייט פאַר די נאָענסטע קרובים. נאָר צוליב מורא, טאָמער וועט מען „רעדן", איז ער געקומען אין מ. וו. ד. און געבעטן מען זאָל שיקן אַ פּאַרשטייער, אַלס גאַסט אויף דער שמחה. דער בעל שמחה איז דאָך געווען אומרואיק, ווייל צווישן די געסט, די נאָענטסטע קרובים האָט ער דעם „פּאַרשטייער" נישט באַמערקט. איז ער אויפן אַנדערן טאָג אַוועק אין מ. וו. ד., כדי אויפצוקלערן דעם ענין. מיט אַ ברייטן שמייכל אויף די ליפּן, האָט אים דער לייטער פון מ. וו. ד. פאַרזיכערט, אַז צווישן די געסט האָט ער געהאַט אַזש צוויי פּאַרשטייער. צי זייערע באַריכטן וועלן זיין גלייכע — דאָס וועט ער שפּעטער זען. דער בעל־שמחה איז דאָך פאַרבליבן אומרואיק...

כמעט יעדעס יאָר פלעגן מיר דעם 7־טן יוני פּראַוועז אונדזער זונס געבורטס־טאָג. פון די פאַרבליבענע קרובים פלעגט קומען מיין שוועסטער־

קינד חיינע מיט איר מאַן, איר ברודער אָשר און געציילטע חברים און פריינד מיט זייערע קינדער, מיט וועלכע אונדזער זון האָט זיך געחברט.

פונעם קעלער פלעגן מיר אַרויפברענגען די איינגעזייערטע פּאָמידאָרן און אוגערקעס. די איינגעווייקטע זויערע עפּל פון פאַס, צוגרייטן שניטקעס, אַמאָל אויך קאָטליעטן מיט קאַרטאָפל־פּיורע, אַ ביסל זיסוואַרג און פאַרטיק. מינדעלעס געזאַנגען, מיינע און אונדזער זונס דעקלאַמאַציעס, מערסטנס קאָמישע, די טענץ אונטער דער מוזיק פון מיין קלאַרנעט — אַלץ איז געווען אַזוי היימלעך, פריילעך און איז געפעלן.

דאָך פלעגן אונדזערע שכנים טענהן וועגן אונדז: „צו רוישיק לעבן זיי!"

נאָר אָט איז אונטערגעקומען יאַנואַר פון יאָר 1953. עס איז פאַר מיר און מיין מינדעלען אַ היסטאָרישע יובליי־דאַטע — אונדזער זילבערנע חתונה און מיר זענען אַלט געוואָרןביידע צו 50 יאָר, אַ האַלבן יאָרהונדערט הינטער זיך.

מינדעלע איז געווען קעגן דעם פראַווען אַ שמחה צוליב אונדזערע ימים טובים. די מאַטיוון זענען געווען לאָגישע: נישטאָ פאַר וועמען, קיין גוטס קען דערפון נישט אַרויס. דערפאַר אָבער האָט זיך אונדזער זון איינגעשפּאַרט:

„איך וועל איינאָרדענען אייער יובליי. מיין צוויי־חודשלעכע סטיפּענדיע געב איך אַוועק!"

## אונדזער יובליי

איך געדענק נישט, אַז מיינע עלטערן זאָלן אַמאָל פראַווען מיין געבורטס־טאָג. פאַרמאָגנדיק אַ סך קינדער, וואָלטן זיי באַדאַרפט אַן אויפהער זייערע געבורטס־טעג אָפּריכטן. נישט ווייניק האָבן זיי געהאַט אַנדערע שמחות: ברית־מילה, פּדיון־הבן פון די זין און אייניקלעך, בר־מצוות און חתונות.

אַ האַלבער יאָרהונדערט פון לעבן און אַ פערטל יאָרהונדערט צוזאַ־

מענלעבן אין אויסטערלישע צײַטן פֿון אומקום, פֿון קאַמף פֿאַר קיום, פֿון בלײַבן איינציקע פֿון אַ סך אומגעקומענע, נאָך אַזויפֿיל שווערע פּרוּוון און דאָך דויערן װײַטער — דאָס איז גאָר אַ װיכטיקע געשעעניש.

אַזוי האָב איך געטראַכט בײַ זיך אין האַרצן און איך בין דעריבער צוגעשטאַנען צו מײַן זונס מײנונג אין דער פֿראַגע פֿון אונדזער יובילײ.

יובילײען פּראַווען געוויסע אינסטיטוציעס פֿאַר פֿאַרדינסטפֿולע מענטשן מיט אונטערפֿירן סך הכּלען פֿון זייער טעטיקייט פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט, אין דעם פֿאַל — אַ געראָטענער זון, וואָס גיט אָוועק זײַן צוויי-חודשימדיקע סטיפּענדיע, פֿײַערט אין אַן ענגן קרײַז פֿון פֿרײַנד זײַנע עלטערנס יובילײ.

אָט שטייט ער דער בלאָנדהאָריקער, הויך-געוואַקסיקער זון אונדזערער, מיט לויכטנדיקע בלויע אויגן, מיט אַ בעכער וויין אין דער האַנט און הויבט אויף דעם ערשטן טאָאַסט:

„מיר פֿײַערן הײַנט פֿופֿציק יאָר לעבן און פֿינף און צוואַנציק יאָר צוזאַמענלעבן פֿון מײַנע טײַערע עלטערן. איך בין שטאָלץ, וואָס דווקא זיי בײדע זענען מײַנע טאַטע-מאַמע און נישט קיין אַנדערע פֿרעמדע מענטשן. אײנע פֿון די יידישע לעגענדעס דערציילט, אַז פֿערציק טעג אײדער דער מענטש ווערט געבוירן, ווערט אים אין הימל זײַן זיווג אָנגעצייכנט. זיי זענען זיכער באַשטימט געוואָרן איינער פֿאַרן אַנדערן. טאַ לאָמיר אַלע אויסטרונקען פֿאַר זייער ליבע, פֿאַמיליען-גליק און פֿאַר זייער קומענדיקער גאָלדענער חתונה. אורא!"

נאָך אים האָט בומע, מינדעלעס ברודערס זון, וואָס איז ספּעציעל געקומען צו פֿאָרן פֿון טשערנאָוויץ, צוגעגעבן:

„אַ שטאַרקע משפּחה, געבויט אויף ליבע, פֿאַמיליען-גליק און שלום איז אַ שײנער בײַשטײער צו דער גליקלעכער צוקונפֿט פֿון אונדזערע קינדער. די קייט איז שטאַרק, ווען אירע באַזונדערע רינגעלעך זענען צווישן זיך פֿעסט באַהאַפֿטן. פֿון מײַן געבוירן אַן קען איך מײַן מומע און פֿעטער צוזאַמען און ס'איז שווער זיך פֿאָרשטעלן זיי באַזונדער. זאָלן זיי טאַקע זײַן פֿאַר אונדז אַ מוסטער אויף לאַנגע יאָרן!"

אַלע געסט האָבן זיך אויפֿגעשטעלט און אויפֿגעזונגען: „זאָלן לעבן אויף לאַנגע יאָר!" אויך מינדעלע האָט מיטגעזונגען. איר קול האָט זיך

אויסגעטיילט פון אַלע מיטן הויכן און פולן קלאַנג, מיט דער דיקציע און שאַרפֿן אַקצענטירן די ווערטער.

עס האָט אויך איר געשיינט די שכינה. אין איר פּאַנבאַרכאַטנעם בלויען קלייד, מיטן בינטל פיאַלקעס בלימעלעך „פֿאַרגעס מיך נישט" אויפֿן ביוסט, מיט אירע צעכוואַליעטע האָר מיטן קאָליר פון רייפֿן קאָרן, האָט זי זיך אויסגעטיילט פון אַלע. ס׳איז שווער געווען צו גלייבן, אַז זי איז אַריבער די צווייטע העלפֿט פון איר יאָרהונדערט.

אויפֿן טיש איז געשטאַנען אָנגעגרייט פון כל טוב: יידישע געפילטע פיש, פֿאַרפּוצטע מיט בלימעלעך פון מייערן און גרינוואַרג, אַ פּאַשטעט פון לעבער, ווי מיט קרעם באַגאָסן, רויטע געזייערטע פּאָמידאָרן און פּויל־גרינע אוגערקעס, פון אונדזער קעלער אַרויפֿגעבראַכטע און נאָך, און נאָך געשמאַקע מאכלים, וואָס האָבן גערייצט דעם אַפּעטיט מיט זייער געשמאַק און אויסזען.

ווי אויך צו להכעיס האָט אונדזער שול־דירעקטאָר היינט, אין לעצטן טאָג פון די ווינטער־פּעריען, געהאַלטן אונדז לאַנגע שעהן אויפֿן פּעדאַ־גאָגישן ראָט. וואָס איז פֿאַרגעקומען אין איינעם פון די קלאַסן, גערעדט און גערעדט, אָבער איך האָב אים ווייניק געהערט. אַלע מיינע געדאַנקען זענען געווען געוואַנדן צו איר, צו מינדעלען: ווי זי האָרעוועט, נעבעך, אַליין אָן שום הילף.

אינדרויסן איז געפאַלן אַ לויכטנדיקער, בלאַנקנדיקער שניי, ווי פינקל־דיקע שטערנדלעך. קינדער האָבן זיך געשליטלט און געגליטשט אונטער די מוזיק־קלאַנגען פון די הילכערס, זיי האָבן געטאַנצט אויפֿן בלישטשענדיקן אייז, געפאַלן און הילכיק געלאַכט, האָפֿערדיק און פריילעך. בלויז מיר, לערער, זענען געזעסן, ווי פֿאַרגליווערטע, דורשטיקע און הונגעריקע אויף די שמאַלע שילערישע בענק און שטיל אַפילו אונטערגעקרעכצט.

פּלוצים... אָן אַנגענעמער, אומדערוואַרטער סורפּריז. די שול־סעקרע־טאַרין קומט אַריין און פֿאַרבעט אונדז אַלע אין דערנעבנדיקן פיזישן קאַבינעט. אויף די אויסגעשטעלטע און צוזאַמענגערוקטע טישלעך זענען געשטאַנען גלעזלעך מיט רויטן ווייַן, טעלערלעך מיט שטיקלעך האָניק־לעקעך און זיסע קיכעלעך. גיי, ריכט זיך, אַז דאָס אַלץ האָט דער פּראָפֿ־

פאַרייַן צוגעגרייט לכבוד מיין יובילייַ. דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, סאפּאָזשניקאָוו, באַגרוסט מיך מיט וואַרעמע ווערטער און ווונטשן. דער עולם ענטפערט מיט הילכיקע אויסגעשרייען און געזאַנג: „הונדערט יאָר זאָל לעבן!" און הענט, וואַרעמע, חברישע, שטרעקן זיך צו מיר מיט פריילעכע בליקן אויף די צעוואַרעמטע פּנימער.

פאַרוואָס האָב איך קיינעם פון זיי נישט פאַרבעטן צו זיך אַ היים? קיין איינער פון זיי איז איצט נישטאָ ביים יומטובדיקן טיש.

אומגעריכט זענען געקומען פרוי קאַוואַלסקאַ מיט איר זון, דער סטאַראַסטע פון מיין קלאַס. ער האָט מיך באַגרוסט, מיט אַ ציטער אין זיין שטימע, אין נאָמען פון אַלע שילער און זיין מוטער — אין נאָמען פון די עלטערן. זיי האָבן נישט געוואָלט לענגער זיך פאַרהאַלטן, נאָר אוועקגעלייגט די געבראַכטע באַמבאָניערע אויפן טיש און אַוועק.

דערפאַר איז שוין איינע פון די מוטערס, אַן אוקראַינערין, וואָס האָט געאַרבעט אין אַגראַר־מיניסטעריום, געקומען אומגעבעטן, געבראַכט אַ טאָרט און פאַרבליבן אַלס גאַסט ביי אונדזער טיש. זי איז געווען אַנטציקט פון מינדעלעס זינגען „באַרקאַראָלאַ", „ווען אויף אונדזער יום־טוב". זי האָט מינדעלען געהאַלדזט און געקושט. מעגלעך, אַז זי איז געקומען אין אַ בגילופנדיקער שטימונג. אויך אונדזער שכן אַראָן סאַמאַילאָוויטש איז געווען כמעט שיכור. ער איז געקומען איינער אַליין, האָט ער געהאַט צו זיך אַ פּאָר.

מאַרקס האָט אָנגעפירט מיט דער מוזיק און טענץ. דערוויַיל האָט מען געטאַנצט אין דעם צווייטן צימער וואַלסן, טאַנגאָס און אַפילו אַ „מאַזורקע" האָט מען אויפגעשפּילט פאַר די יובעליאַרן. אַמאָל האָט אונדזער מאַזורקע־טאַנץ געשמט. אויך איצט איז ער געפעלן, נאָר מיר אַליין האָבן געפילט אַן אָנשטרענגונג, נישטאָ שוין דער טעמפּעראַמענט פון אַמאָל, די בויגעוודיקייט און דאָס פלאַטערן אין דער לופטן. די באַוועגונגען זענען מער איינגעהאַלטענע, געמאָסטענע. דער חותם פון דער צייט און אַדורכגעמאַכטע יאָרן איז געלעגן, ווי אַ טאַרמאָס, וואָס האָט געמוועט דעם געלויף פון די רעדער.

צוליב דעם איינציקן נישט יידישן גאַסט איז אונדזער רעפּערטואַר פון

געזאָנגען באַשטאַנען מער פון רוסישע און אוקראַינישע לידער. דאָך האָבן מיר ביים סאַמע סוף אַדורכגעפירט אַ סצענקע אויף יידיש. דעם טעקסט האָב איך צוגעגרייט ספּעציעל פאַר אונדזער יובילײ.

עס נעמען אָנטייל בלויז דריי: איך, מינדעלע און בומע.

דער אינהאַלט: איך גרייט זיך צו די עקזאַמענס. מינדעלע זיצט אויף דער סאָפע און לייענט אַ בוך. עס קומט אַריין מיין שוועסטערס קאָמיסיאָנער הער קאַן (בומע). ער איז געקומען מיר שדכנען אַ רייכע כלה, אַ שיינע יונגע סטודענטקע, אַ בת יחידקע, וואָס גיט צען טויזנט דאָלאַר נדן. מינ־דעלען האָב איך פאַר אים פאַרגעשטעלט, אַלס מיין עלטערע שוועסטער. איך וואָלט מסכים געווען אויף אַזאַ שמאַלץ־גרוב, אָבער זי איז קעגן. דער שדכן פּרווט זי באַוויירקן, זאָגט איר צו אַפּטרעט־געלט, אַ נדן און אַ פיינעם חתן, אָבער זי איז קאַלט און איינגעשפּאַרט. אָן אַ שיעור קאָמישע סיטוּ־אַציעס, דער עיקר אמתדיקע, ווייל אַזוי איז טאַקע פאַרגעקומען ביי אונדז. די דערינערונגען פון די געשעענישן רופן אַרויס הילכיקע געלעכטערס, אַפּלאָדיסמענטן.

אין אַ געהויבענער שטימונג האָבן אונדזערע געסט פאַרלאָזט אין די שפּעטע נאַכט־שעהן אונדזער הויז. איך האָב זיי באַגלייט צום טראַלייבוס, וואָס האָט אין דער „סילוועסטער־נאַכט" קורסירט ביז גאָר שפּעט.

איך האָב זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר איינער אַליין איבער דער „סטאָלינקע", איבער דעם פּרישן, פּוכיקן שניי, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו שיטן.

קיעוו איז ביינאַכט נישט ווייניקער שיין, ווי בייטאָג. די ברייטע גאַסן, די וועגן הוידן זיך, ווי כוואַליעס אויף אַ רואיקן ים: אַרויף־אַראָפּ, אַראָפּ־אַרויף, און דאָך בלייבן זיי אויפן זעלבן אָרט. נישט קיין הויכע בערג, נישט קיין טיפע טאָלן פאַרמאָגט די שטאָט. פון דער הויך אויף „סטאָלינקע" קען מען זען אַ גרויסע טייל פון דער שטאָט, אין שיין פון דער עלעקטרישער און נעאָנען־ליכט. עס ציען זיך צום הימל די העלישע, רויטע מאַיאַקן־פייערלעך פון דעם טעלעוויזיע־צענטער, אויפן קרעשטשאַטיק. פון דעם פליישן־קאָמבינאַט דערטראָגט דער ווינט אַ שאַרפן ריח פון אַמאָניאַק, וואָס רייצט די נאָזלעכער און רופט אַרויס אַ ניסן. ביי דער צוקערוואַרג־

פאַבריק אויפן נאָמען פון קאַרל מאַרקסן, שפּירן זיך שוין גאָר אַנדערע ריחות פון אַלקאָהאָל און בשמים. וואָס ווערן באַנוצט צו די טאָרטן און צוקערלעך.

יעדער פּוס־טריט ווערט באַגלייט מיט אַ לייכטן סקריפּ, ווי מיט אַ מאַרשן־מוזיק. די קאַשטאַנעס ביימער און טאָפּאָלן אויףביידע זייטן וועג זענען באַפּוצט מיט שימערירנדיקן שניי, ווי די יומטובדיקע ווייגאַכט־יאָדלעס, דער שניי אַליין שאַפט אויף זיי פאַרשידענע פאַנטאַסטיש־שע פיגורן. פאַרבייגייענדיק שליידערן זיי אויף דיין קאָפּ און קאָלנער אַ גרודע ווייכן שניי, ווי זיי וואָלטן זיך מיט דיר אַ שפּיל געטאָן און גיי האָב צו זיי טענות.

איך האָב לאַנג שפּאַצירט אַריינגעטאָן אין מחשבות און טראַכטן, מערסטנס, וועגן אַקאָרשט פאַרגעקומענעם יבילייי־יום־טוב.

אמת, אַלץ איז שוין פאַרביי און מיט דערפאַלג. אָבער ערגעץ אין אַ ווינקעלע אין מוח צאַנקט נאָך אַ נישט אויסגעלאָשענער פונק, אַ צאַפּל אין דער נשמה, וואָס רופט און וועקט צו טראַכטן: אפשר איז טאַקע מינדעלע געוועזן, אפשר האָט מען טאַקע נישט געדאַרפט דעם גאַנצן יובילייי. אָט די אוקראַינערין, די האַלב שיכורע, איז דאָך אַזוי עלנט, איר מאַן איז נישט צוריקגעקומען פון דער מלחמה, איר זון איז אַ האַלבער יתום. ווי קען זי זיך באמת פרייען מיט אונדזער גליק?

ווי אויף בילדער פון אַ קינאָ־לענטע, דערזע איך אין דמיון די גורלות פון יעדן איינעם פון אונדזערע געסט, יעדער איינער באַזונדער מיט זיינע דאגות און אומגליק, איבערהויפּט אין פאַמיליען־לעבן, אונדזער גליק איז מסוגל אַרויסצורופן ביי זיי קנאה און אויך שנאה.

גליק! וואָס איז אַזוינס גליק? וואָס איז אַזוינס דער גורל פון אַ מענטשן? דאָס זענען אַזעלכע פראַגן, וואָס לאָזן זיך נישט פשוט דער־קלערן. צי איז דעם מענטשנס גליק דויערהאַפט, אייביק? צי גייט עס אַוועק, ווי נאָכן טאָג קומט אָן די נאַכט, נאָכן זומער מוז קומען דער ווינטער? יאָ, די געטין פון גליק איז שטענדיק בלינד געוועזן. דאָס איז די געטין „פאָרטונאַ", זי איז אויך בכוח בלינד מאַכן אַפילו די מענטשן, וועלכע זי באַגליקט... יאָ, מיטן אייגענעם גליק קען מען זיכער נישט זיין, גאָר אָפט קען עס אַנטרינען...

מיט די געדאַנקען בין איך אַריינגעקומען צו זיך אַהיים. די טירן זענען געווען אָפן, די קוך איז פול געווען מיט נישט געוואַשענע כלים און פוסטע פלעשער. אין ערשטן גרויסן צימער איז געווען פינצטער. ביי דער רעכטער וואַנט איז געשלאָפן מאַרקס מיט אַ רואיקן יוגנטלעכן שלאָף. אויף דער סאָפע איז געשלאָפן בומע מיטן זון. אין צווייטן צימער איז געלעגן אויפן שניי־ווייסן ברייטן בעט מיין מינדעלע. זי האָט נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. זי האָט מיך אָפגעוואַרט. די שוואַכע עלעקטרישע באַלייכטונג פון איבערן בעט האָט באַלויכטן איר בלאַס און מיד פנים מיט די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. אַ מילדער שמייכל איז נישט אַראָפּ פון אירע האַלב־אָפענע ליפּן. ווי אַ ליד אָן ווערטער האָט זי מיך געצויגן צו זיך, נישט דערלאָזט צו טראַכטן וועגן גליק און גורל. צו וואָס טראַכטן וועגן דעם, וואָס איז דיר אַזוי נאָענט, אַזוי נאָענט...

## סוף פון צווייטן בוך

## צו מיינע לייענער

**ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ פון יעדן ייִד,**
**אין איינקלאַנג מיט די צה״ל־טריט!**
**ווען דו האָסט אַפילו פון ווייטנס די היים,**
**איז דיר אין דער פרעמד באַקוועם.**
**ברכות שעפּטשען די ליפּן מיינע**
**פאַר די ברידער פאַרבליבענע אין צאָלן קליינע.**
**גוט איז ווען אין דער פען פון שרייבער לעבט**
**אויפסניי אויף דער, וואָס האָט נישט דערלעבט.**
**דער פאַרבליבענער פרט מוז אין זכרון טראָגן**
**דעם וויי־געשריי — פאַר די דורות דערטראָגן.**
**און צייט פון פאָלקס־געפאַר זיך מעלדן**
**און ברענגען דעם נצחון ברידער־העלדן.**

דאָס זענען בלויז אייניקע פון די היימישע אַפאָריזמען, וואָס האָבן באַגלייט מיין אייגנהענטיקער דעדיקאַציע צום ערשטן בוך „דעם מאָרגנשטערן אַנטקעגן״ צו די וואָלינער לאַנדסלייט, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט.

איך בין צופרידן, וואָס מערסטנס פון מיינע לייענער האָבן דערפילט דעם זעלבן געפיל, ווי איך, לגבי די, וואָס זענען שוין מיט אונדז נישטאָ. מיר געדענקען אין זיי און וועלן זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ס׳פרייט מיר אויך, וואָס גאָר ווייניק האָבן אין בוך געזען מעמוּאַרן פון אַן אייגן לעבן פון אַ יחיד. מערסטנס, האָבן אין מיינע זכרונות געזען אַ שטיק געשיכטע פון ייִדישן לעבן אין דער אויסטערלישער עפּאָכע פון מלחמה און אומקום. אין די ווייטער־דיקע ביכער איז דער מאָמענט נאָך מער בולטער.

איך דאַנק מיינע לייענער פאַר זייערע וואַרעמע אָפּרופן, צוגעשיקטע אַדרעסן פון חברים און פריינד און פאַרן צוגעשיקטן באַטרעף, אַפילו פאָרויס פאַר אַלע ביכער.

**דער מחבר.**

# אינהאַלט:

זייט:

## ערשטער טייל:

### באַפרייער און באַפרייטע


דער געלויף פון פייער . . . 9
אויף דער צווייטער זייט בוג . 15
קיין לודמיר . . . . . . 21
פון יענער וועלט . . . . 29
דער אומגעריכטער נס . . 37
דאָס פּליטים־פּראָבלעם אין לוצק 45
וואַקלענישן . . . . . 53
צוריק פון גהינום . . . 58
וועגן גרוילן מיט פרייד . . 62
אויפן פּעדאַגאָגישן לייטער . 70
קולטור פאַר די באַפרייטע . 76
פּראָבלעמען . . . . . 82
פּאַרויס ! . . . . . 89


## צווייטער טייל:

### די גרויסע וועלט־מלחמה


די צווייטע גרויסע וועלט־מלחמה 99
ווייטער אויף מזרח . . . . 106
אויפן וועג קיין ראָוונע . . 114
אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק . 120
אין קיעוו . . . . . 126
אויפן וועג קיין כאַרקאָוו . . 130
פון ביראָבידזשאַן . . . 137
מיין אומגעריכטער גאַסט . . 142
ווייטער אין געפאַר . . . 149
אין באַאַראַ . . . . . 157
דער פריער ווינטער . . . 165
די געסט פון מאָסקווע . . 170
אַן איינזאַמער פּוסגייער . . 176


זייט:


דער פּאַרזיי . . . . . . 184
אין דעם אַלגעמיינעם קעסל . . 189
אין אוליאַנאָווסק . . . . 193
גלאָטאָווקע . . . . . . 200
אויף שטילע און אויף צעברויזטע
כוואַליעס . . . . . . 207
פרילינג־ווינטלעך . . . . 213
דער וועג קיין מאָסקווע . . 223


## דריטער טייל:

### אין באַפרייטן קיעוו


אויפן באַטיעווער באַרג . . 233
די ווייען ביים בויען . . 239
אין שליחות און הויכער אַוואַנס 246
באַגעגענישן . . . . . . 250
שטיינער אונטער די פיס . . 257
די צעשטערער . . . . . 262
אויף קבר־אָבות . . . . 266
דאָס יידישע האַרץ . . . 271
גבורה . . . . . . 278
אַדיע ! מיין לוצק ! . . . 284
געלט . . . . . . 287
נאָך דער מלחמה . . . 292
באַגעגענישן מיט פריינד . . 297
אין סאָטשי . . . . . 302
צוריק אין שול־וועזן . . . 309
אין דער סאָוויעטישער שול . 315
נאָך נישט קיין סאָוויעטישער . 319
מעדאַלן און אָרדנס . . . 325
צו שפּעט זיך אַרומגעקוקט . 333
די ימים טובים . . . . 339
אונדזער יובליי . . . . 344